STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02635

# 100%

## Upton Sinclair

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אפטאן סינקלער

# 100%

## ראמאן פון א פאטריאט

ייִדיש — ס. שאַפּיר

פארלאג „די וועלט" ווארשע

U. Sinclair,
100%

Wydawnictwo „DI WELT"
Warszawa, 1923

Drukarnia „Di WELT", Nowolipie 7.

# I.

עס געשעט אַמאָל, ווען עס דערוועקט זיך ביי אונז אַ פאַרלאַנג צו דערגיין, אויף ווי ווייט ריין זענען די פּעדים פון די צופאַלן פון וועלכע עס האָבן זיך אָנגעהויבן וועבן די וויכטיקסטע געשעענישן אין אונזער לעבן. דאַמאָלסט איז גענוג, אַז מיר זאָלן וואַרפן אַ בליק אויף צוריק, אַריינקוקן אין עבר פון אונזער לעבן און מיר וועלן דערזען און ממש דערפילן אויפגעציטערט ווערט — ווי נאָענט מיר האָבן זיך געפונען — ביים תהום פון נישטזיין.

אַ יונגערמאַן גייט איבערן גאַס. ער האָט נישט קיין שום פּלאַן, קיין שום באַשטימטן ציל. ער דערגייט ביז אַ ראָג, ווו די גאַסן קרייצן זיך. ער ווייסט אַליין נישט, פאַרוואָס פאַרנעמט ער זיך נישט אויף לינקס נאָר אויף רעכטס. און גראָד דאָ באַגעגנט ער אַ יונג מיידל מיט בלויע אויגן. פון דער האָזיקער באַגעגעניש הויבט אים אָן זיין האַרץ האַסטיקער צו קלאַפּן. ער דערנעענטערט זיך צום מיידל, שמועסט זיך מיט איר דורך, האָט מיט איר מזל חתונה — און זי ווערט דיין מאַמע.

ווען אָבער עס מאַכט זיך, אַז דער יונגערמאַן פאַרקערעוועט זיך גראָד נישט אויף רעכטס, נאָר אויף לינקס און ער טרעפט זיך נישט צוזאַמען מיטן בלויאויגיקן מיידל, ווו וואָלסטו איצט געווען? ווו וואָלטן אַהינגעקומען דיינע גייסטיקע פעיקייטן, וועלכע האָבן, לויט דיין מיינונג, אַזאַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער וועלט, און וואָס וואָלט געוואָרן פון די אַלע וויכטיקע ענינים, וועלכע דו גיסט־אָפּ דיין צייט?

אַ ביסל ענלעך אויף אַזאַ מין מעשה האָט אויך פּאַסירט מיט פּעטער הודוש. מיט אים איז אויך גראָד געשען אַזאַ צופאַל, וועלכער האָט פאַרקערעוועט נאָר אין אַנדער ריכטונג דעם גאַנג פון זיין לעבן און האָט אים געשטויסן דורכצומאַכן דאָס אַלץ, וועגן וואָס עס דערציילט זיך אין דער האָזיקער געשיכטע.

איינמאָל, אין אַ נאָכמיטאָג־צייט, שלעפּט זיך אַזוי פּעטער איבער די גאַסן. לויפט צו אים צו אַ פרוי, טראָגט אים אונטער אַ געדרוקט פלוג־בלאַט און זאָגט:

— זייט אַזוי גוט, לייענט דאָס איבער.

פּעטער איז גראָד געווען הונגעריק און אין כעס אויף דער גאַנצער וועלט. ענטפערט ער בייז:

— איך האָב קיין געלט נישט.

ער מיינט, אַז ס׳האַנדלט זיך דאָ וועגן עפּעס אַ רעקלאַמע און ברומט אַן אומצופרידענער: — איך קאָן במילא גאָרנישט קויפן.

— עס האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן אַ קניה. — זאָגט די פרוי — דאָס איז אַ שליחות.

— רעליגיע? — פרעגט פּעטער: — האָט מען מיך מאַקע נאָר־וואָס אַרויסגעוואָרפן פון אַ קלויסטער. מיט איין שפּרונג בין איך פון דאָרטן אַרויסגעפלויגן.

— דאָס האָט צו קלויסטערס קיין שום

שייכות נישט. — זאָגט די פֿרוי: — דאָס איז גאָר אַן אַנדער ענין. און אויב איר האָט קיין אַנדער זאַך נישט, וואָס צו טון, מעגט איר דאָס געוויס לייענען. — האָט די פֿרוי צוגעגעבן מיט אַן אויסמונטערדיקן שמייכל. — לייגט דאָס, זייט אַזוי גוט, אַרײַן אין קעשענע.

די, וועלכע איז אַזוי צוגעשטאַנען צום אָרימען אומבאַקאַנטן יונגמאַן, איז געווען אַן עלטערע פֿרוי מיט גרויע האָר. ווען פּעטער האָט געזען, אַז ער קאָן פֿון איר בשום אופֿן נישט פּטור ווערן, האָט ער צוגענומען בײַ איר דאָס בלאַט, אַרײַנגעלייגט אין קעשענע און זיך ווײַטער געלאָזט אין וועג. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט ער אָן דער גאַנצער מעשה פֿאַרגעסן.

פּעטער טראַכט — אָדער בעסער געזאָגט — פּעטערס מאָגן טראַכט פֿאַר אים. ווײַל ווען אַ מענטש האָט אַ גאַנצן טאָג גאָרנישט געגעסן, און מיט אַ טאָג פֿריִער האָט ער געמוזט יוצא זײַן מיט אַ טעפּל קאַווע און מיט איין איינציק שטיקל ברויט דערצו, הערט זײַן קאָפּ אויף צו טראַכטן, די דענקצענטרען לאָזן זיך דעמאָלט אַראָפּ בײַ אים פֿון אויבן, אויף אונטן, אינעווייניק אין בויך אַרײַן. און אַזוי איז דאָס אין געגעבענעם מאָמענט געווען מיט פּעטערן.

פּעטער טראַכט: עס איז דאָך אַ גיהנום נישט קיין לעבן. ווען מען וואָלט דאָס גאָר געקאָנט אײַנפֿאַלן, אַז צוליב אַ גנבה פֿון אַן אַלטגעבאַקענעם קיכל, מיט אַ מיתה־משונה־טעם, קאָן אַ מענטש אַזאַ גוטע שטעלע פֿאַרלירן און דערצו נאָך פֿאַרבלײַבן אָן שום האָפֿענונגען אויף שפּעטער ווען נישט איז אויסצובעסערן זיך דאָס לעבן. אָבער פּעטער האָט דאָך געלעבט בלויז מיט דער איין איינציקער האָפֿענונג, אַז סוף כּל סוף וועט ער זיך צו עפּעס וואָס דערשלאָגן אין דער וועלט. אַלע זײַנע פּלענער אויף דער צוקונפֿט האָט ער געבויט אויף דעם, אַז ער וועט האָבן ערפֿאָלג אין לעבן. דאָס הייסט, אַז ס'וועט קומען אַ צײַט, ווען ער וועט האָבן געלט. און געלט ווידער באַדײַט שוין האָבן פֿאַרגעניגן, באַקוועמלעכקייטן — זאַכן, וואָס ציִען מיט זייער כּישוף צו זיך אַלע מענטשן.

ווער אָבער האָט דאָס געקאָנט פֿאָרויסזען, אַז די פֿרוי סמיטערס וועט יעדעס מאָל, ווען עמיצער וועט דורכגיין איר געוועלב, ציילן די קיכלעך? און אָט צוליב אַזאַ נאַרישן צופֿאַל געפֿינט זיך דאָס פּעטער איצט אין אַזאַ שווערער לאַגע. בלויז צוליב דעם איז ער שוין הײַנט פֿאַרבליבן אָן אַ פֿרישטיק. אַזוי פֿלעגט ער אַלע טאָג קריגן בײַם שוסטערס ווײַב אַ שוואַכע גלאָז טיי, אַ שטיקל ברויט מיט געווענדלטן הערינג, און ער איז געווען זאַט. ווען עס מאַכט זיך מיט איב נישט די מעשה, וואָלט ער הײַנט, ווי אַלע טאָג, זיך רויִק אַרומגעדרייט אין ערשטן אַפּאָסטאָלן־קלויסטער, וואָלט ער דאָרט ווי פֿריִער געטריבן מחלוקת צווישן עולם, ער וואָלט אונטערגעהאָלפֿן, וואָס גיכער פּטור צו ווערן פֿונם הײַליקן פֿאָטער גאַמאַליעל לונק, אים אַרויסצופֿירן שפּאַצירן אין דער וועלט און אויף זײַן אָרט אַלס פּרעדיקער אַוועקזעצן דעם שוסטער סמיטערס.

און ווען דער דאָזיקער ענין וואָלט זיך איב אײַנגעגעבן וואָלט קודם־כּל ער דערפֿון געוווּנען, ווײַל דאַמאָלסט וואָלט ער אַלס די רעכטע האַנט פֿונם נײַעם פּאַסטאָר באַקומען פֿאַר זיך אַ פּאַסיקע שטעלע.

תמיד דאָס זעלבע. די גאַנצע צוואַנציק יאָר, וואָס פּעטער לעבט, איז אים אַלץ אַזוי געגאַנגען. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט אים געלינגען, ווי נישט איז זיך אָנצוכאַפּן אָן לייטער פֿון גליק, אָבער יעדעס מאָל ווען דאָס פֿלעגט געשען, פֿלעגט זיך רעגלמעסיק עפּעס טרעפֿן, — עפּעס אַ נאַרישער צופֿאַל, ווי די גנבה פֿון אַ קיכל, זיינע הענט פֿלעגן זיך אַראָפּלאָזן און ער פֿלעגט ווידער אַ הילפֿלאָזער אַריינגעשלידערט ווערן אין גיהנום פֿון נויט.

פֿאַרטיפֿט אין אַזעלכע מחשבות, האָט זיך פּעטער ווייטער געשלעפּט. זיין גאַרטל איז שטייף צוזאַמענגעצויגן, זיינע בלויע אויגן לויפֿן אומרויִק פֿון איין אָרט אויפֿן אַנדערן און קוקן אויס אַ געלעגנהייט ערגעץ־ווו צו באַקומען אַ מיטאָג. אמת איז, אַז ער וואָלט יאָ ערגעץ געקאָנט קריגן אַרבעט. אַרבעט אָבער איז אַ זאַך אַ שווערע און אַ האַרבע און פּעטער וויל האָבן נאָר אַ לייכטע באַשעפֿטיקונג. עס זענען פֿאַראַן אויף דער וועלט מענטשן, וואָס לעבן פֿון זייער מוסקול־קראַפֿט, און מענטשן וואָס לעבן פֿון זייער שכל; פּעטער האָט געהערט צו אָט די לעצטע. ער איז גרייט געווען אָפּצואָגן זיך נישט פֿון איין אָנבייסן, אַבי ער זאָל זיך נישט דאַרפֿן אַראָפּלאָזן אויפֿן נידעריקערן שטאַפּל פֿון סאָציאַלן לייטער.

פּעטער האָט נאָכגעפֿאָרשט יעדע פֿאַרבייגייענדיקע געזיכט און אין אים וועלכע נישט איז מעגלעכקייטן פֿאַר זיך.

אַנדערע מאָל די פֿאַרבייגייענדיקע פֿלעגן אים ענטפֿערן מיט אַ בליק, אָבער דאָס פֿלעגט דויערן בלויז איין רגע, ווייל מישטיינס־געזאָגט, וואָס זיי האָבן געהאַט צו זען:

פֿאַר זייערע אויגן איז געשטאַנען אַ גאַנץ פּשוטער, אויסגעהונגערטער, פֿאַראומערטער בחור מיט איין פֿלייצע נידעריקער, איינע העכער, מיט אַן אויסגעדאַרט פּנים, קרומע ציין און מיט אַ פּאָר הילפֿלאָז אַראָפּגעהאַנגענע געלבלעכע וואָנצן און דערצו נאָך האָט זיין ברוינער אָנצוג אויסגעזען שוין נישט ווי פֿון די ערשטע פֿלייצעס אַראָפּגענומען, און זיין שטרויענעם הוט האָט נישט איין שטרוי געפֿעלט און זיינע שיך זענען געווען פֿון ביידע זייטן אויסגעקרימט. נו, טאָ ווער זאָל אין אַ שטאָט, וווּ אַלע לויפֿן, אַלע, ווי זיי זאָגן אַליין, שטייען אויפֿן וועג, זיך אַן איבעריקן מאָל אומקוקן אויף פּעטער הורוש? צוליב וואָס זאָל זיך גאָר עמיצער אַ קימער טון, וועגן זיין אומרויִקער, פֿאַרבאַהאַלטענער נשמה? פֿון וואַנען זאָל דאָס עמיצן אויפֿן זינען אַרויפֿקומען, אַז פּעטער קאָן אויף זיין שטייגער גאָר זיין אַ מין גאון? קיינער האָט וועגן דעם נישט געטראַכט, קיינעם איז דאָס נישט איינגעפֿאַלן.

עס איז געווען אין חודש יולי אַרום צוויי אַ זייגער נאָכמיטאָג־צייט. די זון האָט געברענט איבערן אַמעריקען־סיטי. גרויסע מאַסן מענטשן זענען געשטאַנען אויפֿן גאַס און פּעטער האָט געזען, ווי אומעטום פֿלאַטערן פֿאָנען. פֿון צייט צו צייט פֿלעגן זיך פֿון דערווייטן דערטראָגן אַהער קלאַנגען פֿון מוזיק און פּעטער האָט ביי זיך אַליין געפֿרעגט, וואָס טוט זיך דאָ? קיין צייטונגען האָט פּעטער הורוש נישט געלייענט. די קאַמפֿן, וואָס זענען פֿאָרגעקומען אין ערשטן אַפּאָסטאָלן־קלויסטער צווישן לונקס און סמיטערס אָנהיינגער, האָבן פֿאַרנומען זיין גאַנצע צייט און די

גרויסע געשעענישן פון דער אויסערלעכער וועלט זענען צו אים נישט דערגאנגען. ער האט אפילו יא געוווסט, אבער זייער מטושטש, אז אויף דער צווייטער העלפט ערדקיל שטייען א האלבע טוץ גרויסע [...]עלקער צענויפגעקנוילט אין א טויט־קאמף.

פון דעם דאזיקן קאמף האט די גאנצע ערד געציטערט און צייטנווייז האט אויך פעטער געשפירט איר ציטער. ער האט אבער לגמרי נישט געוווסט, אז זיין פאטערלאנד האט א וועלכע נישט איז שייכות צו דער אייראפעיִשער מלחמה. אים איז אויך לחלוטין נישט באקאנט געווען, אז אין לאנד זענען אויפגעוועקט געווארן געוויסע אינטערעסן, אז עס האט זיך אנגעהויבן א בעוועגונג, וועלכע האט געהאט דעם ציל צו שטויסן די מלוכה צו מעשים.

די דאזיקע באוועגונג האט אויך דערגרייכט קיין אמעריקען־סיטי, און די גאסן האבן אויפגעפלאמט פון פילפארביקן, פאטריאטישן גלאנץ. פון אלע שוי־פענסטער האט ממש ארויסגעשריען מיט גרויסע אותיות דער אנזאג „וואך־אויף, אמעריקע!". איבער דער הויפט־גאס זענען געווען איבערגעצויגן לאנגע פאפירענע פאסן מיטן אויפשריפט: „גרייט דיך צו, אמעריקע!". ביים סוף גאס אויף א פלאץ האט זיך געקליבן א קליינע ארמיי. — אלטע וועטעראנען פון פארשיידענע מלחמות, מיליץ־רעגימענטן, מאטראסן־בריגאדן פון די שיפן, וואס זענען געשטאנען אין האפן, מיטגלידער פון ברודערשאפטס־לאזשעס, אנגעפירט פון זייערע לארד־מארשאלן, אויף פערד מיט גאלדענע דעקטיכער און ווייסע פליענדיקע פעדערן, אלע אנגעזעענסטע מענטשן פון שטאט און קארעטן און צו דעם אלעם קאפעליעס מוזיק און טויזנטער פאנען: „וואך אויף, אמעריקע!"

און אין מיטן פון דעם אלעם איז געשטאנען פעטער מיט זיין פוסטן מאגן. א צעטומלטער פון דער גרויסער מאסע מענטשן, וואס האט זיך אזוי פלוצלינג א שאט געטון אויף דער הויפט־גאס, האט ער געקוקט פארחידושט, און האט נישט געהאט דעם קלענסטן באגריף פון דעם, וואס דא קומט פאר.

א המון מענטשן האט פאר פעטערן געהאט בלויז איין באשטימטע באדייטונג. [...]בן יאר פון זיין יונגען לעבן איז פעטער געווען א געהילף ביי פעריקל פריאם. מיט אים איז ער דורכגעפארן גאנץ אמעריקע און פארקויפט פריאמס זעלטענע רפואה אויסצוהיילן אלע ווייטאקן. פארן פלעגן זיי דאס רוב אין אן אויטאמאביל. און ווו נאר עס פלעגט זיין א מארק, א פארזאמלונג, אדער א פארוויילונג, ווו נאר א עולם פלעגט זיך שטופן, פלעגן זיי שוין דארטן זיין. פעריקל פריאם פלעגט זיך ארייןלאזן מיט זיין אויטאמאביל אין דער סאמע איינגשאפט, אפשטעלן זיך און אנהויבן קלינגען מיט זיין גרויסן גלאק און אנזאגן דער מענטשהייט זיין שליחות — דעם אנטפלעקטן עלעקסיר פון לעבן, דעם וואונדערבארן מיטל צו פארטרייבן אלע צרות פון דער וועלט, צו באפרייען זיך פון אלע ווייטאקן, וועלכער קאסט סך־הכל איין דאלער א פלעשל. [יעדע פלאש האט אנטהאלטן פופצן פראצענט אפיום]. פעטערס ארבעט איז געווען צו דערלאנגען די פלעשער און איינקאסירן דאס געלט. און דערפאר, זענ

ער האָט דערזען דעם גרויסן עולם, האָט ער זיך אויפמערקזאַם אַרומגעקוקט. אפשר שפּאַרן זיי זיך אַלע אַרום אַ הענדלער, וואָס פאַרקויפט פּלאַסטער צו הינער־אויגן אָדער אַן אַנדער מיטל, וואָס נעמט אַרויס פלעקן פון טינט. און אפשר איז דאָס נאָר אַ קונצן־מאַכער, וואָס ווייזט זיינע קונצן און ביי אים קאָן זיין וואָלט פּעטער געקאָנט פאַרדינען אַ שטיקל ברויט?

פּעטער האָט זיך דורכגעשפּאַרט דורכן עולם. אָבער פון אַלע זאַכן האָט ער גאָר דערזען הענדלער, וואָס האָבן אַרומגעטראָגן קליינע אַמעריקאַנער פאָנען און פּאַטריאָטישע צייכנס מיט אויפשריפטן: „וואַך אויף, אַמעריקע!". פון דער אַנדער זייט גאַס האָט ער באַמערקט אַ מענטשן, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ פאַס און געהאַלטן אַ רעדע. און פּעטער האָט זיך דורך דער גרויסער מאַסע געפּרוווט מאַכן אַ וועג צו אים. דאָס איז געווען נישט אַזוי לייכט. ער האָט געאַרבעט מיט די עלנבויגנס, דורכגעגליטשט זיך אין דרייען געבויגן, שפּאַרנדיק זיך געבעטן מען זאָל קיין פאַריבל נישט האָבן, ביז ער האָט זיך ענדלעך אַרויסגעשטופּט פון דער איינגעשאַפּט אויף אַ פרייען אָרט. דער פּלאַץ, אויף וועלכן ער האָט זיך איצט געפונען, איז, קענטיק, אָפּגעצייכנט געוואָרן פאַר אַ פּראָצעסיע. פּאָליציאַנטן אין בלויער אוניפאָרם האָבן פאַרצוימט דעם וועג, און אָפּגעהאַלטן די מוראָדיק־לאַנגע רייע פון מענטשן, וואָס האָבן זיך געצויגן אַהער. פּעטער האָט זיך צענויפגענומען און איז שוין געווען גרייט דורכצולויפן דעם פרייען שטח — אין דער זעלבער רגע אָבער איז געקומען... אַ סוף פון דער וועלט.

2.

ווען עס קומט אויס צו באַשרייבן געשעענישן שטויסט מען זיך אָן אויף מניעות, וועלכע זענען כמעט נישט ביי־צוקומען. די גרעסטע געשעעניש — מעג זי האָבן די גוואַלטיקסטע באַדייטונג — קאָן זיך אין איין רגע אָפּשפּילן. די ווערטער אָבער, מיט וועלכע זי ווערט באַשריבן, קומען איינציקווייז, ווי רינגען אין אַ לאַנגער קייט. די געשעעניש גופא קאָן אָן שום התראה אונטערשפּרינגען, ביים באַשרייבן אָבער איז מען זיך נוהג צוצוגרייטן די געשעעניש, זי אויפצובויען, אויפצוּוועקן די שפּאַנונג און זי צו דערפירן ביז דער העכסטער מדרגה. ווען מען וואָלט וועלן שילדערן דאָס, וואָס דער גורל האָט אָנגעשיקט אויף פּעטער הודוש, בעת ער האָט געהאַלטן ביים איבערלויפן די גאַס, בלויז מיט דעם איין וואָרט: „בום", געדרוקט מיט קידוש־לבנה־אותיות איבערן גאַנצן בלאַט, איז'ס נאָך אַ גרויסער ספק, צי וואָלט זיך איינגעגעבן צו שאַפן אַ וועלכע נישט איז פאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס ס'איז געשען.

— דער סוף פון דער וועלט! — האָט פּעטער אַ טראַכט געטון, ווי נאָר זיין מאַרך דערשראָקן ביז טויט איז ווידער פעיק געוואָרן עפּעס צו טראַכטן. אין דער הייסער מינוט זענען, פאַרשטייט זיך, אַלע געדאַנקען ביי אים אַרויסגעפלויגן. פאַרבליבן איז בלויז דער איינדרוק: — אַ שרעקלעכער געבריל, גלייך ווי די גאַנצע וועלט וואָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין טענער... און אַ בלענדנדיק־ווייסע ליכטיקייט, גלייך ווי אַלע בליצן פון הימל וואָלטן אויף איינמאָל אויפגעלייכט. אים

האָט דערלאַנגט אַ מוראָדיקער קלאַפּ, און ס'האָט איב אַ הויב-געטון ווי אַ פּעדערל און אַוועקגעשליידערט אויף דער אַנדער זייט גאַס נעבּן אַ מויער. פּעטער איז געבּליבּן ליגן אויפן טראָטואַר: אַ הילפסלאָזער הויפן-בּיינער, טויב, בּלינד און צעשלאָגן.

דאָרטן איז ער געלעגן — ער האָט אַליין נישט געוווּסט, ווי לאַנג, — בּיז ער איז בּיסלעכווייז צו זיך געקומען און פון דעם גאַנצן פּלאָנטער האָבּן זיך אָנגעהויבּן אויסצוטיילן בּאַזונדערע פאַקטן: אַ גרויער רויך, וואָס איז אַזוי ווי אויסגעשפּרייט געווען אויף דער ערד, אַ שאַרפער ריח, וואָס האָט געבּרענט דעם צונג און די נאָזלעכער, געשרייען, געוויין, קרעכצן, אַ טומל.

עפּעס אַ שווערע זאַך איז געלעגן אויף פּעטערס בּרוסט. ער האָט געמיינט, אַז ער ווערט דערשטיקט. מיט אַלע כּוחות האָט ער געפּרוּווט אַראָפּוואַרפן פון זיך די משא. זיינע הענט האָבּן אָנגעטאַפּט אַ וואַרימע, פייכטע, קלעפּיקע זאַך און דער צעשראָקענער פּעטער האָט בּאַלד פאַרשטאַנען, אַז אויף אים ליגט אַ צעשעדיקטער מענטשלעכער קערפּער.

יאָ, דאָס איז געווען דער סוף פון דער וועלט. נאָך גאָר נישט לאַנג, אינגאַנצן מיט אַ פּאָר טעג צוריק, ווען ער, פּעטער, איז נאָך געווען אַ גלייביקער מיטגליד פון ערשטן אַפּאַסטאָלן-קלויסטער, איז אים אויסגעקומען צו הערן די רירנדיקע ווערטער פון דער געטלעכער אַנטפּלעקונג. דערפאַר איז פאַר אים איצט קלאָר געווען, אַז דאָס איז דער סוף פון דער וועלט. און אַזוי ווי ער האָט געדאַט אַ סך עבירות אויף זיין געוויסן, האָט ער גאָר קיין חשק נישט געהאַט צו ווייזן זיך פאַר גאָט. און ער האָט גענומען זוכן אַן אָרט, וווּ זיך צו בּאַהאַלטן. ער האָט זיך אָנגעהויבּן אַרומצוקוקן איבּער די טויטע און פאַרוווּנדעטע, בּיז ער האָט דערזען, אַז נעבּן דער געבּיידע, וווּ ער איז געלעגן שטייען עטלעכע קאַסטנס.

מסתמא האָבּן זיי אַהער געבּראַכט צושלעפּן די, וואָס האָבּן געוואָלט איבּער אַלעמענס קעפּ קוקן אויף דער פּראָצעסיע. פּעטער האָט געפּרוּווט קריכן און אַז ער האָט געזען, אַז ס'לאָזט זיך, האָט ער זיך צוגעשאַרט צו די קאַסטנס. ער איז אַריינגעקראָכן אין איינעם פון זיי און האָט זיך אַזוי אַרום אויסבּאַהאַלטן פון גאָטס אויגן.

ער איז געווען פאַרגאָסן מיט בּלוט. ער האָט אָבּער נישט געוווּסט, צי דאָס איז זיין בּלוט, צי פון אַנדערע מענטשן. ער האָט געציטערט פון אימה און זיינע קרומע ציין האָבּן געהאַקט איינער אָן צווייטן. בּיסלעכווייז אָבּער האָט די אימה גענומען פאַרבּייגיין און פּעטער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט קיינמאָל נישט אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון די אַני-מאַמינס פון ערשטן אַפּאָסטאָלן-קלויסטער אין אַמעריקען-סיטי. ער האָט זיך צוגעהערט צו די קרעכצן פון די פאַרוווּנדעטע, צום גערודער אַרום אים און ער האָט זיך געפּרוּווט קלאָר מאַכן, וואָס דאָ האָט אַזוינס געקאָנט פּאַסירן?

אַמאָל איז אין אַמעריקען-סיטי געווען אַן ערד-ציטערניש; קאָן דאָס זיין, אַז דאָס וואָל זיך האָבּן איבּערגעחזרט? אָדער, אפשר האָט גאָר אויף דער הויפּט-גאַס אויסגעבּראָכן אַ וווּלקאַן, אָדער די גאַזרערן האָבּן פּלוצלינג געפּלאַצט? און צי

איז שוין דאס דער סוף, אדער עס קאן
נאך זיין נאך אן אויפרייס? ווער ווייס, צי
וועט דער ווולקאן ווייטער נישט א שפיי-
טון מיט זיין פייער און נישט א זעץ-
טון פעטערן צוזאמען מיט זיין קאסטן אן די
מויערן פון גוגענהיימערס האנדלס-הויז?

פעטער איז געזעסן און האט זיך צו-
געהערט צום שרעקלעכן יאמער פון די
מענטשן, וואס האבן געבעטן הילף. ער
האט אויך געהערט שטימען פון מענטשן,
וואס האבן אנגעוויזן, באפוילן און ער האט
פארשטאנען, אז דאס מוזן זיין פאלי-
ציאנטן. מסתמא וועט שוין באלד אויך
קומען די גיכע מעדיצינישע הילף. אפשר
איז ער אויך פארוואונדעט? ער האט גע-
וואלט ארויסקריכן פון קאסטן און זיך לאזן
באטראכטן פון א דאקטאר. פלוצלינג האט
אים זיין מאגן דערמאנט אן זיך. און זיין
שכל, וואס איז אין משך פון דעם צוואנציק
יאריקן קאמף מיט דער ארומיקער וועלט
פון שונאים, אויסגעשליפט געווארן, האט
גלייך דערזען פאר זיך די פארשיידענע
מעגלעכקייטן, וואס דער מזל אליין האט
אים אונטערגערוקט.

און אט, וואס אים האט זיך פארגע-
שטעלט: ער וועט זיך מאכן פאר א פאר-
וואונדעטן, א שווער-פארוואונדעטן, א מענטשן
וואס האט באקומען א נערוון-צוטרייסלונג
און ליגט אן באוואוסטזיין, דאמאלסט וועט
מען אים דאך זיכער צונעמען, אוועקפירן
אין שפיטאל, אריינלייגן אין א ווייכע בעט
און געבן עסן. און דערנאך קאן גרייכער
זיין, אז ער וועט זיך דארטן קענען אויפ-
האלטן עטלעכע וואכן און שפעטער, אז
ס'וועט אים אויסקומען אויסצושרייבן זיך, קאן
נאך זיין, ער זאל קריגן א ביסל געלט אויך.

און אפשר וועט זיך אין שפיטאל נאר
מאכן עפעס א שטיקל באשעפטיקונג פאר
אים? עפעס א לייכטע ארבעט, צו וועלכער
עס פאדערט זיך נאר צו האבן שכל?
אפשר נויטיקט זיך דער עלטסטער דאק-
טאר אין א מענטשן, וואס זאל אכטונג
געבן אויף אלע איבעריקע דאקטוירים,
זיי זאלן די פאציענטן נישט באגזולן,
נישט ארומדרייען זיך ארום די וועכטע-
רינס — עפעס-וואס אין דעם שטייגער
קומט שטענדיק פאר.

עס פלעגט זיך אזעלכעס טרעפן אפילו
אין יתומים-הויז, ווו פעטער האט פאר-
בראכט זיינע קינדער-יארן, ביז וואנען ער
איז פון דארטן אנטלאפן געווארן; דאס
זעלביקע איז אים אויך אויסגעקומען צו
זען אין עלעוזעישן טעמפל „דושימדשיאמ-
בא". דער כהן-גדול דארטן איז געווען
פאשטיאנו — על — קאאנדרא — הויפט-
מאגיסטער פון עלעוזעישער וויסנשאפט*).
פעטער האט אין דער דאזיקער מיסטישער
אינסטיטוציע פארנומען א שטעלע פון א
קיך-יינגל און האט אזוי געשיקט און
געארבעט, אז ער האט זיך סוף כל סוף
דערשלאגן דערצו, אז דער „מאיאר-
דאמוס" — דער מארשאלעק און רעכטע
האנט פון כהן-גדול, האט אים געשייכט
זיין פולן צוטרוי.

ווען עס מאכט זיך, אז א גרעסערע
צאל מענטשן קומט-אויס צו זארגן וועגן
אן אוצר, דאמאלסט הויבן זיך אן אנט-
וויקלען רכילות, אינטריגעס און שפיא-

---

*) עלעוזעישע מיסטעריען פלעגן איינגע-
ארדנט ווערן אין עלעוזעניען, אין אלטן גריכנ-
לאנד. היינטיקע צייטן פארנעמען זיך דערמיט
בלויז רעליגיעזע שארלאטאנען,

נאָוש. און דאָ שאַפֿן זיך שוין גינסטיקע באַדינגונגען פֿאַר אַ מענטשן, וואָס האָט אַ חוש פֿאַר אַזעלכע זאַכן. דאָס האָט פּעטער זייער גוט געוווּסט.

אייגנטלעך, וואָלטן מיר זיך געדאַרפֿט וווּנדערן, וואָס פּעטער איז אין אַזאַ מאָמענט פֿעיִק געווען צו טראַכטן וועגן אַזעלכע ענינים. די ערד האָט זיך געשפּאָלטן אונטער אים, די לופֿט איז אָנגעפּילט געוואָרן מיט אַזאַ משונהדיקן ליאַרם, דורכגעשניטן געוואָרן פֿון אַזאַ בלענדנדיקער ווייסער ליכטיקייט און אים אַליין האָט אַ שליידער־געטאָן אויף אַ מויער און אַ צעבלוטיקטער בר־מינן האָט געדריקט מיט זיין משא זיין ברוסט. אָבער לאָמיר זיך נישט וווּנדערן: פֿון זיינע פֿריערסטע קינדער־יאָרן אָן האָט פּעטער געלעבט פֿון זיין פֿאַרשטאַנד. און אַזאַ לעבן מוז אויסלערנען דעם מענטשן אָנצווענדן און צו באַנוצן זיך מיטן דאָזיקן ווערקצייג אַפֿילו דעמאָלט, ווען די געשעענישן זענען מוראדיק פֿאַרפּלאָנטערט. אָבער נישט וועגן דעם אַליין האָט פּעטער געטראַכט. פּעטער האָט געמאַכט פּלענער אויף אַלע פֿאַלן: ער האָט זיך אַפֿילו פֿאָרגעשטעלט, ווי עס וואָלט געווען, ווען עס לאָזט זיך אויס, אַז דער אַפּאָסטאָלן־קלויסטער איז גערעכט געווען, און ווי ער וואָלט געדאַרפֿט האַנדלען, ווען ס'דערהערט זיך פּלוצלונג דער שופֿר פֿון מלאך גבריאל, און ער וואָלט אין אַ לאַנגער נאַכט־העמד זיך געמוזט שטעלן פֿאַר די אויגן פֿון הייליקן יעזוס.

3.

פּעטערס רעיונות זענען פּלוצלונג איבערגעריסן געוואָרן. עמיצער האָט אַ רוק־געטאָן דעם קאַסטן פֿון אָרט, און עס האָט זיך דערהערט אַ געשריי „האַללאָ!“

פּעטער ליגט איינגעדריט און קרעכצט.

פֿון אייזן האָט מען דעם קאַסטן ווייטער געריקט און עמיצנס אַ געזיכט האָט אַריינגעקוקט אינעווייניק.

— פֿאַרוואָס ליגט איר דאָ באַהאַלטן?

— וואָ—אָ—ס? — האָט קוים אַרויסגעשטאַמלט פּעטער.

— איר זענט פֿאַרוווּנדעט? — פֿרעגט יענער.

— איך ווייס נישט — קרעכצט־אַרויס פּעטער.

אומבאַמערקבאַרע הענט האָבן איבערגעקערט דעם קאַסטן, און דאָס, וואָס איז געלעגן אינעווייניק, האָט זיך אַרויסגעגליטשט אויף דער ערד. פּעטער האָט אויפֿגעהויבן די אויגן און דערזען פֿאַר זיך דריי, אָדער פֿיר פּאָליציאַנטן, וואָס זענען געשטאַנען איבערגעבויגן איבער אים. ער האָט פֿון דאָס ניי אָנגעהויבן צו קרעכצן.

— ווי אַזוי האָט איר זיך אַריינגעקראָכן אין קאַסטן? — פֿרעגט איינער פֿון די פּאָליציאַנטן.

— איך בין אַריינגעקראָכן.

— צוליב וואָס?

— כדי צו ראַטעווען זיך... פֿון... פֿון... וואָס איז דאָס אייגנטלעך געווען?

— אַ באָמבע — חאַפּט זיך אָפּ איינער פֿון די פּאָליציאַנטן. פּעטער איז אַזוי נשתומם געוואָרן, דאָס ער האָט אינגאַנצן פֿאַרגעסן, אַז ער דאַרף שפּילן די ראָלע פֿון אַ הילפֿלאָזן פֿאַרוווּנדעטן.

— אַ באָמבע! — האָט ער אַ געשריי־געטאָן. מאָמענטאַל האָט אים איינער פֿון די

פּאַליציאַנטן אַ הויב־געטון און אַוועקגעשטעלט אויף די פֿיס.

— שטייען קאָנט איר? — פֿרעגט ער בײַ פּעטערן.

פּעטער האָט זיך געפּרוּווט אויסגלײַכן. ער האָט דערפֿילט, אַז ער קאָן שטיין, און ער האָט זיך פֿאַרגעסן אין דער גאַנצער מעשה, אַז ער האָט נור־וואָס כּלומרשט איבערגעלעבט אַ נערוון־צעטריסלונג. ער איז געווען אײַנגעשמירט אין בלוט און אין בלאָטע, האָט אויסגעזען שרעקלעך; ער האָט אָבער געשפּירט, אַז אַלע זײַנע גלידער זענען גאַנץ געבליבן, און עס איז אים אַ סך גרינגער געוואָרן אויפֿן האַרצן.

— ווי רופֿט מען אײַך? — פֿרעגט דער פּאַליציאַנט. און נאָכדעם ווי ער באַקומט אַ תּשובה, פֿרעגט ער ווײַטער:

— מיט וואָס באַשעפֿטיקט איר זיך?

— איך האָב נישט קיין באַשעפֿטיקונג — ענטפֿערט פּעטער.

— ווו האָט איר געאַרבעט די לעצטע צײַט? און דאָ האָט זיך שוין אַ ווײַטער פּאַליציאַנט אויך אַרײַנגעמישט אין שמועס:

— צוליב וואָס זענט איר געקראָכן אין אַסטן?

— וואָס הייסט, צוליב וואָס? איך האָב זיך געוואָלט ראַטעווען פֿון דער געפֿאַר.

די פּאַליציאַנטן האָט דער ענין אויסגעזען נישט גאָר גלאַטיק. עפּעס איז ער צו־לאַנג געלעגן באַהאַלטענערהייט. זיי זענען אַליין געווען זייער אויפֿגערעגט און צעטראָגן; ס'איז באַגאַנגען געוואָרן אַ געוואַלטיק פֿאַרברעכן און דער שולדיקער איז נעלם געוואָרן, און ס'איז נישט פֿאַרבליבן פֿון אים קיין שום שפּור.

צו זיי איז צוגעגאַנגען נאָך אַ מענטש; יענער האָט אַפֿילו קיין אוניפֿאָרם נישט געטראָגן, נאָר ס'איז קענטיק געווען, אַז דאָס איז אַ מענטש, וואָס האָט אַ גרויסן אויטאָריטעט. אויך ער האָט זיך פֿאַרינטערעסירט מיט פּעטערן. ער האָט געוואָלט וויסן, ווער ער איז, פֿון וואַנען ער קומט און וואָס האָט ער געטון צווישן המון.

אויף די אַלע קשיות האָט פּעטער נישט געקאָנט געבן קיין קלאָרע תּשובות: די באַשעפֿטיקונגען זײַנע זענען אַלע געווען אַזעלכע אויסערגעוויינלעכע און דערצו נאָך אַ ביסל טונקעלע אויך. וואָס איז שייך זײַנע כּוונות, איז אים געוויס שווער געווען אויפֿצוקלערן זיי פֿאַר אַ מענטשן, וואָס אַחוץ אַלץ האָט ער נאָך געשפּירט, אַז יענער געטרויט אים נישט אויך.

דער ציווילער, וואָס האָט זיך איצט גענומען צו פּעטערן, איז געווען אַ הויכער, געזונטער יונג, מער ווי מיט אַ קאָפּ העכער פֿון אים. ווען ער האָט גערעדט מיט פּעטערן, האָט ער זיך אײַנגעבויגן צו אים, און אַזוי אײַנגעגעסן זיך אין אים מיט זײַנע אויגן, ווי ער וואָלט וועלן דורכבויערן מיט זיי פּעטערס קאָפּ, אַרײַנקריכן אינעווייניק און דערגיין זײַנע פֿאַרבאַהאַלטנסטע געדאַנקען. פּלוצלונג האָט זיך פּעטער דערמאָנט, אַז ער איז דאָך אײַגנטלעך קראַנק. זײַנע ברעמען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן, די פֿיס האָבן זיך אָנגעהויבן וויגן. איינער פֿון די פּאַליציאַנטן האָט אים צוגעהאַלטן, ער זאָל נישט אַנידערפֿאַלן.

— איך וויל נאָך אַ שמועס־טון מיטן

חבֿרה־מאַן — האָט געזאָגט דער ציווילער, — פֿירט אים אַוועק.

צוויי פּאָליציאַנטן האָבן אַ כאַפּ־געטאָן פּעטערן פֿון רעכטס און פֿון לינקס, און האָבן אים געשלעפּט איבערן גאַס, צו דער אַנטקעגנאיבערדיקער געביידע.

4.

מען האָט פּעטערן אַריינגעפֿירט אין אַ גריכן געשעפֿט, וואָס די פּאָליציי האָט פֿאַר זיך געעפֿנט. אין מיטן איף דער פּאָדלאָגע זענען געלעגן עטלעכע פֿאַרווונדעטע, און אַרום זיי זענען געשטאַנען דאָקטוירים. פּעטערן האָט מען דורכגעפֿירט אַ לאַנגן קאָרידאָר און מען איז אַריין מיט אים אין אַ באַזונדערן חדר. דאָרטן זענען שוין געווען עטלעכע מענטשן, אַלע מער אָדער ווייניקער אָן באַוווסטזיין, אויף וועלכע די פּאָליציי האָט געהאַט אַ חשד.

די צוויי פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן אַריינגעפֿירט פּעטערן, האָבן אים תּיכּף צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט און גענומען באַזוכן זיינע קעשענעס. אָבער דאָס, וואָס מ'האָט דאָרטן געפֿונען, האָט אויסגעזען זייער נעבעכדיק. אויף דער ליכטיקער שיין האָט זיך באַוויזן אַ ברודיק נאָזטיכל, צוויי אָפּגעברענטע שטיקלעך פּאַפּיראָסן, קענטיק, אויפֿגעהויבן אויפֿן גאַס, אַ צעבראָכענע לולקע, אַ זייגער, וואָס האָט אַמאָל געקאָסט אַ דאָלאַר, איז אָבער שוין געווען אַזוי צעבראָכן, אַז ס'האָט שוין גאָר קיין רייד נישט געקאָנט זיין וועגן פֿאַרזעצן אים.

— מער וועלן זיי דאָרטן שוין גאָרנישט געפֿינען, — אַזוי לכל־הפּחות האָט געטראַכט פּעטער. אָבער אויף דער ווייסער וועלט האָט זיך נאָך באַוויזן נאָך עפּעס: דאָס איז געווען דאָס בלעטל, וואָס פּעטער האָט פֿריִער אַריינגעשפּאַרט אין קעשענע. ווי נאָר דער פּאָליציאַנט האָט אויף דעם אַ קוק־געטאָן, האָט ער אויסגעשריען: „גאָט מיינער!" מיט אויסגעשמאַרטע אויגן האָט ער פֿריִער אַ קוק־געטאָן אויף פּעטערן, דערנאָך אויף זיין חבֿר און האָט אים דערלאַנגט דאָס בלעטל. אין דער מינוט איז אין צימער אַריינגעקומען דער ציווילער פֿאַרשער. דער פּאָליציאַנט האָט זיך גלייך געווענדעט צו אים:

— הערר געפּפּי! גיט נאָר אַ קוק, וואָס דאָס איז.

דער ציווילער האָט גענומען דאָס בלאַט, און פּעטער, וועלכער איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אַ צעטומלטער און האָט מיט צעשראָקענע אויגן זיך צוגעקוקט צו דער סצענע, האָט דערזען עפּעס שרעקלעכעס. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז דער מענטש איז פֿון זינען אַראָפּ, אַז זיינע גרויסע אויסגעגלאָצטע אויגן קריכן אים פֿון קאָפּ אַרויס.

— אַהאַ! — האָט ער אַ געשריי געטאָן, — איך האָב אייך געפּאַקט! די האַנט, וואָס האָט געהאַלטן דאָס פֿלוג־בלאַט האָט געציטערט, די צווייטע האָט זיך אויסגעצויגן, אָנגעכאַפּט פּעטערס קאָלנער און אים אַזוי צונויפֿגעקוועטשט, אַז פּעטער איז שיִער נישט דערשטיקט געוואָרן.

— איר האָט געוואָרפֿן די באָמבע! — האָט ער אַ געשריי־געטאָן.

— וואָס? — האָט מיט אַ פֿאַרשטיקטער שטימע אַרויסגעכאָרכלט פּעטער, — אַ באָמבע?

— שוין האָלט איר מיר זאָגן! — האָט ער געשריען און האָט אַרייִנגערוקט זיין פּנים אין פּעטערס באַק. און די ציין פֿון דער אָפֿענער מויל האָבן אַזוי געפֿינקעלט, אַז ס׳האָט זיך געקאָנט דוכטן, אַז זיי ווילן אָפּבייסן פּעטערס נאָז.

— שוין האָלט איר מיר זאָגן! ווער ס׳האָט אייך געהאָלפֿן?

— גאָט מייִנער! — שטאַמלט פּעטער: — איך ווייס נישט, וועגן וואָס איר רעדט.

— וואָס, ער האָט נאָך די העזה צו וועלן מיך אָפּנאַרן? — האָט געפֿילדערט דער ציווילער, אין אַזוי געטרייסלט פּעטערן, אַז אַלע ציין זענען אים שיִר פֿון מויל נישט אַרויסגעפֿלויגן. — מאַכט זיך נישט נאַריש! זאָגט, ווער האָט אייך געהאָלפֿן?

מיט דער גרעסטער פֿאַרצווייפֿלונג האָט פּעטער געטענהט:

— איך האָב קיינמאָל קיין באָמבע נישט געזען, איך ווייס נישט, וועגן וואָס איר רעדט.

— נאָך מיר! — האָט באַפֿוילן דער ציווילער און האָט זיך אַלאָז־געטון צום טיר.

באַי פּעטערן וואָלט זיכער אַ סך בעסער געווען, ווען יענער נעמט אים הינטן באַן קאָלנער און פֿירט אים. יענעם אָבער האָט קענטיק גאַנץ ווייניק געאַרט דער צושטאַנד פֿון פּעטערס קערפּער. ער האָט אים אַנעם־געטון פֿון פֿאָרנט פֿאַר דער מאַרינאַרקע, האָט אים אַרויסגעשטופּט פֿון צימער און האָט אים אַוועקגעשלעפּט איבערן לאַנגן קאָרידאָר ביז צום סאַמע עק פֿון דער גרויסער געבייַדע, און די גאַנצע צייט האָט אים געזשומעט אין אויער אַריין: „...איך וועל שוין דאָס פֿון אייך אַרויסקריגן; רעדט זיך נור נישט איין, אַז איר קאָנט מיך נאַרן. איר וועט שוין בײַ מיר אַלץ מוזן מודה־זיין".

ענדלעך האָט ער אַן עפֿן־געטון אַ טיר און אַרייִנגעשטופּט פּעטערן אין אַ מין קעלער־שטיבל, איז אַליין נאָך אים אַרייִנגעגאַנגען און האָט פֿאַרהאַקט הינטער זיך די טיר.

— נו, אַרויס מיט לשון! — האָט ער אַ געשריי־געטון, און דערווייל גענומען אַרייִנשטופּן אין קעשענע פּעטערס בלאַט. [איצט וועט זיך שוין פּעטער זיכער נישט דערווייסן, וואָס אין דעם בלאַט איז געדרוקט.] מיט דער צווייטער, פֿרייער, האַנט האָט ער גענומען פּעטערס אַ פֿינגער און אים גענומען דרייען מיט אַזאַ מוראדיקער קראַפֿט, אַז פּעטער האָט זיך שוין נישט געקאָנט איינהאַלטן און גענומען שרייען, פֿון אָנהויב שטילער, דערנאָך מיט ווילדע קולות: „אוי, לאָזט־אָפּ! איר וועט מיר דעם פֿינגער צעברעכן".

— איך וויל אים טאַקע צעברעכן. יעדן ביין באַזונדער וועל איך אייך צעברעכן. און אויב מ׳וועט דאַרפֿן, וועל איך אייך די נעגל פֿון די פֿינגער אַראָפּרייסן, די אויגן פֿון קאָפּ אַרויסגראַבלען. נו, איר וועט זיך מודה־זיין, צי נישט, ווער האָט אייך געהאָלפֿן מאַכן די באָמבע?

פּעטער האָט אָנגעהויבן פּראָטעסטירן. אַ שטורעם פֿון ווערטער האָט זיך בײַ אים אַרויסגעריסן. ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געהערט וועגן אַ באָמבע, ער ווייס נישט, וועגן וואָס מען רעדט דאָ צו אים. און גלייכצייטיק האָט ער מיט אַלע כּחות געפּרוווט באַפֿרייען זיין פֿינ-

נער פון דער האַנט, וואָס האָט אים גע־דריקט, ווי מיט אײַזערנע צוואַנגען. ער האָט זיך געדרייט, געקאָרטשעט, זיך גע־בויגן אַהער און אַהין, אָבער ס'האָט גאָר־נישט געהאָלפן.

— איר זאָגט ליגן! — האָט אײַנגע־שפּאַרט געשריען געפּפּי, — איך ווייס, אַז איר זאָגט ליגן; איר געהערט צו דער באַנדע.

— וואָס פאַר אַ באַנדע? איך ווייס נישט, וואָס איר מיינט.

— ווייט איר דאָס טאַקע אַזאַ רוי־בער?

— אַ רויטער, זאָגט איר, וואָס איז דאָס אַזוינס?

— איר ווילט מיר אײַנריידן, אַז איר ווייסט נישט, ווער די רויטע זענען? ווער־ען, אויב נישט איר, האָט געטיילט פּראָ־קלאַמאַציעס אין גאַס?

— איך האָב קיינמאָל אין מיין לעבן קיין פּראָקלאַמאַציע נישט געזען — האָט געענטפערט פעטער, — כ'האָב קיינמאָל קיין וואָרט נישט איבערגעלייענט אין אַ פּראָ־קלאַמאַציע.

— אין דער צייט, ווען איך האָב אַזאַ באַוויזן אין האַנט, וועט איר מיר דאָ דער־ציילן מעשיות?

— דאָס בלעטל האָט מיר אַ פרוי גע־געבן אין גאַס. אוי! הערט־אויף! גאָט מיי־נער! איך זאָג אײַך, אַז איך האָב זיך אַפילו נישט אײַנגעקוקט אין דעם בלעטל.

— עס וועט אַמאָל נעמען אַ סוף צו דעם ליגן זאָגן? איך האָב דאָך אײַך אַליין געזען צוזאַמען מיט די רויטע; איך ווייס אַלע אײַערע פּלענער, איך וועל שוין אַרויספּרעסן דעם אמת פון אײַך, —

האָט נאָך מיט מער כעס געשריען דער ציוויליער און האָט אַ נעם־געטון פעטערס האַנט, און האָט זי אָנגעהויבן ברעכן און דרייען. פעטער האָט געליטן שרעקלעכע יסורים, ער האָט זיך געפּרוווט ראַנג־לען, האָט זיך שיִער אויפן קאָפּ נישט געשטעלט, און דערביי האָט ער מיט האַרצרייסנדיקע קולות געשריען: „כ'ווייס נישט, כ'ווייס פון גאָרנישט!"

— וואָס האָבן יענע מענטשן געטון פאַר אײַך, אַז איר פאַרטיידיקט זיי אַזוי? — האָט דער ציוויליער געפרעגט. — וואָס וועט אײַך אַרויסקומען דערפון, ווען יע־נע וועלן זיך אַרויסדרייען, און דער צייט, ווען מ'וועט אײַך הייגען?

פעטער האָט אָבער נאָך העכער גע־וויינט און געשריען: „איך ווייס פון גאָר־נישט..."

— עס קאָן זיין, אַז זיי וועט זיך אײַנגעבן צו אַנטלויפן פון שטאָט — האָט יענער ווייטער גערעדט, — אָבער ווען איר וואָלט אונז תיכף אויסגעזאָגט, וווּ זיי גע־פינען זיך, וואָלטן מיר זיי נאָך געקאָנט פאַקן, און דאַמאָלסט וועל איך אײַך פריי־לאָזן, איר פאַרשטייט? ווען איר וועט אונז נור אַרויסגעבן די, וואָס האָבן אײַך אָנ־גערעדט דערצו, וועלן מיר אײַך שוין גאָרנישט טון. מיר ווייסן גאַנץ גוט, אַז נישט איר האָט דאָס צוגעגרייט דעם אַטענטאַט מיט דער באָמבע; אונז גייט אום דעם, צו פאַקן די הויפּט־שולדי־קע, די אָנפירער.

איצט האָט ער שוין גערעדט מיט פעטערן מיט גוטן, האָט אים אַפילו אַ ביסל אונטערגעהנפעט אויך. ווען פעטער האָט אָבער ווידער עקשנותדיק איבערגע־

חזרט זיין אַלטן „איך ווייס פֿון גאָרנישט", האָט ער פֿון דאָס ניי גענומען ברעכן פֿעטערס האַנט, און פֿעטער האָט ווייטער געשריען מיט ווילדע קולות פֿון שרעק און יסורים, און האָט אַלץ געטענהט, אַז ער ווייס גאָרנישט וואָס צו זאָגן וועגן דער באָמבע.

סוף כּל סוף איז קענטיק געפֿפֿין דערעסן געוואָרן דער פֿאַרהער, וואָס האָט אַזוי לאַנג נישט געבראַכט צו קיין שום רעזולטאַטן. אפשר איז אים אַרויף אויפֿן זינען, אַז דער אָרט איז אַ ביסל אַ צואָפֿענער פֿאַר אַ פֿאַרהער „פֿון דער דריטער מדרגה". עמיצער קאָן נאָך שטיין הינטערן טיר און הערן די קולות. נאָר ווי דאָס זאָל נישט זיין — ער האָט אויפֿגעהערט צו פּייניקן פֿעטערס האַנט. דערפֿאַר האָט ער אָבער אַזאַ דריי־געטון זיין קאָפּ, אַז פֿעטערס צעשראָקענע אויגן זענען אויסגעשטעלט געוואָרן פּונקט אַנטקעגן זיינע אויגן.

און נאָכדעם האָט ער געזאָגט:

— הערט, יונגערמאַן, איך האָב איצט צו אײַך קיין צייט נישט. מען וועט אײַך אַוועקפֿירן אין תּפֿיסה. פֿון הײַנט־אָן זייט איר מיין געפֿאַנגענער, און זייט זיכער, אַז פֿריער אָדער שפּעטער וועל איך פֿון אײַך אַרויסקריגן אַלץ, וואָס איך דאַרף האָבן. אפשר וועט דאָס זיין אין אַ טאָג אַרום, און אפשר וועט דאָס דויערן אַ חודש. עס וועט אָבער קומען אַ צייט, ווען איר וועט מיר אַלץ דערציילן. איך מוז וויסן וועגן דעם אַטענטאַט מיט דער באָמבע, וועגן דעם, ווער ס'איז דער מחבר פֿונם אויפֿרוף קעגן דער מלחמה און אַלץ, וואָס איר ווייסט וועגן די רויטע. דאָס זאָג איך אײַך איצט, זייט זיך מיישב. אָבער ביז דאַן זאָלט איר מיר האַלטן מויל, קיין איין וואָרט נישט וועגן דעם, וואָס דאָ איז געווען, איר הערט? ווען נישט, וועל איך אײַך די צונג פֿון מויל אַרויסרייסן.

נישט אַכטנדיק אויף פֿעטערס ילולות, האָט ער אים אַ נעם־געטון פֿאַרן קאָלנער, האָט אים דורכגעפֿירט דעם קאָרידאָר און איבערגעגעבן איינעם פֿון די פּאָליציאַנטן.

— פֿירט־אַוועק דעם מענטשן אין דער שטאָטישער תּפֿיסה און האַלט אים דאָרטן, ביז וואַנען איך וועל קומען. גיט אַכטונג, ער זאָל מיט קיינעם נישט רעדן, און אויב ער וועט דאָס פּרובירן טון, האַקט אים אויס די ציין.

דער פּאָליציאַנט האָט אַ נעם־געטון דעם פֿאַרקלאָגטן פֿעטערן אונטערן אָרעם און אים גענומען שלעפּן איבערן גאַס.

5.

פֿאַר דער צייט האָט די פּאָליציי שוין באַוויזן פֿאַנאַנדערצוטרייבן דעם המון און צו פֿאַרציִען די גאַס פֿון ביידע זייטן מיט שטריק. אינעווייניק, אינם אַרומגעצוימטן שטח, זענען געשטאַנען קאַרעטקעס פֿון דער גיכער מעדיצינישער הילף און עטלעכע פּאָליציי־אישע וואָגנס. אין איינעם פֿון זיי האָט מען אַרײַנגעפּאַקט פֿעטערן. האַרט נעבן אים האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ פּאָליציאַנט, אַ גלאָק האָט אַ קלונג־געטון, און דער וואָגן האָט זיך געריִרט פֿון אָרט.

צוליב דער איינגשאַפֿט, וואָס איז געווען אַרום, איז מען געפֿאָרן זייער פּאַמעלעך; אַ גאַנצע האַלבע שעה האָט געדויערט, ביז מען האָט זיך דערשלעפּט

צו דער הויכער געמויערטער תּפֿיסה. פּעטער איז אַרײַנגעפֿירט געוואָרן אינעווייניק. דאָרטן איז דאָס מאָל צוגעגאַנגען זייער פּשוט, אָן שום פֿאָרמאַליטעטן: פּעטערס נאָמען איז אין קיין שום בוכער נישט פֿאַרשריבן געוואָרן, קיינער האָט אים גאָרנישט געפֿרעגט, און ס'איז אַפֿילו נישט געמאַכט געוואָרן קיין אָפּצוג פֿון זײַנע פֿינגער. איבער פּעטערן האָט, קענטיק, געהאַט צו שאַפֿן אַ העכערע מאַכט, און זײַן גורל איז שוין פֿון פֿריער געווען באַשטימט.

מען האָט פּעטערן אַרײַנגעזעצט אין אַ חינדע און זיך אַראָפּגעלאָזן מיט אים אונטן, אין אַ קעלער-געבײַדע. פֿון דאָרטן האָט מען אים אַראָפּגעפֿירט אויף טרעפּ נאָך נידעריקער, אין נאָך אַ טיפֿערן קעלער. דאָ האָט פּעטער ענדלעך דערזען פֿאַר זיך אַן אײַזערנע טיר מיט אַ קליינעם שפּאַלט פֿון אויבן. דאָס איז געווען דאָס אַזוי-גערופֿענע „אויגל".

פּעטער האָט זיך נישט באַוויזן אַרומצוקוקן, ווי עמיצער האָט אים אַ שטויס-געטון און ער איז פֿאַרבליבן אין דער פֿינסטער. ער האָט געהערט, ווי הינטער אים האָט זיך מיט אַ טומל פֿאַרהאַקט אַ טיר, ווי שלעסער האָבן אַ גרילץ געטון, און נאָכדעם איז אַלץ אַנטשוויגן געוואָרן. פּעטער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף דער קאַלטער שטיינענער פּאָדלאָגע, אומגליקלעך, הילפֿלאָז, נישט קיין מענטש, נאָר אַ פּעקל צרות.

די געשעענישן, ווי מיר האָבן געזען, האָבן זיך אָפּגעשפּילט מיט אַזאַ מאָדנער געשווינדקייט, אַז פּעטער האָט כמעט נישט באַוויזן זיי נאָכצויאָגן. איצט אָבער האָט ער שוין געהאַט גענוג צײַט. ער האָט שוין געקאָנט טראַכטן וועגן אַלץ, און ווי געהעריק פֿאַנאַנדערקלײַבן זיך אין דעם שרעקלעכן שפּאַס, וואָס דאָס לעבן האָט מיט אים אָפּגעשפּילט.

אַזוי איז ער דאָ געלעגן. די צײַט האָט זיך געצויגן, ער איז נישט געווען אימשטאַנד זי צומעסטן. ער האָט נישט געוווּסט, צי שעהען אָדער טעג זענען אַוועקגעגאַנגען פֿון דאַמאָלסט-אָן, ווען מ'האָט אים אַהער געבראַכט. אין דער שטיינענער קאַמער איז געווען נאַס און קאַלט. נישט אומזיסט האָט זי געטראָגן דעם נאָמען „אײַז-קעלער". די ווילדסטע, די פֿאַרביסנסטע פֿאַרברעכער פֿלעגט מען אַהער אַרײַנוואַרפֿן, ווי מען פֿלעגט זאָגן, כּדי אָפּצוקילן אַ ביסל זייער בלוט. דאָס איז געווען אַ מיטל, וועלכער האָט זייער אַ סך מי אײַנגעשפּאָרט: מען וואַרפֿט-אַרײַן אַהין אַ מענטשן און מען הערט - אויף לחלוטין וועגן אים צו טראַכטן. און וועגן אַלץ, וואָס אַ לעבעדיק באַשעפֿעניש דאַרף האָבן, לאָזט מען איבער צו זאָרגן פֿאַר זײַן צעפּײַניקטן מאַרך.

און, אָן שום ספֿק, האָט נאָך די האָזיקע פֿינסטערע לאָך נישט געזען אין אירע ווענט אַ מענטשן, וואָס זאָל זיך פֿילן אַזוי אומגליקלעך, ווי פּעטער. דאָס, וואָס ס'איז מיט איר פֿאָרגעקומען, איז געווען אַזוי אויסערגעוויינלעך, אַזוי אומגלויבלעך און אויף אַזוי ווײַט נישט פֿאַרדינט, אַז ס'איז קיין חידוש נישט, וואָס ס'האָט אים אויסגעזען אַזוי שרעקלעך.

גראָד מיט אים האָט געדאַרפֿט געשען אַזאַ מעשה. דוכט זיך — זײַן גאַנץ לעבן האָט ער נאָר געטראַכט וועגן דעם,

ווי אזוי אויסצומיידן אומאנגענעמע זאכן. ער איז תמיד גרייט געווען יענעם צו־פרידנצושטעלן, טון אלץ, וואס מען האט פון אים געפאדערט, אבי נור מען זאל אים לאזן לעבן רויק און ער זאל האבן ברויט צו זאט און א ווארעמען ווינקל, ווי דעם קאפ אוועקצולייגן. פארוואס־זשע איז דעם מזל געפעלן געווארן גראד אים אויסצוקלייבן פאר א קרבן פון זיין בייזן שפיל? פארוואס זאל ער זיך גראד דארפן געפינען אין אזא לאגע, אז וואס ער זאל נישט טון, זאל ער אלץ נישט קאנען אויסמיידן קיין צרות? מען וויל, אז ער זאל זיך אין עפעס מודה־זיין, ער איז גרייט געווען זיך מודה צו זיין אין אלץ אין דער וועלט. ווי אבער זאל ער דאס מאכן, אז ער ווייס נישט וואס מען וויל פון אים?

וואס מער פעטער האט געטראכט, אלץ מער אויפגערעגט איז ער געווארן. עס האט זיך אים ממש דער מוח געמישט. ער האט זיך אוועקגעזעצט און געקוקט אין דער פינסטערניש, ווי ער וואלט דארט געזוכט א תשובה אויף דעם, וואס האט אים געמאטערט. אבער רויק איז ער נישט געזעסן. ער האט גערעדט צו זיך אליין, האט זיך געווענדעט צו דער וועלט פון יענער זייט תפיסה, צום גאנצן מענטש־לעכן דור, וועלכער האט אזוי אומברחמנותדיק פארגעסן אין אים.

ער איז אויפגעשפרונגען און גענומען ארומלויפן הין און צוריק איבערן קאמער, וואס האט אינגאנצן געהאלטן זעקס טריט אין קוואדראט, און איז געווען אזוי ני־דעריק, אז ער האט זיך אפילו נישט געקאנט אויסגלייכן. ער האט געטומלט, געליארמט, געהאקט מיט דער געזונטער האנט אין טיר, געטופעט מיט די פיס, געשריען. קיינער האט זיך נישט אפגערופן. ארום און ארום איז נישט גע־ווען קיין לעבעדיקער מענטש, וואס זאל אים קענען הערן.

ווען ער איז שוין געווען אינגאנצן אויסגעשעפט, האט ער זיך ווידער א ווארף־געטון אויף דער פאדלאגע און איז אנטשלאפן געווארן. א שלאף האט ער געהאט א שווערן, אן אומרויקן. אויפכאפן זיך אבער איז געווען נאך שווערער. פאר די אויגן איז אים געשטאנען יענער מענטש, וועלכער וועט זיכער ווייטער קו־מען, וועט אים ווידער אנהויבן פייניקן און הייסן אים אויסזאגן דאס, וואס ער ווייס נישט.

אלע שדים, אלע טייוואלים פון דער וועלט, וואס זענען ווען נישט איז אויס־געקלערט געווארן, כדי צו שרעקן קינ־דער, זענען לויט פעטערס פארשטעלונג געווען מילדע באשעפענישן אין פארגלייך מיט דער שרעקלעכער געשטאלט פון דעם מענטשן, וואס האט זיך גערופן געפפ...

---

א גאנצע אייביקייט איז אוועק פון יע־נער צייט אן, ווען מ'האט פעטערן אהער אריינגעווארפן, ביז ער האט דערהערט עפעס א גערויש. די טיר האט זיך אויפ־געעפנט. פעטער האט זיך איינגענורעט אין א ווינקל. ער האט געמיינט, געפפ איז געקומען. נאר קיינער איז נישט אריינגעגאנגען. עס האט זיך בלויז עפעס א רוק־געטון אויף דער שטיינענער פאד־לאגע און ס'איז ווידער שטיל געווארן. פעטער האט גענומען טאפן אין דער

פֿינסטער, אַרומקוקן זיך, און ער האָט דערזען אַ שטיק ברויט מיט אַ קענדל וואַסער.

דערנאָך זענען ווייטער אַוועק אייביקייטן. פעטער האָט זיך ווידער געוואָרפֿן אין זיין אָנמעכטיקן כּעס, ווידער געליאַרמט, און ווידעראַמאָל האָט זיך באַוויזן ברויט מיט וואַסער. פעטער האָט נישט געוווּסט, צי קומט דאָס פֿאַר צוויי מאָל אַ טאָג, צי איז שוין אַ נייער טאָג געקומען.

ווי לאַנג וועט מען אים נאָך האַלטן? צי דען ווילן זיי אים דערפֿירן ביז משוגעת? די האָזיקע פֿראַגע האָט ער געשטעלט דעם מענטשן, וואָס פֿלעגט אים ברענגען עסן. יענער אָבער האָט אים קיין שום תּשובה נישט געגעבן. ער האָט פֿון זיך קיין איין וואָרט נישט אַרויסגעבראַכט.

די איינציקע געזעלשאַפֿט פעטערס דאָ אין תּפֿיסה וואָלט געקאָנט זיין פֿאַר אים זיין גאָט. פעטער איז אָבער מיט זיין גאָט נישט געווען קיין דייער נאָענטער מחותּן, און אויג אויף אויג מיט אים, האָט ער זיך נישט גאָר גוט געפֿילט.

מער פֿון אַלץ האָט פעטערן געמאַטערט די קעלט; זי איז אים אַזוי אַריינגעקראָכן אין די ביינער, אַז ער האָט ממש נישט געקאָנט אויסהאַלטן. ער פֿלעגט אַרומלויפֿן הין און צוריק איבער דער קאַמער, נאָר ער פֿלעגט זיך דערמיט נישט דערוואַרעמען. עס האָט אים געהאַקט אַ צאָן אָן אַ צאָן. ער איז אינגאַנצן געווען אַ פֿאַרגליווערטער. און ווי צור דער מענטש פֿלעגט עפֿענען די טיר, פֿלעגט ער זיך תּיכּף אָנהויבן צו בעטן בײַ אים, ער זאָל אים געבן אַ דעקע. און וואָס ווייטער, האָט פעטער אַלץ שטורעמדיקער געבעטן. ער איז קראַנק, האָט ער געטענהט, ער איז בערתן אויספֿריים פֿאַרווונדעט געוואָרן, ער מוז האָבן אַ דאָקטאָר, ער וועט דאָ שטאַרבן אַזוי. פעטער האָט אָבער אויף דעם אויך קיין שום תּשובה נישט באַקומען.

פעטער איז געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע, האָט געציטערט פֿון קעלט, געוויינט, געוואָרפֿן זיך, ביז ער פֿלעגט אויף אַ קורצע צייט אינגאַנצן פֿאַרלירן דעם באַוווּסטזיין. ער איז געווען אין אַזאַ צושטאַנד, אַז ער האָט אַליין נישט געוווּסט, צי ער שלאָפֿט, צי ער וואַכט, צי ער לעבט, צי ער איז געשטאָרבן.

ער האָט געקראָגן היץ, האָט אָנגעהויבן זען שרעקלעכע חלומות. אַלע מענטשן, וואָס האָבן אים געמאַטערט און מאַטערן אים נאָך היינט, האָבן זיך אים גענומען פֿאָרשטעלן, ווי ווילדע טייוואָלים, און אים פֿלעגט זיך אַלץ דוכטן, אַז זיי כאַפּן אים, פּייניקן אים, שלעפּן אים ערגעץ ווייט אַוועק און שלײַדערן אים אין אימהדיקע תּהומות אַריין. נאָר ווי משונהדיק און ווילד עס זענען נישט געווען די בילדער, וואָס האָבן געמאַטערט פעטערס קראַנקע פֿאַנטאַזיע, זענען זיי פֿאָרט נישט געווען אַזוי שרעקלעך, ווי די דאַמאָלסדיקע ווירקלעכקייט; ווי דער כּח, וואָס האָט צו יענער צייט באַהערשט אַמעריקאַן-סיטי, אין וועמענס הענט ס'איז אויך געלעגן דער גורל פֿון אָרעמען קליינעם מענטשעלע, וואָס האָט זיך גערופֿן פעטער הודוש.

אין אַמעריקאַן־סיטי האָט געלעבט אַ גרופּע מענטשן, וועלכע האָט געהאַט אין אירע הענט די אינדוסטריע און די שטאָט־פֿאַרוואַלטונג און האָט פּאַקטיש געהערשט איבער דער גאַנצער באַפֿעלקערונג.

די דאָזיקע גרופּע, וועלכע האָט זיך געפֿילט אַזוי שטאַרק און מעכטיק, האָט זיך אָנגעשטויסן אויף אַן אָפּאָזיציע פֿון אַ נייער מאַכט — פֿון דער מאַכט פֿון אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט. דער דאָזיקער פֿריש־אויפֿבליִענדיקער כּח, האָט זיך געקליבן צעברעכן די ממשלה פֿון דער הערשנדיקער אָליגאַרכיע און איבערנעמען די מאַכט אין זיינע אייגענע הענט. דער קאַמף פֿון די צוויי גרופּן האָט געהאַלטן ביים דערנענטערן זיך צו זיין העכסטער מדרגה. די צדדים זענען געגליכן געווען צו צוויי אַטלעטן, וואָס שטייען אויפֿדער אַרענע, איינגעקלאַמערט איינע אין די אַנדערע אין אַ קאַמף אויף לעבן און טויט; צו צוויי קעמפֿנדיקע גבורים, וואָס רייסן־אַרויס בוימער מיט די וואָרצלען, וואָס ברעכן־אויס גאַנצע פֿעלזן פֿון די בערג, כּדי צו קאָנען מיט זיי איינע די אַנדערע די קעפּ צעשמעטערן.

און וואָס איז דער אָרעמער פּעטער געווען? אַ מוראַשקעלע, וואָס איז איבערן קאַמפּס־פֿעלד געקראָכן דאַמאָלסט, ווען די קעמפֿער האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן, די ערד האָט זיך געטרייסלט אונטער זייערע טריט, און ווי פֿון אַ געוויטער האָט זיך אַ הויב־געטון דער גאַנצער שמוץ און האָט זיך פֿאַנאַנדערגעשאָטן אויף אַלע זייטן. צוזאַמען מיט אים האָט זיך אויך די אָרעמע מוראַשקעלע געוואָרפֿן אַהער און אַהין, ביז זי איז אַנידערגעפֿאַלן און באַגראָבן געוואָרן אונטער די חורבות. און אָט האָט פּלוצלונג אַ פֿוס פֿון אַ גבור אַ טראָט־געטון אויף יענעם אָרט, וווּ זי איז אַ האַלב־דערשטיקטע געלעגן!

6.

פּעטער איז אפֿשר דריי טעג און אפֿשר אַ וואָך געזעסן אין תּפֿיסה. ער אַליין האָט נישט געוווּסט, ווי לאַנג, און קיינער האָט דאָס אים אַפֿילו שפּעטער נישט געזאָגט. איין מאָל האָט זיך פּלוצלונג אַן עפֿן־געטון די טיר, און פּעטער האָט, נאָך אַזאַ לאַנגער צייט שווייגן, צום ערשטן מאָל דערהערט אַ מענטשלעכע שטים:

— קום־אַרויס.

פּעטער האָט זייער געגאַרט צו הערן אַ שטים פֿון אַ מענטשן, און דאָך האָט ער זיך אַ דערשראָקענער אַריינגערוקט אין ווינקל. דאָס איז געווען געפּפּים שטים, און פּעטער האָט צו־גוט געוווּסט, וואָס דאָס באַדייט. עס האָט אים אָנגעהויבן דאַכן אַ צאָן אָן אַ צאָן, און ער האָט אָנגעהויבן שרייען:

— איך וויים גאָרנישט, איך קאָן גאָר נישט זאָגן!

אַ האַנט האָט זיך אויסגעצויגן און אַ כאַפּ־געטון פּעטערן פֿאַרן קאָלנער. אין אַ רגע־אַרום האָט זיך שוין פּעטער געשלעפּט נאָך געפּפּין איבערן לאַנגן קאָרידאָר.

— האַלט סמול! — איז געווען דער איינציקער ענטפֿער אויף פּעטערס קוויטשערייען און יללות.

דער מענטש האָט אים אַריינגעשלעפּט אין אַ צימער און אים, ווי ער וואָלט גע-

זען אַ פּעקל בעטגעוואַנט, אַ וואָרף־געטון אויף אַ שטול. דערנאָך האָט ער גענומען אַ צווייטן שטול און זיך אַוועקגעזעצט פּונקט אַנטקעגן אים.

— הערט, וואָס איך רייד צו אײַך — האָט ער זיך אָפּגערופֿן. — איך בין אײַך געקומען זאָגן, אַז איך וואָלט געוואָלט מיט אײַך אַדורכקומען. איך וויל וויסן, צי ווילט איר גיין צוריק אין יענער „לאַנד" אַרײַן?

— ניין, — האָט פּעטער אַ קרעכץ געטון.

— גוט. אָבער ווײַבאַלד אַזוי, מוז איך אײַך מתרה־זײַן, אַז דעם גאַנצן לעבן אײַערן וועט איר האָרטן פֿאַרברענגען, אײַער גאַנץ ביסל יאָרן, אַ חוץ די צײַטן, ווען איך וועל מיט אײַך וועלן ריידן. און דאַמאָלסט, ווען איך וועל מיט אײַך ריידן, וועל איך אײַך די הענט אויסדר־ן, וועל איך אײַך שטיקער האָלץ אונטער די נעגל אַרײַנלאָזן, וועל ברענגען מיט שוועבעלעך אײַער הויט — אַזוי לאַנג, ביז איר וועט מיר אויסזאָגן דאָס, וואָס איך מוז וויסן. קיינער וועט אײַך נישט קאָנען העלפֿן, ווײַל פֿון דער גאַנצער מעשה וועט קיינער גאָר נישט וויסן. איך בין איבער אײַך דער איינציקער באַלעבאָס, און אין מײַן רשות וועט איר פֿאַרבלײַבן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען איר וועט זיך דאַרפֿן איבערפּעקלען אויף יענער וועלט.

פּעטער האָט בלויז געיאָמערט און געקרעכצט.

— איך האָב זיך אַלץ דערוווּסט וועגן אײַך — האָט ווײַטער געטענהט געפּפּי, — איך ווייס אײַער לעבנס־געשיכטע פֿון אײַער געבוירן־טאָג אָן. און פּרוּווט זיך בעסער גאָרנישט צו וועלן פֿון מיר עפּעס פֿאַרלייקענען. איך ווייס אַלץ וועגן אײַער אָנטייל אין אַטענטאַט מיט דער באָמבע און וואָלט אײַך געקאָנט גרינג, ווי אַ האָר פֿון מילך, ברענגען אויף דער תּליה. האָבן זענען נאָך פֿאַרבליבן געוויסע פּרטים, וועלכע ס'האָט זיך מיר נישט אײַנגעגעבן אויפֿצודעקן, וואָס האָבן אַ שייכות צו אײַערע איבעריקע חברה־לײַט. און גראָד יענע זענען דאָס די רעדלפֿירער, די אמתע טייוואָלים; נאָך זיי, אייגנטלעך, יאָג איך זיך. זיי מוז איך האָבן. און דערפֿאַר שאַפֿט זיך פֿאַר אײַך אַ מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען, און דאָס האָט איר מיר צו פֿאַרדאַנקען.

פּעטער האָט ווײַטער געקלאָגט.

— האַלט ס'מויל! — האָט ווידער אַ געשריי־געטון געפּפּי, אָבער גלײַכצײַטיק האָט ער מיט זײַן דורכדרינגנדיקן בליק אַרײַנגעקוקט פּעטערן אין זײַנע צעשראָקענע אויגן, און האָט ווײַטער געזאָגט:

— פֿאַרשטייט, וואָס מען רעדט צו אײַך. איר האָט די מעגלעכקייט זיך צו ראַטעווען. איר דאַרפֿט בלויז דערציילן אַלץ, וואָס איר ווייסט. דאַמאָלסט לאָזן מיר אײַך אַרויס פֿרײַ, און וועלן זען, איר זאָלט נישט האָבן קיין שום עגמת־נפֿש. מיר וועלן פֿאַר אײַך זאָרגן, מיר וועלן טון פֿאַר אײַך אַלץ אין דער וועלט.

פּעטער האָט אים אָנגעקוקט ווי אַ קריגיק, וועלכן מ'האָט פֿאַרשוּפֿט. אַ טיפֿע בענקשאַפֿט האָט זיך דערוועקט אין זײַן נשמה. — פֿרײַ זײַן — האָט ער געטראַכט, פּטור ווערן פֿון אַלע צרות, זײַן מיט אַלץ פֿאַרזאָרגט, ווי גוט דאָס וואָלט געווען! וואָלט ער נאָר געוואַוסט וואָס צו

דערציילן, אָדער וואָלט ער לכל־הפּחות געוווסט, ווי אַזוי אויסצוקלערן אַזאַ מין דערציילונג!

7.

אַ פּאָר מינוט זענען די בּיידע געזעסן איינער אַנטקעגן אַנדערן און געשוויגן. פּלוצלונג אָבער האָבּן זיך געפּפּיסן גנט אַ צי־געטון און אָנגעכאַפּט פּעטערס האַנט די צעווייטאָגטע האַנט, וועלכע האָט זיך נאָך פון דאַמאָלסט־אָן נישט באַוויזן אויסצוהיילן, האָט ער ווידער אָנגעהויבּן צו דרייען אויף אַלע זייטן.

— איר וועט אויסזאָגן!

— איך וואָלט געזאָגט, ווען איך וואָלט עפּעס געוווסט. — האָט געשריען פּעטער. — אָבער גאָט מיינער! איך ווייס דאָך גאָר נישט.

— זאָגט נישט קיין ליגן! — האָט יענער געשריען, — איך ווייס אַלץ, מיר וועט איר נישט נאַרן! איר קענט דזשים הובּער!

— איך האָבּ קיינמאָל נישט געהערט וועגן אים, — האָט געקרעכצט פּעטער.

— איר זאָגט ליגן! — האָט געשריען דער צווייטער און זיך ווידער אַ מאָל גענומען צו פּעטערס האַנט.

— יאָ, איך קען אים — האָט געשריען פּעטער.

— אַזוי, דאָס איז שוין גאָר אַן אַנדער זאַך. פאַרשטייט זיך, אַז איר קענט אים. ווי זעט ער אויס?

— איך... איך ווייס נישט. אַזאַ הויכער מענטש.

— איר זאָגט ליגן. ער איז אַ מענטש פון מיטלען וווקס.

— יאָ, ער איז אַ מענטש פון מיטלען וווקס.

— ער האָט טונקעלע האָר?

— יאָ, ער האָט טונקעלע האָר.

— קענט איר אויך די פרוי הובּער, די לערערין פון מוזיק?

— יאָ, איך קען זי.

— איר פּלעגט אַריינקומען צו זיי אין שטוּבּ?

— ווו וווינען זיי?

— איך ווייס... דאָס איז...

— אויף דער גאַס נומער 4, האַ?

— יאָ, אויף דער גאַס נומער 4.

— און ער האָט אייך אָנגעדונגען איר זאָלט אים טראָגן זיין רייזע־זעקל מיט די בּאָמבּעס?

— יאָ, ער האָט מיך אָנגעדונגען.

— און ער האָט אייך געזאָגט, וואָס אין דעם רייזע־זעקל געפינט זיך, נישט אמת?

— ער... ער... דאָס... כ׳ווייס נישט.

— איר ווייסט נישט, צי ער האָט אייך געזאָגט?

— יאָ, ער האָט מיר געזאָגט.

— איר האָט געוווסט וועגן דער פאַרשווערונג?

— יאָ, איך האָבּ וועגן דעם געוווסט.

— דעם יידן איזאַאַקס קענט איר?

— יאָ, איך קען אים.

— דאָס האָט ער געפירט דעם וואָגן?

— יאָ, ער האָט געפירט דעם וואָגן.

— וווהין איז ער געפאָרן?

— ער... ער איז געפאָרן... אַהין און אַהער.

— ער האָט אַריינגעלייגט אין וואָגן דאָס רייזע־זעקל אויך?

— יאָ, דאָס האָט ער געטון.

— בידלען קענט איר אויך, און איר ווייסט אויך, וואָס ער האָט געטון?

— יאָ, איך ווייס.

— און איר זייט גרייט צו דערציילן אַליץ, וואָס איר ווייסט?

— יאָ, איך וועל דערציילן, איך וועל אײַך איבערגעבן אַליץ, וואָס איר...

— איר וועט מיר איבערגעבן אַליץ, וואָס איר ווייסט?

— יאָ, מיסטער.

— און איר וועט בלייבן דערביי; איר וועט נישט חרטה־האָבן, נישט צוריקציען אײַערע באַווייזן? איר ווילט דאָך נישט מסתמא, אַז ס'זאָל אײַך אויסקומען צוריקצוגיין אַהין אין „לאָך" אַריין?

— ניין, מיסטער.

איצט האָט געפּפּי פּלוצלונג אַרויסגעבאַפּט פון זיין קעשענע אַ צונויפגעלייגטן דאָקומענט, וואָס האָט געהאַט עטלעכע זייטן, באַדעקט מיט מאַשין־שריפט.

— פּעטער הודוש — האָט ער געזאָגט. איך האָב געקליבן וועגן אײַך ידיעות, און איצט האָב איך זיי אַרויפגענומען אויפן פּאַפּיר, און איך ווייס גאַנץ גענוי, אויף ווי ווייט איר זענט פאַרמישט אין דער גאַנצער מעשה. ווען איר וועט דאָס לייענען, וועט איר זען, ווי גוט אינפאָרמירט איך בין. איר וועט קיין איין טעות נישט געפינען. דאָס לעצטע איז, פאַרשטייט זיך, געווען געזאָגט אין אַ געלעכטער; דער אָרעמער פּעטער איז אָבער אַזוי צעטומלט געוואָרן פון שרעק, אַז ער האָט שוין אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז עקזיסטירט אַ שמייכל אויף דער וועלט.

— דאָס זענען אײַערע באַווייזן, איר זעט? — נעמט דאָס פּאַפּיר און לייענט.

פּעטער האָט גענומען דעם דאָקומענט מיט זיין ציטערנדיקער האַנט, די צווייטע איז געווען ווי אָפּגענומען אינגאַנצן. ער האָט געפּרוווט לייענען. די האַנט זיינע האָט אָבער אַזוי געציטערט, אַז ער האָט געמוזט אַוועקלייגן דאָס פּאַפּיר אויף די קני, און דאַמאָלסט האָט ער זיך ערשט געכאַפּט, אַז זיינע אויגן האָבן זיך נאָך נישט צוגעוויינט צו דער ליכטיקער שיין. ער האָט גאָרנישט געזען.

— איך קען נישט — האָט ער אַרויסגעקרעכצט.

יענער האָט צוגענומען בײַ אים דאָס פּאַפּיר.

— איך וועל אײַך דאָס איבערלייענען. הערט זיך אײַן, און איר וועט מיר זאָגן, צי אַליץ שטימט.

געפּפּי האָט אָנגעהויבן צו לייענען דעם לאַנגן דאָקומענט: „איך, פּעטער הודוש, באַשטעטיק אונטער אַ שבועה, אַז..." און אַזוי ווייטער... עס איז געווען אַ לאַנגע און פאַרפלאָנטערטע געשיכטע וועגן איינעם אַ מענטשן, וואָס מען האָט גערופן רושים הובער און וועגן זיינער אַ פרוי מיט נאָך אַנדערע דריי פרעמדע מענטשן. דאָרטן האָט זיך גענוי דערציילט, ווי אַזוי זיי האָבן זיך פאַרשאַפט מיט פעטערן, ווי זיי פלעגן אים שיקן אײַנקויפן די מאַטעריאַלן צו די באָמבעס, און ווי ער האָט זיי דערנאָך געהאָלפן אין אַ באַשטימטער וווינונג זיי אויסאַרבעטן. דערנאָך איז געווען באַשריבן, ווי זיי האָבן די פאַרטיקע באָמבעס אײַנגעפּאַקט אין אַ רייזע־זעקל און אַריינגעלייגט אַהין אַ

זייגער, כדי די באָמבעס זאָלן אויפֿרייסן צו דער ריכטיקער צייט. און ווי אַזוי שפּעטער האָט זיי איזאַקס געבראַכט צופֿירן צום ראָג גאַס, און ווי מען האָט דערנאָך אַוועקגעלייגט דאָס רייזע־זעקל מיט די באָמבעס האָרטן, ווו ס'האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען די מאַניפֿעסטאַציע פֿון די אָנהייבער פֿון דער מלחמה.

אַלץ איז געווען קלאָר און פֿאַרשטענדלעך. פּעטערן האָט זיך ממש געוואָלט שרייען אויפֿן קול פֿאַר פֿרייד, ווען ער האָט זיך צוגעהערט צו די ווערטער. ענדלעך ווייס ער שוין, וואָס ער דאַרף טון, כדי ער זאָל זיך קענען באַפֿרייען פֿון זיין שרעקלעכער לאַגע. איצט האָט ער שוין פֿאַרשטאַנען, וואָס די פּאָליציי וויל וויסן. פֿאַרוואָס האָט אים געפּפּי דאַמאָלסט גלייך אויפֿן אָרט נישט געגעבן צו פֿאַרשטיין וועגן וואָס עס גייט? וואָלט ער דאָך פֿאַרשפּאָרט צו האָבן צעבראָכענע פֿינגער מיט אַן אויסגעדרייטע האַנט?

— דאָס זענען אייערע באַווייזן? — האָט געפֿרעגט געפּפּי.

— יאָ, — האָט געענטפֿערט פּעטער.

— איר וועט דאָס געדענקען?

— יאָ, מיסטער.

— מיר קאָנען זיך אויף אייך פֿאַרלאָזן? איר וועט זיך שוין מער נישט נאַריש מאַכן?

— יאָ, מיסטער.

— איר שווערט, אַז אַלץ איז אמת?

— איך שווער.

— און זייט איר זיכער, אַז איר וועט זיך פֿון קיינעם נישט לאָזן איבעררייד, אַז איר זאָלט ציִען צוריק אייערע באַווייזן, ווען יענער זאָל אייך אפֿילו זאָגן ווער ווייסט וואָס?

— ניין, מיסטער, קיינער וועט מיר נישט איבעררייד.

— נו, גוט — האָט געזאָגט געפּפּי, און אין זיין שטים האָט געקלונגען די צופֿרידנקייט פֿון אַ געשעפֿטסמאַן, וועלכן עס האָט זיך אָקאָרשט איינגעגעבן דורכצופֿירן אַ גרויס געשעפֿט.

— פֿון היינט־אָן — האָט ער דייער ווייך צוגעגעבן, — זענט איר, פּעטער, אונזערער אַ מענטש, און מיר וועלן אויף אייך רעכענען. איר פֿאַרשטייט געוויס אַליין, אַז אַזוי ווי איר זענט אַן עדות, מוזן מיר אייך ווייטער האַלטן. איר זענט שוין אָבער נישט קיין אַרעסטירטער און איר וועט גוט באַהאַנדלט ווערן. מיר וועלן אייך אַוועקשיקן אין טורמע־שפּיטאָל, דאָרטן וועט מען אייך געבן דייער גוט עסן און אַרבעטן וועט איר נישט דאַרפֿן. מער נישט, אין אַ וואָך־אַרום וועט איר זיך דאַרפֿן צושטעלן צום געריכט פֿון געשוואָרענע. און ביז דאַמאָלסט — איר פֿאַרשטייט — קיינעם נישט אַ וואָרט. אפֿשר וועלן מענטשן זיך פּרובירן פֿון אייך עפּעס אַרויסצוקריגן, זאָלט איר וויסן־זיין, אַז וועגן דעם ענין קאָנט איר עפֿענען אייער מויל בלויז פֿאַר מיר. איך בין אייער עלטסטער, און איך וועל אייך אַלע מאָל זאָגן, וואָס איר האָט צו טון. איך וועל מיט אייך אָנפֿירן, איר פֿאַרשטייט?

— יאָ, מיסטער — האָט געענטפֿערט פּעטער.

## 8.

מען דערציילט אַ מעשה: אַמאָל איז געווען אַ נעגער, וואָס האָט געהאַט אַ מאָדנע טבע: ער פֿלעגט ליב האָבן צו־

האָבן זײַנע שפּיץ־פֿינגער פֿון די פֿיס אָן האַרטע זאַכן. ווי ער פֿלעגט זאָגן, האָט ער דאָס געטאָן צוליב דעם, ווײַל עס איז אים זייער אָנגענעם געווען צו פֿילן, ווי דער ווײַטאָק פֿאַרגייט.

אויב מען זאָל האַלטן, אַז דער נעגער איז גערעכט געווען, האָט פּעטערן איצט געדאַרפֿט זײַן זייער גוט. און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען. אין תּפֿיסה־שפּיטאָל האָט פּעטער באמת פֿאַרבראַכט גליקלעכע טעג. ער האָט געהאַט אַ ווײַכע בעט, עסן איבערגענוג און האָט גאָרנישט געדאַרפֿט טאָן.

ביסלעכווײַז האָבן אים אויפֿגעהערט ווייטאָן זײַנע פֿינגער, זײַן האַנט האָט זיך אויסגעהיילט און ער האָט זיך אָנגעהויבן פֿילן זעלטן גוט. יעדן טאָג פֿלעגט אים צוקומען אַ האַלב פֿונט צום וואָג. גלײַכצײַטיק האָט אויך צוריק אָנגעהויבן צו אַרבעטן זײַן קאָפּ. דער פֿריערדיקער פּעטער איז אויפֿגעשטאַנען תּחית־המתים און האָט זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן אַרום זיך, באַטראַכטן די נײַע סבֿיבֿה, אין וועלכער ער האָט זיך איצט געפֿונען. פּעטערס פֿריערדיקער שׂכל איז איצט געווען באַשעפֿטיקט מיטן אויסגעפֿינען אַ וועלכע נישט איז קאָמבינאַציע, ווי אַזוי זיך אײַנצואָרדענען, אַז ער זאָל קאָנען וואָס אַ לענגערע צײַט געניסן פֿון די אָנגענעמע באַדינגונגען.

דער פֿאַרוואַלטער פֿון שפּיטאָל איז געווען אײנער דובמאַן — אַ מענטש אין די עלטערע יאָרן. די שטעלע האָט ער באַקומען דורך זײַנעם אַ קרובֿ, אַ מיטגליד אין מלוכה־ראַט. שוין באַלד זעקס יאָר אַזוי, ווי ער האָט פֿאַרנומען די שטעלע און אין משך פֿון דער צײַט, איז אים יעדן טאָג צוגעקומען צום וואָג, כמעט אין דער זעלבער פּראָפּאָרץ, ווי פּעטערן. איצט איז ער שוין דערפֿאַר געבעך געווען אין אַזאַ צושטאַנד, אַז ס'איז אים שווער געווען צו רירן זיך פֿון אָרט. און ער פֿלעגט טאַקע ווי ווײַט מעגלעך אויסמײַדן אויפֿצושטיין פֿון שטול. פּעטער האָט דאָס באַמערקט און ער האָט אָנגעהויבן אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים אויסצונוצן די דאָזיקע געלעגנהייט, כּדי נושׂא־חן צו זײַן בײַ דובמאַנען אין די אויגן און געווינען זײַן פֿרײַנטשאַפֿט.

אַחוץ דעם, האָט דובמאַן געהאַט נאָך אַ שוואַכקייט: ער האָט זייער ליב געהאַט צו שמעקן טאַבאַק. דאָס איז אָבער געווען פֿאַרבאָטן לויט די פֿאָרשריפֿטן פֿון תּפֿיסה־שפּיטאָל און ער פֿלעגט דאָס טאָן פֿאַרבאַהאַלטענערהייט. געוויינלעך פֿלעגט ער אַזוי לאַנג וואַרטן מיט זײַן שמעק־טאַבאַק, ביז עס פֿלעגט טרעפֿן, אַז אַלע פֿלעגן שטיין צו אים אומגעקערטערהייט. אויך דאָס איז נישט געבליבן פֿאַרבאַהאַלטן פֿון פּעטערס פֿלינקע אויגן. ער פֿלעגט שוין פּינקטלעך באַמערקן דעם פּאַסיקן מאָמענט און סימפּאַטיש אומקערן זיך צום אַלטן מיט דער פּלייצע. דובמאַן איז נישט געווען דער איינציקער; אין דעם שפּיטאָל איז נישט געווען קיין מענטש, וואָס זאָל נישט האָבן עפּעס אַ פֿאַרבאָרגענעם חטא. דובמאַן איז דאָך אָבער מחויבֿ געווען אַנדערע צו היטן. און דערפֿאַר האָט ער געמוזט זײַן זייער פֿאָרזיכטיק.

צווישן די קראַנקע, וואָס האָבן זיך אויפֿגעהאַלטן אין שפּיטאָל, זענען געווען אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט דעם

בראָשן. און הגם זיי האָבן זיך געפֿונען אין אַ שפּיטאָל, האָבן זיי דאָך געוואָלט גענישן פֿון לעבן. עס איז געווען אַ שטאַרקע נאָכפֿראַגע אויף טאַבאַק, בראָנפֿן, קאָקין און אַנדערע פֿון די חברה־לייט האָבן זיך אַפֿילו נישט געשעמט צו פֿאַרלאַנגען נאָך אַ סך מיאוסערע זאַכן. און פֿאַר די אַלע פֿאַרבאָטענע פֿאַרגעניגענס איז מען תּמיד גרייט געווען זייער גוט צו באַצאָלן.

די באַאַמטע אין שפּיטאָל זענען דאָס רוב געווען מענטשן פֿון פּעטערס טיפּ. אַלין אַזעלכע, וואָס האָבן זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן ערגעץ אַנדערשוואו, וואָס האָבן געזוכט בלויז לייכטע מלאכות. זיי האָבן אַלע נישט פֿיינט געהאַט דעם בראָשן און עס איז זיי זייער גרינג געווען אונטערצוקויפֿן. און זיי פֿון זייער זייט וואָלטן אויך גערן אונטערקויפֿן פּעטערן, ווען ער זאָל זיי נאָר קאָנען העלפֿן פֿאַרשמירן די אויגן דובמאַנען. דובמאַן ווידער וואָלט אויך גאָרנישט געהאַט קעגן דעם, אַז פּעטער זאָל אים קאָסטן אַ ביסל געלט, ווען ער וואָלט זיך נאָר אונטערגענומען צוצושטעלן אים שטילקערהייט די ידיעות, וועלכע ער האָט געדאַרפֿט האָבן. ווי איר זעט — אַ גלענצנדיקע סיטואַציע. און אַ מענטש, וואָס האָט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס, קאָן ביי אַזאַ לאַגע אָנקלייבן אַ שיין ביסל געלט.

דאָס רוב פֿלעגט אָבער פּעטער דינען טריי דובמאַנען. פֿון זיין ביטערער דערפֿאַרונג האָט ער געוווּסט, אַז טיילמאָל לוינט פּשוט צו זיין אַן ערלעכער מאַן.

די באַאַמטע און אָנגעשטעלטע אין שפּיטאָל האָבן דובמאַנען גערופֿן „דער אַלטער". קענטיק, אַז פּעטערן איז שוין אַזוי באַשערט געווען אין לעבן. ציט ער געדיינקט זיך, פֿון זיינע פֿריִעסטע קינדער־יאָרן, האָט ער תּמיד געהאַט איבער זיך „אַן אַלטן", פֿון וועמענס הענט ער האָט געדאַרפֿט אויסקוקן זיין לעבנס־מיטל און וועלכער האָט געמוזט זיין פֿאַר אים דער גרעסטער אויטאָריטעט.

דער ערשטער „אַלטער" זיינער איז געווען דער זקן דרויב. פֿון אין דערפֿרי, ביז שפּעט אין דערנאַכט פֿלעגט ער טראָגן אויפֿן נאָז אַ פּאָר גרינעברילן און אויפֿן ברוסט אַ שילדל: „איך בין בלינד". דער פֿאַרמאַטערטער קליינער פּעטער פֿלעגט אים אַ גאַנצן טאָג פֿירן איבער די גאַסן, נאָר ווי זיי פֿלעגן קומען אַהיים, פֿלעגט דער אַלטער תּיכּף אַראָפּנעמען די ברילן און פֿלוצלינג אָנהויבן צו זען פּעטערן נישט ערגער, ווי פּעטער אים. און טאָמער פֿלעגט זיך פּעטער עפּעס פֿאַרן טאָג פֿאַרזינדיקן, פֿלעגט ער אים מאַכן זיין לייב ברוין און בלוי.

ווען די פּאָליציי האָט אַרעסטירט דרויבן האָט מען פּעטערן אַוועקגעפֿירט אין אַ יתומים־הויז. דאָ איז אויך געווען אַן „אַלטער" און אויך דאָ האָט פּעטער געשפּירט דעם ביטערן טעם פֿון פֿרעמדער אַפּוטרופּסות.

אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן איז פּעטער אַנטלאָפֿן פֿון יתומים־הויז און איז אָנגעקומען פֿאַר אַ געהילף צו פּעריקלעס פֿריאַם. דאָ האָט פּעטער זיך ערשט אויסגעלערנט צו פֿאַרשטיין, וואָס דאָס איז אַזוינס דינען אַ באַלעבאָס און פֿאָלגן אַלע זיינע קאַפּריזן.

ווען פּעריקלעס פֿריאַם האָט חתונה

געדאַט מיט דער רייכער אלמנה, האָט ער פּעטערן אַרויסגעיאָגט אויפן גאַס. דאַמאָלסט האָט זיך פּעטער אַריינגעקראָגן אין טעמפּל דזימדזשאַמבאָ. דאָרטן איז דער עלטסטער געווען טושבאַר אַקראָגאַס, אַ מענטש, מיט וועלכן עס איז זייער שווער געווען אויסצוקומען. ווען ער פלעגט זיין אין כעס האָט מען זיך אויף זיינע אויגן נישט געטאָרט באַווייזן, דערפאַר איז ער אָבער געווען אַברייטער נדבן דאַמאָלסט, ווען מען פלעגט אים צופרידנשטעלן. און דאָס איז געווען נישט אַזוי גרינג: מען האָט געדאַרפט גוט קענען אַלע זיינע שוואַכע זייטן, חנפענען, דערנידעריקן זיך פאַר אים און מיטהעלפן, ער זאָל קאָנען באַפרידיקן זיינע געלוסטן.

אַזוי יהאָט פּעטער זיין גאַנץ לעבן געמוזט עמיצן דינען. תמיד זיך צופּאַסן צו עמיצן, תמיד בויגן זיינע קני, ביז ער האָט זיך אַזוי צוגעוויינט דערצו, אַז דאָס איז ביי אים אַן אינסטינקט געוואָרן — אַן אינסטינקט, וואָס איז דערוועקט געוואָרן אַ סך פריער, איידער דער צוואַנציק-יאָריקער פּעטער איז אויף דער וועלט געקומען, אַן אינסטינקט, וועלכער איז שוין אפשר אַלט צוואַנציק-טויזנט יאָר און אפשר צען מאָל צוואַנציק-טויזנט, וועלכער ציט זיין בראשית נאָך פון יענער צייט, ווען אויך אַ מין פּעטער איז ביי אַן אָפּעטער הייל געשטאַנען און האָט געבערנט און געשניצט דאָס שטיינערנע געווער פאַרן „עלטסטן" פון שבט, געאַרבעט שטיל מיט הכנעה און מורא, ווייל פאַר זיינע אויגן פלעגן די ווידערשפעניקע יונגעלייט אַרויסגעוואָרפן ווערן פאַרן טיגערס שאַרפע ציין.





פּעטער האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער איז גאָר אַ גאַנצער יחסן אין שפּיטאָל. עס איז דאָך עפּעס נישט קיין קליניקייט צו זיין דער הויפּט-עדות אין אַזאַ סענסאַציאָנעלן פּראָצעס, ווי הובערס, וועגן וועלכן עס רעדט נישט נאָר די גאַנצע שטאָט, נאָר דאָס גאַנצע לאַנד. מען האָט גערעדט וועגן זיינע באַווייזן, אַלס וויכטיקע פאַר דער מלוכה, הגם קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס פּעטער האָט דערציילט. דאָס איז פאַרבליבן אַ סוד. פּעטער איז טריי געבליבן זיין הבטחה. ער איז אַרומגעגאַנגען אַן אָנגעלאָדעוועטער, מיט אַ וויכטיקער מינע אויפן פּנים און האָט געשוויגן.

אָבער דאָס הייסט נישט, אַז ער האָט נישט געטאָרט הערן, וואָס אַנדערע רייד. ער האָט נישט געזען קיין שום חטא אין דעם, וואָס ער וועט זיך אומבאַמערקטערהייט געניי אינפאָרמירן וועגן דעם גאַנצן ענין. ער וועט זיך דאָך שפּעטער מוזן שטיצן אויף זיינע אייגענע כּוחות.

ער פלעגט זיך צוהערן צו דעם, וואָס דער אַלטער דובמאַן האָט דערציילט וועגן דעם באַל צו די געדאַנקען, וואָס ס'האָט וועגן דעם אַרויסגעזאָגט דער שוועדישער אַסיסטענט יאַן קריסטיאַן און צו די אויספירונגען, וואָס ס'פלעגט מאַכן וועגן דעם גאַנצן ענין דזשעראַלד לעסלי — דער אַזוי גערופענער „קוילן-טייוול". די אַלע מענטשן און נאָך אַנדערע פון די קראַנקע, וואָס האָבן זיך געפונען אין שפּיטאָל, האָבן אַלע געדאַט גוטע פריינט פון יענעם זייט און יעדערער פון זיי האָט געהאַט עפּעס וואָס וועגן דעם צו דערציילן.

איינער פלעגט קומען מיט אַזאַ מעשה.

דער אַנדערער מיט גאָר אַ שפּאָגל־נייער, וואָס פֿלעגט שוין זיין דער היפּוך פֿון דער ערשטער. פּעטער פֿלעגט זיך צוהערן, פֿאַרגלייכן, קאָמבינירן, דרייען מיטן קאָפּ, ביז ער איז געקומען צום באַשלוס, אַז ער ווייס דעם אמת וועגן דעם גאַנצן ענין.

דזשים הובער איז געווען אַן אָנגעזעענער אַרבעטער־טוער. ער האָט אָרגאַניזירט די אָנגעשטעלטע אין אייזנבאַן־טרעסט, האָט ביי זיי פּראָקלאַמירט און דורכגעפֿירט אַ גרויסן שטרייק, ער האָט אויך אָרגאַניזירט שטרייקן ביי די בוי־אַרבעטער. אַנדערע האָבן אַפֿילו געזאָגט, אַז אויף אַנדערע נישט פֿאַרענדיקטע געביידעס האָט ער אַליין אויסגעפּרובירט דינאַמיט; דאָס האָבן זיי זיך געוויצלט אַזוי, ערנסט האָבן זיי דאָס נישט געמיינט. נאָר ווי דאָס זאָל נישט זיין, האָבן די געשעפֿטסלייט פֿון שטאָט געוואָלט פּטור ווערן פֿון אים. אַוועקשיקן אים ערגעץ, אַז זיי זאָלן אים שוין מער נישט זען פֿאַר זייערע אויגן.

און אָט, ווען עס האָט זיך געמאַכט דער פֿאַל מיט דער באָמבע, וואָס עפּעס אַ משוגענער וואָס איז געבליבן אומבאַקאַנט, האָט געוואָרפֿן אין דער מלחמה־מאַניפֿעסטאַציע, האָבן זיי זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט, ווי אָן זייער אַ פּאַסיקער געלעגנהייט.

געפּפּי, דער וואָס האָט זיך פֿאַרנומען מיט פּעטערן, איז דאָס געווען דער הויפּט־אָנפֿירער אין דער געהיים־פּאָליציי ביים אייזנבאַן־טרעסט און אים האָבן דאָס די גרויסע לייט פֿון שטאָט איבערגעגעבן אָנצופֿירן מיטן גאַנצן ענין. זיי האָבן פֿאַרלאַנגט די זאַך זאָל גיך פֿאַרענדיקט ווערן, ווייל זיי האָבן שטאַרק נישט געטרויט דער שטאָטישער פּאָליציי, וועלכע עס איז געווען גרינג אונטערצוקויפֿן.

הובער, זיין פֿרוי און נאָך דריי זייערע חברים זענען געזעסן אין תּפֿיסה און דערווייל האָבן די שטאָטישע צייטונגען געפֿירט אַן ענערגישע פּראָפּאַגאַנדע דערפֿאַר, אַז די אַלע פֿינף זאָלן פֿאַרמשפּט ווערן צום טויט. זיי האָבן געוואָלט צוגרייטן די געזעלשאַפֿטלעכע מיינונג צו אַזאַ מין אויסגאַנג פֿון פּראָצעס.

לויט פּעטערס מיינונג איז דאָס אַלץ געווען גאַנץ נאַטירלעך: פֿאַר פּעטערן איז דזשים הובער געווען בלויז אַ נאָמען; ער האָט אים אַ סך ווייניקער אינטערעסירט ווי איינער פֿון זיינע מיטאָגן. פּעטער האָט שוין איצט פֿאַרשטאַנען, וואָס געפּפּי האָט געוואָלט פֿון אים. ער איז בלויז געווען אַ ביסל אין כּעס, וואָס ער האָט אים גלייך נישט דערציילט די געשיכטע, ווייל דאַמאָלסט וואָלט ער האָך פֿאַרשפּאָרט צו האָבן יסורים... נאָר מסתּמא, טראַכט זיך פּעטער, האָט מען אַזוי געדאַרפֿט. ער האָט מיך געוואָלט אויספּרובירן, זען צי קען ער זיך אויף מיר פֿאַרלאָזן. איצט פֿאַרשטייט שוין פּעטער וועגן וואָס עס גייט און ער וועט שוין זען, אַז געפּפּי און דובמאַן זאָלן מיט אים צופֿרידן זיין.

געפּפּי האָט אים געזאָגט, אַז ער זאָל שווייגן און פּעטער האָט קיין איין וואָרט נישט אַרויסגערעדט וועגן דער מעשׂה הובער. ער האָט אָבער גערעדט וועגן אַנדערע זאַכן. אַ מענטש קאָן דאָך נישט אַרומגיין אַ גאַנצן טאָג שטום ווי אַ ליאַלקע; אַחוץ דעם האָט פּעטער סתּם נישט פֿיינט געהאַט אַ שמועס צו טון וועגן דיינע

פּערזענלעכע ענינים. דאָס איז געווען, אַזוי צו זאָגן, זיין שוואַכקייט.

ער האָט זייער ליב געהאַט צו דערציילן, וואָס עס איז אים אויסגעקומען איבערצולעבן, ווי אַזוי ער האָט אָפּגעפּראַוועט זיין לעצטן „אַלטן", וועגן פאַרשיידענע שטיקלעך, שטיפעריין, וואָס ס'איז אים אויסגעקומען דורכצומאַכן. און אַזוי שמועסנדיק איז געקומען דערצו, אַז ער האָט דערציילט פאַר דזשעראַלד לעסלי, פאַרן „קוילן-טייוול", די מעשה מיט פּעריקלעס פּריאַם. ער האָט אים גענוי איבערגעגעבן, ווי אַזוי זיי פלעגן ביידע אַרומפאָרן, ווי ער האָט פּריאַמען מיטגעהאָלפן אַרויסציען ביים עולם די מטבע, ווי מען האָט אויף דעם שטייגער אויסגענאַרט אַ סך טויזנטער האָלער און ווי זיי זענען צוויי מאָל אַרעסטירט געווען פאַר שווינדלעריי‌ען.

נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן דערציילן וועגן טעמפּל דזשימדזשאַמבאָ און וועגן די אַלע ווילדע, משונהדיקע זאַכן, וואָס פלעגן זיך דאָרטן אָפּטון.

פּאָשטיאָן-על-קאַאַנדראַ, וועלכער פלעגט זיך רופן הויפּטמאַגיסטער פאַר עלעזיזינישער וויסנשאַפט, פלעגט זאָגן פאַר זיינע אָנהייגער, אַז ער איז שוין אַכטציק יאָר אַלט. אין דער אמתן איז ער נאָך געווען אונטער פערציק. ער פלעגט זיך אָנגעבן פאַר אַ פּערסישן פּירשט, פאַקטיש האָט ער אָבער געשטאַמט פון אַן אינדישער קליין שטעטל. און דאָרטן האָט ער אָנגעהויבן זיין לעבנס-קאַריערע, ווי אַן אַגענט פון קאָלאָניאַל-סחורה. ווייטער פלעגט דערציילט ווערן צווישן עולם, אַז ער לעבט בלויז דערמיט, וואָס ער עסט אויף אַ הייפעלע פרוכט דורכן טאָג. אין דער שטיל אָבער, פלעגט פּעטער יעדן טאָג מוזן צוגרייטן אַ גרויסן ביפשטעקס, אָדער אַ הון צו מיטאָג. פאַר זיינע שילער פלעגט דער נביא זאָגן, אַז דאָס זענען קרבנות-שפּייזן. דאָס פלעגט אָבער נישט שטערן פּעטערן אויפצועסן די גאַנץ געשמאַקע שיריים פון די חאָזיקע שפּייזן. דאָס איז געווען איין טייל פון שוחד, וואָס פּעטער פלעגט באַקומען פון טושבאַר אקראַגאַס דערפאַר, וואָס ער פלעגט נישט אויסזאָגן דעם נביא וועגן זיינע גנבות.

אַ מאָדנער אָרט איז געווען דער טעמפּל דזשימדזשאַמבאָ. דאָרטן זענען געווען מיסטישע מזבחות באַרבאַהאַלטן הינטער זיבן פּרוכתן, הינטער וועלכע עס פלעגט זיך באַווייזן דער נביא איינגעוויקלט אין לאַנגע, ווייסע געווענדער, באַפּוצט מיט גאָלד און פּורפּור, אין ראָזע אויסגעהאַפטע פאַנטאָפל אויף די פיס און אַ סימבאָלישער מיץ אויפן קאָפּ. זיינע דרשות און רעליגיעזע ריטואַלן פלעגן באַזוכט ווערן פון הונדערטער מענטשן; דאָס רוב פלעגן קומען צופאָרן אין אויטאָמאָבילן די רייכע דאַמען פון דער העכערער געזעלשאַפט.

ביים טעמפּל איז אויך געווען אַ שול, וווּ מען פלעגט פאַר די קינדער אַנטפּלעקן די סודות פון דער רעליגיע. פון צייט צו צייט פלעגט דער נביא מיטנעמען קינדער צו זיך אַהיים, איבערן שבת האָבן זיך גענומען טראָגן שרעקלעכע קלאַנגען, ביז דער טעמפּל האָט צוגעצויגן צו זיך די אויפמערקזאַמקייט פון דער פּאָליציי. דער נביא האָט באַוויזן צו אַנטלויפן צוזאַמען מיט זיין מאַיאָר-דאָמוס, זייער ביישפּיל האָט פאַרשטייט זיך נאָכגעטון פּעטער

הודוש, דער קיד-יינגל, דער קלענסטער פֿון די קלענסטע.

נאָכדעם ווי די מעשה האָט זיך געענדיקט איז אַרויף אויפֿן טיש דער „אַפּאָסטאָל-קלויסטער". און פּעטער האָט דערציילט מיט גרויס הנאה, ווי אַזוי ער האָט זיך צופֿעליק, זוכנדיק אַרבעט, אַריינגעקראָגן אין דער האָזיקער קלויסטער-געמיינדע. ווי גיך ער האָט זיך אויסגעלערנט אַלע זייערע שטיק, ווי ריידן אויף אַמאָל „מיט אַ סך צינגער", ווי זיי האָבן דאָס גערופֿן, ריידן אויף אַפּאָסטאָליש; ווי גוט ער האָט געקאָנט ביים דאַווענען אַזוי פֿאַרטראַכטן זיך אין די עולמות עליונים, אַז ער פֿלעגט פֿון גרויס מתיקות אַראָפּפֿאַלן פֿון בענקל. דאָס איז שוין געווען דאָס העכסטע, וואָס מען האָט געדאַרפֿט קענען אין דער סעקטע. פּעטער האָט זייער איינגענומען ביים אָנפֿירער פֿון דער סעקטע, ביים הייליקן פֿאָטער געמאַליעל לונק. ער האָט אויף אַזוי ווייט דערוואָרבן זיין צוטרוי, אַז דער הייליקער פֿאָטער האָט זיך אַפֿילו נישט געשעמט אים צו בעטן, אַז ער זאָל אַנטיטן דערפֿאַר, אַז מען זאָל אים העכערן שכירות. לכתחילה האָט דאָס טאַקע פּעטער געטון, נאָר נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַ ביסל מער באַקאַנט מיט די דאָרטיקע ענינים, האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז אים לוינט בעסער אָנצושליסן זיך אָן דער גרופּע, וועלכע האָט געהאַלטן מיטן שוסטער סמיטער און געקעמפֿט קעגן געמאַליעל לונק. סוף-כל-סוף וואָלט דער שוסטער סמיטער געוואונען, ווייל אים האָט זיך שוין כמעט איינגעגעבן צו איבערציִען די געמיינדע, אַז ער וועט אַ סך בעסער מתפּלל זיין פֿאַר לונקן. וואָס איז אָבער די פּעולה, אַז זיין גאַנצע אַרבעט האָט געמוזט גיין לאיבוד, צוליב דער מעשה מיטן געגנבעטן קיכל. ווי זיי האָבן אים געכאַפּט מיטן קיכל האָט מען אים גלייך אַרויסגעוואָרפֿן.

דזשעראָלד לעסלי פֿלעגט זייער לאַכן פֿון די אַלע מעשיות און פּעטער פֿלעגט צוזאַמען מיט אים מיטלאַכן.

.10

פּעטער האָט גיך דערציילט די אַלע מעשיות און נאָך אַנדערע, האָט אויסגעפּלאַפּלט אַלע זיינע סודות. איצט אונטערן שוץ פֿון דער מאַכט, האָט ער זיך געטראַכט, האָט ער נישט וואָס מורא צו האָבן. און גאַנצע צוויי חדשים איז טאַקע פּעטערס רו פֿון קיינעם נישט געשטערט געוואָרן. נאָר צו אַלץ, קענטיק, נעמט אַ סוף. אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן האָט מען פּעטערן אַרויסגעפֿאָדערט אין פּאָליציי-ביוראָ. דאָרטן האָט שוין געוואַרט אויף אים געפּי, און דער ערשטער ברוך הבא, מיט וועלכן ער האָט אים באַגעגנט, איז געווען: „אָ, פֿאַרפֿלוכטער איידל איינער!".

פּעטער איז שיעור נישט אַנידערגעפֿאַלן פֿון שרעק, און קוים, וואָס ער האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— ווער? וואָס?

— האָב איך אייך דען נישט געזאָגט, איר זאָלט האַלטן דעם צונג צווישן די ציין? — און בשעת מעשה האָט געפּי אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך ווידער געוואָלט נעמען צו פּעטערן אויף זיין אַלטן שטייגער.

— הער געפּי, וואָס בעט איר? איך

האָב דאָך פֿאַר קיינעם אין דער וועלט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט וועגן הובערן.

פּעטער האָט זיך געקליבן נאָך עפּעס צו זאָגן. ער האָט געוואָלט פּראָטעסטירן. אָבער יענער האָט אים איבערגעריסן מיט כּעס:

— שווייגט, שוטה איינער. וועגן הובערן האָט איר אפֿשר נישט גערעדט, אָבער דערפֿאַר האָט איר דאָך וועגן זיך אַליין גערעדט. צי דען האָט איר נישט דערציילט אַז איר האָט צוזאַמען מיט קאַלאַנדרען געאַרבעט?

— יאָ, דאָס האָב איך דערציילט.

— און איר האָט געוווּסט, אַז די פּאָליציי זוכט אײַך ביידן?

— יאָ, מיסטער.

— נו, און אַז איר זײַט געווען אַרעסטירט פֿאַרן פֿאַרקויפֿן די כּלומרשטיקע רפֿואות האָט איר דערציילט?

— יאָ, —

— נו, און איר מיינט, אַז איר טויגט נאָך איצט פֿאַר אַן עדות? —

— אָבער — האָט פּעטער אַרויסגעקרעכצט אַ צוטומלטער, — כ'האָב דאָך גאָרנישט געזאָגט, וואָס וואָלט געקאָנט שאָדן ברענגען דער זאַך, איך האָב בלויז...

— וואָס ווייסט איר, וואָס קען שאָדן ברענגען אָדער נישט? — האָט געשריִען אַ צוקאָכטער דער דעטעקטיוו און שוועבל און פֿעך האָט זיך געגאָסן פֿון זײַן מויל. — די הובער־לײַט האָבן דאָך אונדז הינטערן פּלייצע שפּיאָנעס אַרײַנגעזעצט. אַפֿילו דאָ אין תּפֿיסה האָבן זיי אַ שפּיאָן. יעדנפֿאַלס ווייסן זיי אַלץ וועגן אײַך און וועגן אײַער עבֿר. אײַער נאַרישע פּלאַפּלערײַ האָט אונדז אומגליקלעך געמאַכט. —

— גאָט מיינער — האָט קוים אַ לעבעדיקער געשטאַמלט פּעטער.

— נו, און איצט שטעלט אײַך פֿאָר, ווי איר וועט אויסזען אויף דער עדות־באַנק! ווי קאָנען מיר אײַך גאָר באַווײַזן פֿאַר די געשוואָרענע, וואָס פֿאַר אַ ווערט קאָן האָבן דאָס עדות־זאָגן פֿון אַ שווינדלער, וואָס איז אַרומגעפֿאָרן איבערן לאַנד מיט אַ פֿאַלשער רפֿואה, וואָס איז אין תּפֿיסה געזעסן פֿאַר שווינדלערייען! אַ מיטהעלפֿער פֿון באַרימטן אלוסט קאַלאַנדראַ. — און דאָ האָט געפּפּי צוגעגעבן אָך עטלעכע זאַכן, אין וואָס דער שיינער נביא ווערט באַשולדיקט, וועלכע עס איז שווער גאָר איבערצוגעבן. — און איר זײַט דאָס פֿאַרמישט אין דעם אַלעם! —

— איך האָב דאָס קיינמאָל נישט געטאָן, — האָט געשריִען פּעטער, — כ'האָב אַפֿילו נישט אַלע מאָל געוווּסט, וואָס עס טוט זיך אַרום מיר.

— ער האָט נישט געוווּסט! גייט דערציילט דאָס פֿאַר די געשוואָרענע, — האָט פֿון אים חוזק־געמאַכט געפּפּי.

— הובערס מענטשן זענען אַפֿילו געווען בײַם שוסטער סמיטער און זיי ווילן דײַן ווײַב שטעלן פֿאַר אַן עדות, אַז זי האָט אײַך אַרויסגעטריבן פֿאַר אַ גנבֿה. און דאָס איז אַלץ דערפֿאַר, ווײַל איר האָט מיר נישט געפֿאָלגט און גערעדט וואָס מען דאַרף נישט. —

פּעטער האָט זיך פֿאַנאַנדערגעוויינט, האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף די קני, האָט געשוואָרן, אַז ער האָט קיין שום שלעכטס נישט געמיינט. ער האָט נישט געוווּסט, אַז ער טאָר נישט דערציילן פֿון זײַן

לעבן, פון וואַנען זאָל ער וויסן וואָס אַן עדות איז און ווי ער איז מחויב צו האַלטן. מען האָט דאָך אים בלויז אָנגעזאָגט, אַז ער טאָר נישט ריידן וועגן דער מעשה־הובער און דאָס האָט ער דאָך ערלעך אויסגעפירט. —

אָבער אומזיסט האָט פּעטער געקלאָגט און געטענהט. געפּפּי האָט אים צוריק אַוועקגעשיקט אין תּפיסה אַריין און דערביי האָט ער אים מתרה געווען, אַז ער וועט זאָגן, אַז פּעטער האָט געוואָרפן די באָמבע, אַז פּעטער נישט הובער איז געווען דער הויפּט־אָנפירער פון אַטענטאַט. וואָס איז? פּעטער האָט אים אפשר נישט אונטער־געשריבן, אַז ער האָט געהאָלפן מאַכן די באָמבעס?

.11

און ווידעראַמאָל האָט פּעטער נישט געוווּסט, ווי לאַנג ער איז געלעגן אין פינסטערן קעלער. ער האָט בלויז גע־וווּסט, אַז דריי מאָל האָט ער געקראָגן ברויט מיט וואַסער, ביז געפּפּי איז געקו־מען און האָט אים אַרויסגערופן.

פּעטער איז געזעסן אַ צונויפגעדרייטער אויף אַ ברעג שטול און די הענט האָבן אים געציטערט. אַנטקעגן אים איז געזעסן דער ערשטער דעטעקטיוו פון אייזנבאַן־טרעסט און האָט אַנטוויקלט פאַר אים זיין נייע פּראָגראַם.

— פאַר אַן עדות האָט פּעטער איצט איינגאַנצן אויפגעהערט צו טויגן. די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס האָבן צונויפגעזאַמלט קאָלאָסאַלע געלט־סומען אויף צו פאַרטיי־דיקן זייערע חברים. הינטער זיי שטייען די אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס פון גאַנצן לאַנד. זיי האָבן זיך אומעטום פאַרזאָרגט מיט זייערע שפּיאָנעס. זיי באַמיען זיך צו דערגיין אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צום פּראָצעס; זיי האָבן געקליבן ידיעות, וועגן דער פאַרגאַנגענהייט פון די עדות און אפילו וועגן דער צוקינפטיקער אַרויסטרע־טונג פון פּראָקוראָר. — און דאָ האָט געפּפּי, פאַרשטייט זיך, מורא געהאַט צוצוגעבן, אַז טאַקע דערפאַר, וואָס די קעגנער זענען אַזוי צוגעגרייט, קאָן ער נישט אַרויסטרייבן פּעטערן. הובערס אָנ־הייגער וואָלטן געקאָנט איבערנעמען פּע־טערן און אַרויסקריגן פון אים אַלץ, וואָס ער ווייס. אָבער דאָס, וואָס געפּפּי האָט נישט דערדערט, האָט פּעטער אינסטינקטיוו דערשפּירט און האָט ממש אויפגעציטערט פון אינערלעכער פרייד. ער האָט זיך דערפילט פעסטער ביי זיך. פאַר זיינע אויגן האָט זיך באַוויזן די ערשטע שפּראָ־צונג פון זיין צוקינפטיקן גליק. נישט אומזיסט איז ער דורכגעגאַנגען דורך דער שווערער אינקוויזיציע!

— מיין נייע אידייע — האָט געזאָגט געפּפּי, — באַשטייט אָט אין וואָס: אַלס עדות זייט איר לגמרי גאָרנישט ווערט, נאָר איר קאָנט זיין גאַנץ גוט פאַר אַ שפּיאָן. אַלע ווייסן, אַז איר האָט גע־פּלאַפּלט, אַז איך האָב זיך דערוווּסט דערפון און האָב אייך אַריינגעפּאַקט אין תּפיסה. איצט איז גאַנץ לייכט צו מאַכן פון אייך אַ מאַרטירער. איר פאַרשטייט מיין פּלאַן?

פּעטער האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ; יאָ, ער האָט פאַרשטאַנען, דערין באַ־שטייט דאָך זיין גאַנצע בריהשאַפט, וואָס אַזעלכע זאַכן באַנעמט ער תּיכּף.

— איר זייט אַן ערלעכער עדות, איר

פאַרשטייט? איך האָב אײַך געוואָלט איינרידן, איר זאָלט זאָגן ליגן, אָבער דאָס האָט מיר נישט געלונגען. איר גייט איצט אַריבער צו אונזערע קעגנער, איר זאָגט, אַז איר ווילט פאַר זיי אַרבעטן. דאָרטן וועט איר, פאַרשטייט זיך, זייער גוט אויפגענומען ווערן. איר גייט אַריין צו זיי און באַמיט זיך צו דערוויסן, וואָס עס איז נאָר מעגלעך. פון צייט צו צייט טרעפט איר זיך צוזאַמען מיט איינעם פון מיינע מענטשן און איר גיט אים איבער די אַלע אינפאָרמאַציעס, וואָס אײַך האָט זיך איינגעגעבן צו באַקומען. איר האָט מיך פאַרשטאַנען?

— יאָ, — האָט לעבעדיק געענטפערט פעטער. צי דען זענען ווערטער בכוח איבערצוגעבן דאָס, וואָס פעטער האָט איצט געפילט? ווי גרינג עס איז אים געווען אויפן האַרצן! ענדלעך האָט ער זיך צו עפּעס־וואָס דערשלאָגן, ער האָט אַן אַרבעט, ער וועט זיין, ווי געפּפּי, אַ געהיים־אַגענט.

— קודם־כּל, — האָט געפּפּי געזאָגט, — וויל איך וויסן, ווער עס שפּאַנירט דאָ אין תּפיסה. די קלענסטע זאַך, וואָס מיר זאָלן נישט וועלן טון, דערוויסן זיי זיך גלייך. איך האָב עדות, וועלכע איך וואָלט זייער געוואָלט עתגען באַהאַלטן, איך קאָן זיי אָבער אַהער נישט ברענגען, ווייל איך האָב מורא פאַר הובערם מענטשן. איך מוז אומבאַדינגט וויסן, ווער עס גיט אונז אַרויס. איך דאַרף זיך איבערהויפּט זייער אַסך זאַכן דערוויסן. ביי דער נאָענטסטער געלעגנהייט וועל איך אײַך אויספירלעכער באַקענען מיט אַלע נייטיקע פּרטים. אָבער קודם־כּל מוזט איר זיך זען צו באַקענען מיט די רויטע און אויסלערנען זיך ריידן מיט זייער שפּראַך. דערנאָך וועט מען זען, וואָס ווייטער צו טאָן. נו, ווי קלערט איר, איר וועט טויגן צו אַזאַ מין אַרבעט? —

— יאָ, זיכער, — האָט געענטפערט פעטער און האָט זיך קוים איינגעהאַלטן פון געלעכטער. ווי לאַניג איז דאָס געווען, ווען דער זעלבער געפּפּי האָט אים געוואָלט איינריידן, אַז ער איז אַ רויטער און אַז ער האָט אָנטייל גענומען אין אַטענטאַט. איצט האָט ער זיך שוין קענטיק פון דער גאַנצער מעשה פאַרגעסן!

די אַרבעט, וואָס מען האָט איצט געגעבן פעטערן איז געווען פאַר אים זייער אַ לייכטע. ער האָט זיך אייגנטלעך נישט געדאַרפט מאַכן אַנדערש, ווי ער איז געווען. ער האָט בלויז געדאַרפט אַ ביסל שפּילן אַ ראָל פון אַן אומשולדיקן קרבן און מאַכן זיך, ווי ער וואָלט זייער אויפגערעגט געווען קעגן דער פּאָליציי, וועלכע האָט אים געוואָלט אויסנוצן, ווי אַ פאַלשן עדות קעגן דושים הובערן. און וואָס ווייטער וועט זיין, וועט מען שוין זען. ווייל ער אָקאָרשט געווינען דעם צוטרוי פון די אַרבעטער־סירער און וואָס ער וועט ווייטער דאַרפן טון, וועט אים שוין געפּפּי זאָגן.

— מיר וועלן אײַך ווידער אַריינוואַרפן אין אַ קאַמער, — האָט געזאָגט דער דעטעקטיוו. — און מיר וועלן מאַכן, ווי מען וואָלט אײַך פּלומרשט ווידער גענומען אויף אַ פאַרהער פון „דריטן גראַד". און איר פון אײַער זייט זאָלט מאַכן געוואַלטן, טומלען, שרייען, וויפל איר קענט און ווי הויך איר קענט, אַז איר וועט בשום אופן

קיינעם נישט אַרויסגעבן. דאַמאָלסט וועלן מיר זיך כאַפּן ווי מיר וואָלטן זיך סוף כל סוף אָפּגעזאָגט פון דער גאַנצער מעשה און וועלן אייך צוריסטרייבן, אָבער איר גייט אין ערגיץ נישט אַוועק, נאָר איר דרייט זיך אַרום אין די נאָענטסטע גאַסן אַרום דער תפיסה. און אויב איך האָב קיין טעות נישט, וועט איר קיין גרויסע אַרבעט נישט האָבן, די נויטיקע מענטשן וועלן שוין אייך אויפזוכן. —

די קליינע קאָמעדיע איז דורכגעפירט געוואָרן אויף אַזאַ אופן: געפּפּי האָט אַ כאַפּ געטאָן פּעטערן פאַרן קאָלנער און האָט אים אַוועקגעשלעפּט ערגעץ ווייט אין תפיסה און האָט אים פאַרשלאָסן אין אַ קאַמער. דאָרטן האָט ער אַ כאַפּ געטאָן זיין האַנט און האָט זיך געמאַכט ווי ער וואָלט איר וועלן איבערדרייען. פּעטער האָט אָנגעהויבן שאַרף צו פּראָטעסטירן. קיין ספק מי האָט דאָס אים נישט געקאָכט. עס זענען אים נאָך געווען פריש אין זכרון די פריערדיקע יסורים און ער האָט נאָך גוט געדיינקט, וואָס ער האָט דאַמאָלסט געטאָן און פונקט דאָס זעלבע האָט ער איצט איבערגעמאַכט. ער האָט געוויינט, געכליפּעט, געשריען, אַז ער האָט שוין געזאָגט דעם גאַנצן אמת, אַז מער ווייס ער גאָרנישט, און אַז קיין שום זאַך אין דער וועלט קאָן אים נישט צווינגען עפּעס אַנדערש צו זאָגן.

געפּפּי איז באַלד אַוועקגעגאַנגען. פּעטער איז געבליבן אינווייניק. פאַרנאַכטלעך איז געפּפּי ווידער געקומען, האָט אַ כאַפּ געטאָן פּעטערן בײַם קאָלנער, האָט אים צוגעפירט צום טויער פון תפיסה, האָט אים געגעבן אַ בריק מיטן פוס און אַרויסגעוואָרפן אויפן גאַס.

פּעטער איז געווען פריי. וואָס פאַר אַ זעלטענער געפיל דאָס איז — פריי זיין. צי איז דאָ אויף דער וועלט נאָך עפּעס בעסערס? פּעטערן האָט זיך געוואָלט שרייען, וויינען פון גליק. ער האָט דאָס אָבער נישט געטאָן. פאַמעלעך האָט ער זיך אָפּגעשלעפּט אַ שטיקל גאַס, איז צוגעגאַנגען צו אַ שטיין לעבן אַ טויער, האָט זיך ווייגענדיקערהייט אויף אים אַראָפּגעלאָזן, פאַרדעקט מיט ביידע הענט זיין פּנים און געוואַרט.

נישט לאַנג איז אים אויסגעקומען צו וואַרטן. עס איז קיין שעה נישט אַוועקגעגאַנגען, ווי עמיצנס אַ האַנט האָט אָנגערירט זיין פּלייצע.

— חבר, — האָט געזאָגט אַ ווייכע שטים.

פּעטער האָט אַ קוק געטאָן צווישן די פינגער און האָט דערזען, אַז פאַר אים שטייט אַ פרוי. ער האָט דערפילט ביי זיך אין האַנט אַ צוזאַמענגעלייגטע שטיקל פּאַפּיר און די ווייכע שטים האָט ווייטער געזאָגט:

— קומט לויטן אָנגעגעבענעם אַדרעס. —

דאָס מיידל איז אַוועקגעגאַנגען און ביי פּעטערן איז שיעור נישט אַרויסגעשפּרונגען דאָס האַרץ פאַר פרייד. אין קלייניקייט, צוגלעך איז ער דאָך אַ שפּיאָן!

12.

פּעטער האָט אָפּגעוואַרט, ביז וואַנען עס איז פינסטער געוואָרן. און ערשט דאַמאָלסט האָט ער זיך געלאָזן גיין לויטן אָנגעוויזענעם אַדרעס. עס איז דאָך עפּעס נישט קיין קלייניקייט, זיך לאָזן אויף אַזאַ נייעם אומבאַקאַנטן וועג. און פּעטער האָט געהאַט אַ חשש פאַר ראָמאַנטיק, ער האָט געוואָלט עס זאָל זיין, וואָס געהיימניס-

פֿילער. ער איז געגאַנגען פֿאַמעלעך, האָט זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, הגם ער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז קיינער קוקט אים נישט נאָך. ער איז דאָך אָבער עפּעס אַ שפּיאָן, קאָן ער זיך דאָך נישט אויפֿפֿירן ווי אַ געוויינלעכער מענטש.

אָבער אַחוץ אַלע מעשׂיות האָט זיך פּעטער סתּם געדאַכט וועגן וואָס צו פֿאַרטראַכטן. מילא פֿריער ווען ער האָט גאָרנישט געוווּסט וועגן די רויטע, וואָלט דאָס אים אפֿשר נישט געאַרט, אָבער איצט ווייס ער דאָך שוין. אין שפּיטאָל האָט מען זיך אים אָנגעדערציילט גענוג מעשׂיות וועגן זיי. איצט ווייס שוין פּעטער, אַז אַ רויטער דאָס איז אַזאַ מענטש, וואָס האָט תּמיד צו טאָן מיט אָרטאַזאַציעס און מיט שטרייקן. דאָס סימפּאַטיזירט ער און דאָס איז זיין הויפּט-אַרבעט. ווייטער וויל ער צוזאַמענעמען אַלע גבֿירים און זייער פֿאַרמעגן צונעמען און פֿאַנאַנדערטיילן. פֿאַרן פֿאַסיקסטן מיטל האַלט ער דינאַמיט און דאָס איז ביי אים תּמיד אָנגעגרייט. אַחוץ דעם מאַכן אַלע רויטע באָמבעס, טראָגן ביי זיך פֿאַרבאַהאַלטן געווער און אפֿשר נאָך סם אויך — ווער קאָן זיי וויסן? און אָט צו די דאָזיקע לייט דאַרף דאָס איצט פּעטער גיין און ווערן מיט זיי אַ נאָענטער מחותּן.

כּמעט שוין אַ ביסל צו רויזיקאַליש פֿאַר אַ מענטשן, פֿאַר וועלכן די רויקייט איז טייערער פֿון אַלץ אין דער וועלט. און אינוויייניק, אין פּעטערן, האָט אים עפּעס אַזוי ווי אונטערגעשושקעט: — און פֿאַרוואָס מאַכסטו נישט אַנטלויפֿן, לאָזן דאָס אַלץ, זאָל דאָס גיין ווי ס'גייט און אַליין מאַכן ויברח און פֿאַרטיק? — אָבער דאָ האָט זיך פּעטער דערמאָנט אָן דער מטבע, וואָס וואַרט אויף אים און די כּל המינים אויסצייכנונגען, וואָס געפֿפֿי האָט אים צוגעזאָגט און ער האָט זיך אָפּגעשאָקלט פֿון אַזעלכע מחשבֿות. אויסער דעם איז ער סתּם געווען נייגעריק, עס האָט זיך אים שוין געוואָלט זען, וואָס דאָ וועט זיין. אַנטלויפֿן וועט ער דאָך קיין מאָל נישט פֿאַרזאַמען, פֿאַר וואָס זאָל ער אַ פֿריער נישט פּרוּוון זען, ווי אַזוי לעבט אַ שפּיאָן.

אַזוי טראַכטנדיק איז ער געקומען צום אָרט, וואָס ער האָט געדאַרפֿט האָבן. אַ נידעריק הייזל אין אַן אָרעמער געגנט פֿון שטאָט. ער האָט אָנגעקלאַפּט: די טיר האָט אים אויפֿגעעפֿנט אַ מיידל, פּעטער האָט זי גלייך דערקענט, דאָס איז געווען די זעלביקע, וואָס האָט אים איבערגעלאָזן דעם אַדרעס.

— או, הער הודוש! — האָט זי אַ געשריי געטאָן מיט שׂמחה: — ווי צופֿרידן איך בין, וואָס איר זייט געקומען! — דערנאָך האָט זי שטיל צוגעגעבן: „חבֿר“, און דאָס האָט אַזוי געקלונגען, גלייך זי וואָלט פּעטערן זאָגן: „מיין אַלטער פֿריינט“. אָבער באַלד אין דער זעלבער רגע האָט זי זיך עפּעס קענטיק דערמאָנט און האָט איבערגעפֿרעגט:

— איר זייט דאָך אַ חבֿר? —

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן? — פֿרעגט פּעטער.

— איר זייט דען נישט קיין סאָציאַליסט? נו, מילא, מיר וועלן אייך שוין מאַכן פֿאַר אַ סאָציאַליסט. —

זי האָט אים אַריינגעפֿירט אין צימער, צוגערוקט אַ שטול און ווייטער גערעט:

— איך ווייס, וואָס פאַר אַ יסורים מען האָט אייך אָנגעטאָן, וואָס איר האָט זיך אויסגעליטן, איך ווייס אַלץ, איר האָט זיך געהאַלטן זעלטן, וווּנדערבאַר גוט! —

פעטער האָט זיך אַזוי פאַרלאָרן, אַז ער האָט ממש אַ וואָרט נישט געקאָנט אַרויסריידן. דער מיידלס שטים האָט געקלונגען נישט נאָר מיט התפעלות, עס איז אין איר געווען אויך אַזוי פיל צאַרטקייט. און פעטער האָט אין זיין שווערן לעבן, זיך אַזוי זעלטן אָנגעטראָפן אויף אַזעלכע געפילן. עס איז אים אַפילו אויסגעקומען טייל מאָל צוצוקוקן זיך צו תנועות און צערטלעכקייטן פון מיידלעך, וואָס קאָקעטירן. אָבער דאָס מיידל האָט נישט קאָקעטירט. איר שטים איז געווען ווייך און אפשר נאָך אַ ביסל צו ערנסט פאַר אַזאַ יונג קינד. אירע טיפע, אומעטיקע, גרויע אויגן האָבן געקוקט אויף פעטערן מיט דער ליבער צערטלעכקייט פון אַ מאַמען, ווען אַ קינד ס'האָט זיך אָקאָרשט ערשט אַרויסגעראַטעוועט פון אַ געפאַר.

— סעדי! — האָט זי אַ רוף געטאָן: — דער הודזש איז געקומען. — און אַ צווייטע מיידל איז אַריין אין צימער. אַן עלטערע, אַ העכערע, נאָר אויך אַזוי בלאַס און אויסגעדאַרט, ווי די שוועסטער.

די מיידלעך האָט מען גערופן איינע דזשעני און די צווייטע סעדי טאָד. די עלטערע איז געווען אַ סטענאָגראַפיסטין און האָט מיט איר פאַרדינסט אויסגעהאַלטן די פאַמיליע.

זיי האָבן ביידע אָנגעהויבן פאַנאַנדערצופרעגן פעטערן וועגן זיינע איבערלעבונגען, זיי האָבן זיך אָבער נישט פאַרגונען בײַ אים לאַנג צו ריידן. די עלטערע איז גלייך אַוועקגעלאָפן צום טעלעפאָן. עטלעכע זייער אָנגעזעענע מענטשן ווילן ריידן מיט פעטערן. זיי האָבן געבעטן, אַז ווי נאָר ער וועט קומען, זאָל מען זיי גלייך געבן צו וויסן.

דאָס מיידל האָט אַ היפּשע צייט פאַרבראַכט ביים טעלעפאָן, און קענטיק, אַז די, צו וועמען זי האָט געקלונגען, האָבן פון זייער זייט טעלעפאָנירט צו נאָך אַנדערע מענטשן, ווייל אין משך פון די נאָענטסטע פאַר שעה איז דער צימער ממש פאַרפלייצט געוואָרן פון מענטשן. און פעטער האָט אַלץ געמוזט דערציילן און איבערדערציילן זיין געשיכטע.

דער ערשטער איז געקומען איינער אַ הויכער העלדישער יונג, קענטיק אַזאַ פאַרביסענער און מיט אַזאַ מין שטאַרקער שטימע, אַז פעטער איז אַ טויטער געוואָרן. דאָס איז געווען דער פירער פון די מאַטראָזן — פון ראַדיקאַלסטן פאַריין אין שטאָט. ווען פעטער האָט זיך דאָס דערוווּסט, האָט ער זיך שוין גאָרנישט געוווּנדערט. ער האָט זיך נאָר געטראַכט: אָט דאָס איז דער ריכטיקער רויטער! אָט אַזוי האָט זיך טאַקע פעטער פאָרגעשטעלט וועט ער אויסזען: אַ מענטש אַן אומרויִקער, אַ ברויזנדיקער, אַ מין שמשון הגבור, וועלכער צוטרייסלט די זיילן פון דער געזעלשאַפט.

— אָט האָט מען דאָס דיר אַ ביסל אָנגעשראָקן, מיין יינגל — האָט ער געזאָגט, ווען ער האָט געזען, ווי פעטער פלאָנטערט זיך און ווי פאַמעלעך ער ענטפערט אים אויף זיינע פראַגן. — דאָס איז אָבער אַלץ נאַרישקייטן, כמעט די גאַנצע פינף און פערציק יאָר, וואָס איך לעב, האָב איך

מיט זיי צוטון, אָבער דערווייל האָב איך זיך נאָך פאַר זיי נישט דערשראָקן... — און כדי אַ ביסל פרייליכער צו מאַכן פעטערן און צו באַרויקן אַ ביסל זיינע נערוון, האָט ער אים דערציילט, ווי ער איז אַמאָל אַנטלאָפן געוואָרן פון אַ שיף, ווי ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער פון פלאָרידע, ווי שפּיקעס האָבן אים נאָכגעיאָגט און ווי מען האָט אים דערנאָך, בשעת מען האָט אים געכאַפּט צוגעבונדן צו אַ בוים און אַזוי שרעקלעך געשלאָגן, אַז מען האָט אים אַ האַלב-טויטן פון דאָרטן אַוועקגעפירט.

נאָך אים איז געקומען דאַוויד אַנדריוס. פעטער האָט געוווסט, אַז ער איז איינער פון די אַדוואָקאַטן אין הויבערס פּראָצעס. דאָס איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט אויסגעזען זייער אָנשטענדיק. אַ הויכער, אַן אײדעלער, מיט זייער קלוגע, שאַרפע שטריכן.

— וואָס קאָן טון אַזאַ מענטש צווישן די דאָזיקע פאַרשטויסענע פון דער געזעלשאַפט? — האָט אַ טראַכט געטון פעטער און האָט זיך אַליין געענטפערט: — דאָס איז מסתמא איינער פון די „דורכגעטריבענע יונגען“, וואָס אַ פריער העצן זיי אויף און דערנאָך נוצן זיי אויס די אומצופרידנקייט, כדי אָנצופילן זייערע קעשענעס. —

נאָך אים האָט זיך באַוויזן אַ יונגע מיידל, אַ פאַרחלומטע, אַ צאַרטע און אַ קריינקלעכע. ווען זי איז צוגעגאַנגען דערלאַנגען פעטערן די האַנט, האָבן זיך איר געגאָסן טרערן פון די אויגן. פעטער האָט געמיינט, אַז ס'האָט איר עפּעס אַן אומגליק געטראָפן, אַז עמיצער איז ביי איר געשטאָרבן און ער האָט שוין געקלערט, צי פּאַסט נישט אַמאָל, ער זאָל איר אויסדריקן זיין מיטגעפיל. אָבער צו זיין גרעסטער פאַרוואונדערונג, האָט ער זיך פון די ערשטע ווערטער, מיט וועלכע זי האָט זיך געווענדעט צו אים, דערוווסט, אַז דאָס וויינט זי צוליב אים, אַז דאָס האָבן זיינע צרות ביי איר אַרויסגערופן טרערן אויף די אויגן.

דאָס מיידל האָט געהייסן אַראַ רוט. זי איז געווען אַ דיכטערין. פאַר פעטערן גאָר אַ נייער טיפּ. ווען ער האָט געטראַכט, וואָס פאַר אַ שייכות קאָן אַזאַ מין מיידל האָבן צו די רויטע, איז אים אַרויף אויפן זינען, אַז דאָס מוז זיין איינע פון די „פאַרפירטע“ אין דער באַוועגונג. אַ שוואַכע סענטימענטאַלע באַשעפעניש, וואָס ווייס נעבעך נישט, אין וואָס פאַר אַ פאַרברעכערישער סביבה זי געפינט זיך.

מיט איר צוזאַמען איז געקומען אַ יונגער קוואַקער*). ער האָט געהאַט אַ בלאַסן פּנים פון אַן אַסקעט און לאַנגע, שוואַרצע לאָקן, וואָס זענען ביי אים אַראָפּגעהאָנגען איבער די אויגן. אָנגעטון איז ער געגאַנגען אין אַ שוואַרצן פילצענעם הוט, אין אַ ווייכער אויסגעבלייכטער העמד און האָט בכלל אויסגעזען זייער עקסצענטריש.

פון זיינע רייד האָט פעטער פאַרשטאַנען, אַז צוליב דער אידייע פון פּאַציפיזם איז דער דאָזיקער קוואַקער גרייט אויפצורייסן אין דער לופטן אַלע רעגירונגען פון דער גאַנצער וועלט. און לויט פעטערס

---

*) קוואַקערס — אַ רעליגיעזע סעקטע, וועלכע צייכנט זיך אויס מיט אירע שטרענגע מנהגים.

פאַרשטעלונג וואָלט דאָס זעלביקע אויך זיכער געקאָנט טון נאָך איינער פון די אָנוועזנדיקע, דער מיסטער קארמיק, ער איז געווען איינער פון די פירער פון די „וו.וו.דזש." [דער פאַריין פון די אינדוסטריע־אַרבעטער פון דער גאַנצער וועלט] און איז אָקאָרשט נאָך צוויי חדשים זיצן אַרויס פון תפיסה.

קארמיק איז געווען אַ יונגער, שווייגנדיקער אירלענדער מיט צענויפגעדריקטע ליפן און מיט אַ פּאָר אומרויִקע שוואַרצע אויגן, וועלכע האָבן זיך די גאַנצע צייט אויפמערקזאַם צוגעקוקט צו פעטערן. זיין קוקן האָט פעטערן שטאַרק באַאומרויִקט. ס'איז אים ווייער נישט היימלעך געוואָרן אויפן האַרצן.

.13

און מענטשן האָבן אַלץ נישט אויפגעהערט צו קומען. איינציקווייז און גרופּנווייז האָבן זיי זיך געלאָזן, פרויען און מענער, אַלטע און יונגע, פאַנאַטיקער, טרוימער, פאַרביינקטע און טעמפּעראַמענטפולע, היציקע אַגיטאַטאָרן, וועמענס מיילער עס האָבן געשאָטן פייער און פלאַם.

פעטערן איז וואָס ווייטער אַלץ שווערער געוואָרן אויפן האַרצן; ער האָט פאַרשטאַנען, אַז ער געפינט זיך צווישן די געפערלעכסטע רויטע פון אַמעריקען־סיטי.

דאָס זענען זיי דאָס געווען די מענטשן, וואָס האָבן אָנגעיאָגט אַזאַ אימה אויף אַלע רויִקע בירגער פון שטאָט און אָנגעמאַכט דער פּאָליציי מער אַרבעט ווי אַלע גנבים און באַנדיטן צוזאַמען גענומען.

פעטער האָט זיי איצט אויך אָנגעהויבן אַ ביסל צו פאַרשטיין. ביז איצט האָט ער זיך גאָר קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט, אַז אויף דער וועלט זענען דאָ אַזעלכע אומצופרידענע, אויפגערעגטע מענטשן.

— אַזעלכע זענען פעיִק אויף אַלץ אין דער וועלט! — האָט זיך פעטער אין דער שטיל געטראַכט און זיינע אומרויִקע אויגן זענען אַרומגעלאָפן פון איינעם צום אַנדערן.

— וועלכער פון זיי האָט געוואָרפן די באָמבע? צי דען וועט זיך היינט אָוונט קיינער נישט באַרימען דערמיט?

אויף דעם האָט, אייגנטלעך, פעטער געוואַרט. אָבער דעם אמת געזאָגט, האָט ער געצווייפלט, צי ער וועט זיך דערויף דערוואַרטן. עפּעס מאָדנע פאַרברעכער זענען דאָס געווען... זיי האָבן אים גערופן „חבר" און גערעדט האָבן זיי אַלע מיט אים מיט דער זעלבער פריינטלעכקייט, ווי די קליינע דזשעני. וואָס קאָן דאָס זיין? זאָל דאָס זיין פאַלשקייט, זאָלן זיי דערמיט וועלן געווינען זיין צוטרוי, אָדער זיי זענען טאַקע אַזוי צופרידן מיט אים? אָבער ער, פעטער הודוש, איז דאָך פאַר זיי אינגאַנצן אַ פרעמדער, ווייטער אַ פאַרבאַהאַלטענער שונא, און ער האָט געזאָגט צו זיך אַליין:

— אָרימע נאַראָנים!

זיי זענען אַלע געקומען אַהער, כּדי אויסצוהערן זיין געשיכטע. מען האָט אים פאַרשאָטן מיט פראַגן, ער האָט זיי געמוזט אָן אַ שיעור איבערדערציילן אַלע פּרטים.

פעטער האָט געקראָגן פון געפּפּי גאַנץ גענויע אינסטרוקציעס. ער האָט קיין וואָרט נישט געטאָרט דערציילן וועגן דער מעשה מיטן פּראָטאָקאָל. דערמיט וואָלט מען געגעבן די שונאים פון געזעץ און אָרדענונג אַ צו געפערלעכע כּלי־זין אין די הענט. די גאַנצע געשיכטע, ווי אַזוי ער האָט זיך געפונען אויפן אָרט פון דער קאַ־

טאַסטראָפע און ווי די פּאָליציי האָט אים געוואָלט צווינגען מודה צו זיין זיך, אַז ער האָט אַ שייכות צו דער גאַנצער געשעעניש, איז ער מחויב געווען צו דערציילן, וואָס קירצער. פון וואַנען האָט אָבער פעטער געקאָנט וויסן, אַז מען וועט אים אַזוי גענוי אויספרעגן וועגן יעדער קלייניקייט, ווי דער אַדוואָקאַט ענדריוס און דער פירער פון די מאַטראָזן דזשאָן דאַראַנד.

זיי האָבן געוואָלט, ער זאָל זיי אויספירלעך דערציילן אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, ווער עס האָט אים געפייניקט, ווו און ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען, ווען דאָס איז געווען און צוליב וואָס?

פעטער האָט נישט פיינט געהאַט צו שפּילן אַ ראָלע, און הגם ער האָט זיך געפונען צווישן אַזעלכע פאַרברעכער, ווי די רויטע, פונדעסטוועגן האָט אים זייער הנאה געטון, וואָס ער איז געווען דער מיטלפּונקט פון אַלעמענס אינטערעס. ער האָט זייער מאַלעריש געשילדערט, ווי געפּפּי האָט אים אַריינגעוואָרפן אין פינסטערן קעלער און דערנאָך, ווי ער האָט אים שיעור נישט אויסגעדרייט די האַנט.

די איבערגעלעבטע יסורים זענען נאָך גענוג פריש געווען ביי אים אין זכרון און דאָס האָט צוגעגעבן זיין דערציילונג זייער אַ סך רעאַליזם, אַזוי, אַז אַפילו קאַלטבלוטיקע מענטשן זענען געווען גערירט. און וועגן די פרויען איז שוין גאָר אָפגערעדט; זיי האָבן געוויינט ממש מיט טרערן. אַדאַ רוט האָט אַפילו שוין אויפן אָרט אַ ליד פאַרפאַסט, אַזוי ווייט האָט געווירקט אויף איר זיין דערציילונג. אין ליד האָט זיך גערעדט וועגן אויפשטאַנד פון פראָלעטאַריאַט — וועגן צאָרן פון דער מאַסע.

דער יונגער קוואַקער האָט אַ טרייסל געטון מיט זיינע שוואַרצע לאָקן און האָט אָנגעהויבן צו ריידן. ער האָט געהאַלטן אַ רעדע. נאָך איינער אַ רעדאַקטאָר פון אַ סאָציאַליסטישער צייטונג האָט געמאָלדן, אַז ער שרייבט אַ לייטאַרטיקל; ער קען געפּפּין, ער וועט געבן זיין בילד מיט אַן אונטערשריפט „דער אינקוויזיטאָר". ער האָט געוואָלט האָבן פעטערס בילד אויך. פעטער האָט אים צוגעזאָגט זיך צו פאָטאָגראַפירן. אונטער פעטערס בילד וועט זיין אַן אונטערשריפט: „דעם אינקוויזיטאָרס קרבן". פעטער האָט אַפילו נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז אַזוינס אינקוויזיטאָר, פונדעסטוועגן האָט ער מסכים געווען. אָבער די גאַנצע צייט האָט ער ביי זיך נישט אויפגעהערט צו טראַכטן „אָרימע נאַראָנים". וואָס דען זענען זיי געווען ווען נישט קיין נאַראָנים, ווען זיי האָבן געקאָנט אַזוי נאָענט צום האַרצן נעמען פרעמדע צרות?

נאָר מיט אַמאָל האָט פעטער דערפילט עפּעס אַן אומרויקייט. זיין העלדישקייט האָט אים כמעט אויפגעהערט צו פרייען. עס האָט אים אָנגעהויבן צו שרעקן דער געראַנק, אַז זיין נאָמען און זיין געשיכטע וועט פאַרשפּרייט ווערן איבערן גאַנצן לאַנד כדי דער גאַנצער פראָלעטאַריאַט זאָל וויסן, וואָס פאַר אַ מיטלען עס זענען פעיִק אָנצונעמען די לייט פון אייזנבאַן-טרעסט, כדי אַוועקצושיקן אויף דער תליה אַ באַקאַנטן אַרבעטער-טוער!

און מוראדיק גרויס איז די גאַנצע זאַך

אויסגעוואַקסן אין פּעטערס צושראָקענע אויגן. פּעטער, די מוראַשקע, האָט פּלוצלינג דערפילט דעם ריזן־קאַמף, וואָס קומט־פאָר אויף דער ערד. ווי מוראַדיק־גרויסע בערג פאַלן און שיטן זיך איבער זיין קאָפּ.

פּעטער האָט זיך אַליין געפרעגט: צי האָט זיך געפּפּי פאַרטראַכט וועגן דעם, וואָס פאַר אַ טומל עס קאָן אָנמאַכן די גאַנצע געשיכטע? צי האָט ער זיך אָפּגעגעבן אַ רעכענונג, וואָס פאַר אַ כלי־זין ער גיט דערמיט איבער אין די הענט פון זיין שונא? און עס שטעלט זיך אַ פראַגע, אויף וואָס פאַר אַ באַפרידיקונג וואַרט געפּפּי פון פּעטערן, ווען ער האָט מסכים געווען צו שטעלן די גאַנצע זאַך אין אַזאַ גרויסער סכנה?

וואָס מער פּעטער איז געזעסן אין דער קליינער שטיבל, וואָס מער ער האָט זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס מען האָט דאָרטן גערעדט, אַלץ שטאַרקער איז ביי אים געוואָרן דער פאַרלאַנג צו אַנטלויפן פון דאָרטן. קיינמאָל אויף זיין לעבן האָט נאָך פּעטער נישט געזען מענטשן, וואָס זאָלן זיין אַזוי אויפגערעגט, ווי די. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געהערט, מען זאָל אַזוי ריידן, ווי זיי האָבן גערעדט, מען זאָל אַזוי זידלען נישט נאָר די פּאָליציי פון אַמעריקען־סיטי, נאָר דעם געריכט, די פּרעסע, דעם קלויסטער, די הויכשולן — מיט איין וואָרט אַלץ, וואָס איז פאַר אָרנטלעכע בירגער, ווי פּעטער הודזש, הייליק געווען.

פּעטער האָט שוין מער נישט געקאָנט באַהאַלטן זיין אומרויקייט. קיינער האָט זיך אָבער נישט געוווּנדערט. אַ מענטש, וואָס געפינט זיך אין אַזאַ לאַגע ווי פּעטער, קאָן זיך דאָך נישט פילן גאָר רויק. און דער אַדוואָקאַט האָט געזאָגט, אַז ער וויל נעמען פּעטערן צו זיך. אַזאַ וויכטיקער עדות, ווי פּעטער איז אין הובערס פּראָצעס, מוז זיך געפינען אין אַ זיכערן אָרט, די שונאים זאָלן אים נישט אויסשפּירן, ווייל זיי וועלן זיכער וועלן אָן אים נקמה נעמען.

נאָר דאָ האָט זיך שוין פּעטער קענטיק ווידער באַהערשט און ער האָט פון דאָסניי אָנגעהויבן צו שפּילן זיין „בכבודיקע" ראָליע. ניין, ער וועט זיך נישט באַהאַלטן. ער איז גרייט אויף אַלץ, פּונקט אַזוי ווי אַלע אַנדערע חברים. ער האָט נישט מורא פאַר קיינעם.

כעדי טאָז איז ממש נתפּעל געוואָרן פון זיין דרייסטער האַלטונג; זי האָט אים פאָרגעלייגט, ער זאָל בלייבן ביי איר. זיי האָבן אַ פרייען צימער. אויב פּעטער וויל נור בלייבן, וועט זי פון איר זייט טון אַלץ, וואָס נור מעגלעך, אַז פּעטער זאָל צופרידן זיין.

פּעטער האָט מסכים געווען צו בלייבן. ביסלעכווייז האָט דער עולם זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערגיין. די מענער האָבן ביים געזעגענען זיך מיט פּעטערן האַרציק געדריקט זיין האַנט. די פרויען האָבן אים פריינטלעך צוגעשמייכלט, אויסגעדריקט די האָפענונג, אַז ער וועט זיך סוף כל סוף אָנשליסן אָן דער באַוועגונג, און געווונטשן אים, ער זאָל בלייבן מוטיק ביזן סוף.

די רויטע זענען זיך באַנאַנדערגעגאַנגען, ווער מיט געבייטלטע פויסטן, מיט פאַרביסענע ציין, און ווער שטיל פאַרטראַכט, ווי אַזוי אויסצונוצן פּעטערס גע־

שיכטע, כּדי צו וועקן די אומצופֿרידנקייט פֿון דער מאַסע און באַוועגן זי צום קאַמף.

פּעטער האָט זיך צוגעקוקט צו זיי און אין דער שטיל זיך געטראַכט: „נאַרישע מענטשן!"…

14.

זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז די „אָנשטענדיקע" באַלעבאַטישע צייטונגען פֿון אַמעריקאַן־סיטי האָבן זיך נישט געאײַלט צו פֿאַרנעמען זייערע שפּאַלטן מיט די פֿאַנטאַסטישע באַשולדיקונגען, וואָס די רויטע האָבן פֿאַרוואָרפֿן דער פּאָליציי, אַז די לעצטע זאָל בײַ דער אויספֿאָרשונג האָבן געפּייניקט די עדות. אין אַמעריקאַן־סיטי איז אָבער אויך אַרויסגעגאַנגען אַ סאָציאַליסטיש וואָכנבלאַט, און די דאָזיקע צייטונג האָט זיך שוין גראָד זייער ברייט פֿאַרנומען מיט דעם ענין. דאָרטן האָט זיך באַוויזן פּעטערס בילד צוזאַמען מיט אַ לאַנגער באַשרייבונג פֿון אַלע זיינע תּפֿיסה־איבערלעבונגען. נאָך דריי סאָציאַליסטישע צייטונגען פֿון אַנדערע שטעט האָבן זיך אויף דעם אָפּגערופֿן, און אַחוץ דעם האָט נאָך הוּבערס פֿאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט אַרויסגעלאָזן אַן אויפֿרוף, וועלכער איז אין טויזנטער עקזעפּלאַרן פֿאַנאַנדערגעשיקט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד.

דעם אויפֿרוף האָט אָנגעשריבן דאָנאַלד גאָרדאָן, דער יונגער קוואַקער. ער האָט געוואָלט וויסן, אויב אַלע פּרטים זיינען ריכטיק איבערגעגעבן געוואָרן, האָט ער געבראַכט פּעטערן איבערצולייענען די קאָרעקטור. פּעטער האָט געלייענט און האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט, אויב דאָס רעדט זיך טאַקע וועגן אים, איז ער דאָך עפּעס גאָר אַ גאַנצער העלד!

פֿון זיין פֿריערדיקן לעבן האָט זיי פּעטער כּמעט גאָרנישט דערציילט, און לויטן אויפֿרוף האָט ער געזען, אַז די קאָמיטעט־מיטגלידער, וואָס ווייסן עפּעס וועגן דעם, שווייגן אויך. דאָס האָט אים זייער הנאה־געטאָן; ער האָט געשמייכלט צו זיך אַליין און געטראַכט: כיטרע, ווי די פֿוקסן, זענען די דאָזיקע חברה־לייט, פֿאַרשטייען גוט, ווי אויסצונוצן זייערע קאָרטן — און פּעטער האָט דערשפּירט אַ מין געפֿיל פֿון אַכטונג צו זיי. אין אויפֿרוף איז פּעטער געווען פֿאָרגעשטעלט ווי אַן אָרעמער אַרבעטער. פּעטער האָט געשטשירעט מיט די ציין. וואָס דאָס וואָרט „אַרבעטן" באַטייט, האָט ער אַפֿילו יאָ געוווּסט, נאָר ער האָט אַ ייִנגעלייגט אין אים אַ גאַנץ אַנדער אינהאַלט, ווי די סאָציאַליסטן.

די געשיכטע האָט זיך ווייטער פֿאַרשפּרייט. פֿאַרשיידענע מענטשן האָבן זיך געוואָלט באַקענען מיט פּעטערן און זיי פֿלעגן קומען צו אים אַהיים. ווי ווייט עס איז נור מעגלעך געווען, האָט פּעטער זיך באַמיט צו קלייבן ידיעות וועגן זייער באַזוכער. ער האָט זיך אינפֿאָרמירט: ווי מען רופֿט זיי, מיט וואָס זיי באַשעפֿטיקן זיך און וואָס פֿאַר אַ שייכות זיי האָבן צו דער באַוועגונג. געפּפּי האָט אים אָנגעזאָגט, ער זאָל נישט מאַכן קיין שום נאָטיצן, ווייל דערמיט קאָן מען זייער גרינג דורכפֿאַלן. עס איז אים אָבער אוממעגלעך געווען אַלץ צו געדענקען, האָט ער זיך עטלעכע זאַכן אָנגעשריבן

אויף קיינע שטיקלעך פאפיר, און א דערציטערטער פון די גרויסע סודות, — האט ער זיי פארבאהאלטענערהייט איינגענייט אין אונטערשלאק פון זיין רעקל.

א חוץ דעם, וואס ס'פלעגט אים אויסקומען צו מאכן די נאטיצן, איז בכלל זיין שפיצל-מלאכה געווען א גאנץ גרינגע, ווייל די אלע מענטשן פלעגן גאנץ גערן ריידן וועגן זייערע מעשים און קיין שום זאך נישט באהאלטן. צייטנווייז פלעגט זיך פעטער פשוט שרעקן פאר זייער אויפריכטיקייט. די פלעגן ריידן אפן וועגן זייערע איבערצייגונגען נישט נור איינע פאר די אנדערע און אין פעטערס אנוועזנהייט, נאר עפנטלעך, אויף פארזאמלונגען, אין צייטונגען, אין ספעציעלע בלעטלעך, וואס זיי פלעגן ארויסגעבן.

פעטער האט זיך גארנישט פארגעשטעלט, אז די באוועגונג איז אזוי שטארק, אזוי פאנאנדערגעוואקסן. ער האט געמיינט, אז ער וועט האבן צו טאן מיט א געהיימער פארשווערונגס-חברה, אז אים וועט אויסקומען אויסצושפירן איינע אדער צוויי באמבעס, און דא איז אים אויסגעקומען אנצושטויסן זיך אויף אן אמתן ווולקאן!

נאר פונדעסטוועגן האט זיך פעטער געטון זיין זאך. ער האט זיך דערוווסט נעמען און כל המינים פרטים אומגעפער פון א מענטשן פערציק-פופציק פון פארשיידענע שיכטן: צווישן זיי זענען געווען אומבאקאנטע ארבעטער און ארבעטערינס, יידישע שניידער, רוסישע און איטאליענישע פאפיראסן-ארבעטער און אויך עטלעכע „כאלאן-רויטע״, עלעגאנט-אויסגעפוצטע דאמען, וואס פלעגן קומען צופארן אין טייערע אויטאמאבילן און שעהן נאכאנאנד לאזן ווארטן זייערע שאפערס, ביז זיי פלעגן אויסהערן פעטערס מעשיות.

איינמאל האט איינע פון די פיינע דאמען, וואס איז געגאנגען איינגעהילט אין א גראען שלייער און עס האט זייער גוט געשמעקט פון איר, זיך צוגעבויגן צו פעטערן און אריינגערוקט אים 20 חאלאר אין האנט. אפשר נויטיקט זיך פעטער, האט זי שטיל געזאגט. צוקוקנדיק זיך צו דעם אלעם, האט זיך פעטערן ממש דער קאפ פארדרייט. ער איז געקומען צום באשלוס, אז אין דער באוועגונג זענען פארבאהאלטן גרויסע מעגלעכקייטן, און ער האט געקלערט, אז ווען ס'וועט זיך אמאל ענדיקן די מעשה מיט געפפין, וועט ער אפשר גאר אויף א געוויסע צייט ווערן א רויטער.

און דערווייל האט זיך אים ביי די שוועסטער טאד זייער גוט געלעבט. סעי פלעגט יעדן טאג, נאך פאר אכט א זייגער אוועקגיין צו דער ארבעט. פעטער איז נאך דעמאלט געלעגן אין בעט. יזשעני פלעגט בלייבן אין שטוב. זי פלעגט צוגרייטן פאר אים פרישטיק, עפענען זיינע געסט די טיר און בכלל זיך פארנעמען מיט דער שטוביקער באלעבאטישקייט. זי איז געווען א קרענקלעכע. צוויי מאל א וואך פלעגט זי גיין צום דאקטאר זיך היילן דעם רוקן-ביין און די איבעריקע צייט האט זי געדארפט רוען. פונדעסטוועגן האט פעטער זי קיינמאל נישט געזען ארומגייענדיק ליידיק. זי פלעגט שרייבן בריוו, פאנאנדערשיקן צירקולארן, פארקויפן צייטונגען, זאמלען

געלט. און אַז זי האָט שוין גאָרנישט געהאַט, וואָס צו טון, פלעגט זי זיך פאַרנעמען מיט דיסקוסיעס. אָפטמאָל פלעגט זי דיסקוסירן מיט פעטערן און באַמיען זיך צו איבערצייגן אים אין די גערעכטקייט פון אירע בליקן.

אָפט פלעגט זיך פעטער טראַכטן: אומגליקלעך קינד, האָט זיך אַליין איינגערעדט עפעס צרות, וואָס עס ליידט דער פראָלעטאַריאַט, און איז דערפון נעבעך שיִער נישט משוגע געוואָרן. זי האַלט אין איין דאגהן, רוט נישט, נישט ביי טאָג, נישט ביינאַכט. פעטער האָט דאָס נאָרנישט געקאָנט באַגרייפן. רויִקייט איז ביי אים געווען טייערע, ווי אַלץ אין דער וועלט.

דאָרטן, אין איראָפע, זענען מיליאָנען מענער אַריינגעצויגן אין די אַרמייען, הרגענען איינע די אַנדערע. עס איז געווים אַ גרויסער רחמנות אויף זיי, אָבער וואָס העלפט דאָס טראַכטן וועגן דעם? צי דען איז זי, אָדער פעטער שולדיק אין דעם, וואָס ס'איז דאָ אַ מלחמה אויף דער וועלט? און זי, נעבעך, דאָס נאַריש מיידל, מיינט, אַז זי איז דאָ טאַקע די שולדיקע, און אַז אויף איר ליגט אַ חוב אָפצושטעלן די מלחמה. און יעדעס מאָל, ווען זי פלעגט וועגן דעם ריידן — און פעטערן האָט זיך געדוכט, אַז וועגן קיין שום אַנדער זאַך רעדט זי גאָרנישט — פלעגן זיך אירע טיפע, גראָע אויגן אָנפילן מיט טרערן און דאָס קיילעכדיקע געמבעלע פלעגט זיך ביי איר אָנהויבן צו טרייסלען פון פאַרדרוס.

זי האָט זיך געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז מאַכן אַ סוף צו דער מלחמה קאָן נור דער אויפשטאַנד פון איראָפעישן פראָלעטאַריאַט. און זי איז געווען זיכער, אַז דער אויפשטאַנד וועט אויסברעכן גיכער, ווען דער פראָלעטאַריאַט פון אַמעריקאַן-סיטי וועט זיך דער ערשטער אויפהויבן, וועט דער ערשטער ווייזן דעם ביישפּיל.

15.

וועגן דעם אויפשטאַנד פון פראָלעטאַריאַט אין אַמעריקאַן-סיטי האָט דזשעני גערעדט גאַנץ אָפן. און זי אַליין איז שוין, קענטיק, געווען צו אים אינגאַנצן צוגעגרייט. אין די האָר האָט זי געטראָגן אַ רויטן באַנד, אויפן ברוסט אַ רויטע אָפצייכענונג, און אויף די פאַרזאַמלונגען איז זי אַרומגעגאַנגען און האָט פאַרקויפט רויט-געבונדענע בראָשורן. און, — דעם אמת-זאָגנדיק — איז פעטער אייגנטלעך מחויב געווען אָנצוווייזן אויף איר דעם פירער פון דער געהיים-פּאָליציי. דאָס האָט אים אָבער זייער פאַרדראָסן. ער האָט זיך אַפילו אַ ביסל געשעמט אויך. זי איז דאָך געווען אַזאַ ליבע צאַרטע מיידל, און נאָך אַ שיינע אויך דערצו. און ווען זי וואָלט נור נישט געווען אַזוי נערוועיש, וואָלט געווען מיט איר זייער גוט צו פאַרברענגען.

טיילמאָל פלעגט זיך פעטער צו איר צוקוקן, ווען זי פלעגט זיצן ביי איר שרייב-מאַשין. זי האָט געהאַט העלע, זיידענע האָר, גלייכע ווייסע ציין, און אויף אירע בעקלעך פלעגט זיך באַווייזן און פאַרשווינדן אַ צאַרטע רויטקייט. יאָ, זי וואָלט באמת שיין געווען, ווען זי וואָלט נור נישט געגאַנגען אַזוי איינגעבויגן און ווען זי וואָלט, ווי אַנדערע מייד-

לעך, מער אַכט געלייגט אויף אירע מלבושים.

זי האָט אָבער געהאַט אַ חסרון: זי איז תמיד אַרומגעגאַנגען מיט אויפגעשרויפטע, אָנגעצויגענע נערוון. דאָס אַליין וואָלט אפשר נישט געווען אַזוי שרעקלעך; האָט זי אָבער נישט אַנדערש געוואָלט דערפירן צו דעמזעלבן צושטאַנד פעטערן. זי האָט געהאַלטן, אַז די עוולות, וואָס ווערן באַגאַנגען קעגן פּראָלעטאַריאַט, מוזן פעטערן אויפרעגן, פּונקט אַזוי ווי איר. און זי איז געווען זיכער, אַז ווי נור ער וועט ווערן באַוווסטזיניק, וועט דאָס במילא אַזוי זיין.

זי פלעגט אים דערציילן שרעקלעכע זאַכן. זי פלעגט זיך פלייסן, ווי ווייט מעגלעך אַרויסצורופן זיין פּראָטעסט-געפיל, ביז פעטער האָט אָנגעהויבן צו שפּילן אַ ראָליע, ווי ער וואָלט דאָס אַלץ זייער נאָענט גענומען צום האַרצן. ער פלעגט זיך אַפילו מאַכן, אַז ער איז זייער אויפגערעגט.

זי האָט אים אָנגעהויבן צו געבן בראָשורן צום לייענען, און פלעגט אים דערנאָך איבערפרעגן, כדי צו זען, צי ער האָט טאַקע געלייענט.

לייענען האָט פעטער געקענט. דערפאַר האָט שוין געזאָרגט פעריקלעס פריאַם; ער האָט געדאַרפט, אַז פעטער זאָל השגחה געבן, צי ס'ווערן אין די פּראָווינצער צייטונגען רעגולער געבראַכט זיינע צירקולאַרן און אַנאָנסן, וואָס ער פלעגט אַריינשיקן. און דעריבער פלעגט זיך איצט פעטער קאָנען פאַרקלייבן אין אַ ווינקל און אויפמערקזאַם לייענען אַזעלכע זאַכן, ווי דער „אַלף-בית פון סאָציאַליזם", „קאַפּיטאַל אָדער פּראָלעטאַריאַט", אָדער „דער וועג צו דער מאַכט". אויף אַזעלכע נייע, אומבאַקאַנטע זאַכן האָט איצט פעטער געמוזט קאָנצענטרירן זיין אויפמערקזאַמקייט.

פעטער האָט געהאַלטן, אַז קיים פאָדערט זיין געשעפט, אַז ער זאָל זיך באַקענען מיט אַזעלכע זאַכן, העלפט נישט, מוז ער דאָס טון. ער דאַרף ווערן אַ „רויטער", מוז ער קענען ריידן מיט זייער שפּראַך. נאָר פונדעסטוועגן איז אים געווען זייער שווער און לאַנגווייליק. הויפּטזעכלעך האָבן אים געמאַטערט די פאַרשיידענע טעכנישע טערמינען, וועלכע ער האָט קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געהערט. — פאַרוואָס קענען די מענטשן נישט ריידן פשוט מאַמע-לשון? האָט ער זיך געחידושט.

פריער האָט ער געוווּסט, אַז ס'זענען פאַראַן סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן, און ער האָט געמיינט, אַז דאָס איז איינס און דאָסזעלבע. איצט האָט ער זיך דערוווּסט, אַז נישט נור וואָס די דאָזיקע צוויי נעמען באַדייטן צוויי פאַרשיידענע פּאַרטייען, נאָר עס זענען נאָך פאַראַן מלוכה-סאָציאַליסטן, קאָמוניסטן-אַנאַרכיסטן, אַנאַרכאָ-סינדיקאַליסטן, רעפאָרמיסטן, און אַנשטאָט דעם זענען נאָך דאָ פאָרטשריטלעכע, ליבעראַלן און נאָך און נאָך אַנדערע, וועלכע ס'איז גאָרנישט מעגלעך אַרויסצוריידן. און מיט די אַלע האָט זיך דאָס איצט פעטער געמוזט באַקענען, פאַנאַנדערטיילן זיי, קלאַסיפיצירן און אויפמערקזאַם אַריינטראַכטן זיך אין דעם, וואָס זיי ווילן.

— — —

יעדע גרופּע האָט זיך באַמיט אונטער-

צושטרייכן, מיט וואס זי אונטערשיידעט זיך פון דער אנדערער, און האט געטענהט, אז בלויז ביי איר איז דער אמת. פעטערן האבן די אלע מעשיות שרעקלעך געלאנגווייליקט. צי וואלט נישט געווען א סך פשוטער, זיי אלעמען, אזוי ווי זיי שטייען און גייען, מיט האק און פאק, צו רופן „רויטע“ — און פארטיק.

פריער האט פעטער געוווסט איין זאך: די „רויטע“ ווילן צונעמען ביי די רייכע זייער פארמעגן און פאנאנדערטיילן. ווען ער פלעגט זיך נור נישט פאנאנדערברעגן וועגן די „רויטע“, פלעגט ער אלע מאל באקומען די האזיקע תשובה. איצט האט ער זיך דערוווסט, אז די זאך איז נישט אזוי פשוט. די, למשל, צו וועלכע דזשעני האט געהערט, האבן גאר פארלאנגט, אז די מלוכה זאל איבערנעמען די גאנצע אינדוסטריע אין אירע הענט, אדער די פראפעסיאנעלע פאריינען, דאס הייסט אייגנטלעך — אלע ארבעטנדיקע. און כדי צו באווייזן, אז די מלוכה איז מסוגל אנצופירן מיט דער אינדוסטריע, פלעגן זיי ברענגען אלס ביישפילן די ארמיי, דעם פלאט, די פאסט א. אז. וו. און דזשעני פלעגט יעדעס מאל זאגן: — וואס, ס'איז דען נישט אזוי? און פעטער פלעגט ענטפערן: יא, ס'איז אזוי.

ביי זיך אין הארצן פלעגט אבער פעטער תמיד בלייבן ביי דאס זייניקע. יעדע מינוט ווערט געבוירן א נייער הילפלאזער מענטש, און, ווי מען זאל די וועלט נישט איינארדענען, וועלן זיך תמיד געפינען מענטשן, וואס ווילן לעבן אויף יענעמס חשבון. ווען מ'זאל נעמען, למשל, טאקע דיזעלביקע דזשעני. זי איז תמיד גרייט זיך מקרב צו זיין אדער פאר איר משוגענער אידייע, אדער סתם פארן ערשטן בעסטן, וואס קומט איר דערציילן פון זיינע צרות. נו, צי דען איז דאס מעגלעך, אז ס'זאל זיין אזא וועלט, ווו עס זאל זיך נישט געפינען איין מענטש מיט א נארמאלן אפעטיט, פאר וועמען זי זאל קענען זיין א געשמאקער ביסן?

א גאנצן טאג פלעגט פעטער זיין מיט איר איינער אליין. וואס נענטער ער האט זיך מיט איר באקענט, אלץ שענער האט זי אים אויסגעזען. ס'איז אויך קענטיק געווען, אז וואס בעסער פעטער שפילט זיין ראליע, אלץ נענטער ווערט זי צו אים.

און פעטער האט אנגעהויבן צו לאזן זיך גיך איבעררעדן, ארויסצווייזן א גרויסע סימפאטיע פאר דער באוועגונג, האט אויף אלץ גענומען קוקן מיט דזשעניס אויגן: פלעגט זיך געוואלטיק איפערן, ווען זי פלעגט אים דערציילן עפעס א שרעקלעכע געשיכטע, ער איז תמיד גרייט געווען צו שטעלן זיך איר צו דינסט, מיטהעלפן איר ארגאניזירן דעם אויפשטאנד פון פראלעטאריאט אין אמעריקאן-סיטי און א סוף צו מאכן מיט דער מלחמה.

ער האט איר אויך אנגעהויבן צו דערציילן פון זיך, האט איר געשילדערט זיין אומעטיקן שווערן לעבן און האט זיך באמיט ארויסצורופן איר מיטגעפיל. ווען זי פלעגט וויינען פון זיינע צרות, האט דאך אים זייער הנאה-געטון. דאס איז געווען ביי אים א מין ארט באפרידיקונג פאר דעם אומעט, וועלכן זי פלעגט אניאגן אויף אים מיט איר מיטגעפיל, וואס זי פלעגט ארויסווייזן צום פראלעטאריאט.

פעטער האָט נישט געוווּסט, צי דזשעני האָט שוין געהערט פון עמיצן וועגן זיין טונקעלער פאַרגאַנגענהייט. ער האָט מורא־געהאַט צו ריזיקירן און האָט באַשלאָסן אַליין אַלץ צו דערציילן. ער האָט געהאָפט, אַז אַזוי־אַרום וועט זיך אים איינגעבן צו באַזייטיקן דעם גיפט פון די פאַקטן. יאָ, ער איז טאַקע געגאַנגען אויף אַ שלעכטן וועג, אָבער דאָס איז נישט געווען זיין שולד, ער האָט אַנדערש נישט געקענט, ער איז געווען אַן אומגליקלעכער קרבן פון די געשאַפענע באַדינגונגען.

ער האָט דערציילט, ווי דער אַלטער דרוב פלעגט אים שלאָגן, ווי ער פלעגט אים לאָזן ממש אויסגיין פון הונגער, און אין דזשעניס גרויסע אויגן פלעגן אָנהייבן בלישטשען טרערן און ביסלעכווייז זיך אַראָפּקייקלען פון אירע באַקן. ער האָט איר געשילדערט די שרעקלעכע בענקשאַפט, וואָס האָט אים געמאַטערט אין יתומים־הויז.

נו, און שפּעטער שוין, — פון וואַנען האָט ער, אַן אומגליקלעך יונגל, געקאָנט וויסן, אַז ס׳איז אַ פאַרברעכן צו אַרבעטן ביי פּעריקלעס פריאַם? ער האָט דאָך נישט געוווּסט,, צי איז די רפואה אַ גוטע, צי אַ שלעכטע — ער ווייס דאָס נאָך ביז היינטיקן טאָג נישט. און וואָס איז שייך דעם טעמפּל דזשימדזשיאַמבאָ, — האָט ער דאָרט בלויז טעלער געוואַשן. ער איז געווען אַ קיך־דינער, פונקט אַזוי גוט האָט ער געקאָנט זיין אין אַן אַנדער רעסטאָראַן, אָדער אין אַ האָטעל.

בכלל איז פאַר פעטערן געווען זייער אַ גרינגע זאַך צו באַפּוצן די גאַנצע געשיכטע, ווייל דזשעני האָט דאָך געהאַלטן שטאָל און אייזן פונם כלל, אַז אין אַלע מענטשלעכע חטאים זענען שולדיק די עקאָנאָמישע באַדינגונגען. דאָס איז געווען איר געבאָט, און דער דאָזיקער געבאָט האָט געעפנט ברייטע מעגלעכקייטן פאַר יעדן שווינדלער, וועלכער האָט נור חשק געהאַט אויסצונוצן איר צוטרוי און האָט זי געוואָלט מאַכן פאַר אַן אָביעקט פון זיינע שווינדלערייען.

צייטנווייז פלעגט זיך פעטער אַפילו אַ ביסל שעמען, וואָס ער נאַרט איר אַזוי אָפּ. איצט איז דאָך פונדעסטוועגן עפּעס גאָר אַן אַנדער צייט, ער האָט זיך דאָך עפּעס פאָרט צוזאַמענגעטראָפן מיט איר אויף זיין וועג צו העכערע צילן — און אַחוץ דעם איז זי געווען יונג, האָט געהאַט צאַרטע, גרויסע אויגן, צוציענדיקע שיינע ליפּן, און זיי זענען דערצו אַ גאַנצן טאָג געווען אַליין אין שטוב.

16.

אַזוי ווי פעטערס לעבן בכלל, אַזוי האָבן אויך ביז איצט אויסגעזען זיינע ליבעס־אַנגעלעגנהייטן. האָפענונגען, שיינע חלומות זענען געווען עד־בלי־די. עס איז אָבער פון זיי כמעט גאָרנישט מקוים געוואָרן. דאָס הייסט אָבער נישט, אַז פעטער האָט וועגן די דאָזיקע ענינים געהאַט קנאַפּע ידיעות.

ווען ער איז נאָך גאָר אַ קינד געווען שוין אין יתומים־הויז, איז אים אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט זייער אַ סך אויסגעלאַסנקייט, און שוין דאָרטן האָט ער באַוויזן זיך מתחתן צו זיין מיט אומריינע נאַכט־פאַנטאַזיעס. דערנאָך, ביי פּעריקלעס פריאַם איז אויך געווען גע־

זען וואָס צו זען. פריאַם האָט געפירט אַ לעבן, ווי אַ טראַדיציאָנעלער מאַטראָז, וועלכער האָט אין יעדן האַפן־שטאָט אַ מיידל. ס׳רוב פלעגט פּעטערן אומעטום אויסקומען צו זיין דאָרטן, ווו פעריקלעס פריאַם איז געווען, און ער איז אַזוי־אַרום געוואָרן אַ שטענדיקער עדות פון אַלע זיינע באַציִונגען מיט פרויען, און דער פאַרטרויענס־מענטש פאַר אַלע זייַנע ליבעס־געשעפטן.

אָבער קיינע פון פריאַמס פרויען און מיידלעך האָבן זיך קיינמאָל אויף פּעטערן נישט אומגעקוקט. לכתחילה איז ער דאָך נאָך גאָר אַ קינד געווען; דערנאָך, אַז ער איז אויסגעוואַקסן, האָט אויפגעהערט אַ קינד צו זיין, איז געוואָרן אַ יונגער בחור, וואָס פלעגט אַרומגיין אַן עלעקטריזירטער פון דער ברענענדיקער תאווה, וואָס האָט אים געמאַטערט, האָבן זיי אים פונדעסטוועגן נאָך אַלץ נישט באַמערקט. און וואָס איז דער חידוש, צוליב וואָס האָבן זיי דאָס געדאַרפט טון? וואָס האָט פּעטער מיט זיך פאָרגעשטעלט? ער האָט נישט געהאַט נישט קיין געלט, נישט קיין פּאַסיקע שטעלע און נישט קיין חן. פשוט גערעדט: ער איז געווען אַ לאָ־יוצלח, און אַ חוץ גלייכגילטיקייט און חוזק, האָט ער פון פרויען מער גאָר נישט געקאָנט דערוואַרטן.

נאָכדעם איז ער אָנגעקומען אין טעמפּל פון דזשימדזשאָמבאַ, און דאָ האָט ער שוין געהאַט אַ באמת־ערנסטע איבערלעבונג, וואָס האָט שיִער נישט געמאַכט אַ תל פון אים. ער האָט זיך פאַרליבט איבערן קאָפּ מיט אַ מוראדיקער ליידנשאַפט.

אין טעמפּל האָט געאַרבעט אַ שטובמיידל, דאָס איז געווען אַ וווּנדערבאַר באַשעפעניש. געשטאַמט האָט זי פון גריִנעם אינזל. האָר האָט זי געהאַט רויט, ווי דער זון־אויפגאַנג, באַקן — ווי עפּל, און אַ געלעכטער, פון וועלכן ס׳פלעגן זיך טרייסלען אַלע שליסלען אין קיך. און זי פלעגט תמיד לאַכן. זי פלעגט פאַרלאַכן אַלץ און אַלעמען: פּעטערן, דעם מאַיאָרדאָמוס און די אַלע איבעריקע מאַנסבילן, וועלכע פלעגן פרוּוון אַרומנעמען איר טאַליע. בלויז איין מאָל אָדער צוויי מאָל אין חודש פלעגט זי באַוויליקן זיי דאָס צו דערלויבן. ערשטנס, כדי זיי אינגאַנצן נישט אָפּצוגעוויינען פון זיך, און צווייטנס — כדי טאַקע אַליין אין זיך אויך נישט צו פאַרגעסן.

דער איינציקער פאַוואָריט אירער, איז געווען דער וועשער. און דאָס איז געווען צוליב אַ גאַנץ פּשוטער סיבה: יעדן זונטאָג איז דער יונגערמאַן מחויב געווען צו באַשטעלן אַן אויטאָמאָביל. נעלל, אַן אויסגעפּוצטע אין עסיק און אין האָניק, פלעגט זיך מיט ברייטקייט אין אים אַריינזעצן מיטן וועשער און זיי פלעגן ביידע אַוועקפאָרן פאַרברענגען, און וואָס דער וועשער האָט פאַר דער וואָך פאַרדינט, פלעגט ער אין דעם איין זונטאָג מוזן אויסגעבן.

דערוויסן זיך וועגן דעם, איז נישט שווער געווען, ווייל מאָנטאָג אין דערפרי פלעגט נעלל אַלץ דערציילן.

— אַך, ווי גוט איך האָב זיך געוויילט! — פלעגט זי לאַכן אַ צופרידענע און אָנהייבן איבערצורעכענען אַלץ, וואָס זי האָט זיך פאַר דעם זונטאָג אָנגעזען: די פאַרשיידענע שפּילן, די לופט־וויגן,

די שיס-בילדלעך, דערנאָך די טאַטוירטע מענטשן, די פינף-פיסיקע קאַלב, אַ פרוי אַ האַלבער מאַנסביל, און אַ דרויץ אַלץ — דעם זעלטענעם קרעם-אייז, וואָס זי האָט געגעסן. און די גאַנצע צייט, וואָס זי פלעגט דערציילן, פלעגן טאַנצן די שיסעלעך פון איר געלעכטער.

יאָ, זי איז געווען אַ וווּנדערבאַר באַשעפעניש. און פּעטער האָט טאַקע באַלד דערפילט, אַז מער ווי אַלץ אין דער וועלט וואָלט ער געוואָלט האָבן אַזאַ עלעגאַנטע פריינדין ווי נעלל. ער האָט אָבער אויך באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס קאָן מקוים ווערן נור דאַמאָלסט, ווען ער וועט האָבן געלט. אַזאַ מיידל וועט אין אייער ווינקל נישט קוקן, ווען איר וועט נישט האָבן דעם גראָשן. דאָס האָט שוין פּעטער געוווּסט פון זיין ביטערער דערפאַרונג. טאָמער האָט זי איין איינציקן מאָל מסכים געווען אַרויסצוגיין מיט אים, האָט ער גע'פטרט אויף איר אַלץ, וואָס ער האָט אָפּגעשפּאָרט אין משך פון זעקס חדשים. פאַרשטייט זיך, אַז אַזוי פיל געלט מיט אַמאָל האָט פּעטער נישט געקאָנט אויסגעבן מיט אַ לייכטן געמיט, און דאָס איז אים שווער געווען פון איר צו פאַרבאָרגן. פון דעמאָלט-אָן האַלט זי אים פאַר אַ קמצן, און וויל מיט אים קיין מגע-ומשא נישט האָבן.

ווען די פּאָליציי איז באַפאַלן דעם טעמפּל, איז נעלל אויך ערגעץ נעלם געוואָרן. פּעטער האָט נישט געוווּסט, ווו זי איז אַהינגעקומען און וואָס פון איר איז געוואָרן. ער האָט זי אָבער נישט פאַרגעסן. נאָך עד-היום האָט ער געבענקט נאָך איר, און טייל מאָל פלעגט זיך אים פאָרשטעלן, ווי נעלל זיצט אין תפיסה פאַרשפּאַרט, און ער, אַדאַנק זיינע פאַרבינדונגען, קומט און באַפרייט זי און פירט זי אַוועק ערגעץ ווייט, ווייט, אַז דער וועשער זאָל זי נישט קאָנען געפינען...

דאָס זענען אַלץ געווען חלומות, פאַנטאַזיעס. זיי זענען דאָך אָבער נישט בכח געווען צו פאַריאָגן דאָס פאַקטישע לעבן. היינט צו טאָג האָט פּעטער געלעבט ביי די צוויי שוועסטער טאָד; — ווי אַזוי האָבן זיך די האָזיקע צוויי מיידלעך באַצויגן צו די טיפע סודות פון ליבע?

פּעטער האָט דאָס זייער געוואָלט וויסן, און ס'איז אים נישט לאַנג אויסגעקומען צו וואַרטן, ביז וואַנען ער האָט זיך דערוווּסט.

.17

געפּפּי האָט אָפּגערעדט מיט פּעטערן, אַז סוף וואָך זאָל ער זיך צוזאַמענטרעפן מיט איינעם פון זיינע פאַרטרויונגס-מענטשן. ווען עס איז געקומען די צייט, האָט פּעטער געזאָגט די מיידלעך, אַז ער וויל אַ ביסל אַרויסגיין אויף דער פרישער לופט; עס איז אים שוין נמאס געוואָרן צו זיצן אין שטוב, ווי אַ געפאַנגענער.

— ניין, הער הודוש, איך בעט אייך זייער, טוט דאָס נישט, עס איז אַ גרויסע סכנה פאַר אייך. — האָט סעדי געזאָגט און איר פאַר'דאַגעט, אויסגעמאָגערט פּנים איז פּלוצלינג נאָך מער פאַר'דאַגעט און אויסגעצויגענער געוואָרן.

— וואָס איז, איר ווייסט דען נישט, אַז דאָס הויז ווערט באַוואַכט, אַז זיי זוכן נאָר אַ געלעגנהייט אייך צו כאַפּן, ווען איר וועט

זיין איינער אַליין. און ווער ווייסט, צי וואָלט איך דאַמאָלסט נישט גערדאָט דער טויט?

— איך בין נאָך פונדעסטוועגן נישט אַזאַ מין וויכטיקע פערזאָן — האָט פעטער ענטפערט.

— איר זייט זייער אַ וויכטיקע פעראָן — האָט זי אים איבערגעשפאַרט: — צי ווייסט איר דען נישט, וואָס פאַר אַ וויכטיקער עדות איר זייט אין דעם הובער-פּראָצעס? און דאָס איז דאָך נישט סתם אַזוי אַ פּראָצעס. מיט דעם דאָזיקן פּראָצעס אינטערעסירן זיך דאָך מיליאָנען מענטשן פון דער גאַנצער וועלט. ער איז דאָך געוואָרן אונזער פּרובירשטיין, צי מיר פאַרמאָגן גענוג קרעפטן, כדי נישט צו דערלאָזן די היינטיקע מושלים אומגעשטערט צו טויטן אַרבעטער-טוער? איצט איז דאָ אַ געלעגנהייט צו באַווייזן, אַז די לוין-שקלאַפן האָבן אויסגעוואַקסט, אַז זיי פירן אַ קאַמף פאַר זייער רעכט, אַז ס'עקזיסטירט אויף דער וועלט אַ מעכטיקע באַוועגונג פון אַלע אַרבעטנדיקע...

נאָר דאָ האָט זי פעטער פּלוצלונג איבערגעריסן:

— נו, גוט, זאָל זיין אַזוי. — עס איז אים דערעסן געוואָרן איר לאַנגע דרשה, הגם זי האָט גערעדט ספּעציעל, כדי אונטערצושטרייכן זיין וויכטיקייט, און דאָס האָט אים, געוויינלעך, דייער הנאה געטון. אין געגעבענעם פאַל איז דאָס אָבער פאַר אים נישט געווען באַקוועם. ער האָט אָבער ווייטער אָנגעצויגן אויף זיך די מאַסקע פון אַ מאַרטירער און האָט געזאָגט בתמימות:

— עס איז דאָך מיין חוב דאָ צו זיין, און ווען אַפילו ס'וואָלט אויסגעקומען קראַנק צו ווערן אויף שווינדזוכט און שטאַרבן, איז אויך פאַרפאַלן. וואָס קאָן מען זיך העלפן?

און בשערת-מעשה האָט ער ביי זיך אַליין געטראַכט: ווי גרינג עס איז צו שפּילן די ראָליע פון אַ מאַרטירער. און באַרויך גערעדט, האָט טאַקע דער אויסגעדאַרטער, צעבויגענער פעטער, אין זיינע אַלטע, אָפּגעניצטע בגדים אויסגעזען נישט בעסער פון אַן אַנדער מאַרטירער.

סעדי און דושעני האָבן אים באַטראַכט און אָפּגעזיפצט מיט דערלייכטערונג.

שפּעטער איז פעטער איינגעפאַלן אַ פּלאַן און ער האָט אים גלייך איבערגעגעבן סעדין:

— אַרויסגיין וועט ער ביינאַכט, דורך דער הינטער-טיר, און גיין וועט ער בלויז דורך די שוואַכבאַלויכטענע גאַסן, אַזוי אַז קיינער וועט אים זיכער נישט דערקענען. ער וואָלט דאָס געוויס נישט געטון, נאָר ער מוז אויפזוכן זיינעם אַ באַקאַנטן, וואָס איז אים שולדיק געלט. ווייטער, אַז עמיצער זאָל אים באַגלייטן, וויל ער אויך נישט, ווייל דאָס איז זייער אַ ווייטער וועג. יענער וווינט אין צווייטן עק שטאָט.

זיין פּלאַן איז אָנגענומען געוואָרן. נאָך דעמזעלביקן אָוונט איז פעטער אַריבערגעקראָכן דעם פּאַרקאַן פון שכנותדיקן הויף און האָט זיך אַוועקגעלאָזן אין גאַס.

פאָרזיכטיק האָט ער זיך געשלייכט דורך די מאַסן דורכגייער און אַרומגעקוקט זיך אין אַלע זייטן, צי באַגלייט אים אַמאָל נישט אויף זיין געהיימער

נסיעה עמיצער פון די „רויטע", וועלכער גלייבט נישט צו שטאַרק אין זיין „חבר־שאַפט".

דער טרעף־פונקט איז געווען איינער פון די ביליקע האָטעלן „אַמעריקען־הויז". אַהין האָט פעטער געדאַרפט אַריינגיין, אויפהייבן זיך מיט דער ווינדע אויפן פערטן שטאָק און אָנקלאַפּן דריי מאָל אין צימער נומער 427. ער האָט געטון אַזוי ווי ס׳איז אָפּגערעדט געווען. די טיר האָט זיך באַלד געעפנט און פעטער האָט זיך אַריינגערוקט אין צימער און אַרומגעקוקט. ביי אַ טישל איז געזעסן מיסטער יעזשי ג י ו נ י י מיט אַ פּנים פון אַן אמתן שטשור.

— נו, וואָס האָט איר צו דערציילן? — האָט גיוניי געפרעגט.

פעטער האָט זיך אַוועקגעזעצט אַ פאַרסאָפּעטער און אָנגעהויבן מיט ציטערדיקע פינגער פאַנאַנדערטרענען דעם אונטערשלאַק פון זיין רעקל. ענדלעך האָט ער אַרויסגעשלעפּט זיין פּעקל נאָטיצן, די נעמען און פאַרשיידענע אַנדערע ידיעות וועגן זיינע באַזוכער.

מיסטער גיוניי האָט אַ כאַפּ־געטון די פּאַפּירלעך, האָט זיי האַסטיק דורכגעוואָרפן מיט די אויגן און האָט אָנגעהויבן צו קוועטשן מיט די פּלייצעס:

— גאָט מיינער! — צו וואָס האָט איר מיר דאָס געגעבן? אויף וואָס דאַרף איך דאָס?

— דאָס זענען אַלץ נעמען פון לויטער רויטע! — האָט פעטער געגעבן צו פאַרשטיין.

— דאָס ווייס איך. אָבער אויף וואָסער שוואַרץ־יאָר דאַרף איך דאָס? די מענטשן קאָנען מיר דאָך יעדן אָוונט הערן אויף פאַרזאַמלונגען. מיר האָבן ביי זיך די נעמען פון אַלע וויכטיקע מיטגלידער. וואָס האָט איר צו דערציילן וועגן דעם ענין הובער?

— זיי הערן נישט אויף צו אַגיטירן; אַלץ, וואָס איך האָב זיי דערציילט, האָבן זיי אָפּגעדרוקט.

— דאָס ווייסן מיר, — האָט גיוניי אונטערגעבראָכן: — אַ שיינע געשיכטע האָט איר זיי דאָרט אָנגעפּלאָנטערט. קענטיק, אַז איר האָט נישט פיינט זיך דורכצושמועסן. מיר דאַרפן דאָס אָבער אַלץ אויף צען טויזנט כּפּרות.

— וואָס־זשע, אייגנטלעך, ווילט איר וויסן? — האָט פעטער געפרעגט אַ צעטראָגענער.

— מיר דאַרפן וויסן די געהיימע פּלענער פון דער באַנדע: צי האָבן זיי זיך אַמאָל נישט צוגעשאַרט צו אונזערע עדות, און הויפּטזעכלעך, ווער עס גיט אונז אַרויס, ווער איז זייער שפּיאָן אין תּפיסה. וועגן דעם קאָנט איר עפּעס דערציילן?

— ניין, — האָט פעטער געזאָגט, — וועגן דעם האָט מען קיין וואָרט נישט גערעדט.

— נו, ווי געפעלט ער אייך, — האָט זיך דער דעטעקטיוו אָפּגערופן: — צי דען מיינט איר טאַקע, אַז איר דאַרפט זיצן און וואַרטן ביז מען וועט אייך אַלץ אונטערטראָגן אויף זילבערנע מאַצן?

ער האָט ווידער גענומען אין האַנט פעטערס נאָטיצן, האָט זיי אָבער באַלד מיט כּעס אַ שליידער־געטון אויפן בעט און האָט אָנגעהויבן אַזוי פאַנאַנדערצופּרעגן

פּעטערן. אָבער וואָס מער ער האָט געפרעגט, אַלץ מער איז פּעטער צעטומלט געוואָרן; ער האָט שיִער נישט געפּלאַצט פון פאַרדרוס. ער האָט נישט געקאָנט געבן קיין איין תשובה אויף די פראַגן, וואָס גיוניי האָט אים געשטעלט. די גאַנצע וואָך „אַרבעט" איז געגאַנגען פאַרלוירן.

— ס'איז קלאָר ווי דער טאָג — האָט דער דעטעקטיוו געזאָגט אָן קונצן, — איר זייט אַן אידיאָט. מיר מוזן אָבער פּרוּוון. אפשר וועט מען עפּעס פאָרט קאָנען מאַכן פון אײַך. שווייגט און הערט זיך אײַן מיט קאָפּ, וואָס איך וועל אײַך איצט זאָגן: מיר קענען די „רויטע" און ווייסן, וואָס זיי ווילן; דאָס איז נאָך אָבער ווייניק. דאָס גיט אונז נישט קיין גרונט זיי אַרײַנצוּוואַרפן אין תפיסה. היינט צו טאָג מוזן מיר דערגיין דעם נאָמען פון זייער שפּיאָן, און אַחוץ דעם דאַרפן מיר וויסן, ווער עס זענען זייערע עדות און וואָס זיי וועלן זאָגן אויפן געריכט.

— ווי קאָן איך זיך דערוויסן אַזעלכע זאַכן?

— דערוויסן זיך קאָן מען אַלץ, מען דאַרף בלויז אַרבעטן מיט שכל. נאָר איך קאָן אײַך געבן אַן עצה: קודם־כל מוזט איר זען צו קריגן אַ מיידל.

— אַ מיידל? — האָט פּעטער געפרעגט אַ פאַרחידושטער.

— יאָ, אין דעם שטייגער אַרבעטן מיר תמיד. און געפּפּי זאָגט אַפילו, אַז ס'זענען פאַראַן בלויז דריי פאַלן, ביי וועלכע מען קאָן פון די דאָזיקע מענטשן אַרויסקריגן דעם אמת: ערשטנס, ווען זיי זענען שיכור, צווייטנס, ווען זיי זענען פאַרליבט — און מיסטער גיוניי האָט זיך אָפּגעהאַלטן.

פּעטער אָבער, וועלכער האָט געוואָלט וויסן די זאַך מיט אַ גרונט, האָט געפרעגט:

— און דריטנס?

— דריטנס, ווען זיי זענען גלייכצייטיק אי שיכור, אי פאַרליבט.

פּעטער איז געזעסן מיט אַן איינגעהאַלטענעם אָטעם. די שפּיצל־מלאכה איז אים פאָרגעקומען וואָס אַמאָל אַלץ מער קאָמפּליצירטער און אינטערעסאַנטער.

— צי דען געפעלט אײַך נישט קיינע פון די מיידלעך, מיט וועלכע איר האָט זיך דאָרט באַגעגנט? — האָט יענער געפרעגט.

— אפשר יאָ — האָט פּעטער געענטפערט אַ ביסל פאַרשעמט.

— מיט זייערע מיידלעך דאַרף דאָס נישט זײַן קיין גאָר שווערער ענין. — די רויטע האַלטן האָך אַלע פון פרייער ליבע. —

— פרייע ליבע! — האָט פּעטער אַ געשריי־געטון, — וואָס, אייגנטלעך, מיינט איר דערמיט צו זאָגן?

— אַזוי גאָר! אַפילו דאָס ווייסט איר נישט? — האָט זיך דער דעטעקטיוו פאַנאַנדערגעלאַכט.

פּעטער האָט אויף אים אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגן. אַלע פרייען, וואָס פּעטער האָט געקענט אָדער פון וועלכע ער האָט געהערט, האָבן אַלע פאַר זייער ליבע גענומען געלט. ווער מיט מזומן און ווער מיט זיסע זאַכן, מיט בלומען, מיט טעאַטער־בילעטן, מיט דורכפאָרן זיך אויף אַן אויטאָמאָביל. קאָן דאָס זײַן, אַז עס

זאָלן זיך געפינען אַזעלכע פרויען, וועלכע נעמען אין קיין שום פאָרם קיין געלט נישט? וועמענס ליבע עס איז טאַקע באמת פריי?

— שמעלט זיך פאַר, אַז אַזוי איז עס. די רויטע באַרימען זיך אַפילו דערמיט. זיי האַלטן, אַ סברא, אַז ס'מוז גאָר זיין אַזוי.

אַלץ אין דער וועלט וואָלט פעטער געגלייבט אויף די רויטע. נאָר דאָס איז שוין פאַר אים געווען אַזאַ מין נייעס, וועלכע האָט איבערגעשטיגן אַלץ, וואָס ער וואָלט זיך נור געקאָנט פאָרשטעלן. עס איז אים אָבער גלייך אַרויף אויפן זינען, אַז ס'איז גאָרנישט אַזוי שלעכט; ווען מ'זאָל דאָס נעמען באַטראַכטן פון מענערשן שטאַנדפונקט, איז דאָס געוויס אַ גוטע זאַך, דאָס קאָן פאַרשפּאָרן זייער אַ סך געלט. אויב די פרויען זאָלן נור וועלן זיין אַזעלכע נאַראָנים — אין דאָ איז אים פלוצלונג אַריינגעפאַלן אין זינען דזשעני טאָד. יאָ, זי וועט זיכער זיין אַזאַ שוטה, דאָס איז קלאָר ווי דער טאָג, זי גיט במילא אַוועק אַלץ, וואָס זי האָט נאָר. זי וועט אָן שום ספק זיין פון די „פרייליבנדיקע".

פעטער איז אַוועקגעגאַנגען פון מיסטער גיוניי מיט אַ פולן קאָפּ נייע געדאַנקען. קיין שום זאַך אין דער וועלט וואָלט אים איצט נישט געקאָנט צווינגען אַוועקצוּוואַרפן זיין נייע מלאכה. גאָר אַן אויסנאַם פון אַ פאַך!

פעטער איז גאַנץ שפּעט געקומען אַהיים, אָבער ביידע מיידלעך זענען נאָך נישט געשלאָפן, און ער האָט באַמערקט, אַז ווען ער איז אַריינגעגאַנגען, האָבן זיי זיך ביידע דערפרייט. דזשעניס געזיכט האָט אָבער אויסגעדריקט מער פרייד ווי איר שוועסטערס, און דאָס האָט דערוועקט ביי פעטערן עפּעס אַ מאָדנע געפיל. עס האָט אים אַ ציי-געטון צוצוגיין צו איר און באַרויקן זי. ער האָט אָבער אונטערגעדריקט ביי זיך דעם האָזיקן געפיל. ער האָט זיך גראַד געווענדעט צו דער עלטערער שוועסטער און האָט איר געזאָגט, אַז קיינער איז אים נישט נאָכגעגאַנגען. דערנאָך האָט ער זיי ביידן דערציילט אַ לאַנגע געשיכטע, וואָס ער האָט אָקאָרשט אויפן וועג אויסגעטראַכט; ער האָט אַמאָל ביי איינעם געהאַקט האָלץ, זייער שווער געאַרבעט, דערנאָך איז ער אַוועקגעגאַנגען און יענער האָט אים נישט געוואָלט באַצאָלן. היינט האָט אים פעטער געפּאַקט אין דער היים און האָט אַרויסגעקראָגן ביי אים פינף דאָלאַר. דאָס איבעריקע האָט ער אים צוגעזאָגט אויסצוצאָלן צו עטלעכע דאָלאַר אַ וואָך. דאָס האָט עס געזאָלט זיין דער תירוץ פאַר די ווייטערדיקע וויזיטן, וואָס פעטערן וועט אויסקומען צו מאַכן ביי מיסטער גיוניי.

18.

פעטער האָט אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט איינשלאָפן. ער האָט געטראַכט וועגן דער נייער אויפגאַבע, וואָס ער האָט פאַר זיך. ער מוז אומבאַדינגט האָבן אַ געליבטע. שוין אַ פּאָר טעג ווי ער פילט, אַז ער וואָלט זיך געקאָנט פאַרליבן אין דער קליינער דזשעני. ס'איז דאָך אָבער נישט אַזאַ זאַך, וואָס עס לאָזט זיך אַזוי איילנדיק באַשליסן. אין דעם פאַל מוז ניכטער און פּראַקטיש געהאַנדלט ווערן.

דאָ גייט דאָך נישט וועגן אַ מיידל. דער הויפּט-ציל איז דאָך — דאָס אַרויסקריגן די נייטיקע אינפאָרמאַציעס. און דאָ שטעלט זיך אַ פראַגע: ווער פון די מיידלעך ווייס אַממערסטן זייערע סודות?

איבערקלייבנדיק אין קאָפּ די אַלע מיידלעך, מיט וועלכע אים איז אויסגעקומען זיך דאָ צו באַגעגענען, איז אים אַרויף אויפן זינען דעם אַדוואָקאַט ענדריוס סעקרעטאַרין, די פרייליין נעבבינס; זי ווייס אָן שום ספק מער סודות ווי די אַלע איבעריקע. נעבבינס איז אָבער אַן אַלטע מיידל, וואָס טראָגט ברילן און ברייטע שיך און בכלל איז עפּעס שווערלעך פאָרצושטעלן, אַז דאַמאָלסט, ווען מ'רעדט וועגן ליבע, זאָל זי קאָנען גענומען ווערן אין באַטראַכט.

דערנאָך האָט ער זיך דערמאָנט אָן דער פרייליין סטאַנדיש. זי איז שוין גראָד געווען אַ שיינע, אַ שלאַנקע בלאָנדע מיידל, אַ מיטגליד פון דער סאָציאַליסטישער פאַרטיי און האָט געאַרבעט אין אַ פאַרזיכערונגס-געזעלשאַפט.

— דאָס איז אַן עלעגאַנט מיידל — האָט זיך פּעטער געטראַכט, — מיט איר האָלט זייער אָנגענעם געווען צו באַווייזן זיך פאַר גויים חברה-לייט. עס איז אָבער זייער אַ שוואַכע האָפענונג, אַז אַזאַ מיידל זאָל וועלן האָבן אַן עסק מיט אים; ער האָט זיך דערמאָנט אָן נאָך איינער, אַ פרייליין יאַנקאָוויטש, אַן אמתע רייטע. זי איז אָבער אַ יידיש-קינד און האָט אַ פּאָר שוואַרצע, קאָכיקע אויגן, וואָס ווייזן אַרויס אַזאַ טעמפּעראַמענט, אַז פּעטער האָט פּשוט מורא פאַר זיי. דערצו איז זי נאָך, דוכט זיך, גאַנץ נאָענט מיט מיסטער קאָרמיק. און אפשר האָט ער אַ טעות — אַזעלכע זאַכן איז זייער שווער צו וויסן ביי מענטשן, וואָס האַלטן פון פרייער ליבע.

בלויז מיט איין מיידל האָט פּעטער געקאָנט אינגאַנצן זיכער זיין — דאָס איז געווען די קליינע דזשעני. ער איז נישט זיכער, אויב דזשעני ווייס אַ סך סודות, אָבער לכל-הפחות עטלעכע, וועט ער דאָך פון איר זיכער אַרויסקריגן. און דערנאָך, קוים וועט זי שוין נאָר זיין געליבטע זיין, וועט ער זי שוין דאַמאָלסט קאָנען אויסניצן, אויב מען וועט נאָר באַדאַרפן.

פּעטער האָט זיך געפּרוווט פאָרשטעלן, ווי וועט דאָס אויסזען אַ „ליבע-שפּילן" מיט אַזאַ מין מיידל, ווי דזשעני. זי איז בשום אופן נישט געווען דאָס, וואָס מען רופט „עלעגאַנט"; זי האָט אָבער פאַרמאָגט אין זיך עפּעס, וואָס האָט אים געגעבן אַ גרונט צו מיינען, אַז שעמען, וועט ער זיך מיט איר נישט דאַרפן. ווען מען זאָל זי נאָר גוט אָנטון, וועט זי זיין אמת שיין. נו, און האַלטן זיך קאָן זי אויך זייער גוט. זי פאַרלירט זיך קיינמאָל נישט אין אַנוועזנהייט פון די רייכע דאַמען, וואָס קומען אין די אויטאָמאָבילן. און אומווסנדיק איז זי אויך נישט. ווען מען זאָל אפילו אָננעמען, אַז אַנדערע זאַכן פאַרשטייט זי אַ ביסל פאַלש — איז זי פונדעסטוועגן, ווי פאַר אַ מיידל, גאַנץ פיין געלערנט. פּעטער איז איינגעשלאָפן אַ באַרויקטער, די פראַגע איז פאַר אים געווען אַ געלייזטע.

אויף מאָרגן אינדערפרי איז ער גלייך צוגעטראָטן צו פאַרווירקלעכן זיין נייע אויס-

גאַבע. ווי אַלע טאָג האָבן היינט אויך די צייטונגען געבראַכט די געוויינלעכע ידיעות פון פלאַנדריע: טאָג־איין טאָג־אויס ווערן טויזנטער מענטשן איף שטיקער צוריסן; אין אַ משוגעדיק־ווילדן קאַמף, וועלכער מיליאָנען מענטשן שטייען פאַרפלאָנטערט דויערט שוין וואָכן און קאָן נאָך לאַנגע חדשים געדויערן.

די סענטימענטאַלע דזשעני האָט גע־רעדט וועגן דעם מיט טרערן אין די אויגן, אין דער צייט, ווען פעטער איז געזעסן גאַנץ רויק, געגעסן און געטרונקען. דער־נאָך האָט פעטער אויך אָנגעהויבן צו ריידן.

— עס איז אַ גוואַלטיקער פאַרברעכן, מען מוז זיך נעמען, — ער איז גרייט דזשעני־ן צו העלפן, מען דאַרף מאַכן דערצו אַ סוף! ענדלעך האָט ער זיך איבערצייגט, אַז דזשעני איז גערעכט. ער איז מיט איר פולקום מסכּים, פון היינט אָן איז זי זיין „חברטע".

דזשענים אויגן האָבן געלויכטן פאַר פרייד, ווי זי וואָלט באמת עפּעס אויפ־געטון, כּדי אַ סוף צו מאַכן צו דער מלחמה.

אויסער זיי איז קיינער נישט געווען אין שטוב. זיי זענען ביידע געזעסן אויפן קאַ־נאַפּע און האָבן צוזאַמען געקוקט אין צייטונג. פעטער האָט אויפגעהויבן די אויגן און האָט געזאָגט מיט גרויס פאַרלעגנ־הייט:

— חברטע דזשעני... —

— וואָס? — האָט זי געפרעגט און גע־קוקט אויף אים מיט אירע ערלעכע גרויע אויגן. פעטער איז באמת געווען אי צו־טראָגן, אי צושראָקן אַ ביסל אויך. דער דאָזיקער טייל פון דער שפּיאָנען־מלאכה איז אים נאָך לחלוטין אומבאַקאַנט גע־ווען.

— חברטע דזשעני, איך... איך האָב מורא, אַז איך האָב זיך גאָר פאַרליבט. —

דזשעני האָט אַרויסגעצויגן איר האַנט פון זיינע און פעטער האָט געהערט, ווי זי אָטעמט האַסטיק:

— אוי, הער הודוש! — האָט זי זיך אָפּגערופן.

— איך... כ'ווייס נישט אויף געוויס... — האָט פעטער געשטאַמלט — איר זייט דאָך נישט אין כּעס אויף מיר, אמת?

— מיר זענען געווען אַזוי גליקלעך, הער הודוש, איך האָב געהאָפט, אַז אין דער צוקונפט וועלן מיר צוזאַמען אַרבעטן פאַר דער אַלגעמיינער זאַך. —

— דאָס קאָן אונדז דען שטערן?

— ניין, ניין! — האָט זי אַ געשריי־געטון — מיר דאַרפן דאָס נישט... —

— פאַרוואָס, חברטע דזשעני? איך מיין, אַז אַנדערש קאָן דאָס גאָרנישט זיין. דאָס וועט אונדז גאָרנישט שטערן... — האָט ער נאָכאַמאָל איבערגעחזרט.

— יאָ, אָבער טיילמאָל קאָן דאָס אַ מענטשן אומגליקלעך מאַכן... —

— הייסט דאָס, אַז איר האָט מיך אינ־גאַנצן נישט ליב, חברטע דזשעני? — האָט פעטער געזאָגט שטיל און זיין שטים האָט געציטערט.

אַ רגע האָט זי געשוויגן:

— איך ווייס נישט, כ'האָב וועגן דעם קיינמאָל נישט געטראַכט.

פעטערס האַרץ איז ממש אין דער לופטן געשפּרונגען פאַר פרייד, ענדלעך איז גע־קומען די צייט, ווען אַ מיידל פאַרטראַכט זיך, בעת ער האָט זיך געווענדעט צו איר

מיט דער האָזיקער פראַגע. געוויינלעך פלעגט מען האָך פעטערן בלויז אויסלאַכן. צי האָס, אָדער עפּיס אַנדערש האָט אים צוגעגעבן מוט און עס האָט זיך אים געדוכט, אַז זיין גאַנץ לעבן האָט ער זיך דורכאויס געיבט אין דער האָזיקער אַרבעט. ער האָט זי צאַרט אָנגענומען ביים האַנט:

— עטוואָס האָט איר מיך דאָך פונדעסטוועגן ליב, נישט אמת? — האָט ער געזאָגט אין דער שטיל.

— אוי, חבר הודוש — האָט זי אָנגעהויבן; אָבער ער האָט זי איבערגעשלאָגן:

— רופט מיך פעטער, איך בעט אייך.

— חבר פעטער — האָט זי געזאָגט און איר שטים האָט געקלונגען נישט גאָר פעסט. פעטער האָט זיך איינגעקוקט אויף איר און ער האָט געזען, אַז זי האַלט אַראָפּגעלאָזן די אויגן.

— איך וויים, אַז ס'איז אין מיר קנאַפּוואָס דאָ ליב צו האָבן — האָט ער ווייטער גערעדט. — איך בין אָרעם, מיאוס און שטעל מיט זיך גאָרנישט פאָר...

— ניין, ניין, איר האָט אַ טעות — האָט זי זיך גענומען ווערן, — אַזעלכע געדאַנקען זענען מיר גאָר אויפן זינען נישט אַרויפגעקומען; איר זייט דאָך אַ חבר.

פעטער האָט אַ פריער געוווסט, וואָס זי וועט אים ענטפערן, פונדעסטוועגן האָט ער ווייטער געצויגן:

— מיך האָט נאָך קיינער נישט געליבט, אַז מען איז אָרעם און מען קאָן גאָרנישט געבן, ליבט קיינער נישט.

— זעט, איך בעט אייך, וואָס־וואָס נאָר דאָס זאָלט איר נישט טראַכטן. — איר האָט זיך דאָך מקריב געווען פאַר דער אַלגעמיינער זאַך, איר זייט דאָך עפּיס אַ העלד, איר וועט נאָך אַמאָל זיין אַן אָנגעזעענער פירער אין דער באַוועגונג. —

— איך האָף, אפשר וועט אַמאָל אַזוי זיין. — האָט פעטער געענטפערט באַשיידן: — אָבער פאַרוואָס־זשע, חברטע דזשעני, זאָגט איר מיר אָפּ? פאַרוואָס ווילט איר מיך נישט ליב האָבן? —

זי האָט אויפגעהויבן אויף אים אירע אויגן, זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט, זי האָט אָנגעהויבן צו ריידן מיט טרערן אין די אויגן:

— איך בין קראַנק, חבר פעטער, כ'בין אַן אומגליקלעך באַשעפעניש, כ'טאָר נישט חתונה האָבן.

אינוויינק האָרטן, ווו עס איז געווען באַ־באַהאַלטן זיין אמתער איך, האָט פעטער געהאַט אַ געפיל, ווי עמיצער וואָלט אים אָפּגעגאָסן מיט קאַלטע וואַסער:

— חתונה האָבן! — ווער האָט רעדן גערעדט וועגן חתונה האָבן? אויף דעם האָט ער זיך גאָרנישט גערעכט! —

ער איז אָבער געווען צו־קלוג אויף דעם, אַז ער זאָל דאָס פאַר איר אַרויסווייזן. פאַרקערט ער האָט זיך באַמיט צו באַרויקן דזשענין:

— עס איז דאָך נישט געזאָגט, אַז מיר מוזן גלייך חתונה האָבן. זאָל איך נאָר וויסן, אַז איר האָט מיך ליב, וועל איך וואַרטן מיט פאַרגעניגן. און אַמאָל, ווען איר וועט געזונט ווערן... —

— געזונט, ווי ס'באַדאַרף צו זיין, וועל איך קיינמאָל נישט זיין, — האָט זי אומעטיק געענטפערט: — און אַחוץ דעם, חבר פעטער, האָבן מיר ביידע קיין געלט נישט.

— איך קאָן דאָך קריגן אַרבעט — האָט פּעטער געענטפערט, ווי יעדער איינער אויף זיין אָרט.

— יאָ, אָבער איר וועט נישט קאָנען פאַרדינען אַזוי פיל, אַז ס'זאָל קלעקן פאַר אונז ביידע — האָט איִם אָפּגעענטפערט דאָס מיידל. און דערנאָך האָט זי זיך פלוצלינג אַ הויב־געטון:

— חבר פּעטער, לאָמיר דאָס לאָזן צורו, צו וואָס זאָלן מיר זיך איינע די אַנדערע אומגליקלעך מאַכן. מיר וועלן בעסער ביידע אַרבעטן אין דער באַוועגונג און פּאַרטיי. איר זייט מסכים, נישט אמת? זאָגט דאָס מיר צו. —

פּעטער האָט צוגעזאָגט, אָבער ער האָט אויף איין מינוט נישט בדעה געהאַט זיין הבטחה צו האַלטן. פּעטער איז געווען נישט בלויז אַ שפּיאָן, נאָר אויך אַ מאַנסביל און ווי דער ערשטער, אַזוי דער צווייטער, האָבן זיי זיך ביידע גענויטיקט אין דער חברטע דזשעני.

ווען זיי זענען ביידע געזעסן און געשריבן אַדרעסן, האָט פּעטער אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט, כדי צוצוואַרפן איר אַ צאַרטן קוק, און דזשעני האָט פאַרשטאַנען, וואָס דער דאָזיקער קוק באַדייט. אַ לייכטע רויטקייט פלעגט זיך באַווייזן אין אירע בעקלעך און אַפילו נאָכדעם פלעגט אויבן איינגעבויגענעם נאַקן שפּילן אַ ראָזער קאָליר. זי איז באמת זייער שיין געווען און פּעטער האָט פון זיין נייער אויפגאַבע שטאַרק הנאה געהאַט. ער האָט די גאַנצע צייט נישט אַראָפּגעלאָזן אַן אויג פון דער מיידל און האָט נעהיט, ער זאָל חס וחלילה קיין פעלער נישט באַגיין, נישט דורכלאָזן דעם פּאַסיקן מאָמענט. און עס איז איִם געלונגען; נאָך איידער סעדי איז געקומען אַהיים אָוונטברויט עסן, האָט ער שוין די קליינע דזשעני געהאַלטן אין זיינע אָרעמס, געקושט איר ווייסן, שלאַנקן האַלז. זי האָט זיך געוועהרט, געוויינט. נאָר וואָס ווייטער זענען אירע פּראָטעסטן אַלץ שטילער און אומפאַרשטענדלעכער געוואָרן.

### .19

איצט איז פאַרבליבן נאָך איין פּראָבלעם: ס ע ד י. דער שטרייגער שטריך, וואָס פלעגט צייטנווייז ליגן אַרום סעדיס ליפּן, האָבן פּעטערן אַרויפגעפירט אויפן געדאַנק, אַז די חברטע סעדי האַלט מסתמא נישט פון פרייער ליבע. נאָכמער, עס האָבן זיך דערוועקט ביי איִם ספקות, צי האַלט זי בכלל פון וועלכער נישט איז ליבע, אַ חוץ דער, פאַרשטייט זיך, וואָס זי פילט צו איר שוועסטער דזשעני.

אין דער דאָזיקער ליבע האָט פּעטער נישט געצווייפלט. שוין לאַנגע יאָרן, ווי זי האָדעוועט איר קליינע שוועסטער; היט זי אָפּ, זאָרגט פאַר איר און נעמט־אָפּ ביי זיך דעם ביסן ברויט, כדי עס דזשעניִן צו געבן. און דזשעני ווידער גיט דאָס אָפּ דעם ערשטן בעסטן וואַנדער־אַגיטאַטאָר, וואָס קומט אַריין צו זיי אין שטוב. פּעטער האָט נישט געוואָלט, אַז סעדי זאָל וויסן, וואָס דאָ איז אין איר אָפּוועזנהייט געשען. ער האָט אָבער קיין העזה נישט געהאַט איינצורעדן דזשעניִן, אַז זי זאָל אָפּנאַרן איר שוועסטער.

זייער פאָרזיכטיק האָט ער בלויז געפּרווט אָנציען וועגן דעם אַ רייד. אָבער דזשעני האָט איִם גלייך איבערגעשלאָגן:

— מיר טאָרן דאָס בכלל נישט טון, חבר פּעטער.

— איר זייט גאַנץ גערעכט — האָט ער גלייך מיט איר מסכּים געווען: — מיר טאָרן נישט און מיר וועלן שוין דאָס טאַקע מער קיינמאָל נישט טון.

דזשעני האָט זיך פֿאַרגלעט די האָר, צורעכט־געמאַכט די בלוזקע און פּעטער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זי וועט סעדין נישט דערציילן.

אויף מאָרגן האָבן זיי זיך ווידער געקושט און ווידעראַמאָל געזאָגט איינע די אַנדערע, אַז מער וועלן זיי שוין דאָס קיינמאָל נישט טון. און דזשעני האָט אויך דאָסמאָל נישט דערציילט דער שוועסטער. און דערנאָך, שפּעטערצו, האָט זיך פּעטער איינגעגעבן איינצורעדן דזשעניען, אַז זייער ליבע איז דאָך, אייגנטלעך, בלויז זייערע אַ זאַך. און אַז פּאָרליופּיק לכּל־הפּחות דאַרף מען וועגן דעם קיינעם נישט דערציילן. עס וועט דאָך קיינעם קיין שאָדן נישט ברענגען, ווען זיי וועלן זייער ווונדערשיינעם סוד פֿאַר זיך פֿאַרבאַהאַלטן.

און גלייכצייטיק האָט זיך גראָד דזשעני דערמאָנט, אַז זי האָט אַמאָל געלייענט ווי איינע אַ דיכטערין איז דורך אַ שטאַרקער ליבע ניצול געוואָרן פֿון אַ שווערער קרענק. אפשר איז איר צוגעשיקט געוואָרן גראָד אַזאַ מין ליבע און סעדי וועט דאָס נישט פֿאַרשטיין, וועט זאָגן, אַז זיי קענען זיך נאָך צווייניק, אַז זיי דאַרפֿן וואַרטן א.אַז.וו. זיי ביידע ווייסן דאָך אָבער, אַז זיי קענען זיך זייער גוט און עס איז נישטאָ קיין שום גרונט, פֿאַר וועלכער נישט איז זאָרג, אָדער מוראָ. — דאָס זענען שוין געווען פּעטערס געדאַנקען. דזשעני האָט אָבער געמיינט, אַז אַזוי טראַכט זי אַליין.

אַ גאַנצן טאָג איז פּעטער פֿון איר נישט אָפּגעטראָטן. ער האָט איר געהאָלפֿן שרייבן אַדרעסן, פֿאַנאַנדערשיקן צירקולאַרן פֿאַר הויבערס פּאַרטיידיקונג־קאָמיטעט, האָט בכלל געאַרבעט זייער פֿלייסיק. וואָס האָט פּעטער געקאָנט האָבן קעגן אַזאַ אַרבעט, בײַ וועלכער ער איז געזעסן צוזאַמען מיט דזשעני, און האָט, ווען ער האָט נאָר געוואָלט, פֿריי געקאָנט דריקן איר האַנט און אַריינשושקען איר אין אויער אַ פּאָר הייסע ווערטער. ער איז געווען גליקלעך. ער איז די גאַנצע צייט אַרומגעגאַנגען, ווי ער וואָלט פּלוצלינג דערהייבן געוואָרן. זיינע האָפֿענונגען זענען געוואַקסן, ווי אַ וואַסער, וואָס גיסט זיך פֿאַנאַנדער. זיי זענען אָבער אויך ווי אַ וואַסער נישט געשטאַנען אויף אַן אָרט, זיי פֿלעגן תּמיד צוריק אַריין אין די ברעגעס.

פּעטער האָט געזען, אַז די גאַנצע מעשה מיט דער פֿרייער ליבע איז נישט געשטויגן און נישט געפֿלויגן. די קליינע דזשעני איז געווען פּונקט ווי אַנדערע פֿרויען. איר ליבע איז בשום אופֿן נישט געווען פֿריי. דזשעני האָט געוואָלט האָבן אַ מאַן און יעדעס מאָל ווען פּעטער פֿלעגט זי אַ קוש טון, פֿלעגט זי פֿון האָסניי אָנהויבן צו ריידן וועגן חתונה האָבן. און ער ווידער האָט מורא געהאַט טאָמער וועט ער איינגאַנצן איבערפֿירן, האָט ער נישט געהאַט דעם מוט אָנצומערקן וועגן עפּעס אַנדערש. און אַזוי־אַנאָך איז אויסגעקומען אַז פּעטער האָט זיך אין געגעבענעם פֿאַל געמוזט באַנוצן מיט מעטאָדן, וואָס זענען

אַ סך עלטער פֿאַר אַלע טעאָריעס פֿון די רויטע.

ער האָט זיך באַצויגן צו דזשעני נישט ווי אַ מענטש, וועלכער האַלט פֿון פֿרייער ליבע, נאָר ווי אַ מאַן, וועלכער געפֿינט זיך גאַנצע טעג אַליין מיט אַ זיבעצן־יאָריקער מיידל און ער וויל זי פֿאַרפֿירן. ער האָט איר געשוואָרן, אַז ער האָט זי ליב מיט אַן אייביקער, אומשטערבלעכער ליבע. ער האָט איר איינגעשמועסט, אַז דעם גאַנצן לעבן וועט ער אַרבעטן און זאָרגן פֿאַר איר. ער האָט אויסגענוצט איר שוואַכקייט, איר גוטסקייט, איר אומגליקלעכע סענטימענטאַליטעט; מיט איין וואָרט, אַלץ, וואָס האָט נאָר געקאָנט פֿירן צום ציל.

און עס האָט לאַנג נישט געדויערט. אין משך פֿון עטלעכע וואָכן, האָט פּעטער די קליינע דזשעני דעראָבערט. ווי גליקלעך ער איז געווען! איצט, ווען ער האָט שוין געהאַט זיין ערשטע געליבטע, האָט ער געוווּסט, אַז ער איז שוין דער אמתער דעטעקטיוו, ווייל איצט האָט ער שוין אין האַנט דעם נויטיקן מיטל, וועלכער וועט אים העלפֿן צו קומען אויפֿן שפּור פֿון די וויכטיקע סודות אין הובער־פּראָצעס.

און אויך אין דעם פֿאַל איז אים געלונגען. דזשעני איז געווען פֿאַרליבט, דזשעני איז שיכּור געווען פֿון ליבע און דזשעני האָט גערעדט... האָט דערציילט פֿון איר לעבן, פֿון אירע גליקלעכע קינדער־יאָרן, ווען אירע עלטערן האָבן נאָך געלעבט. און איינמאָל, ווען זי איז אַזוי געזעסן אויף פּעטערס קני און גערעדט, האָט זי דערמאָנט אַ מענטשן, וואָס מען האָט גערופֿן איבעטטס.

— איבעטטס? — האָט פּעטער געפֿרעגט.

דאָס איז געווען אַ מאָדנער נאָמען און פּעטערן האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט אים שוין ערגעץ־ווו געהערט.

— אַ שוועסטערקינד — האָט דזשעני געזאָגט.

— איך קען אים? — האָט פּעטער געפֿרעגט, גריבלענדיק זיך אין זיין זכרון.

— ניין, ער איז דאָ קיינמאָל נישט געווען.

— איבעטטס? — האָט פּעטער איבערגעחזרט און פּלוצלינג איז אים עפּעס איינגעפֿאַלן: — מען רופֿט אים נישט זשאַק?

דזשעני האָט אַ רגע געשוויגן. זי האָט אַ קוק־געטאָן אויף אים, און ער האָט באַמערקט, אַז זי איז זייער צעשראָקן.

— אוי, פּעטער — האָט זי קוים אַרויסגערעדט, — איך האָב דאָס נישט געטאָרט, פֿאַר קיינעם אין דער וועלט האָב איך נישט געטאָרט דערמאָנען זיין נאָמען.

פּעטער האָט געפֿילט, ווי אַלץ יובלט אין אים פֿאַר פֿרייד. ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז זי קאָן דאָס באַמערקן, האָט ער איינגעגראָבן זיין קאָפּ אין דער מיידלס ברוסט.

— ליבסטע, געליבטע מיינע — האָט ער צאַרט געמורמלט.

— פּעטער, דו האָסט געוווּסט, נישט אמת?

— געוויס, — האָט ער געלאַכט, — מעגסט זיין זיכער, איך וועל קיינעם נישט דערציילן, מעגסט זיך אויף מיר פֿאַרלאָזן.

— דער אַדוואָקאַט ענדריוס האָט אָבער זייער פֿאַרלאַנגט, אַז דאָס זאָל בלייבן אַ סוד. איך מיט סעדין האָבן אים

געמוזט שווערן, אַז מיר וועלן דאָס קיין מענטשן אין דער וועלט נישט זאָגן.

— דו האָסט עס מיר דען געזאָגט, איך האָב זיך האָך דאָס צופעליק דערווסט. רייד נישט וועגן דעם, וועט קיינער נישט וויסן, אַז דו האָסט מיר געזאָגט. און ווען עס זאָל זיך אַפילו אַרויסווייזן, אַז איך ווייס, וועט דיר אויך קיינער נישט חושד־זיין, ווייל מען וועט מיינען, אַז איך האָב זיך מיט דזשאַק איבעטס באַקאַנט אין טורמע.

דזשעני האָט באַלד אָן דער גאַנצער מעשה פאַרגעסן. פעטער האָט זי געקושט און געצערטלט, זיך באַמיט צו באַהאַלטן פון איר זיין טריומף.

ער האָט געלייזט די ערשטע אויפגאַבע, וואָס געפפי האָט אים געשטעלט. ער איז דערגאַנגען דעם ערשטן גרויסן סוד אין הובער־פּראָצעס. דער שפּיאָן אין תפיסה פון אַמעריקען־סיטי, וועלכער גיט־איבער דעם פאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט אַלע ידיעות, איז — דזשאַק איבעטס, איינער פון די טורמע־וועכטער, די שוועסטער טאָדס קרוב.

## 20.

אַ גליקלעכער צופאַל האָט געוואָלט, אַז נאָך דעמזעלבן טאָג זאָל זיך פעטער דאַרפן צוזאַמענטרעפן מיט גיוני. ווען נישט, ווער ווייסט, וואָס ס'וואָלט געווען מיט אים. עפעס אַ קליינקייט: אַרומטראָגן זיך מיט אַזאַ סוד? ווי ס'איז נאָר געוואָרן פינסטערלעך, האָט ער זיך אָפּגעזעגנט מיט די מיידלעך, איז אויף זיין אַלטן שטייגער דורכגעקראָכן דורכן הינטערשטן הויף און האָט זיך אַוועקגעלאָזן צום האָטעל צו.

די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געגאַנגען, האָט זיין מוח נישט אויפגעהערט פלייסיק צו אַרבעטן: ענדלעך איז געקומען די צייט, ווען דאָס גליק איז באמת נאָענט. און איצט מוז מען זיך שוין האַלטן אָן דעם, ווי ס'באַדאַרף צו זיין, נישט אַרויסלאָזן עס אַזוי לייכטזיניק פון די הענט, ווי אַמאָל.

ווי נאָר פעטער האָט געעפנט די טיר, האָט גיוני גלייך דערקענט אָן אים, אַז עפעס איז געשען.

— נו? — האָט ער געפרעגט.

— איך האָב! — האָט פעטער אַ געשריי־געטון.

— וואָס?

— דעם נאָמען פון שפּיאָן.

— גאָט! איר מיינט דאָס ערנסט?

— יאָ.

— ווער איז דאָס?

פעטער האָט צענויפגעדריקט זיינע הענט אין פויסטן און צוזאַמענגענומען זיין גאַנצע ענערגיע.

— קודם־כל, — האָט ער זיך אָפּגערופן: — מוזן מיר זיך צוזאַמענריידן. מיסטער געפפי האָט געזאָגט, אַז מען וועט מיר צאָלן. ער האָט אָבער נישט געזאָגט, נישט ווען און נישט וויפל. —

— צו אַלדע שוואַרץ יאָר, — האָט זיך גיוני אָפּגערופן: — אויב אייך האָט זיך באמת איינגעגעבן צו דערוויסן דעם שפּיאָנס נאָמען, דאַרף דאָס שוין זיין אייער קלענסטע דאגה. —

— גאַנץ גוט — האָט פעטער אונטערגעבראָכט: — איך וואָלט אָבער סונדערסט־וועגן ווייער געוואָלט וויסן, וויפל איך וועל

באַקומען און ווי אַזוי וועט דאָס מיר אויסגעצאָלט ווערן. —

— וויפל ווילט איר? — האָט געפרעגט דער מענטש מיטן פנים פון אַ שטשור, און האָט זיך פונקט ווי אַן אמת'ער שטשור פאַרוקט אין אַ ווינקל און פון דאָרטן האָבן זיינע שאַרפע, שוואַרצע אויגלעך זיך איינגעגעסן אין שונא.

— וויפל? — האָט ער איבערגעחזרט.

פעטער האָט זיך אויף אַ מינוט פאַרטראַכט: אַזאַ געלעגנהייט מוז אויסגענוצט ווערן. צי דען אַרבעט ער נישט פאַר דער רייכסטער געזעלשאַפט פון אַמעריקאַן-סיטי, פאַרן איינבאַן-טרעסט? לייט זאָגן, אַז דערדאָזיקער טרעסט פאַרמאָגט הונדערטער מיליאָנען — ער ווייסט נישט גענוי וויפל הונדערטער, אָבער אַז ער קאָן פאַר אַזאַ זאַך גוט באַצאָלן, דאָס איז זיכער.

— איך רעכן, אַז דער סוד איז ווערט אַ צוויי הונדערט דאָלאַר — האָט פעטער געזאָגט.

— גוט, זאָל זיין אַזוי, — האָט געענטפערט גיוני: — איר וועט דאָס באַקומען.

פעטערן האָט אַ כאַפּ-געטון פאַרן האַרצן. פאַרוואָס האָט ער נישט געהאַט דעם מוט פינפהונדערט דאָלאַר צו פאָדערן? יאָ, ער האָט אַפילו געקאָנט פאַרלאַנגען טויזנט און פאַרזאָרגן זיך אויף זיין גאַנצן לעבן! —

— נו? — האָט דער „שטשור" נישט גערוט: — ווער איז דער שפּיאָן?

פעטער האָט זיך ווידער-אַמאָל צוזאַמענגענומען, אָנגעשטריינגט אַלע זיינע נערוון און דורכגעזייט דורך די ציין: — איך וויל אַ פריער וויסן, ווען איך וועל באַקומען דאָס געלט. —

— גאָט מיינער — האָט גיוני אַ קרעכץ געטון — זאָגט אָקאָרשט דעם נאָמען, דאָס געלט וועט איר שוין באַקומען. וואָס מיינט איר, אַז איך האָט דאָס צוטון מיט שווינדלער?

— יאָ, דאָס איז אפשר אַלץ גאַנץ ריכטיק, — האָט פעטער ווייטער געזאָגט: — אָבער דער מיסטער געפּפּי האָט מיר נישט געגעבן קיין גרונט צו מיינען, אַז ער האָט מיך זייער ליב. איך קען נאָך ערהיום מיט דער האַנט נישט רירן. —

— ער האָט געוואָלט באַקומען פון אייך די נויטיקע אינפאָרמאַציעס. — האָט מיסטער גיוני באַשטעטיקט: — ער האָט דאָך געמיינט, אַז איר האָט דאָס געוואָרפן די באָמבע, איר קאָנט צו אים קיין שום טענות נישט האָבן. נו, מאַכט נישט קיין געשעפטן, רופט מיר אָן דעם נאָמען פון שפּיאָן און איך וועל שוין זען, אַז איר זאָלט אייער געלט קריגן. —

פונדעסטוועגן האָט נאָך פעטער אַלץ נישט געוואָלט נאָכגעבן. ער האָט אַפילו מורא געהאַט פאַרן „שטשור", זיין האַרץ האָט אים גאַנץ שטאַרק געקלאַפּט, ער איז אָבער געבליבן פעסט ביי זיין פאָדערונג:

— אַ פריער מוז איך זען דאָס געלט — האָט ער געזאָגט מיט אַן ערנסטער מינע.

— פאַר וועמען, צו אַלדע רוחות, האַלט איר מיך דען פאַרט? — האָט דער צווייטער געפרעגט. — וואָס מיינט איר, אַז איך וועל אייך אַ פריער געבן דאָס געלט, דערנאָך וועט זיך אויסלאָזן, אַז איר האָט מיר געזאָגט אַ נאָמען, וואָס נישט געשטויגן, נישט געפלויגן, און דאָס וועט איך אָנגיין?

— דאָס וואָלט איך קיינמאָל נישט געטון.
— פון וואַנען קאָן איך דאָס וויסן? —
— איך וויל דאָך ווייטער אויך פאַר אײַך אַרבעטן.
— יאָ? נו, און מיר ווילן אײַך דאָך האַלטן. דאָס איז דאָך נישט די איינציקע אינפאָרמאַציע, וואָס מיר ווילן דורך אײַך באַקומען. איר וועט זען, אַז מיר באַהאַנדלען אונזערע מענטשן אָנשטענדיק, ווען נישט וואָלטן מיר דאָך גאָרנישט געקאָנט דערגרייכן. עס איז באַשטימט געוואָרן אַ מיליאָן האָלאַר פאַרן ברייגען די הובערליט אויף דער תּליה. ווען איר וועט אַרבעטן, ווי ס'באַדאַרף צו זיין, וועט איר אויך אײַער טייל באַקומען און צו דער רעכטער צייט. —

לויט דעם, ווי ער האָט גערעדט, האָט מען אים געקאָנט גלויבן און פעטער האָט זיך אָנגעהויבן אַ ביסל צו וואַקלען. וואָס איז אָבער די פעולה? זיין גאַנץ לעבן איז דאָך פעטערן אויסגעקומען צו זען, ווי מענטשן באַשווינדלען איינע די אַנדערע. ווי איין שווינדלער באַמיט זיך איבערצוקליגן דעם צווייטן, — און בשעת ס'איז געגאַנגען וועגן געלט-זאַכן, האָבן די מענטשן אין פעטערס אויגן אויסגעזען, ווי די בולדאָגן, וואָס עסן זיך איין מיט דייערע ציין אין אַ צווייטן הונטס אַ שנוק; דעם הונטס געפילן גייען דיי דאַן זייער ווייניק אָן. ער איז פאַר דיי קיין נפקא-מינה נישט, צי אים געפעלט עס, אָדער נישט.

— צו דער רעכטער צייט? — האָט פעטער איבערגעפרעגט: — ווי זאָל מען דאָס פאַרשטיין?

— גאָט מיינער! — האָט גיוניי אַ געשריי געטון אַן אומצופרידענער.

— איך וויל וויסן, צי וועל איך באַקומען דאָס געלט גלייך, ווי איך וועל אײַך אָנרופן דעם נאָמען, אָדער ערשט דעמאָלט, בשעת איר וועט שוין זיין זיכער, אַז דער, וואָס איך האָב אײַך אָנגערופן, איז טאַקע דער שפּיאָן? —

אַזוי האָבן זיך געריסן די האָזיקע צוויי בולדאָגן, געבורטשעט, געציפּט און געביסן איינע די אַנדערע. דאָ איז אָבער פעטער געווען דער, וואָס האָט דער ערשטער אײַנגעביסן און ער האָט בשום-אופן נישט געוואָלט אָפּלאָזן. עס איז שוין אפילו אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז גיוניי האָט געגעבן אָנצוהערעניש, אַז פונקט אַזוי ווי דער טרעסט האָט באַוויזן צוויי מאָל אַריינצוואַרפן פעטערן אין „לאָך", וועט ער דאָס קאָנען טון אויך אַ דריטן מאָל. פעטערס האַרץ האָט געציטערט פאַר אימה, ער האָט אָבער פונדעסטוועגן גיוניס שנוק נישט אַרויסגעלאָזן.

— גוט, — האָט ענדלעך געזאָגט דער „שטשור". ער האָט גערעדט מיט איבערדריסיקייט און פאַראַכטונג, אָבער דאָס האָט פעטערן גאַנץ ווייניק געקימערט.

— גוט, איך וועל פּרובירן. — ער האָט אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע, האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל באַנקנאָטן אַלץ צו צוואַנציק דאָלאַר און האָט אָפּגעציילט דערפון אויפן טיש צען שטיק. פעטער האָט געזען, אַז עס איז נאָך פאַרבליבן אַ מטמון געלט און ער האָט זיך געטראַכט, אַז ער האָט זיכער צו ווייניק געבעטן; דאָס האָט אים שטאַרק פאַרדראָסן, אָבער גלייכצייטיק האָט פונדעסטוועגן זיין האַרץ געשפּרונגען פאַר פרייד: אַזאַ מין טבע האָט שוין אַ מענטשלעך האַרץ.

.21

גיוני האָט צוגענומען דאָס געלט פון טיש און האָט עס אַוועקגעלייגט אויפן בעט.

— דאָס איז עס — האָט ער געזאָגט: — גלייך ווי איר וועט מיר זאָגן דעם נאָמען, קאָנט איר דאָס נעמען. אָבער פאָלגט מיין עצה, איילט זיך נישט דערמיט, ווייל אויב אייער אינפאָרמאַציע וועט זיך אַרויסווייזן פאַר אַ פאַלשע, וועט איך געפפי די הענט אויסדרייען.

דאָס האָט אָבער פעטערן נישט געאַרט.

— איך בין זיכער, אַז דאָס איז דער שפּיאָן.

— נו, ווער איז דאָס?

— זשאַק איבבעטס.

— וואָס, צו אַלדע שוואַרץ יאָר! — האָט גיוני אַ געשריי געטון אַ צוקאָכטער.

— זשאַק איבבעטס, איינער פון די נאַכטוועכטער אין טורמע.

— איך קען אים. ווי אַזוי איז אייך דאָס איינגעפאַלן?

— ער איז די שוועסטער טאָכ'ס אַ שוועסטערקינד.

— ווער זענען דאָס די שוועסטער טאָך?

— דזשעני טאָך איז מיין געליבטע. — האָט פעטער געענטפערט.

— אַ געליבטע? — האָט דער צווייטער איבערגעחזרט. ער האָט אַ קוק געטון אויף פעטערן און אַ שטשירע געטון מיט די ציין.

— אין משך פון צוויי וואָכן האָט איר זיך שוין צוגעקראָגן אַ געליבטע? דאָס וואָלט איך שוין אויף אייך באין אופן נישט געגלויבט.

דאָס איז אַפילו געווען אַ צווייפלהאָפטער קאָמפּלימענט, פונדעסטוועגן האָט פעטער אויך אויסגעשטשירעט זיינע קרומע ציין:

— זי האָט מיך זייער ליב, — האָט ער געזאָגט: — זי האָט גלייך אויסגעפּלאַפּלט, אַז זשאַק איבבעטס איז איר שוועסטערקינד. דערנאָך האָט זי זיך אמת דערשראָקן, ווייל ענדריוס דער אַדוואָקאַט, האָט איר און איר שוועסטער אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן זיך נישט דערוועגן צו דערמאָנען זיין נאָמען. איבבעטס איז דער שפּיאָן — און עס קאָן וועגן דעם נישט זיין קיין שום ספק.

— גוטער גאָט! — האָט זיך גיוני אָפּגערופן און אין זיין שטים האָט זיך געהערט איפּריכטיקער פּאַדרוס: — איבבעטס איז אַן אָנשטענדיקער מענטש. און ער זאָל דאָס זיין אַ רויטער, אַ פאַררעטער, דאָס איז פשוט נישט צו גלויבן! דערפאַר איז דאָס אַזוי שווער מיט דער חברה אַן עסק צו האָבן. מען ווייסט קיינמאָל נישט, ווען זיי האָבן פאַר זיך געוווּנען, מען ווייסט קיינמאָל נישט, ווען מען קאָן אָנטרויען. ווי אַזוי מאַכן זיי דאָס?

— ווער ווייסט — האָט פעטער געענטפערט: — יעדע רגע ווערט אַ הילפסלאָזער געבוירן.

— זעט איר, צו די הילפסלאָזע געהערן זיי שוין לכל הדעות נישט, — האָט געענטפערט דער מענטש מיטן פּנים פון אַ שטשור און געקוקט מיט זיינע שטשורן-אויגלעך, ווי פעטער קלייבט צענויף פון בעט די באַנקנאָטן און שטאָפּט זיי אין קעשענע.

.22

דער מאַן מיטן פּנים פון אַ שטשור

האָט געוואָרנט פּעטערן, אַז ער זאָל למען השם נישט אויסגעבן גלייך דאָס געלט. ווען מען זאָל זיך דערוויסן, אַז ער האָט געלט, קאָן לייכט פאַלן אויף אים אַ חשד. ער וואָלט דאַמאָלסט געמוזט באַווייזן, אַז ער האָט באַקומען דאָס געלט אויפן ערלעכן וועג. פּעטער האָט צוגעזאָגט עס באַהאַלטן אין אַ זיכערן אָרט, ביז וואַנען ער וועט נישט האָבן פאַרענדיקט זיין אַרבעט.

ער האָט אָבער פון זיין זייט אויפמערקזאַם געמאַכט דעם „שטשור", אַז מען טאָר באַין אופן נישט אָפּזאָגן גלייך איבערבעטסן פון דער שטעלע, עס קאָן אַרויסרופן אַ רייד, מען קאָן זיך אָנהויבן באַנאַנדערפרעגן און דאָס קאָן אַמאָל זיין נישט באַקוועם פאַר פּעטערן. גיוני האָט אויף דעם געענטפערט מיט אַ שמייכל, אַז ער איז נישט נעכטן געבוירן געוואָרן. פאַרלויפיק וועט מען זשאַק איבערבעטן אַריבערפירן אויף אַזאַ שטעלע, ווו ער וועט וועגן דער מעשה הובער לחלוטין גאָר נישט הערן, און שפּעטערצו, אַז ס'וועט אַוועקגיין אַ געוויסע צייט, וועט מען אויסזוכן אויף אים עפּעס אַ פּגימהלע, מען וועט אים אונטערשטעלן אַ פּיסל און אַזוי־אַרום פּטור ווערן פון אים.

ביי דערדאָזיקער און ביי די שפּעטערדיקע צוזאַמענקונפטן, האָט דער „שטשור" אַרומגערעדט מיט פּעטערן אַלע פּרטים פון הובער־פּראָצעס, וועלכער פלעגט וואָס אַמאָל ווערן אַלץ פאַרוויקלטער און קאָמפּליצירטער. נייע מענטשן זענען אַריינגעפּלאָנטערט געוואָרן, נייע פּראָבלעמען האָבן זיך פאַנאַנדערגעוויקלט, עס איז געוואָרן מער טשעקאַווע, ווי אַ פּאַרטיע שאַך.

גיוני האָט נישט געזאָגט קיין ליגן, בשעת ער האָט דערציילט, אַז דער טרעסט האָט אַסיגנירט אַ מיליאָן דאָלאַר, כדי צו דערשלאָגן זיך, אַז הובער מיט זיינע אָנהיינגער זאָלן פאַרמשפּט ווערן צום טויט.

לכתחילה איז אַפילו צוגעזאָגט געוואָרן מער נישט, ווי זיבעצן טויזנט דאָלאַר און פאַרשטייט זיך, אַז ס'האָבן נישט אויסגעפעלט קיין בעלנים, אויף צו פאַרדינען די דאָזיקע מטבע. צום אומגליק זענען דאָס אָבער אַלץ געווען אַזעלכע נפשות, צו וועלכע די געשוווירענע האָבן באַין אופן נישט געקאָנט האָבן קיין צוטרוי: די פרויען זענען אַלע געווען פּראָסטיטוטקעס, די מענער — שווינדלער, קאָרטנשפּילער, כמעט אַלע געוועזענע קרימינעלע. נישט אַלע מאָל, פאַרשטייט זיך, פלעגן די דאָזיקע חברה־לייט דערציילן וועגן זייער „שיינער" פאַרגאַנגענהייט, פלעגן אָבער קומען די קעגנער, אויסשפּירן זיי און די זאַך פלעגט אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין. דאַמאָלסט פלעגט פאַרשטייט זיך זיין זייער שלעכט. עס פלעגט דערגיין דערצו, אַז ס'פלעגט אַפילו אויסקומען צו פעלשן דאָקומענטן.

ביז אַהער האָבן זיך צו די געשוווירענע געמאָלדן צוועלף אַזעלכע עדות. אין זייערע עדות־זאָגן האָט זיך אַרויסגעוויזן זייער אַ סך סתירות און שקרים. און דאָס האָט אָנגעמאַכט געפּפין מיט זיינע געהילפן אָן אַ שיעור פאַרדרוס און אַרבעט.

ווי אויף צו להכעיס, האָט זיך גראָד געדאַרפט מאַכן, אַז אין יענעם מאָמענט, אין וועלכן מען האָט לויטן באַשולדיקונגסאַקט געוואָרפן די באָמבע, איז חשים

הובער צוזאַמען מיט זיין פרוי געשטאַנען אויף אַ דאַך און געקוקט אויף דער מאַניפעסטאַציע. אַחוץ דעם איז נאָך די מאַניפעסטאַציע פון דעמזעלבן דאַך פאָטאָגראַפירט געוואָרן און אויפן בילד האָט זיך אויך אָפּגעפאָטאָגראַפירט אַ גרויסער זייגער פון אַן אַנטקעגנדיקן יוועליר־געשעפט, וועלכער האָט געוויזן גענוי די מינוט, ווען הובער מיט די איבעריקע זענען געשטאַנען אויפן דאַך. דער פּראָקוראַטור האָט זיך אַפילו איינגעגעבן אַריינצובאַקומען די פאָטאָגראַפיע אין אירע הענט און עס וואָלט געווען אַלץ אין אָרדענונג, האָבן זיך אָבער די קעגנער דערוווּסט פון איר עקזיסטענץ און האָבן זי דורכויס געוואָלט זען.

נאַטירלעך, אַז ביי אַזאַ לאַגע האָט שוין די פּראָקוראַטור מורא געהאַט צו פאַרניכטן די פאָטאָגראַפיע. עפּעס וואָס האָט מען אָבער געדאַרפט טון, האָט זי זיך גענומען צו אַזאַ מיטל: זי האָט אַזוי לאַנג געלאָזן איבערפאָטאָגראַפירן און רעטושירן דאָס בילד, ביז וואַנען דער ווייזער פון זייגער איז כמעט אָפּגעמעקט געוואָרן און מען האָט שוין נישט געקאָנט כאַפּן, וואָס ער באַווייזט. די קעגנער, נאַטירלעך, האָבן אָנגענומען אַלע מיטלען צו דערווייזן די דאָזיקע פאַלשקייט. דאָס אַלץ האָט געבראַכט מיט זיך אָן אַ שיעור שפּיאָנאַזש און קעגנשפּיאָנאַזש.

גענוג צרות האָבן אויך אָנגעמאַכט דער פּראָקוראַטור די עדות מצד דער פאַרטיידיקונג. צום אומגליק האָבן גראָד אַ פינף, זעקס מענטשן געזען, ווי די באָמבע איז אַראָפּגעשליידערט געוואָרן פון דאַך, פון הוגענדיימערס האַנדלס־הויז און דאָס האָבן זיי דערציילט פאַר די געשוווירענע. אָבער דאָס האָט דאָך לחלוטין נישט געשטימט מיט דער מעשה וועגן רייזע־זעקל, אויף וועלכער עס האָט זיך געשטיצט די באַשולדיקונג. וויבאַלד אַזוי איז אויסגעקומען צו פּרובירן, ווי נישט איז „אַריינצוקריגן זיך" צו די דאָזיקע מענטשן. זיך מיט זיי אַן עצה געבן.

אפשר איז איינעמס הויז פאַרזעצט און ער האָט מורא, אַז מען זאָל אים נישט אַרויסזעצן. דער צווייטער האָט אפשר אַ סכסוך מיט זיין ווייב, זי וויל זיך גטן מיט אים און וואָלט געוואָלט אים עפּעס אָפּטון אַ שפּיצל. אַ דריטער איז אפשר פאַרפּלאָנטערט אין אַן אינטריגע מיט אַ צווייטנס אַ ווייב, אָדער אפשר קאָן מען אים סתם דורך אַ פרוי אַריינפּלאָנטערן אין אַן אינטריגע.

עס איז אויך דערוויזן געוואָרן, אַז געפפים מענטשן האָבן גלייך נאָכן אויפרייס אַליין אויפגעריסן אַ שטיק וואַנט פון מויער און צעשמעטערט דעם טראָטואַר נעבן יענעם אָרט, וווּ דער אויפרייס איז פאָרגעקומען. דאָס איז געמאַכט געוואָרן צוליב דעם, כדי צו באַשטעטיקן דעם כלל, אַז ס'איז געווען נישט אין באָמבע, נאָר אַ גאַנץ רייזע־זעקל. דער צעשעדיקטער אָרט איז נאָכדעם אָפּגעפאָטאָגראַפירט געוואָרן און די פאָטאָגראַפיעס זענען צוגעלייגט געוואָרן צום פּראָצעס. איצט האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז עמיצער האָט פאָטאָגראַפירט דעם אָרט פון דער קאַטאַסטראָפע נאָך איידער דאָס „שטיקל־אַרבעט" איז אָפּגעטון געוואָרן און, אַז די דאָזיקע פאָטאָגראַפיע געפינט זיך ביי די קעגנער. ביז היינט האָט זיך נאָך נישט

אײַנגעגעבן צו דערווישן, ווער עס האָט געמאַכט די פֿאָטאָגראַפֿין און ווי אַזוי וואָלט מען אים געקאָנט אַרײַנקריגן אין די הענט אַרײַן.

דאָס איז אַלץ, וואָס גיזניי האָט פֿאַר דעם מאָל באַוויזן איבערצוגעבן פּעטערן; און פֿאַרענדיקט האָט ער דערמיט, אַז ווען פּעטער וואָלט פֿאַרשטאַנען, ווי אַזוי מיטצואַרבעטן אין די אַלע אָנגעלעגנהייטן, וואָלט ער געקאָנט ווערן אַ גרויסער גביר.

ווען פּעטער איז דאָסמאָל אַוועק פֿון גיזנייען, האָט זיך אים ממש דער מוח געמישט. מיטן גאַנצן ברען האָט ער זיך אַוואָרף געטאָן איבערן זאַמלען אינפֿאָרמאַציעס. ער האָט קיין שום געלעגנהייט נישט דורכגעלאָזן: ער פֿלעגט ריידן מיט סעדי, מיט דזשעני און פֿלעגט זיך באַמיִען אַרויסצוקריגן פֿון זיי, וואָס ס'איז נאָר מעגלעך געווען. דערנאָך פֿלעגן דאָך אַרײַנקומען אין שטוב דער יונגער קאַרמיק, מיריאַם יאַנקאָוויטש, פֿרײַלן נעבבינס און די אַלע פֿלעגן פֿאַרשטייט זיך ריידן צווישן זיך, דערציילן איינע די אַנדערע, וואָס זיי האָבן געהערט, זיך טיילן מיט זייערע מיינונגען און האָפֿענונגען. פּעטער פֿלעגט נישט דורכלאָזן קיין איין וואָרט.

און אָט האָט ער זיך דערוווּסט, אַז זיי האָט זיך אײַנגעגעבן צו דערגיין, ווו עס געפֿינט זיך אַ קרובֿ פֿון יענעם פֿאָטאָגראַף, וואָס האָט אַרונטערגענומען די פּראָצעסיע, און יענער קרובֿ האָט מסכּים געווען צו פּרובירן ווירקן אויפֿן פֿאָטאָגראַף, אַז ער זאָל אויסזאָגן דעם אמת.

איינמאָל איז דאָנאַלד גאָרדאָן געקומען זייער אַ צעטראָגענער. איינער פֿון די וויכטיקסטע עדות, אַ קאָלאָניאַל-קרעמער, איז צוגעצויגן געוואָרן צו פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַרן פֿאַרקויפֿן איבערגעפֿירטן קעז. דאָס איז אויך געווען מאַטעריאַל פֿאַר פּעטערן. און יעדן אָוונט, אײדער ער פֿלעגט גיין שלאָפֿן, פֿלעגט ער אַלץ, וואָס ער האָט זיך דערוווּסט, פֿאַרנאָטירן און אײַננייען אין זײַן אונטערשלאַק. איינמאָל — און אויב מען האָט געדאַרפֿט איז צווייאמאָל אַ וואָך — פֿלעגט ער זיך באַגעגענען מיט גיזניי און זיי פֿלעגן זיך צוזאַמען פֿאַנאַנדערקלײַבן אין אַלע זײַנע נאָטיצן.

## 23

אין פּעטערס אויגן האָט דאָס אַלץ אויסגעזען, ווי אַ מין אַזאַרט-שפּיל, וועלכער וואָלט אים מסתּמא קיינמאָל נישט דערעסן געוואָרן, ווען נישט דאָס, וואָס ער האָט גאַנצע טעג געמוזט פֿאַרברענגען מיט דזשענין אַליין אין שטוב. דער האָניק-חודש איז זייער אַ גוטע זאַך, אָבער ווען ער וואָלט זיך געדאַרפֿט לאַנג ציִען, וואָלט זיכער קיין שום מאַן נישט אויסגעהאַלטן. די קליינע דזשעני איז קיינמאָל נישט מיד געוואָרן פֿון קושן זיך. און האָט אַלץ געוואָלט נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל הערן, אַז פּעטער האָט זי ליב.

אַ מאַן ווערט אויף גיך פֿאַרטיק מיט זײַנע ליבעס-ערקלערונגען. אַ פֿרוי ווערט קיינמאָל נישט דערעסן צו הערן אויף דערדאָזיקער טעמע. תּמיד טראַכט זי אָדער וועגן דעם, וואָס ס'איז געווען, אָדער וועגן דעם, וואָס ס'וועט זײַן. זי וועט שטענדיק פֿאַר אירע אויגן געוויסע פּלאַנען, אַדרייוורט, וואָרנט פֿאַר איר גוטן שם און פֿאַר אירע פֿליכטן. און ווען עמיצן קומט אום אין אַ משך פֿון אַ לענגערער צייט דאָס צו-

הערן טאָן־איין, טאָג־אויס, ווערט אים זייער דאַגווייליק.

דזשעני האָט זיך געפילט אומגליקלעך, וואָס זי נאַרט־אָפּ סעדין. זי וואָלט זיך געוואָלט פאַר איר מתוודה זיין. עס איז אָבער אַ סך גרינגער זאַכן צו באַהאַלטן, איידער זיך פאַר עמיצן מודה זיין, אַז מען האָט זיי באַהאַלטן. און דזשעני האָט געשוויגן. עס האָט איר אָבער זייער געקרענקט. פעטער האָט נישט פאַרשטאַנען, צוליב וואָס דאַרף דאָס סעדי וויסן. פאַרוואָס קאָן נישט אַלץ בלייבן אַזוי ווי ס'איז. פעטער האָט אויך נישט געקאָנט באַגרייפן, צוליב וואָס דאַרפן זיי תמיד ריידן, וועגן קלאַסנקאַמף, אָדער דאַגהנען וועגן דער וועלט־מלחמה. צי וואָלט נישט געווען בעסער, זיי זאָלן די צייט פאַרברייינגען פריילעך, אין פאַרגעניגן? מיט איין וואָרט, ער האָט אַ סך זאַכן נישט פאַרשטאַנען און דאָס האָט אים געשטערט הנאה צו האָבן פון זיין לעבן.

דאָס הייסט אָבער נישט, אַז פעטער איז געווען אַ מענטש אָן געפילן. פאַרקערט, ווען ער פלעגט די קליינע דזשעני האַלטן אין זיינע אָרעמס, פלעגט ער דאַמאָלסט זיין זייער גערירט און פילן און פאַרשטיין די ווערדע פון איר שיינער, צאַרטער נשמה. ער וואָלט זי גערן געהאָלפן, — אָבער וואָס זאָל ער טון? אין דער לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, האָט ער דאָך נישט געקאָנט דיספּוטירן מיט איר, אָדער פּרוּוון זיך ווירקן, אַז זי זאָל ענדערן אירע איבערצייגונגען; ער פלעגט דאָך מוזן מסכים זיין מיט אַלע אירע בליקן, האָבן זיי געמעגט ווער־ווייסט ווי נאַריש זיין. און וואָס זאָל מען טון מיט אַ מענטשן, וואָס איז פאַרפירט, וואָס איז ממש פאַר'משפּט אונטערצוגיין צוליב זיין שוואַכקייט? וואָס וועט ער האָבן דערפון, וואָס ער וועט זיך מיט איר צוזאַמען וואַרפן אין אָפּגרונט?

פעטער האָט איינגעזען, אַז אויף דער וועלט זענען דאָ צוויי טיפּן מענטשן: איינע, וואָס עסן און די צווייטע, וואָס ווערן געגעסן. ער אָבער האָט תמיד געוואָלט געהערן צו די ערשטע. פאַר די צוואַנציק יאָר פון זיין לעבן האָט זיך פעטער גוט אויסגעלערנט צו פאַרשטיין דעם ווערט פון „אידייען“, „רעליגיעס“ און „באַוועגונגען“. ער האָט געוווּסט, אַז דאָס זענען אַלץ נעצן אויף צו פאַנגען „פרייערס“. צווישן די פרייערס, וואָס ווילן נאַטירלעך נישט געפאַנגען ווערן און די קלוגע מענטשן, וואָס ווילן זיי נישט אַנדערש פאַנגען, קומט פאָר אַן אייביקער קאַמף. און דערפאַר געפינען אויס די קלוגע מענטשן אַלץ נייע, מער צוציענדיקע נעצן.

וואָס איז שייך די „חברים“ האָט זיך שוין פעטער צו זיי גוט צוגעקוקט און ער ווייסט שוין, אַז זייערע נעצן זענען שוין גאָר גוטע. די אָרעמע קליינע דזשעני היינגט פעסט אויפן ווענדקע, — וואָס קען דאָ פעטער העלפן?

זי איז דאָך אָבער פאָרט געווען פעטערס ערשטע גליקלעכע ליבע. אָפטמאָל ווען ער פלעגט זיך פילן זייער גערירט, פלעגן אים אַרויפקומען אויפן צינגען געפּפּים ווערטער, אַז ביי אַ מענטשן, וואָס איז פאַרליבט איז גרינג אַרויסצוקריגן דעם אמת. מיט גרויס מי פלעגט ער

טיילמאָל אונטערדריקן בײַ זיך דעם פֿאַרלאַנג צו זאָגן דער מיידל: — גענוג דיר שוין צו דרשה'נען, רו זיך אָפּ אַביסל. לאָמיר הנאה האָבן פֿון אונזער לעבן. —

טיילמאָל פֿלעגט ער כמעט אַרויסרייסן די דאָזיקע ווערטער, הגם ער האָט געוווּסט, אַז ער קען דערמיט אַליין איבערפֿירן. איין מאָל איז דזשעני געקומען אין אַ נייער זיידענער קלייד, וואָס איינע פֿון די רייכע חבֿרטעס האָט איר אַוועקגעגעבן. דאָס קלייד איז געווען פֿון אַ ווייכן גראָען זיידן־שטאָף און האָט זייער גוט געפּאַסט צו דזשעני'ס גראָע אויגן. פּעטער האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געהאַלטן אין זיינע אָרעמס אַזאַ מין עלעגאַנט מיידל. ווי גערן ער וואָלט איצט מיט איר אַרויס אין גאַס, געוויזן די פֿאַר לייט! און ער האָט אַליין נישט געוווּסט ווי אַזוי, נאָר דאַמאָלסט ווען ער האָט זיין פּנים געהאַט צוגעדריקט צום ווייכן זייד, האָט ער שטיל אַרויסגערעדט: — דו ווייסט, מיידעלע, אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן, וועלן מיר דאָס ביידע אַליין לאָזן און אַוועקגיין ערגעץ ווייט, וווּ עס איז גוט אויף דער וועלט.

ער האָט גלייך דערפֿילט ווי דזשעני האָט זיך צוזאַמענגענומען און האָט זיך אָפּגערוקט פֿון אים. אין דער זעלבער רגע האָט ער זיך שוין גענומען פֿאַרריכטן זיין פֿעלער.

— איך וויל, אַז דו זאָלסט געזונט ווערן, האָט ער זיך געבעטן: ביזט צו אַלעמען אַזוי גוט, בלויז וועגן זיך טראַכסטו נישט. דערפֿאַר וואָלט איך געוואָלט מיר זאָלן אַוועקגיין.

אפשר נישט אַזוי די ווערטער, ווי דער טאָן, מיט וועלכן זיי זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן, האָט איבערגעשראָקן דזשעני'ן.

— אַך, פּעטער! האָט זי זיך אָפּגערופֿן: — וואָס פֿאַר אַ ראָליע שפּילט אַן איינציקער מענטש, כּל זמן מיליאָנען יונגע מענטשן ווערן אויף שטיקער צעריסן, און מיליאָנען פֿרויען און קינדער שטאַרבן פֿאַר הונגער?

אַזוי זענען זיי ווידער אַרויפֿגעקומען אויף דער פֿראַגע פֿון דער מלחמה; פּעטער האָט ווייטער געמוזט נעמען אויף זיך די אַלטע משא, ווערן פֿון דאָסניי אַ העלד, אַ מאַרטירער, אַ רויטער. דעם זעלבן טאָג זענען געקומען ה״י וואַנדער־אַגיטאַטאָרן — ווי שרעקלעך עס זענען פּעטערן דערעסן געוואָרן די דאָזיקע מענטשן מיט זייערע רייד! עס האָט זיך אים ממש געוואָלט אַ געשריי טון:

— גענוג איך שוין צו קלאַפּן אַ קאָפּ! דאָס וואָס איר רופֿט באַוועגונג איז בלויז אייערער אַן אויפֿטו, כּדי איר זאָלט קענען, אָנשטאָט צו אַרבעטן מיט האַק און האַמער בעסער קלאַפּן מיטן צונג! נאָר דאָ האָט זיך אים פֿאָרגעשטעלט ווי איינער פֿון זיי גיט אים אַ פֿרעג:

— איר האָט עפּעס אַ סך געאַרבעט מיט האַק און האַמער? און דער צווייטער גיט צו:

— ווי איך האָב געהערט, האָט איר, דוכט זיך, אַלע מאָל פֿאַרשטאַנען ווי אַזוי אויסצודרייען זיך עפּעס אַ גרינגע מלאכהלע. —

און ווייל דאָס איז אמת געווען, האָט דאָס נאָך פּעטערן מער פֿאַרדראָסן און

עס איז אים נאָך שווערער געווען צוזאַמענצוקומען זיך מיט די חבֿרים סמיט מיטן ברודער יאָנאַס און מיטן חבֿר בראַון, וועלכער איז אָקאָרשט ערשט אַרויס פֿון תּפֿיסה. און דאָ איז נאָך אויסגעקומען געדולדיק אויסצוהערן אַלע זייערע מעשׂיות צוציקן זיך, ווי זיי עסן אויף אַליין, וואָס עס שטייט אויפֿן טיש און דאָס ערגסטע איז, וואָס די גאַנצע צייט איז אויסגעקומען צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז מען גלייבט גאָר מי־יודע ווי אין זייערע רייד.

און עס איז געקומען אַ צייט, אַז פּעטער האָט שוין מער ניט געקאָנט אויסהאַלטן. האָט שוין מער בשום אופֿן ניט געקאָנט זיצן אַ גאַנצן טאָג פֿאַרשלאָסן אין שטוב. ער איז געוואָרן בייז ווי אַ הונט, וואָס זיצט אויף אַ קייט. און אויב עס וועט זיך אים ניט איינגעבן ווי ניט אַרויסצוקריכן זיך, וועט ער זיך זיכער אַרויסגעבן. ער האָט געמאַכט אַ פּראָבע, האָט געמאָלדן, אַז דער דאָקטאָר האָט אים געהייסן זיין אַ סך אויף דער פֿרישער לופֿט. עס האָט אים געלונגען, מען האָט אים דערלויבט אַרויסצוגיין און עס איז אים געוואָרן אַ ביסל גרינגער.

איצט האָט ער אויך באַקומען אַ מעגלעכקייט אויסצוגעבן אַ ביסל געלט; ער פֿלעגט זיך אַריינרוקן ערגעץ אין אַ שטילן ווינקל אין אַ רעסטאָראַן, באַשטעלן אַ בעפֿשטיק און עסן וויפֿיל עס איז אין אים אַריינגעגאַנגען און קיינער האָט אים ניט געשטערט. פּעטער איז טאַקע געוועזן זייער אויסגעהונגערט. ווי איז ער שוין אויף זיין לעבן ניט אויסגעווען:

אין יתומים־הויז, ביים שוסטער סמיטערס, אין טורמע, אין ערגעץ האָט ער נאָך אַזוי שלעכט ניט געלעבט ווי ביי די שוועסטער טאַר. ווייל די גאַנצע געלט, וואָס זיי פֿלעגן האָבן, פֿלעגן זיי אַוועקגעבן אָדער דעם פּאַרטיידיקונג־קאָמיטעט, אָדער דעם „טראָמפּייט“, דער סאָציאַליסטישער צייטונג, וואָס פֿלעגט אַרויסגיין אין אַמעריקען־סיטי.

24

פּעטער האָט זיך געווענדעט צום אַדוואָקאַט ענדריוס און האָט געבעטן ער זאָל אים געבן עפּעס אַ באַשעפֿטיקונג, ער וואָלט געוואָלט מיטאַרבעטן אין פֿאַרטיידיקונג־קאָמיטעט. דער אַדוואָקאַט האָט אים אַהין אַריינגעשיקט. מער ווי דאָס האָט פּעטער ניט געדאַרפֿט. דאָרטן האָט מען אַ גאַנצן טאָג גערעדט וועגן הובער־פּראָצעס און ער האָט געקאָנט דערהערן די וויכטיקסטע נייעס.

נאָר פּעטער האָט זיך דערביי ניט אָפּגעשטעלט, ער האָט זיך באַמיט צוצופּאַסן צו אַלעמען, מען האָט אים דאָרטן אין גיכן ליב באַקומען, ער האָט געקראָגן גוטע פֿריינט און דערנאָך האָט שוין לאַנג ניט געדויערט און ער האָט זיך באַקאַנט מיטן הויפּט־עדות מצד דער פֿאַרטיידיקונג. ער האָט זיך דערוווּסט, אַז יענער האָט עפּעס געהאַט אַמאָל אַן עסק מיט אַ פֿרוי, אים האָט זיך אויך איינגעגעבן צו דערגיין איר נאָמען און גענויער האָט שוין גענומען אַרבעטן וועגן דעם, ווי אַזוי זי אַראָפּצוברענגען קיין אַמעריקען־סיטי. די זאַך האָט געזאָלט אַזוי קונציק געמאַכט ווערן, אַז די פֿרוי אַליין האָט ניט געדאַרפֿט וויסן ווי

אַזוי עס איז געקומען דערצו. און איידער די איז נאָך דאָ געווען האָט מען שוין געזוכט פּעדים ווי אַזוי זיי ביידן צוזאַמען צו פֿירן. און אויב דאָס וועט געלינגען, די אַלטע ליבע וועט זיך ווידער פֿאַנאַנדערפֿלאַקערן, דאַמאָלסט איז די זאַך מיטן הויפּט-עדות ערליידיקט.

— אַלע מאָל איז עפּעס דאָ, בײַ וואָס מען קען די חברה-לײַט פֿאַקן, האָט גיוביי געזאָגט און האָט מיט ברייטקייט איינגעצאָלט פּעטערן פֿינף הונדערט דאָלאַר פֿאַר דער אינפֿאָרמאַציע.

פּעטער וואָלט איצט געקאָנט הוכסט גליקלעך זײַן, האָט זיך אים גראָד געמאַכט אַ שרעקלעכע צרה. פֿאַר דער לעצטער צײַט האָט דזשעני אַליין עפּטער גענומען רעדן וועגן חתונה האָבן. און ענדלעך האָט זי אים מודה געווען עפּעס אַ זאַך, צוליב וואָס די חתונה האָט אים באַדינגט געמוזט זײַן. זי האָט אים דאָס מודיע געווען מיט אַ ציטערדיקער שטים, אַ פֿאַרויטלטע און מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן. אָבער פּעטער איז אַזוי צעטומלט געוואָרן, אַז ער האָט פֿאַרגעסן צו שפּילן די ראָלע, אין וועלכער דזשעני איז אים געוויינט געווען צו זען. און ער האָט איר אויף איין רגע געוויזן זײַן אמתן פּרצוף.

דזשעני האָט אָנגעהויבן ספּאַזמירן: — וואָס איז מיט אים געשען? צי דען וויל ער מיט איר נישט חתונה האָבן, ער האָט דאָך איר אַזוי פֿיל מאָל צוגעזאָגט? ער דאַרף דאָך פֿאַרשטיין, אַז מער וואַרטן טאָר מען שוין נישט.

פּעטער, וועלכער האָט דעם ערשטן מאָל אין זײַן לעבן געהאַט צו טון מיט אַ היסטערישער פֿרוי, האָט אַזוי פֿאַרלאָרן דעם קאָפּ, אַז ער האָט לגמרי נישט געוווּסט, וואָס צו טון. האָט ער געכאַפּט דעם קאַפּעליוש, האָט אַ טראַסק געטון מיטן טיר און איז אַנטלאָפֿן געוואָרן.

ווען ער איז אַרויסגעלאָפֿן האָט ער ערשט גענומען טראַכטן. און וואָס מער ער האָט געטראַכט, האָט ער אַליין מער פֿאַרשטאַנען, אַז דער ענין איז זייער נישט קיין אָנגענעמער. ווען עס מאַכט זיך מיט אים מי-יודע וואָס פֿאַר אַ זאַך, וואָלט ער ווי אַן אָנגעשטעלטער אין איינבאַן-טרעסט נישט געהאַט, וואָס מורא צו האָבן. דאָ איז אָבער אַזאַ מעשה, אַז ס'איז אַ גרויסער ספק צי וועט אים עמיצער קענען פֿאַרטיידיקן. סײַדן זיי וואָלטן געקאָנט דעם ענין ערליידיקן אויף דעם אופֿן, אַז איצט זאָל ער מיט דער מיידל חתונה האָבן און דערנאָך זאָל ער קענען מאַכן ויברח און פֿאַרטיק.

פּעטער איז אויף אַזוי ווײַט אומרויִק געווען, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט אײַנהאַלטן און האָט אָנגעטעלעפֿאָנירט אין געפּעפּיס ביוראָ און האָט געבעטן, אַז מען זאָל אים צושיקן גיונייען, דאָס איז געווען זייער געפֿערלעך צו טון, ווײַל מען האָט שפּיאָנירט די טעלעפֿאָנען און עס האָט געקאָנט געמאָלט זײַן, אַז דער פֿאַרטיידיקונג-קאָמיטעט פֿון זײַן זײַט טוט דאָס אויך. פּעטער האָט דאָס אָבער געמוזט טון. ער האָט געבעטן גיונייען, ער זאָל קומען אויף זייער שטענדיקן אָרט.

ווען זיי זענען זיך צוזאַמענגעקומען האָט אים פּעטער דערציילט די מעשה.

לכתחילה האָט גיזיי שרעקלעך געלאַכט, נאָר ווען ער האָט דערזען, אַז זיין מענטש איז זייער צעטראָגן און אין כעס, האָט ער אויפגעהערט.

— איך ווייס נישט, וואָס איז דאָ דער געלעכטער? האָט געפרעגט פּעטער. איך וואָלט וועלן וויסן ווער וועט אייך געבן די אינפאָרמאַציעס, קוים בין איך אַזוי אומגליקלעך. —

— אָבער גוטער גאָט, צו וואָס האָט איר זיך געדאַרפט אויסזוכן אַזאַ מין מיידל?

— איך האָב געמוזט נעמען וואָס עס האָט זיך געמאַכט. און ווידער זענען אַלע מיידלעך די זעלביקע, מען האָט פון זיי אַלעמען צרות. ווען נישט, קען מען מיט זיי גאָרנישט מאַכן.

— נאַטירלעך, וואָלט מען עפּעס געקאָנט טון דערצו. פאַרוואָס זייט איר פריער צו מיר נישט געקומען? אָבער קוים האָט איר איר צוגעזאָגט התונה צו האָבן, איז דאָס אייער אייגענער ענין.

איך קען אייך גאָרנישט העלפן.

ער האָט אויך פאַרוואָרפן פּעטערס פּלאַן אַפריער התונה האָבן, דערנאָך זיך ווי נישט איז אַרויסדרייען, דאָס וועט זיין אוממעגלעך. און ווידער איז דאָס פאַרבונדן מיט אַזעלכע זאַכן, אַז פּעטער וועט אינגאַנצן מוזן אויפהערן צו זיין אַ שפּיאָן. מען מוז דער מיידל געבן געלט, שיקן זי צו אַ דאָקטאָר. ער וועט פּעטערן פאַרשאַפן דעם נויטיקן אַדרעס.

— יאָ, אָבער וואָס זאָל איך איר זאָגן? האָט פּעטער געטענהט: — וואָס זאָל איך איר אויפגעבן פאַר אַ סיבה, פאַר וואָס וויל איך מיט איר נישט התונה האָבן?

— קלערט עפּעס אויס. עס האָט דאָך געקאָנט זיין אַזוי, אַז איר האָט שוין פון פריער אַ ווייב. פּעטער האָט אים אָנגעקוקט ווי אַ משוגענעם.

— דאָס איז די פּשוטסטע זאַך. איך קען אייך אַפילו אַ ווייב אויך צושטעלן טאָמער וועט איר דאַרפן. נאָר איך רעכן, אַז מען וועט דאָס גאָרנישט דאַרפן; קלערט עפּעס אויס פאַר דער מיידל אַ טרויעריקע געשיכטע: איר האָט אַ ווייב, איר האָט געהאָפט, אַז איר וועט זיך גטן מיט איר, איצט לאָזט זיך אויס, אַז מען קען נישט. אייער ווייב האָט זיך דערוויסט, ווייל זי אָננעמען מיטלען. און דאָ גיט דער מיידל צו פאַרשטיין, אַז צוליב דעם, וואָס איר זייט אַן עדות אין הובער־פּראָצעס, וואָלט דאָס זיין זייער נישט באַקוועם. און אויב זי איז טאַקע אַן אמתע איבערציגטע, וועט זי אייך נישט וועלן קאָמפּראָמיטירן און וועט אַפילו וועגן דעם איר אייגענער שוועסטער נישט דערציילן.

פּעטערן האָט געעקלט פון דעם פּלאַן; ער האָט שוין געזען פאַר זיינע אויגן ווי די קליינע דזשעני ליגט אויבן סאָפע און וויינט. און ער האָט זיך שוין פאַרויס געשראָקן פאַר דער שרעקלעכער סצענע, וואָס אים וועט אויסקומען איבערצולעבן. ער האָט אָבער קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. ער האָט געמוזט גיין און אַפילו זיך צואיילן, ווייל די זאַך האָט געמוזט ערלעדיקט ווערן נאָך איידער סעדי איז געקומען פון דער אַר־

בעט אַהיים. ווען נישט, וועט שוין אפשר זיין צו שפּעט.

## 25

פּעטער איז געקומען צו לויפן אַהיים. דזשעני איז נאָך אַלץ געלעגן אויפן בעט און געוויינט. זי האָט אויסגעזען בלאַס, אָבער שוין אַ ביסל באַרויקט אין פּעטער האָט געמיינט, אַז מען קען מיט איר רעדן. קענטיק אָבער, אַז די געפילן ביי פרויען שעפּן זיך נישט אויס אַזוי גיך.

זי איז געלעגן אַ בלאַסע און האָט זיך שטיל צוגעהערט צו דער הקדמה פון פּעטערס ווידוי, אָבער ווי נאָר ער איז דערגאַנגען דערצו, אַז ס'איז אים אויסגעקומען אַרויסצורעדן די אומגליקלעכע פּאָר ווערטער, דאָס ער האָט שוין פון פריער אַ ווייב, איז דאָס מיידל מיט אַזאַ מין ווילדן געשריי אַ שפּרונג געטאָן פון בעט, אַז ער האָט געמיינט, אַז זי איז פון זינען אַראָפּ.

פּעטער האָט זיך געפּרוווט פאַרענטפערן, אַז ער איז נישט שולדיק, ער האָט געמיינט, אַז אַט-אָט ווערט ער פריי. אָבער דזשעני האָט געבראָכן די הענט און געשריען:

— דו האָסט מיך אָפּגענאַרט! דו האָסט מיך אָפּגענאַרט!

עס האָט אויסגעזען ווי עפּעס אַ סצענע פון אַ קינעמאַטאָגראַף.

פּעטער האָט איר געוואָלט אָננעמען ביים האַנט, זאָגן איר עפּעס, זי האָט זיך אָבער אַ ריס געטאָן פון אים, אַוועקגעלאָפן אין צווייטן עק צימער און אויסגעשטעלט אויף אים אַ פּאָר אויגן, ווי אַ ווילדע חיה, וועלכע מען קלייבט זיך צו שחטן. אין אַ רגע אַרום האָט זי ווייטער אָנגעהויבן שרייען. זי האָט געמאַכט אַזאַ ליאַרם, אַז פּעטער האָט מורא געהאַט, אַז די שכנים זאָלן נישט אַריינגיין. האָט ער דאַמאָלסט באַשלאָסן אויסניצן זיין לעצט מיטל: ער האָט זי געבעטן שווייגן, ווייל אויב עמיצער זאָל זיך דערוויסן פון דער מעשה, פאַרלירט ער דאָך די מעגלעכקייט צו זיין אַן עדות אין הויבער-פּראָצעס. און אויב דזשים הויבער וועט פאַרמשפּט ווערן צום טויט, וועט דאָס זיין איר שולד.

דזשעני איז גלייך אַנטשוויגן געוואָרן און פּעטער האָט אָנגעהויבן צו רעדן. ער האָט איר אָנגעהויבן צו דערציילן מיט וואָס פאַר אַ געמיינע מיטלען עס באַניצט זיך דער צווייטער צד: מען האָט אים געוואָלט געבן צען טויזנט דאָלאַר, אויב ער וואָלט מסכים געווען צו פאַרראַטן הויבערן. און אַזוי ווי ער האָט דאָס מיט פאַראַכטונג אָפּגעוואָרפן, ווילן זיי ווירקן אויף אים מיט אַנדערע מיטלען. ער ווייסט נישט, ווי אַזוי זיי האָבן דערשמעקט וועגן זיין ליבע און איצט ווילן זיי דאָס אויסניצן קעגן אים, זיי ווילן ווירקן אויף אים דורך דער ווייב.

דזשעני האָט פּעטערן נישט געלאָזט זיך צורירן צו זיך, זי האָט זיך אָבער אַוועקגעזעצט און האָט אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו דעם, וואָס ער האָט גערעדט. — הויבערס פאַרטיידיקונג טאָר באַ קיין אופן נישט ליידן, האָט זי זיך אָפּגערופן. פּעטער איז קעגן איר באַגאַנגען אַ גרויסן, זייער אַ גרויסע עוולה, אָבער זי וועט זיך אָן אים נישט נוקם זיין. זי איז

גרייט אַליין צו ליידן, אים וועט זי נישט פֿאַרשעמען.

דאַמאָלסט האָט זיך פּעטער אָפּגערופֿן. אייגנטלעך וואָלט מען דאָס נישט געדאַרפֿט נעמען אַזוי ערנסט. ער האָט געטראַכט וועגן דעם; ער האָט זיך דערוווּסט, ווו עס וווינט זיין געוועזענער באַלעבאָס, פּעריקלעס פּריאַם. ווען ער זאָל זיך נאָר צו אים ווענדן, איז ער זיכער, אַז יענער וועט אים לייען אַ צוויי־הונדערט דאָלאַר, דאַמאָלסט וואָלט דזשעני געקאָנט גיין צו אַ דאָקטאָר און — זי וואָלט זיך באַפֿרייט פֿון איר שווערער לאַגע...

דזשעני האָט אים איבערגעשלאָגן די רייד; דוכט זיך נאָך גאָר אַ קינד געווען, אָבער אין אַ געוויסן זין שוין אַ ריפֿע פֿרוי. און אַלס אַזעלכע האָט זי שוין געהאַט איר אייגענע באַציִונג צו געוויסע פֿראַגן, אירע איבערצייגונגען. און האָט זיך ווער געפּרוּווט פֿאַרמעסטן קעגן זיי, האָט ער זיך אָנגעשטויסן אין אַ געמויערטער וואַנט. וועגן פּעטערס פּלאַן האָט זי אַפֿילו הערן נישט געוואָלט, — דאָס וואָלט געווען אַ מאָרד, האָט זי זיך אָפּגערופֿן.

— וואָס רעדסטו, ס'איז אַ נאַרישקייט! האָט פּעטער געזאָגט, ווי ער וואָלט נאָכגערעדט געווינען: — דאָס איז גאָרנישט, אַלע טוען דאָס.

אָבער דזשעני האָט שוין גאָרנישט געהערט, וואָס ער רעדט. זי איז געזעסן מיט אויסגעשטאַרטשעטע, צעשראָקענע אויגן, געקוקט ערגעץ ווייט אין מרחק אַריין און אירע פֿינגער האָבן נערוועז געצופּט איר קלייד. פּעטער האָט זיך צוגעקוקט צו איר. די אומאויפֿהערלעכע, איינאַרטיקע באַוועגונג פֿון אירע פֿינגער האָט מאָדנע געווירקט אויף זיינע נערוון.

— ווען דו וואָלסט נאָר נישט געוואָלט, נעמען דאָס אַזוי ערנסט צום האַרצן, — האָט זיך פּעטער געבעטן.

— ס'איז געשען אַן אומגליק. מיר דאַרפֿן זיך זען ווי נישט איז אַן עצה געבן. עס וועט דאָך קומען אַ צייט, ווען איך וועל זיין פֿריי און מיר וועלן קענען חתונה האָבן.

— שווייג פּעטער, האָט דאָס מיידל געזאָגט ווי צו זיך אַליין מיט אַ פֿאַרשטיקטן קול: — אויב אַ חוץ דעם דאַרפֿסטו מיר גאָרנישט זאָגן, וויל איך מיט דיר מער בכלל נישט רעדן. איך ווייס נישט צי וועל איך שוין איבערהויפּט ווען נישט חתונה האָבן, נאָכדעם ווי דו האָסט מיך אַזוי אָפּגענאַרט. חדשים לאַנג, טאָג איין טאָג אויס, האָסטו מיך גענאַרט.—

פּעטער האָט מורא געהאַט, אַז זי וועט ווייטער אָנהייבן ספּאַזמירן, האָט ער זי געפּרוּווט באַרויִקן. אַ ווײַלע האָט זי זיך צוגעהערט, פֿלוצלונג האָט זי זיך אַ ריס געטאָן פֿון אָרט, איז אויפֿגעשפּרונגען און אַ געשריי געטאָן: — גיי! איצט גיי פֿון דאַנען, לאָז מיך אַליין. איך מוז זיך באַטראַכטן, זען, וואָס איך האָב צו טון. דיך וועל איך באין אופן נישט קאָמפּראָמיטירן; אָבער גיי, גיי גלייך די מינוט. —

## 26

זי האָט אים געטריבן פֿון שטוב. פּעטער האָט געמוזט אַוועקגיין. אַ צעטראָגענער האָט ער זיך אַוועקגעלאָזן איבער די גאַסן. נאָר, ווו גייט מען? פּע־

טער האָט זיך נישט געהאַט ווי אַהין צו טון, האָט נישט געוווּסט אויף וואָסער וועלט ער איז. עס האָבן זיך אים אָנגעהויבן דרייען אין קאָפּ שרעקלעכע געדאַנקען: אַנדערש האָט אַלץ געדאַרפֿט זיין, נישט אַזוי האָט געדאַרפֿט אויסזען זיין לעבן.

אַזוי טראַכטנדיק, האָט ער זיך דערשלעפּט צו אַ רעסטאָראַן, איז אַריינגעגאַנגען, האָט באַשטעלט אַ גוטן מיטאָג, נאָר היינטיקס מאָל האָט ער פֿון אים קנאַפּ וואָס הנאה געהאַט. ער האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט באַרויִקן. עס האָט זיך אים אַלץ געדרייט אין קאָפּ, וואָס וועט זיין ווען סעדי וועט קומען אַהיים. דזשעני וועט איר דערציילן, אָדער נישט?

דעם זעלבן אָוונט האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען אַ גרויסע פֿאַרזאַמלונג פֿון הובערס פּאַרטיידיקונגס-קאָמיטעט. פּעטער איז אַוועק אויף דער פֿאַרזאַמלונג, אָבער קיין ערגערע זאַך האָט ער גאָרנישט געקאָנט טון. ס'איז נישט געווען פֿאַר זיין היינטיקער שטימונג צוצוהערן זיך צו דעם, וואָס עס האָט זיך דאָרטן געטון. ער האָט די גאַנצע צייט געהאַט אַ געפֿיל, ווי עמיצער וועט באַלד צוגיין צו אים און געבן אַ זאָג:

— גוטער ברודער, איך ווייס ווער די ביזט.

וואָס וואָלט דאַמאָלסט געשען איז זיך אים גאָר שווער געווען פֿאָרצושטעלן. ער איז געווען אַרומגערינגלט פֿון טויזנטער אַרבעטער: שמידן מיט פֿאַרהאַרטעוועטע הענט, הויכגעוואַקסענע האָלץ-אַרבעטער מיט ברייטע פּלייצעס, אייזנבאַנער מיט פֿויסטן, וואָס וואָלטן געקאָנט מויערן צעבּרעכן און צווישן זיי באַוואַקסענע ראַדיקאַלן פֿון הונדערטער געפֿערלעכע מינים און אַ שיעור צערייצטע פֿרויען, וואָס האָבן געקוויטשעט און געבאָכט מיט רויטע טיכלעך.

דער הובער-פּראָצעס האָט אַרויסגערופֿן אַ מוראדיקע אויפֿרעגונג צווישן די אַרבעטער, ווי אַ פֿייער וואָלט זיך צווישן זיי אָנגעצונדן. פּעטער האָט געוווּסט, אַז ער גייט קעגן זיי, אַז בנוגע זיי איז ער אַ פֿאַררעטער, אַ גיפֿטיקע שלאַנג. און ווען זיי דערוויסן זיך, וואָס ער האָט געטון (און צי דען האָט דאָס נישט געקאָנט טרעפֿן?) וואָלטן זיי אים זיכער אויף שטיקער צעריסן. און אפֿשר טאַקע איצט אין דער זעלביקער רגע דערציילט דזשעני אַליין סעדין: סעדי קלינגט גלייך צום אַדוואָקאַט ענדריוס, ביי אים גנבעט זיך אַריין אַ חשד קעגן פּעטערן. ער שיקט אונטער שפּיאָנעס, וואָס זאָלן אים היטן! און עס קאָן גלייך זיין, אַז שוין איצט קוקן זיי אים נאָך, האָבן אויסגעשפּירט זיין טרעף-פּונקט מיט גיוניען, ווייסן שוין, וואָס זיי האָבן ביידע גערעדט!

און געפּייניקט פֿון אַזעלכע מין מחהערן לאַנגע רעדעס, צוהערן זיך צו דעם, ווי עס ווערן איבערגעגעבן אַלע פּרטים פֿון געפּפּיס שווינדלערייען, ווי עס ווערן אויפֿגעדעקט אַלע זיינע שפּיצלעך, ווי דער פּראָקוראָר ווערט באַשולדיקט אין אָפּגעבן אַ פֿאַלשע שבֿועה, ווי די אַגענטן ווערן באַצייכנט ווי נידעריקע נפֿשות, ווי שווינדלער, שאַנטאַזשיסטן.

פּעטער איז געזעסן אַ צוקאָכטער, ווי דערלאָזט מען דאָס אַזעלכע רעדעס, פֿאַר

וואָס זיצן נישט די אַלע מענטשן אין טורמע? גלייכצייטיק האָט ער אָבער גאַנץ הייס געפּאַטשט בראַוואָ. און דאָס זעלביקע האָבן אויך געטון אַלע איבעריקע אַגענטן, וואָס האָבן זיך געפונען אין זאַל.

צו פּעטערן איז צוגעגאַנגען מרים יאַנקאָוויטש, זי האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן אים און האָט אים אַריינגעשושקעט אין אויער: — גיט אַ קוק, עס זיצן דאָ צוויי שפּיאָנעס, קוקט זיך צו צו זייערע פּנימער.

— וועלכע מיינט איר? האָט פּעטער געפרעגט און אומגעקערט דעם קאָפּ.

— איינער, דאָרטן, וואָס זעט אויס ווי אַ באָקסער, און דער צווייטער, וואָס זיצט נעבן אים מיט אַ פּנים פון אַ שטשור.

פּעטער האָט גלייך דערקענט ביידע; און יענער האָט אים גלייך דערזען, ער איז אָבער געבליבן זיצן רויִק אויף זיין אָרט, ווי ער וואָלט אין גאַנצן נישט באַמערקט, אַז מען קוקט אויף אים.

די פאַרזאַמלונג האָט זיך דערצויגן ביז אין מיטן דער נאַכט. עס איז צונויפגעקליבן געוואָרן עטלעכע טויזנט דאָלאַר און עס איז אָנגענומען געוואָרן אַ רעזאָלוציע, וועלכע האָט געדאַרפט פאַנאַנדערגעשיקט ווערן צו אַלע פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען אין לאַנד.

פּעטער האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין פון זאַל פריִער פאַר אַלעמען; ער האָט שוין מער נישט געקאָנט אויסהאַלטן. ווען ער האָט זיך אַזוי פאַמעלעך געשטופּט דורכן עולם, האָט ער זיך אָנגעטראָפן פּנים אַל פּנים מיט מיסטער קאַרמיק. דער יונגערמאַן האָט אויסגעזען זייער צוטראָגן און אויפגערעגט. פּעטער האָט געמיינט, אַז דאָס איז דער רושם פון די רעדעס. יענער איז אָבער צוגעגאַנגען צו אים און געפרעגט:

— איר האָט שוין געהערט?

— ניין, וואָס?

— דזשעני טאָד האָט זיך דאָס לעבן גענומען.

— גאָט מיינער! האָט פּעטער אַ געשריי געטון און זיך אַרומגעקוקט ווי אַ צומישטער.

— אַדאַ רוט האָט דאָס מיר אַקאָרשט ערשט דערציילט. ווען סידי איז געקומען אַהיים האָט זי געפונען אַ בריוו. דזשעני איז אַוועק פון שטוב, כדי זיך צו דערטרינקען.

— אָבער פאַרוואָס, וואָס איז די סיבה? האָט פּעטער געפרעגט אַ צעשראָקענער.

— זי האָט געהאַט זייער אַ שווערע קראַנקהייט, האָט שטאַרק געליטן, זי האָט געבעטן די שוועסטער, אַז זי זאָל איר קערפּער נישט זוכן, נישט מאַכן קיין טומל. — מען וועט זי במילא נישט געפינען.

מען קען נישט זאָגן, אַז פּעטערן זאָל דאָס נישט פאַרדריסן. אין דער ערשטער מינוט איז אים אַ ציטער דורכגעגאַנגען דורכן גאַנצן לייב, אַזוי האָט אים דאָס אויפגערעגט, אָבער איצט איז אים פונדעסטוועגן אַ סך גרינגער געוואָרן. ער האָט דערפילט, ווי עס וואָלט אים אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן. די קליינע דזשעני האָט איר הבטחה געהאַלטן. פּעטער איז געראַטעוועט!

## 27

יאָ, פּעטער איז געווען געראַטעוועט.

אָבער די סכנה איז נאָך געווען גענוג גרויס, און ער האָט נאָך געהאַט אַ היפּש ביסל צרות איבערצוקומען. שוין דאָס אַליין, וואָס ער האָט געמוזט גיין צוריק ׳היים און זען כעדין, איז געווען גענוג.

אָבער ער האָט דאָס געמוזט טון, האָט געמוזט דאַגהגען מיט אַלע צוזאַמען, ווייזען, אַז ער איז צוקלעמט. ווען ער באַווייזט זיך נישט, וואָלט דאָס דערוועקט קעגן אים אַ חשד און די חברים וואָלטן אים דאָס קיינמאָל נישט מוחל געווען.

און שטעלט אייך פֿאָר זיין שרעק, ווען ער האָט באַמערקט, אַז סעדי שטויסט זיך אָן צוליב וואָס דזשעני איז באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. זי איז צוגעשטאַנען צו פֿעטערן, האָט אים אָנגעהויבן אויסצופֿאָרשן. פֿעטער האָט זיך זייער הייס פֿאַרטיידיקט, האָט געשוווירן, אַז ער איז אומשולדיק.

בשעת ער האָט זיך אַזוי געהאַלטן אין פֿאַרענטפֿערן איז אים פּלוצלינג אַרויסגעקומען אַ געדאַנק. ער האָט אַראָפּגעלאָזן די אויגן, ווי ער וואָלט זיך שעמען און שטילערהייט, ווי עס וואָלט אים זייער שווער געווען, האָט ער אַרויסגעשטאַמעלט:

— איינער אַ בחור, אַ יונגערמאַן פֿלעגט קומען צו דזשעניין און דזשעני האָט אים געבעטן ער זאָל קיינעם נישט זאָגן.

אַ רגע האָט פֿעטער געשוויגן, ווי ער וואָלט זיך וואַקלען, דערנאָך האָט ער אַרויסגערעדט:

— דזשעני האָט מיר געזאָגט, אַז זי האַלט פֿון פֿרייער ליבע אין, אַז זי איז אַליין אַזאַ „פֿרייליבנדיקע". איך נאַטירלעך בין קעגן, אָבער איר ווייסט דאָך סעדי, אַז קוים האָט זיך דזשעני עפּעס אַריינגעקלאַפּט אין קאָפּ, האָט מען גאַרנישט געקאָנט מאַכן. איך האָב געוווסט, אַז איך וועל זי מיט מיינע רייד נישט איבערצייגן.

סעדי איז שיעור פֿון זינען נישט אַראָפּ. ווי אַ צומישטע איז זי אַרויסגעפֿאַלן אויף פֿעטערן מיט קללות.

ווי קען דאָס זיין! טייוול איינער! ווער איז געווען דער מענטש, וואָס פֿלעגט קומען אַהער?

— מען רופֿט אים סנעד, האָט פֿעטער געענטפֿערט: אַזוי לכל הפּחות האָט אים דזשעני גערופֿן. איך האָב דאָך נישט געהאַט קיין רעכט צו מישן זיך אין אירע אָנגעלעגנהייטן.

— ס'איז געווען אייער חוב צו פֿאַרהיטן אַזאַ קינד.

— דזשעני האָט אַליין געזאָגט, אַז זי איז שוין נישט קיין קינד. זי ווייסט זייער גוט, וואָס זי טוט, — אַלע סאָציאַליסטן טוען אַזוי. — דערנאָך האָט ער נאָך צוגעגעבן, אַז ער האָט דאָס פּשוט געהאַלטן פֿאַר נישט אָנשטענדיק, אַז ער ווי אַ גאַסט, אַ פֿרעמדער מענטש, זאָל זיך גיין אַריינמישן און נאָכשפּאָנירן, וואָס עס טוען די איינוווינער פֿון שטוב. ווען ער האָט אָבער געזען, אַז זיינע רייד העלפֿן נישט, אַז סעדי גלויבט אים נישט און הערט אים נישט אויף צו זידלען, האָט ער זיך אויסגעקליבן דעם גרינגסטן אויסוועג, האָט ער געמאַכט אַן אָנשטעל ווי ער וואָלט זייער אין כעס געוואָרן, און איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון שטוב.

דער גאַנצער ענין איז געווען זייער אַ-

שוועריער, אָבער פֿעטער האָט געהאַפֿט, אַז ער וועט זיך ווי ניט איז אַרויסדרייען. סײַדי וועט מסתּמא די מעשׂה פֿאַרשווייגן, ווײַל דאָס קען דאָך בלויז אָנמאַכן חרפּה איר מיט דער שוועסטער. און אַמאָל קען זײַן, אַז זי וועט אפֿשר גאָר אָנהייבן צו גלייבן, אַז ס'איז אמת, וואָס ער האָט דערציילט, אפֿשר איז זי אַליין אויך פֿאַר פֿרייע ליבע. מיסטער גיני האָט דאָך עפּעס פּאַרט געזאָגט, אַז אַלע סאָציאַליסטן האַלטן פֿון פֿרייע ליבע און אַז ער זאָגט, ווייסט ער.

נאָר ווי דאָס זאָל ניט זײַן, איינס איז זיכער, אַז קודם־כּל וועט סײַדי טראַכטן, וועגן הובער־פּראָצעס. דאָס איז פֿאַר פֿעטערן געווען זייער באַקוועם. און ווען ער האָט זיך דערטראַכט דערצו, האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז איצט קען גאָר זיך פֿאַרגינען אַרויסצוווײַזן זײַן גרויסמוטיקייט. ער האָט אָנגעקלונגען צו סײַדין און האָט איר געמאָלדן:

— זײַט וויסן, אַז איך וועל שווײַגן און מאַמע וועט זיך עמיצער פֿון דער מעשׂה דערוויסן, וועט דאָס געשען בלויז דורך אײַער שולד.

אָבער ווי עס ווײַזט אויס, האָט דאָס דזשעני פּאַרט געמוזט דערציילן עטלעכע מענטשן. פֿעטער האָט דאָס גלייך דערפֿילט ווי נאָר ער איז אַרײַנגעקומען אין ביוראָ. פֿרײַליין נעבבינס האָט אים באַגעגנט זייער קאַלט, דאָס זעלביקע איז אויך געווען מיט מיס יאַנקאָוויטש, איר געוויינלעכע חבֿרישע פֿרײַנטלעכקייט איז אינגאַנצן פֿאַרשוווּנדן. און נאָך אַנדערע עטלעכע פֿרויען האָבן זיך אויך באַצויגן צו אים מיט אונטערגעשטראָכענער צוריקגעהאַלטנקייט.

איינער האָט אָבער גערעדט מיט פֿעטערן אָפֿן וועגן דעם דאָזיקן ענין. דאָס איז געווען קאָרמיק, דער וואָס האָט דער ערשטער איבערגעגעבן פֿעטערן די ידיעה וועגן דזשעניס זעלבסטמאָרד. צי האָט דאָ פֿעטער עפּעס אַ פֿעלער באַגאַנגען, האָט זיך שלעכט געהאַלטן, אָדער אפֿשר האָט דער יונגערמאַן פֿריִער עפּעס באַמערקט, אפֿשר אונטערגעכאַפּט ניט קיין פֿאָרזיכטיקן קוק צווישן אים און דזשעניִן און אפֿשר האָט אים טאַקע סײַדי דערציילט נאָר ווי דאָס זאָל ניט זײַן, ער האָט געוווּסט. און קענטיק, אַז ניט אומזיסט פֿלעגט פֿעטער אַלע מאָל מורא האָבן פֿאַר זײַן קוק און זיך ניט האָבן וווּ אַהין צו טאָן, ווען אים פֿלעגט אויסקומען צו זײַן צוזאַמען מיטן יונגן־מאַן אין שטוב. איצט האָט ערשט פֿעטער געזען, אַז זײַן מורא האָט געהאַט אַ גרונט. ער האָט אָפּגערופֿן פֿעטערן אין אַ זײַט, האָט אים אויסגעשטעלט זײַן פֿויסט דאַרט נעבן נאָז און האָט אים געזאָגט, אַז ער איז אַ געמיינער הונט אין, אַז ער קאָרמיק, וואָלט אים קיין לעבעדיקן פֿון זײַנע הענט ניט אַרויסגעלאָזן, ווען ער וואָלט זיך ניט געמוזט רעכענען מיטן אויסגאַנג פֿון פּראָצעס.

פֿעטער האָט מורא געהאַט אַ מויל אויפֿצועפֿענען. דער אירלענדער האָט אַזוי אויסגעזען, אַז ס'איז גלײַכער געווען ניט אַרײַנצולאָזן זיך מיט אים אין וכּוחים.

גאָט מײַנער, וואָס פֿאַר אַ געפֿערלעכע באַנדע די רויטע זענען! און דער ערגסטער פֿון זיי איז דאָס איצט פֿעטערס

א פארביסענער שונא! פון היינט אן ליגט לעבן אין די הענט פון דעם דאזיקן משוגענעם אירלענדער! פעטערן האט ממש געגרוילט פון די דאזיקע געדאנקען. אוי, ווי ער האט אים פיינט געהאט! ער האט געפילט צו אים אזא מין שנאה, אז ער האט וועגן קיין שום אנדער זאך טראכטן נישט געקאנט! ער האט אפילו אן דער קליינער דזשעני פארגעסן. זי איז אים ארויס פון זכרון, ווי זי וואלט גאר קיינמאל אויף דער וועלט נישט געווען.

אבער דאס איז אלץ געווען בייטאג, דאמאלסט ווען ער איז געווען ארומגערינגעלט מיט מענטשן, ווי נאר עס פלעגן קומען די שטילע ביינאכטיקע שעהען, פלעגט דזשעניס קליינע, צארטע געשטאלט ארויסשווימען פאר זיינע אויגן. און זי פלעגט ווידער אויפלעבן אין זיין זכרון. דאמאלסט פלעגט זי איינגאנצן באהערשן זיינע מחשבות. ער פלעגט ליגן מיט אפענע אויגן און טראכטן, גריבלען זיך אין דעם פארפלאנטערטן קנויל פון די געשעענישן, זוכן א תשובה אויף די אנגעווייטאקטע פראגן, וואס זיין געוויסן פלעגט אים שטעלן.

לאנג האט ער אבער נישט געטראכט. ער איז געקומען צום באשלוס — און ער האט זיך אליין ממש געחידושט ווי ווייט פשוט דאס איז געווען, — אז די טראגעדיע איז געווען אומפארמיידלעך, אז זי האט זיך אנטוויקלט און אפגעשפילט כמעט אן זיין מיטהילף. האט ער, פעטער, עפעס א שולד אין פארביטערטן קלאסן־קאמף, וואס פירט זיך אין אמעריקאן־סיטי? ניין! נאך ווייניקער איז ער שולדיק אין דעם, וואס ער האט פריער געזאלט זיין א געצוווּנגענער עדות און איז דערנאך געווארן א געהיים־אגענט. און פארוואס זאל ער טאקע נישט זיין קיין געהיים־אגענט? אט לייענט ער אלע טאג דעם „טיימס" און הארטן שטייט געשריבן שווארץ אויף ווייס, אז דער ענין הובער דאס איז די זאך פון אנארכיע און מרידה. דאקעגן געפפי און די פראקוראטור, זענען די היטער פון געזעץ און ארדענונג. און געוויס איז דאס לעצטע בעסער פאר דאס ערשטע. פעטער האט געדינט א נוצלעכער זאך. און פאר דער דאזיקער זאך, האט ער געמוזט טון אלץ, וואס ס'איז געווען אין זיינע קרעפטן. ער האט זיך געמוזט אונטערווארפן די פארארדענונגען פון זיין עלטסטן; ער איז געווען איינגעשפאנט אין וואגן פון געזעץ, — ווער קאן אים באשולדיקן דערפאר, וואס אן ארימע, שוואכע מיידל איז ארונטערגעפאלן אונטער די רעדער און איז צעריבן געווארן?

יא, פעטער איז געווען זיכער, אז ער איז נישט שולדיק. און פונדעסטוועגן האט אים נישט אויפגעהערט צו עגבערן און נאגן א מאדנע געפיל פון אימעט און אימה געמישט. ער האט נישט געדאט ווו זי דאהין צו טון. דזשעני האט אים סאנגעהויבן אויסצופעלן ביי טאג און ביי נאכט. איר ווייכע, ליבע שטימע, אירע ווידענע האר, איר שלאנקער קערפער פלעגן תמיד שטיין פאר זיינע אויגן, אבער אומזיסט פלעגן זיך זיינע ארעמס אויסציען צו איר. דזשעני איז נישט געווען און פעטער האט געגליטן. און קיין חידוש נישט. זי איז געווען זיין ערשטע ליבע. און א חוץ דעם איז שוין אזוי דעם מענטשנס נאטור, מען

הויבט אָן צו שעצן זאַכן ערשט דאַמאָלסט, ווען מען האָט שוין זיי פאַרלאָרן.

פעטער האָט געוואָלט זיין אַ שטאַרקער מענטש, האַלטן זיך אַזוי ווי עס פאַסט פאַר אַ מאַנספּאַרשוין. ער האָט זיך מיט אַלע קרעפטן באַמיט נישט צ דאַגהנען, נישט צו טראַכטן וועגן דעם אומגליק, וואָס איז געשען מיט דזשעניִן. אָבער דזשעניס געשטאַלט איז נאָך אים נאָכגעגאַנגען, ווו ער האָט זיך נישט געקערט און נישט געווענדט. דאָ האָט ער זי געזען צורייצט און פאַרצווייפלט, ווי דאָס איז געווען דעם לעצטן מאָל, און דאָ ווידער צאַרט, מיט אַ שטילן פאָרוואורף אין די אויגן. ער האָט זיך דערמאָנט ווי גוט זי איז געווען, מיט וויפיל ליבע זי פלעגט ענטפערן אויף זיינע צערטלעכקייטן. ווו וועט ער נאָך אַזאַ מין מיידל געפינען?

און נאָך איין זאַך האָט פעטערן געפייניקט — עפּעס גאָר אַן אומפאַרשטענדלעכע, אויסערגעוויינלעכע זאַך, פאַר וועלכער ער האָט אַפילו נישט געקאָנט געפינען דעם ריכטיקן נאָמען, אָבער וועלכע האָט אים רוען נישט געלאָזט. דאָס דאָזיקע קליינע, שוואַכע באַשעפעניש האָט מקריב געווען איר יונג לעבן פאַר אירע איבערצייגונגען. זי איז פרייוויליק אַוועק פון דער וועלט, כדי ער זאָל קענען בלייבן אַן אומבאַפלעקטער עדות אין הויבער-פּראָצעס.

פעטער האָט אַפילו תמיד געוווּסט, אַז דזשעני איז פאַרמשפּט צו אַזאַ מין גורל און קיין שום זאַך אין דער וועלט וועט נישט זיין ביכולת זי צו ראַטעווען.

אָבער פונדעסטוועגן, בשעת עס קומט אויס צו באַגעגענען זיך מיט אַזאַ מין דערשיינונג, ווען אַ מענטש איז אויף אַזוי פיל פאַנאַטיש איבערגעגעבן זיין אידייען, אַז ער איז זיך מוסר-נפש פאַר איר, מוז דאָס אַרויסרופן אַ געפיל פון אימה, ווען מען זאָל אַפילו זיין אַ שטאַרקער מענטש. ביי פעטערן איז דאָס געווען נאָך עפּעס מער. פעטער האָט אנגעהויבן קוקן אויף די רויטע גאָר פון אַ נייעם שטאַנדפּונקט; ביז ערשט האָט ער געקוקט אויף זיי בלויז ווי אויף נאַראָנים, איצט האָבן זיי זיך אים פאָרגעשטעלט ווי עפּעס שרעקלעכס, ווי אַן אויפטו פון עפּעס אַ טייוול, אָדער פון אַ משוגענעם גאָט.

עס איז געווען בלויז איין מענטש וועמען פעטער האָט זיך געקאָנט פאַרטרויען; דאָס איז געווען ג'וני, פאַר אים האָט ער געעפנט זיין האַרץ, האָט אים דערציילט, ווי ער בענקט נאָך דזשעניִן. ג'וני האָט אים אויסגעהערט און האָט אים געענטפערט מיט אַ לאַנגע דרשה — קעמפן מיט די רויטע איז זייער אַ שווערע זאַך. זייער תורה ציט אַזוי צו זיך, זיי קענען אַזוי גוט ווירקן אויף מענטשן. ג'וני האָט שוין אין זיין לעבן נישט איין מענטשן געזען, וואָס לכתחילה פלעגן זיי בלויז אויסניצן פאַר זיך די אידייען פון די רויטע און דערנאָך פלעגן זיי אַליין נישט באַמערקן, ווי זיי פלעגן זיך אַנשליסן אָן זיי, ווערן זייער איבערגעגעבענע אַנהענגער. פעטער מוז זיך גוט היטן, אַז מיט אים זאָל עס נישט געשען. עס איז אַ גרויסע סכנה.

— וועגן דעם איז גאָר נישטאָ, וואס

צו רעדן, האָט פעטער געענטפערט: זייערע אידעען מאַכן אויף מיר קיין שום איינדרוק ניט, איך בענק בלויז נאָך דער מיידל.

— דאָס איז כמעט אַליין איינס. איר וועט אָנהויבן דערפון, וואָס איר וועט זיי באַדויערן, טראַכטן וועגן זיי און דערנאָך וועט איר זיך ניט באַוויזן אומצוקוקן, ווי איר וועט ווערן זייערער אַן אָנהענגער. פעטער, איר זייט איינער פון מיינע בעסטע מענטשן, דאָס דאַרפט איר געדענקען. דאָס איז ניט קיין קלייניקייט, ווייל ביי דעם עסק אַרבעטן ביי מיר גאַנצע זיבעצן מאַן.

דער מענטש מיטן פנים פון אַ שטשור האָט זיך צוגעקוקט צו פעטערן, ער האָט געזען, ווי פעטער איז אַזש רויט געוואָרן פון שמחה. האָט ער ווייטער גערעדט:

יאָ, פעטער האָט אַ גרויסע צוקונפט פאַר זיך, ער וועט ווערן רייך, וועט זיך דערשלאָגן צו אַ תּכלית, צו כּבוד. אַליין וועט אָבער גיין לאיבוד, קוים וועט ער זיך נאָר אַריינדרייען צווישן די רויטע. און ווייטער, וואָס איז שייך אים, גוייען, זאָל ער ניט מיינען, אַז ער קאָן אים נאַרן, ער זאָל וויסן זיין, אַז גוייי האָט אים אויך אַוועקגעזעצט אַ שפּיאָן הינטערן פלייצע!

פעטער האָט צונויפגעדריקט זיינע פויסטען, ער איז אַ שטאַרקער מענטש, ער וועט זיך ניט אונטערגעבן: דאָס מיידל פעלט מיר, האָט ער זיך אָפּגערופן, ווייטער גאָרניט. אויף דעם האָט אים דער צווייטער געענטפערט:

— דאָס איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך; איר דאַרפט זיך זוכן אַ צווייטע.

פעטער האָט נאָך אַליין געאַרבעט אין ביוראָ פון פאַרטיידיקונג־קאָמיטעט. דער פּראָצעס האָט זיך באַלד געזאָלט אָנהויבן. דער קאַמף צווישן די צוויי ריזן האָט דערגרייכט זיין העכסטער מדרגה.

דער פּראָקוראָר, וואַלכער האט געהאָפט דורכן פּראָצעס צו ווערן גובערנאַטאָר פון שטאַט, האָט זיך גענומען צו הילף אַ פינף זעקס דורכגעטריבנסטע פּראָקוראָרען פון שטאָט; אַלע הוצאות האָבן גענומען אויף זיך די גרויסע פאַבריקאַנטן. אַ גאַנצע אַרמיי פון דעטעקטיוון איז געשטאַנען ביי דער אַרבעט. אין הויף פון געריכט האָט געשווירעמט און געגריבלט פון אַגענטן און שפּיאָנעם. יעדער איינציקער פון די געשווירענע איז אַריינגעטראָגן געוואָרן אין אַ באַזונדערן קאַטאַלאָג, ווו עס זענען באַשריבן געוואָרן מיט אַלע פּרטים: אַלע זיינע שוואַכקייטן, פאָראורטיילן, אַלע שטריכן פון זיין כאַראַקטער. אַחוץ דעם איז גאַנץ גענוי אויסגעפאָרשט געוואָרן זיין מאַטעריעלע לאַגע און די פינאַנציעלע לאַגע פון אַלע זיינע קרובים און באַקאַנטע.

פעטערן האָט אויסגעזען, ווי גאַנץ אַמעריקאַן־סיטי וואָלט זיך פאַראייניקט, כּדי הובערן צו ברענגען אויף דער תּליה.

פעטער פלעגט איצט קריגן טופּציק דאָלאַר אַ וואָך, געדעקט אַלע זיינע הוצאות און דערצו נאָך עקסטרע באַלוינונגען פאַר זייער וויכטיקע אינפאָרמאַציעס. יעדן טאָג כמעט פלעגט ער זיך דערוויסן נייע וויכטיקע זאַכן, און ער פלעגט זיי גלייך אין אָוונט איבערגעבן גוייען.

די שטאַטישע פּראָקוראַטור האָט געהאַט אַ געהיימע ביוראָ, דאָרטן איז געווען

אַ טעלעפאָן, קורירן פליען דאָרטן אַרומ־לויפן הין און צוריק, כדי קיין טעלעפאָן־שמועס זאָל נישט קענען אונטערגעהערט ווערן. בשעת פּעטער פליגט האָבן אַ־בערצייגעבן אַ ידיעה, פליגט ער אַריינגיין אין אַ האָטעל, אָנרופן דעם געהיימען נומער און דערנאָך פליגט ער זאָגן זיין נומער: זעקס, צוויי און פערציק. און דאַן ערשט פליגט מען אים פאַרבינדן. אַלע אָנגעשטעלטע האָבן געהאַט זייערע נומערן. דאָס גלייכן זענען אויך נומערירט געווען די וויכטיקסטע עדות פון בײדע צדדים; דער נאָמען הובער פליגט הערכן טעלעפאָן קיין מאָל נישט דערמאָנט ווערן.

ווי נאָר דער פּראָצעס האָט זיך אָנגע־הויבן האָט שוין קיינער נישט געקאָנט איינזיצן אין ביוראָ פון פאַרטיידיקונג־קאָמיטעט. אַלע האָבן געוואָלט זיין אויפן הויף פון געריכט. יעדע פינף מינוט פליגט עמיצער קומען צולויפן מיט עפּעס אַ ידיעה. דאָ קומט איינער מיט אַ נייעס, אַז די פּראָקוראַטור האָט ערקלערט פאַר אומגילטיק דעם פּאָ־ליציי־ראַפּאָרט בלויז דערפאַר, ווייל זייער הויפּט־עדות האָט אַמאָל געהאַלטן אַ שאַנד־הויז. אַ צווייטער ווידער קומט און דערציילט, אַז די שרויף, וואָס מען האָט געפונען אויפן גאַס, נאָכן אַטענטאַט, האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַ פּשוטן טייל פון אַ טעלעפאָן־אַפּאַראַט. עס האָבן עפּעס אויך געשפּילט אַ ראָלע טיילן פון אַ זייגער, נאָר דאָ האָט מען איבערגעפירט דערמיט, וואָס מען האָט אַ ביסל איבערגעכאַפּט די מאָס, מען האָט צענויפגעזעצט טיילן פון צוויי באַזונדערע זייגערס און דאָס איז

אויפגעדעקט געוואָרן. אַזעלכע מעשיות פליען טאָג־טעגלעך זיין אָן אַ שיעור.

.29

דער אַדוואָקאַט ענדריוס האָט פאַר־בעטן פּעטערן צו זיך אין ביוראָ און האָט אים געגעבן די נויטיקע אָנווייזונגען, ווי אַזוי ער האָט זיך צו האַלטן אויפן געריכט. אין צוויי, דריי טעג אַרום האָט געזאָלט קומען די רייע פון זיין עדות־זאָגן. פּעטער האָט זיך כלומרשט זייער אויפמערקזאַם צוגעהערט צו דעם, וואָס מען האָט אים געזאָגט. צו וואָס דערוועקן קעגן זיך אַ חשד? ביי זיך האָט ער אָבער גאַנץ גוט געוווסט, אַז ס'קאָן קיין שום רייד נישט זיין וועגן דעם, אַז ער זאָל אַרויסטרעטן, ווי אַן עדות. מער נישט ער האָט נאָך אַליין נישט געוווסט, ווי אַזוי ער וועט זיך אַרויסדרייען פון עסק.

אָבער נישט אומזיסט האָט פּעטער געהאַט אַ קאָפּ אויף די פּלייצעס. אויף מאָרגן, ווען ער איז געזעסן ביים טיש און געגעסן, איז אים פּלוצלינג אַריינגעפאַלן אין קאָפּ אַ געדאַנק, דאָס איז געווען שוין איינמאָל אַ געדאַנק! ער האָט זיך אַזוי דערפרייט מיט אים, אַז ער האָט זיך שיעור מיטן ביסן נישט דערשטיקט.

ער איז האַסטיק אויפגעשפּרונגען פון שטול, האָט אַ רוק געטון דעם טעלער און איז אַנטלאָפן געוואָרן.

דאָס איז געווען פּעטערס הער ווערש־טער, אייגענער געניאַלער איינפאַל. ביז איצט פליגט אַלע פליגער אויסקלערן גיוני, היינטיקס מאָל איז פּעטער דער מייסטער! פאַר וואָס זאָל ער עפּעס תמיד דאַרפן אַנדערע פאָל־גען? ענדלעך איז געקומען די

צייט, ווען ער קאָן באַווייזן, אַז ער האָט אַליין שׂכל!

מיט זיין פּלאַן איז ער, נאַטירלעך, גלייך געלאָפן צו גיוניען. יענער האָט אים אויפגענומען מיט אַזוי פיל התפעלות אַז פּעטער האָט שוין אויפן אָרט געבעטן אַ הוספה. זיין בקשה איז, נאַטירלעך, תיכף באַפרידיקט געוואָרן.

פּעטערס פּלאַן האָט געהאַט אַ צווייענדיקע מעלה: ערשטנס האָט ער געראַטעוועט פּעטערס גוטן שם ביי די „רויטע" און צווייטנס האָט ער אומגליקלעך געמאַכט איינעם פון די טעטיקסטע טוער אין פּאַרטיידיקונגס־קאָמיטעט דעם מיסטער קאַרמיק; אגב אורחא — פּעטערס פּערזענלעכן שונא. גיוניי איז תיכף ומיד צוגעטראָטן צום אויספירן פּעטערס פּלאַן, האָט אַ קלינג געטון, ווו מען האָט באַדאַרפט, האָט אַ צי געטון פאַר דער געהיימער שנור, און שוין אויף מאָרגן האָט זיך באַוויזן אין „טיימס" אַ נאָטיץ. די צייטונג האָט דערמאָנט אירע לייענער וועגן דעם קלאַנג, וואָס איז מיט אַ געוויסע צייט צוריק פאַרשפּרייט געוואָרן, אַז די מאַכט זאָל האָבן געפּיניקט אַן עדות מצד דער פּאַרטיידיקונג. איצט קאָן די צייטונג מיטטיילן, אַז די פּראָקוראַטור האָט זיך פאַרינטערעסירט מיטן פריערדיקן לעבן פון דעם דאָזיקן עדות און עס האָט זיך איר איינגעגעבן צו דערגיין, אַז דער זעלביקער האָט גאָר נישט לאַנג פאַרפירט אַ יונגע מיידל און יענע האָט זיך גענומען דאָס לעבן, ווייל ער האָט זיך אָפּגעזאָגט מיט איר חתונה צו האָבן.

פּעטער האָט גענומען אַן עקזעמפּלאַר פון „טיימס" און איז אַוועקגעגאַנגען צום אַדוואָקאַט אין ביוראָ. דאָרטן האָט ער האַסטיק אַן עפן געטון די טיר, איז אַריינגעלאָפן, האָט אַ לייג געטון די צייטונג אויפן טיש און האָט אַ געשריי געטון, כלומרשט אַן אויפגערעגטער:

— נאַט, לייענט! אוי, קיין עדות קאָן איך שוין נישט זיין! עס איז אַ מיאוסער, געמיינער ליגן, האָט ער זיך ווייטער געקאָכט, און דער מענטש, וואָס שעמט זיך נישט אים אין אַזאַ צייט צו פאַרשפּרייטן, איז מיסטער קאַרמיק בכבודו ובעצמו!

דער אַדוואָקאַט ענדריוס האָט געפּרוּווט באַרויקן פּעטערן, האָט אים אָנגעהויבן צו דערווייזן מיט כלערליי ראיות, אַז קוים האָט עמיצער אויסגעקלערט אַזאַ געשיכטע, דאַרף פּעטער האָבן דעם מוט, עס איז זיין חוב, צו דערווייזן, אַז דאָס איז אַ ליגן. סעדי טאָר וועט אָפּלייקענען די באַשולדיקונג.

— וואָס הייסט זי וועט אָפּלייקענען, סעדי אַליין איז דאָך מיר חושד?

— יאָ, לכתחילה איז טאַקע אַזוי געווען, אָבער דערנאָך האָט זי מיר געזאָגט אַז זי איז פונדעסטוועגן נישט זיכער, האָט ענדריוס באַמערקט.

— גוט, אָבער וואָס העלפט עס, האָט פּעטער ווייטער געזאָגט. מען וועט דאָך פרעגן ביי מיר אויפן געריכט צי האָט מיך שוין פריער עמיצער באַשולדיקט אין דער דאָזיקער טאַט און דאַמאָלסט וועל איך דאָך מוזן אָנרופן קאַרמיקס נאָמען. ס'איז דאָך פּאָרט אַזוי געווען, ער וועט דאָך דאָס נישט קאָנען לייקענען.

און פּעטער האָט ווייטער געטענהט

— אַ שײנער מענטש איז ער דער קאַמיק, מאַכט זיך, װי ער װאָלט װער װײסט װי איבערגעגעבן זײן פֿאַר דער זאַך און אַלײן גײט ער אַרום און פֿאַרשפּרײט מיאוסע רכילות װעגן אַ חבר! שױן זעקס חדשים װי פּעטער אַרבעט פֿאַר דער פֿאַרטײדיקונג, לעבט אין נױט, אַלײן צוליבן פּראָצעס, און איצט, װען מען האָט זיך שױן ענדלעך דערװאַרט דאַרף ער אַרױסגעשטעלט װערן פֿאַר דער גאַנצער װעלט װי אַן אױסװאָרף.

— נײן, — האָט זיך פּעטער אַ הײבגעטאָן, — פֿאַר מיר קאָן שױן קלעקן! שיקט קאָרמיקן פֿאַר אַן עדות, זאָל ער ראַטעװען הובערס לעבן; מיך קאָנט איר מער נישט אױסנוצן, מיט מײן עדות־זאָגן איז פֿאַרענדיקט. — ער האָט פֿאַרשטאָפּט זײנע אױערן, עס האָבן נישט געהאָלפֿן קײן שום בקשות. ער איז אַרױסגעלאָפֿן פֿון ביוראָ, איז געקומען אין קאָמיטעט און האָט אױך דאָרטן אָפּגעשפּילט די זעלביקע קאָמעדיע.

30.

אַזױ־אַרום האָט פּעטער אַראָפּגעװאָרפֿן פֿון זײנע פּלײצעס דעם „באָרדאַסטן" הובער־פּראָצעס. ער איז ממש אַ לעבעדיקער געװאָרן. די שטענדיקע אָנשטרענגונג איז אים אַזױ נמאס געװאָרן, אַז ער האָט שױן מער קײן כּוח נישט געהאַט, ער האָט שױן אַזױ געחלשט נאָך אַ ביסל רו און פֿאַרגעניגן. און װען דען, אַז נישט איצט? זײנע קעשענעס זענען געװען פֿול מיט געלט, אין באַנק האָט ער געהאַט אַ סאָלידע קאָנטאָ; דעם ערשטן מאָל אין זײן שװערן, אײנזאַמען לעבן האָט ער זיך געקאָנט לאָזן אַ ביסל װױלגײן, אױסגלײכן זײנע בײנער, הנאה האָבן פֿון דער װעלט.

און אַזױ האָט ער געטאָן. ער האָט געפֿאָלגט גױנס עצה און האָט זיך אױסגעזוכט אַן אַנדער מײדל. דאָס איז געװען אַ גאַנץ אָנגענעמע, קלײנע װעלטלעכע אידיליע. און איך װיל זי גוט פֿאַרשטײן, דאַרפֿט איר קודם־כּל װיסן, אַז אין אַמעריקאַן־סיטי זענען געװען אױך פֿרױען געשװאָרענע. די געשעפֿט־מענטשן, װאָס זענען געװען שטאַרק פֿאַרנומען, האָבן נישט געװאָלט פֿאַרלירן אַ סך צײט אין געריכט, זײ האָבן אױך נישט געװאָלט, אַז זײערע אָנגעשטעלטע זאָלן זײ פֿאַרבײטן. און אַזױ־אַרום איז געקומען דערצו, אַז ס׳האָט זיך אױסגעאַרבעט אַ באַשטימטער שיכט מענטשן, װעלכע פֿלעגן זיך פֿאַרדינען זײער לעבנס־מיטל װי געשװאָרענע. פֿאַר זײער אַרבעט פֿלעגן זײ באַקומען זעקס דאָלאַר אַ טאָג און װער ס׳איז געװען מער פֿלינקער, דער האָט נאָך תּמיד געקאָנט צוקריגן נאָך אַ זײטיקע פּרנסהלע.

צום הובער־פּראָצעס האָבן זיך געריסן אָן אַ שיעור פֿון דער האָזיקער חברה: ערשטנס, האָט מען דאָ געקאָנט אַ סך געלט פֿאַרדינען און, צװײטנס, האָט מען זיך נאָך געקאָנט אױסאַרבעטן אַ נאָמען אױך.

פּעטער איז גראָד געזעסן אין זאַל פֿון געריכט, בשעת צום טיש איז צוגעגאַנגען אַ קלײנע, חנװדיקע ברונעטקע אין אַ דײער שײנעם קאָסטיום. דאָס איז געװען אײנע פֿון די אַזױ־גערופֿענע געשװאָרענע, װעלכע דאָס געריכט האָט נאָך געדאַרפֿט באַשטעטיקן און מען האָט איר געשטעלט פֿאַרשײדענע פֿראַגן. זי האָט זיך געלײנט אין דער לײנג און אין דער ברײט צו

דערווייזן, איר לאָ אַלימעט, זי האָט קיין שום
שייכות נישט צו קיינע פון די פּאַרטייען.
וועגן דעם פאַל איבער ווייס זי לחלוטין
גאָרנישט, האָט וועגן דעם גאָרנישט גע-
לייענט, זי אינטערעסירט זיך בכלל נישט
מיט סאָציאַלע פּראָבלעמען. אויסגעהערט
דאָס אַלץ איז שוין די פּראָקוראַטור מסכים
געווען זי צו באַשטעטיקן, האָט זיך אָבער
אַריינגעמישט די פאַרטיידיקונג און דער-
וויזן, אַז די זעלביקע האָט זיך אַמאָל אויס-
געדריקט, אַז מען וואָלט געדאַרפט אויס-
שיסן אַלע אַרבעטער-פירער. דער צוויי-
טער צד האָט ווייבאַלד אַזוי נישט מסכים
געווען זי אָנצונעמען און זי האָט נעבעך
געמוזט בלייבן אָן אַרבעט, אַ צוקלעמטע
האָט זי זיך אַוועקגעזעצט לעבן פעטערן.
ער האָט געזען, ווי אין אירע אויגן גלאַנצן
טרערן און ער האָט זיך ערלויבט אויסצו-
דריקן איר זיין מיטגעפיל. אַ וואָרט פאַר
אַ וואָרט, זענען זיי גיך געוואָרן גוטע
פריינט און זענען אַוועק צוזאַמען מיטאָג
עסן.

פרוי דזשעמס איז געווען אַ שטרויענע
אַלמנה, אַ פּיילעכע און אַ רירעוודיקע מיט
ווייסע גלאַנציקע ציין און מיט ראָזע באַקן;
די ראָזע פאַרב, אמת, האָט געשטאַמט
פון אַ קליינער פלעשעלע, אָבער פעטער
האָט דאָס נישט באַמערקט. ביים עסן איז
ער געווען זייער גוט געשטימט, האָט זיך
געוואָרפן מיט געלט אַהער און אַהין. און
גלייך נאָך מיטאָג איז ער אַוועקגעגאַנגען
און האָט זיך געקויפט עלעגאַנטע בגדים.
און אַזוי ווי נישט ער, נישט די פרוי
דזשעמס, האָבן שוין מער קיין שום שייכות
נישט געהאַט צום הובער-פּראָצעס און זיי
האָבן ביידע זייער געאַרט נאָך אַ ביסל

צערשטערייונג, האָט פעטער אַ ביסל אַ פאַר-
רויטלטער פאָרגעלייגט זיך דורכפאָרן אויף
אַ געוויסע צייט צום ים. ס'איז אים נישט
אויסגעקומען צו פאַרלירן קיין איבעריקע
צוויי ווערטער, פרוי דזשעמס איז תיכף
אויף דעם איינגעגאַנגען.

פעטער איז שוין איצט נישט געווען
אַזאַ נאַר ווי אַמאָל. ער האָט שוין געוווּסט,
וואָס אַ שפּיאָן מעג — און וואָס ער טאָר
נישט טון. ער איז נישט געפאָרן צוזאַמען
מיט זיין שטרויענער אַלמנה, האָט אַפילו
פאַר איר קיין בילעט נישט געקויפט. ער
איז געפאָרן אַליין, האָט זיך געדונגען
ביים ים אַ געמיטלעכע דירהלע און אויף
מאָרגן האָט ער אויפן שפּאַציר „צופעליק"
באַגעגנט זיין שטרויענע אַלמנה.

צוויי חדשים האָט דאָס פּאָר-פאָלק
געלעבט צוזאַמען. פאַר פעטערן איז דאָס
געווען אַן אמתער עולם-ומלואו. פרוי
דזשעמס איז געווען אַן אַזוי-גערופענע
„וועלט-דאַמע". האָט געשטאַמט פון אַ
רייכער משפחה, און ווי זי האָט דערציילט
פעטערן, האָט זי איר גאַנץ לעבן, ביז
וואַנען איר מאַן איז אַנטלאָפן געוואָרן מיט
דער קונצן-מאַכערין קיין פּאַריז, געלעבט
אין גרויס לוקסוס. מיט איין וואָרט זי איז
געווען נישט אַבי-ווער. און ס'איז נישט
קיין חידוש, וואָס זי האָט געוואָלט, אַז
פעטער זאָל ווערן זיין אַזאַ דאַמע. זי
האָט אים געלערנט זייער אַ סך זאַכן, וואָס
נישט אין יתומים-הויז און נישט ביים
רפואה-הענדלער, האָט ער נישט געזען.

זייער טאַקטיש, אַזוי אַז ער זאָל
זיך נישט דאַרפן באַליידיקן, האָט זי אים
געוויזן, ווי מען דאַרף האַלטן גאָפּל-מעסער
און וואָס פאַר אַ קראַוואַטן מען דאַרף

טראָגן. נאָר מער פֿון אַלץ האָט זי אים געלערנט צו פֿאַרשטיין, וואָס פֿאַר אַ מין גליק עס איז אים געשען. אַזוי אַז פּעטער האָט נישט געוווּסט, ווי זאָל ער איר אָפּדאַנקען. ער האָט געפֿילט צו איר אַ טיפֿע דאַנקבאַרקייט פֿאַר יעדן קוש אירן. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז אַזאַ טייערע מתּנה קאָן דער מזל נישט צושיקן אומזיסט. נו, און ווייטער האָט ער געוווּסט, אַז קיין „פֿרייע ליבע" איז בכלל נישטאָ. און ער האָט געצאָלט. ער האָט געצאָלט נישט נאָר די הוצאָות פֿון זיינע אומגעזעצלעכע פֿליטער־וואָכן, נאָר ער האָט נאָך געקויפֿט אַ סך טייערע מתּנות. און די דאַמע ווידער, פֿלעגט תּמיד, ווען פּעטער פֿלעגט איר עפּעס ברענגען, זיין אויסערגעוויינלעך גוט און צערטלעך צו אים. פּעטער האָט געלעבט ווי אין חלום. ער פֿלעגט זיך נישט באַווייזן אַרומצוקוקן, ווי זיינע קעשענעס פֿלעגן פּוסט ווערן.

פֿאַר דער צייט, וואָס אונזער פֿאָרפֿאָלק האָט זיך אַזוי גליקלעך געלעבט און האָבן פֿאַרגעסן אָן דער גאַנצער וועלט זענען זיך פֿאַרלאָפֿן זייער וויכטיקע געשעענישן.

דזשים הובער איז פֿאַרמשפּט געוואָרן צום טויט און זיין חבֿר צו אייביקע שווערע תּפֿיסה. אַמעריקע איז צוגעשטאַנען צו דער מלחמה. די פּאַטריאָטישע התלהבֿות האָט ווי אַ פֿלאַם פֿייער געפֿלאַקערט איבערן לאַנד.

דאָס לעצטע האָט זיך פּעטער דערוווּסט און אַ געוויסע טייל פֿון דער דאָזיקער אַנגעלעגנהייט, האָט אים אויך אינטערעסירט: דאָס, וואָס דער קאָנגרעס וועט איינפֿירן די דינסט־פּליכט. פּעטער איז גראָד געווען אין מיליטער־עלטער און ער וועט זיכער מאָביליזירט ווערן!

קיין שום אימה אין דער וועלט, וואָס כ׳איז אים ביז איצט אויסגעקומען איבערצולעבן האָט זיך נישט געקאָנט פֿאַרגלייכן מיט דער מורא, וואָס פּעטער האָט איצט געפֿילט.

ער האָט מיט אַלע קרעפֿטן געיאָגט פֿון זיך דאָס שוידערלעכע בילד פֿון שלאַכט־פֿעלד מיט די קוילנוואַרפֿערס, האַנט־גראַנאַטן, מינעס און גיפֿטיקע גאַזן, וואָס דזשעני פֿלעגט אים אַמאָל מאָלן. ער האָט דאָס דורכאויס געוואָלט פֿאַרגעסן, אָבער פֿון דעם מאָמענט, ווען ער האָט דערפֿילט, אַז דאָס האָט אַ שייכות צו אים פּערזענלעך, האָט ער זיך בשום אופֿן נישט געקאָנט באַפֿרייען פֿון דער אימה. זי האָט אינגאַנצן באַהערשט זיינע געדאַנקען, אַפֿילו די פֿליטער־וואָכן האָבן פֿאַרלוירן זייער חן. פּעטער און זיין שטרויענע אַלמנה זענען איצט געווען געגליכן צו צוויי וואַנדערער, וואָס זענען געווען פֿאַרפֿאַנגען ווייט פֿון אַ מענטשלעכן ישוב און האָבן פּלוצלינג דערזען פֿאַר זיך שוואַרצע וואָלקנס אויפֿן הימל.

אַחוץ דעם האָט אים זיין געלט געהאַלטן ביים אויסגיין. עס איז פּעטערן געווען זייער נישט פֿריילעך אויפֿן האַרצן, עס איז אים אָבער שווער געווען צו ריידן וועגן דעם מיט פֿרוי דזשעמס, ער האָט אַלץ אָפּגעלייגט און אָפּגעלייגט, ביז ער האָט זיך דערוואַרט, אַז ער האָט שוין אַליין נישט געקאָנט זיכער זיין, צי עס וועט אים קלעקן צו דעקן די הוצאָות פֿאַר דער לעצטער וואָך. דאַמאָלסט האָט ער דערציילט וועגן דעם זיין דאַמע.

ער איז ממש נתפעל געוואָרן אויף וואָס פאַר אַן אידעלן אופן גוט-דערצויגענע דאַמען נעמען אויף שלעכטע ידיעות. ווי ס׳ווייזט אויס, איז דאָס ביי פרוי דזשעמס נישט געווען איר ערשטער אויספלוג ביים ים. זי האָט זיך פריינטלעך אונטערגעשמייכלט און האָט געזאָגט, אַז זי וועט זיך ווייטער מוזן פּרוּוון איינקריגן אין גערוכט. דערנאָך האָט זי פעטערן געגעבן איר וויזיט-קאַרטע, האָט געזאָגט, אַז ווען זיין לאַגע וועט זיך פאַרבעסערן, וואָלט זי אים זייער געוואָלט זען ביי זיך, האָט איינגעפּאַקט אירע קופערס פול מיט פעטערס מתנות און איז אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקאַן-סיטי. און דאָס אַלץ איז געטון געוואָרן — צאַרט, ליבנסווירדיק, מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן.

.31

אַזוי איז פעטער ווידער-אַמאָל געבליבן אָן מיטלען צום לעבן; אָבער דאָס מאָל האָט אים גאָט נישט פאַרלאָזן. דעם זעלבן טאָג האָט ער באַקומען אַ בריוו אונטערגעשריבן מיט אַ נומער 2,43 — דאָס האָט באַדייט ג׳וניי. ער האָט געשריבן, אַז ער האָט פאַר פעטערן זייער וויכטיקע אַרבעט און ער זאָל גלייך קומען צופאָרן. פעטער האָט פאַרזעצט זיין לעצטע צירונג, האָט געקויפט פאַר דעם געלט אַ בילעט און אויף מאָרגן האָט ער זיך שוין געטראָפן מיט ג׳ונייען אויפן אַלטן אָרט.

ג׳וניי האָט אויף גיך אויפגעקלערט פעטערן די סיבה, פאַרוואָס מען האָט אים אַרויסגערופן. אַמעריקע איז צוגעטראָטן צו דער מלחמה, איצט איז געקומען די צייט, ווען מען קאָן די רויטע איינמאָל פאַר אַלע מאָל פאַרשטאָפּן די מיילער. אין מלחמה-צייטן קאָן מען זיך ערלויבן צו טון זאַכן, וועלכע וואָלטן אין שלום-צייט נישט מעגלעך געווען. צו די האָזיקע זאַכן געהערט אויך אַ סוף צו מאַכן צו דער אַגיטאַציע קעגן אייגנטום.

פעטערן איז דאָס אַזוי געפעלן געוואָרן, אַז ער האָט זיך ממש באַלעקט. ער האָט די גאַנצע צייט געזאָגט, אַז מען וואָלט דאָס געדאַרפט טון. קודם כל דאַרף קאַרמיק אָפּגערוימט ווערן פון וועג. די רויטע זענען אַ געפערלעכע באַנדע, אָבער קאַרמיק איז דער ערגסטער פון די אַלעמען. עס איז אַ חוב פאַר יעטווערן מענטשן מיטצוהעלפן אין דעם. און פעטער וועט זיך פון דעם האָזיקן חוב נישט אָפּזאָגן.

דערנאָך האָט ג׳וניי דערציילט פעטערן, אַז אין די העכערע קרייזן איז מען באַשעפטיקט מיטן צוזאַמענשטעלן צעטלען פון אַלע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס און אַז מען גרייט זיך צו אַרעסטירן אַלע מיטגלידער. מיט דער גאַנצער אַרבעט פירט אָן געפּי. ס׳איז אַזוי ווי בשעתן הובער-פּראָצעס. די רעגירונג האָט נאָך נישט באַוויזן אויסצעווישן די אויגן פון שלאָף און די געשעפט-מענטשן טוען שוין אין עסק. צי וויל פעטער נעמען אויף זיך די אַרבעט אויסצושפּיאָנירן די רויטע אין אַמעריקאַן-סיטי?

— איך וואָלט געוואָלט, אָבער איך קאָן האָך דאָס נישט, — האָט פעטער געענטפערט — זיי זענען אין כעס אויף מיר פאַר מיין האַלטונג בשעתן הובער-פּראָצעס.

— דאָס לאָזט זיך גאַנץ גרינג פאַרריכטן — האָט זיך דער „שטשור" אָפּגע-

רופן. — עס וועט אַפילו זיין פאַר אייך אַ ביסל נישט אָנגענעם. איר וועט מוזן עטלעכע טעג זיצן אין טורמע.

— אין טורמע? — האָט פּעטער איבערגעפרעגט אַן אומצופרידענער.

— יאָ, איר מוזט אַ געוויסע צייט זיין אַרעסטירט, דאַרפט ווידער ווערן אַ מאַרטירער פאַר דער אידייע, און דאַמאָלסט וועלן די חברה ווייטער אָנהייבן צו גלייבן אין אייער ערלעכקייט און איר וועט זיך ווידער קאָנען אַריינקריגן צו זיי.

פּעטער האָט זיך אַ ביסל געוואַקלט. די מעשה מיטן אַוועקזעצן זיך אין טורמע האָט אים גאָרנישט געשמעקט. גיווני האָט איבער אָבער איבערגעוויזן, אַז איצט איז נישט די צייט צו קלערן וועגן פּערזענלעכע באַקוועמלעכקייטן. דאָס לאַנד איז אין געפאַר, עס מוז אָפּגעהיט ווערן די געזעלשאַפטלעכע רו און עס קאָן קיין רייד נישט זיין וועגן באַוויטיקן זיך. יעדערער איז מחויב צו ברענגען זיין פּאַטריאָטישן קרבן. אַלע גבירים האָבן זיך אונטערגעשריבן אויף דער פרייהייט-הלוואה, די אָרעמע-לייט געבן זייער לעבן. וואָס וויל געבן פּעטער הודש'?

— אפשר וועט מען מיך גאָר מאָביליזירן? — האָט זיך פּעטער אָפּגערופן.

— ניין, ווען איר וועט איבערנעמען די דאָזיקע אַרבעט וועט דאָס נישט געשען. דאַמאָלסט קאָנט איר זיך פאַרלאָזן אויף אונז, מיר וועלן דאָס שוין דורכמאַכן. אַזאַ מענטש, ווי איר, מיט אַזעלכע פעאיקייטן, קאָן פון אונז נישט צוגענומען ווערן.

דערהערט אַזעלכע דבורים, האָט פּעטער תיכף מסכים געווען איבערצונעמען די אַרבעט. עס האָט אים אַ סך בעסער געפעלט צוצוזיצן עטלעכע טעג אין תפיסה, איידער יאָרן נאָכאַנאַנד פאַרשוואַרצט ווערן אין די גראָבענס, אָדער ווער ווייסט ווי לאַנג זיך וואַלגערן אין פראַנקרייך.

איצט זענען שוין די ביידע, צווישן זיך דורכגעקומען ד'יער גיך; פּעטער האָט אַראָפּגעוואָרפן פון זיך זיינע שיינע בגדים, האָט זיך אָנגעטון, ווי עס פּאַסט פאַר אַן אַרבעטער און איז אַוועק אין גאָרקיך, ווו האָנאַלד גאָרדאָן פלעגט עסן מיטאָג. פּעטער איז געווען זיכער, אַז גאָרדאָן וועט זיין איינער פון די הויפּט-אַגיטאַטאָרן קעגן גיין אין מיליטער. און ער האָט קיין טעות נישט געהאַט.

האָנאַלד האָט זייער קאַלט געענטפערט פּעטערן אויף זיין גוט-מאָרגן. און ווערטער האָט ער אים געלאָזט פילן, אַז ער קוקט אויף אים, ווי אויף אַ רענעגאַט, אַ פרחון, ווי אויף אַ נידעריקן נפש, וועלכער האָט געפּועלט ביי זיך צו לאָזן הובערן אויף הפקר.

פּעטער האָט זיך געהאַלטן שטיל. האָט זיך נישט געפּרוווט פאַרענטפערן. ער האָט אויך קיין שום זאַך נישט געפרעגט ביי גאָרדאָנען. ער האָט זיך בלויז צוגעזעצט צו אים און אַזוי יווי פאַרביי־גייענדיק, האָט ער אים אָנגעהויבן דערציילן, אַז ער האָט אונטער דער צייט אַ ביסל געאַרבעט, האָט באַוויזן דורכצושטודירן די פראַגע, וועגן מיליטאַריזם און איצט האָט ער שוין אַ מיינונג. ער איז אַן איבערצייגטער סאָציאַליסט און אַן אינטערנאַציאָנאַליסט. ער האַלט, אַז אַמעריקע האָט באַין אופן נישט געטאָרט צושטיין צו דער מלחמה, אַז דאָס איז אַ פאַרברעכן און ער וועט קעגן דעם אַגיטירן. דינען וועט ער בשום אופן נישט גיין.

זאָל מען אים אַרעסטירן, דערשיסן, אַלץ איינס, ער וועט קיין מונדיר נישט אָנטון.

ווי אַזוי האָט האַנאַלד גאָרדאָן געקאָנט בײַשטיין קעגן אַ מענטשן, וואָס האָט אים אַזוי אָפן געקוקט אין די אויגן און אַזוי פּרימיטיוו און ערלעך גערעדט וועגן זײַנע איבערצײַגונגען. דעם זעלביקן אָוונט איז שוין פּעטער געגאַנגען אויף אַ פּאַרזאַמלונג פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און האָט זיך ווידער דערגענטערט צו די חברים. ער האָט זיך געהאַלטן רויק, האָט זיך נישט געוואָרפן אין די אויגן, האָט גאָרנישט גערעדט, נאָר בלויז מיט אַלץ מיטגעשטימט. אין משך פון מאָרגנדיקן טאָג האָט ער שוין באַוויזן צוזאַמענצוקומען מיט עטלעכע פּאַרטיי-מיטגלידער און דורכריידן זיך מיט זיי וועגן זײַנע איבערצײַגונגען. ס'איז כמעט קיין וואָך נישט אַוועק, ווי אַלע האָבן זיך צוגעוווינט צו פּעטערן און קיינער האָט שוין מער נישט געטראַכט וועגן דעם, אַז ער איז אַ פאַררעטער און אַז מען דאַרף אים אין אַן ערלעכע שטוב נישט אַרײַנלאָזן.

אויף דער נעכטער פּאַרטיי-פאַרזאַמלונג האָט זיך פּעטער ערלויבט צו זאָגן עטלעכע ווערטער. ס'איז געווען אַ מאָדנע טומלדיקע, היציקע פאַרזאַמלונג. מען האָט גערעדט וועגן דער מלחמה און וועגן מיליטער-פליכט. אין פּאַרטיי זענען געווען אַ ביסל דײַטשן, אירלענדער און אַ פּאָר אינדיאַנער. די זענען דאָך על כל פּנים געווען הייסע פּאַציפיסטן. נו, און אַחוץ זיי, זענען נאָך געווען אַ סך אַנדערע און זיי אַלע צוזאַמען האָבן געבילדעט דעם לינקן פליגל אין דער פּאַרטיי. אויף דער הזיקער פאַרזאַמלונג האָבן די לינקע געפאָדערט, אַז די פּאַרטיי זאָל זיך נעמען פאַר ראַדיקאַלע מיטלען. מען זאָל צוטרעטן צו אַ מאַסן-אַקציע, צו אַ גענעראַל-שטרייק, אַרויסלאָזן אַן אויפרוף צום פּראָלעטאַריאַט: גענוג שוין צו שווייגן, זאָל מען זיך אויפהויבן און צערייסן די קייטן.

דאָס זענען געווען די טעג פון גרויסע געשעענישן. די רוסישע רעוואָלוציע האָט עלעקטריזירט די וועלט. די לינקע חברים האָבן זיך געהויבן הויך אויף די פליגלען פון האָפענונג.

פּעטער האָט גערעדט, ווי איינער פון די, וואָס האָבן איבער די גאַסן געוואַנדערט, וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס זיצן דאָ אין זאַל און אָננעמען רעזאָלוציעס, ריידן בלויז צו די פּאַרטיי-מיטגלידער. אין גאַס דאַרף מען גיין, דאָרטן הויבן די שטים, וועקן דאָס פאָלק כל-זמן ס'איז נאָך נישט צו שפּעט. ווער פון די פאַרזאַמלטע האָט דעם מוט זיך אַרויסצוזאָגן דערפאַר, אַז ס'זאָל צוזאַמענגערופן ווערן אַ גאַסן-פאַרזאַמלונג?

און עס האָבן זיך געפונען אַזעלכע, וואָס האָבן נישט געקאָנט בײַשטיין דעם נסיון. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן זיך עטלעכע יונגע היץ-קעפּ און צווישן זיי אויך האַנאַלד גאָרדאָן אָנגעשלאָסן אָן פּעטערן. אויף מאָרגן אָוונט האָבן די דאָזיקע פרייוויליקע קעמפער זיך געקליבן אַרויסצוטרעטן מיט רעדעס אויף דער הויפּט-גאַס. מער דערפאַרענע חברים האָבן זיי מתרה געווען, אַז ס'וועט דערפון גאָרנישט אַרויסקומען, זיי וועלן בלויז כאַפּן קלעפּ פון דער פּאָליציי. נאָר אויף דעם האָבן זיי געהאַט אַ פאַרטיקע תשובה:

בעסער צוגעהערט ווערן פֿון דער פּאָליציי, איידער צוריסן ווערן אויף שטיקער פֿון דער דײַטשער אַרטילעריע.

.32

די גאַנצע מעשה האָט פּעטער גלײַך איבערגעגעבן גיוניין. ס'איז אָפּגערעדט געוואָרן, ווי ס'דאַרף זיך געפֿינען די פּאָליציי. פּעטער האָט מער נישט געבעטן, אַז דאַסמאָל זאָל זיך די פּאָליציי פֿונדעסטוועגן נישט זייער פֿאַנאַנדערלאָזן. גיוניי האָט אַ שטשירע־געטון מיט די ציין און האָט געזאָגט פּעטערן, אַז ער וועט שוין זען אַרײַנצוטענהן מיט זײַנע לײַט, זיי זאָלן זיך וויסן, ווי צו האַלטן.

צוגעזאָגן איז די זאַך זייער פּשוט און געדויערט האָט עס אינגאַנצן צען מינוט. אויף דער הויפּט־גאַס האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ וואָגן. אַ יונגערמאַן האָט זיך אויף אים אַרויפֿגעכאַפּט און אָנגעהויבן צו רײדן: ס'איז געקומען די צײַט, ווען דער פּראָלעטאַריאַט מוז זאָגן זײַן וואָרט וועגן דער פֿראַגע פֿון מיליטער־פּליכט. קיינמאָל אין דער וועלט וועט דער פֿרייער אַמעריקאַנער נישט אײַנגיין אויף דעם, אַז מען זאָל אים טרײַבן אין דער אַרמיי, אַוועקפֿירן מעבר־לים און דערהרגענען צוליב די אינטערעסן פֿון די רײַכע באַנקירן.

און דערבײַ איז געבליבן. מער האָט דער רעדנער נישט באַוויזן צו זאָגן, ס'איז גלײַך אונטערגעקומען אַ פּאָליציאַנט און האָט אים געהייסן שווײַגן. ווען ער האָט געזען, אַז דער רעדנער פֿאָלגט אים נישט, האָט ער אַ קלאַפּ געטון מיט זײַן שטעקן אין טראָטואַר און פֿון חאָג גאַס האָבן זיך באַוויזן גאַנצע צען פּאָליציאַנטן און האָבן געמאָלדן דעם רעדנער, אַז ער איז אַרעסטירט. דאַמאָלסט אין פֿון אַנדערן זײַט אַרויפֿגעשפּרונגען אַ צווייטער רעדנער און דער האָט אויך קוים באַוויזן אויסצורײדן אַ פּאָר ווערטער איז ער גלײַך אַרעסטירט געוואָרן. אַזוי האָט זיך איבערגעחזרט זעקס מאָל, ביז זיי זענען אַלע אַרעסטירט געוואָרן און צווישן זיי איז אויך געווען פּעטער.

דאָס איז געמאַכט געוואָרן אַזוי גיך, אַז דער עולם, וואָס איז געשטאַנען אַרום האָט פּשוט קיין צײַט נישט געהאַט, ווען אויפֿצורעגן זיך. די אַרעסטירטע זענען גלײַך אַרײַנגעפּאַקט געוואָרן אין אַ פּאָליציי־וואָגן און מען האָט זיי אַוועקגעפֿירט, אַז קיין האָן האָט נישט געקרייט. אויף מאָרגן האָט מען זיי אַלעמען פֿאַרמשפּט צו צוויי וואָכן זיצן. אַזוי ווי זיי האָבן זיך געריכט אויף זעקס חדשים, זענען זיי אַלע געווען זייער צופֿרידן.

זייער שמחה איז געוואָרן נאָך גרעסער, ווען זיי האָבן געזען, ווי אַזוי מען באַגייט זיך מיט זיי. געוויינלעך פֿלעגן די „רויטע" האָבן אויסצושטיין זייער אַ סך פּײַן אין טורמע. אַרײַנזעצן פֿלעגט מען זיי אין דעם אַזוי־גערופֿענעם „דריי־טאַנק", דאָס איז געווען אַזאַ מין קײַלעכדיקע שטאָלענע געבײַדע מיט אַ סך קאַמערן, וואָס פֿלעגט מיט אַזאַ מין האַנט געקאָנט איבערגעדרייט ווערן. זיצן דאָרטן איז געווען אַ שרעקלעכע אָפּקומעניש, ווײַל ווען מען פֿלעגט דאַרפֿן צוקומען צו איינעם פֿון די קאַמערן, פֿלעגט אויסקומען איבערצודרייען די גאַנצע געבײַדע, אַזוי אַז וועמען ס'פֿלעגט אויסקומען דאָרטן צו זיצן, פֿלעגט זיך תּמיד געפֿינען אין באַוועגונג

און קיינמאָל נישט וויסן פֿון שלאָף און פֿון רו.

אַנדערע זעקס יונגע אַנטימיליטאַריסטן האָט מען צו זייער גרעסטער פֿאַרווּנדערונג אַריינגעזעצט אין אַ גרויסער קאַמער און מען האָט זיי ערלויבט צו האָבן ביכער און צו קויפֿן זיך עסן. ביי אַזעלכע באַדינגונגען האָט זיך זייער גאַנצער העלדן־מוט פֿאַרוואַנדלט אין אַ געלונגענעם וויץ און די קליינע געזעלשאַפֿט האָט הנאה געהאַט פֿון איר לעבן. זיי האָבן געמיינט, אַז די גוטע באַהאַנדלונג האָבן זיי צו פֿאַרדאַנקען זייערע „שיינע אויגן".

צווישן די זעקס איז אויך געווען דאָנאַלד גאָרדאָן, אַ זון פֿון אַ רייכן סוחר, אַ געוועזענער סטודענט. פֿון אוניווערזיטעט איז ער אויסגעשלאָסן געוואָרן דערפֿאַר, ווייל ער האָט די לערע פֿון קריסטנטום פֿאַרשטאַנען שוין אַ ביסל צופֿיל אין בוכשטעבלעכן זין פֿון וואָרט און פֿלעגט איר אין דערהאַזיקער פֿאָרם פֿאַרשפּרייטן צווישן די סטודענטן. דעם זעלבן גורל האָט אויך געהאַט דזשים הענדערסאָן, אַ היכער געזונטער האָלץ־העקער פֿון צפֿון־קאַנט. ער פֿלעגט זיך אָנדערציילן שרעקלעכע זאַכן פֿון שווערן לעבן פֿון די האָרטיקע האָלץ־העקער. דער דריטער איז געווען אַ שוועדישער מאַטראָז, איינער אַ גאָד, וועלכער איז שוין אויסגעווען אין זיין לעבן אין אַלע האַפֿנס פֿון דער גאַנצער וועלט. דער פֿערטער איז געווען אַ יונגער יידישער פּאַפּיראָסן־מאַכער, וועלכער איז קיינמאָל נישט אַרויסגעפֿאָרן פֿון אַמעריקע, אין זיין פֿאַנטאַזיע אָבער האָט ער אַרומגערייזט אַ סך מער פֿאַרן מאַטראָז.

נאָר אינטערעסאַנטער פֿון אַלעמען איז פֿאַר פּעטערן געווען דער פֿינפֿטער, אַ פֿאַרחלומטער יונגער בחור, וועמענס פּנים ס'איז געווען אַזוי טרויעריק, אַז ס'איז פּשוט אַ רחמנות געווען אויף אים צו קוקן. זיין פֿאַמיליע איז געווען דאָגן און זיין צונעמעניש „בראָדיאַגע־דיכטער". ער פֿלעגט שרייבן אָן אַ שיעור לידער און אַלץ וועגן די פֿאַרשטויסענע פֿון דער וועלט. דאָס רוב פֿלעגט ער זיצן מיט אַ פּאַפּיר און מיט אַ בלייפֿעדער אין אַ ווינקעלע און שרייבן און די איבעריקע פֿלעגן ריידן שטילערהייט, כּדי אים נישט צו שטערן. פּעטער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער שרייבט אַפֿילו ביינאַכט ווען אַלע שלאָפֿן. וועמען האָט ער אין זיינע לידער נישט באַזונגען? אַלע זיינע חברים פֿון קאַמער, די טורמע־וועכטער, און אַלע איבעריקע אַרעסטירטע. טייל־מאָל פֿלעגט זיך טרעפֿן, אַז ער פֿלעגט אויפֿהערן צו שרייבן און דאַמאָלסט פֿלעגט ער אַריינפֿאַלן אין אַ שווערער מרה־שחורה שטימונג, פֿלעגט אָנהויבן צו טענהן, אַז דאָס לעבן איז גאָרנישט ווערט, אַז ס'איז אַ גיהנום, און אַז צענויפֿשטעלן פֿערזן איז אַ נאַרישקייט.

טאָם האָגן איז אויסגעפֿאָרן גאַנץ אַמעריקע, האָט זיך אָנגעזעען מיט זייער אַ סך צער און עלנט. און ער איז אַזוי געווען דורכגעזאַפּט דערמיט, אַז ער האָט וועגן קיין שום אַנדער זאַך נישט געקאָנט נישט ריידן, נישט טראַכטן. ער פֿלעגט ריידן וועגן מענטשן, וואָס זענען אומגעקומען אין די מדבריות פֿון דורשט, וועגן איינוווינער פֿון די בערג, וואָס פֿלעגן וואָכן־לאַנג ליגן פֿאַרשאָטענע אונטער דער ערד, וועגן שוועבל־אַרבעטער, וועמען דער

שוועבל־סם פלעגט זיך אַרייַנפרעסן אין די ציין, פלעגט אויסעסן די אויגן, די נעגל פון די פינגער.

פעטער האָט בשום־אופן נישט געקאָנט באַגרייפן, ווי קאָן מען האָס אַזוי פיל רידן וועגן די שרעקלעכסטע זייטן פון לעבן. דאָגן האָט אים איבערגעפירט זיין נאַנצע שטימונג, עס איז אים געווען נאָך ערגער, ווי דאַמאָלסט, ווען דזשעני פלעגט מיט אים רידן וועגן דער מלחמה.

.33

אין איינער פון דאָגנס לידער האָט זיך דערציילט וועגן איינעם אַן אומגליקלעכן נפש סלים. ער איז געווען אַ „שנייפרעסער", האָס הייסט, אַ קרבן פון קאָקאַין. סלים האָט זיך אַרומגעוואַלגערט אַ גאַנצן ווינטער אויף די ניו־יאָרקער גאַסן, האָט נישט געהאַט קיין דאַך איבערן קאָפּ. נעכטיקן פלעגט ער האָס רוב אין די געוויסע „עפנטלעכע אַנשטאַלטן". ווען ער פלעגט זיך אָבער אַנידערלייגן, פלעגט מען אים פאַקן און אַרויסיאָגן. האָט ער די גאַנצע צייט געמוזט זיצן, נאָר אַזוי ווי זיצן אַ גאַנצע נאַכט שלאָפעדיקערהייט איז האָך שווער, פלעגט ער טראָגן מיט זיך אַ שטריק, מיט וועלכער ער פלעגט זיך צובינדן און אַזוי אָפּזיצן אַ גאַנצע נאַכט.

צו וואָס דאַרף מען באַשרייבן אַזעלכע זאַכן? פעטער האָט שרעקלעך פיינט געהאַט צו הערן אַזעלכע מעשיות. ער האָט דאָס דייער געוואָלט זאָגן, נאָר ער האָט מורא געהאַט, האָט ער זיך געפרואווט אַ וויצל טון:

— טאַטע־פאָטער, אפשר וואָלט איר אונז געקאָנט דערציילן פריילעכערע זאַכן?

דער סאָציאַליזם איז האָך נישט קיין תרופה קעגן נאַרקאָטיק, צי דען איז שולדיק האָס פראָפיטן־סיסטעם אין דעם, וואָס מענטשן מיסברויכן מיט אַזעלכע מיטלען?

דאָגן האָט אונטערגעשמייכלט פאַרביטערט.

— איך וואָלט וועלן זען איין צרה אין וועלכער עס זאָל נישט זיין שולדיק די קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג. ווי מיינט איר, מאָרפיום און קאָקאַין פאַרקויפן זיך אַליין? וואָלט מען דערמיט נישט געמאַכט קיין געשעפטן, וואָלטן האָך אַזעלכע אַרטיקלען אַרויסגעגעבן געוואָרן בלויז דאָקטוירים. פון וואַנען האָט איר האָס גענומען אייער סאָציאַליזם?

פעטער האָט שוין גענומען גיין אויף צוריק:

— יאָ, ס'איז אמת, איך ווייס האָס אַליין. אָבער מיר זיצן האָך אין טורמע דערפאַר, ווייל מיר ווילן ענדערן די לאַגע; האָבן מיר האָך רעכט זיך אַ ביסל אויסצורוען.

דער דיכטער האָט אַ קוק געטון אויף אים פייערלעך ערנסט:

— ניין, — האָט ער זיך אָפּגערופן. — טאַקע דערפאַר, ווייל אונז איז אין תפיסה גוט און באַקוועם טאָרן מיר נישט פאַרגעסן, אַז פון יענער זייט לידן מענטשן.

אַלע האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

אָבער דאָגן האָט זיך נישט געמיינט צו וויצלען. ער האָט זיך אַ הויב געטון, האָט אויסגעשטרעקט די הענט, ווי ער וואָלט זאָגן: נעמט מיך, איך בין גרייט זיך מקריב צו זיין. און האָט אָנגעהויבן צו רײדן:

— כל־זמן עס איז דאָ אַן אונטערגעדריקטער קלאַס, געהער איך צו אים.

כּל־זמן עס זענען דאָ פֿאַרברעכערישע עלעמענטן געהער איך צו זיי. כּל־זמן איין נשמה וועט נאָך בלײַבן געפֿאַנגען, בין איך נישט פֿרײַ.

דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און מיט בײדע הענט פֿאַרדעקט זײַן פּנים. אַלע איבעריקע זענען געזעסן און געשוויגן. ערשט אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך גאָר אַ הויב געטאָן און אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט אָפּשוואַכן די שאַרפֿקייט, מיט וועלכע דאָס איז אַרויסגעטראָטן קעגן פּעטערן, האָט ער געזאָגט:

— דער חבר הדרוש זיצט שוין דעם צווייטן מאָל אין טורמע.

— איך ווייס דאָס — האָט דער דיכטער געזאָגט און דערלאַנגט פּעטערן די האַנט:

— און דערפֿאַר וועל איך אײַך טאַקע דערציילן אַ פֿריילעכערע געשיכטע.

דאָרט האָט אַמאָל פּאַסירט פֿאַר אַ קינעמאַטאָגראַף, וועלכער האָט צוגעגרייט אַ מלחמה־פֿילם. צווישן אַנדערע האָט דאָרטען געדאַרפֿט זײַן אַ בילד, ווי אַ המון אונטערהעצער און ראַבירער באַפֿאַלן אַ פּאַלאַץ פֿון אַ באַנקיר. צו דעם דאָזיקן בילד זענען נויטיק געווען פֿאַרשיידענע שנאָרער, פֿאַרברעכער א. אַ. וו. האָט מען זיי צוזאַמענגענומען אַזעלכע אַ צוויי הונדערט מאַן, אויסגעשטעלט פֿאַר אַ פּאַלאַץ פֿון אַן אמתן באַנקיר און דער רעזשיסער האָט געהאַלטן פֿאַר זיי אַ רעדע; ער האָט זיי געגעבן אָנווייזונגען ווי אַזוי זיי האָבן זיך צו האַלטן.

— פֿאַרגעסט נישט, האָט ער אָנגעהויבן: אַז דער, צו וועמען דאָס הויז געהערט, איז דער זעלביקער צו וועמען עס געהערן אַלע רײַכטימער, וועלכע איר האָט מיט אײַערע הענט באַשאַפֿן. איר לעבט אין נויט און איר ווייסט, אַז דאָס האָט ער אײַך באַגזלט, איר זײַט דערפֿאַר אַלע שרעקלעך אויפֿגעבראַכט אויף אים און איר האָט זיך צוזאַמענגעקליבן אויף דעם דאָזיקן פּלאַץ, כּדי צו שטורמען זײַן פּאַלאַץ. טאָמער וועט זיך אײַך אײַנגעבן אים אַליין צו פּאַקן, וועט איר אים אויף שטיקער צערײַסן.

נאָר דאָ האָט אים דאָן איבערגעריסן די רייד:

— הערט נאָר, זײַט מוחל, איר פֿאַרשפּאָרט אונדז דאָס צו זאָגן, מיר זענען דאָך טאַקע די פּראַקטישע עקספּלואַטירטע און דאָס איז דאָך טאַקע אַן אמתער פּאַלאַץ.

אַפּנים, אַז די מעשה האָט אַלעמען אויסגעזען זייער קאָמיש, ווײַל אַלע האָבן זיך פֿאַנאַנדערגעלאַכט. מער נישט איין פּעטער האָט נישט געלאַכט. בײַ אים האָט זיך בלויז פֿאַרשטאַרקט די שנאה צו די רויטע און זײַן איבערצייגונג, אַז זייער גאַנצע משוגעת שטאַמט פֿון זייער קנאה. זיי האָבן אַלעמען, וועמען עס איז מצליח אין לעבן, בלויז דערפֿאַר, ווײַל זיי פֿאַרגינען אים נישט זײַן הצלחה. זיי וועלן זיך אָבער קיין מאָל צו קיין זאַך נישט דערשלאָגן, זיי וועלן בלויז תּמיד טומלען און העצן, אָבער די גרויסע מאַסן אַמעריקאַנער אַרבעטער באַציִען זיך גאַנץ רויִק צו מענטשן, וואָס קענען עפּעס אויפֿטאָן אין זייער לעבן, האָבן גאָרנישט בדעה צו שטורמען זייערע פּאַלאַצן און וואַרפֿן זיך פֿרײַוויליק אונטער זייער הנהגה.

און עס איז אויסגעקומען ווי הענדערסאָן דער האָלץ-האַקער וואָלט געטראָפען פּעטערס געדאַנקען.

— גאָט מיינער, האָט ער אַ זיפץ געטון: וואָס פאַר אַ שווערע אַרבעט דאָס איז באַוווסטזיניק צו מאַכן דעם פּראָלעטאַריאַט!

הענדערסאָן איז איצט געזעסן אויבן בראָג פון זיין נאַרע, די ברייטע אַקסלען אַראָפּגעלאָזן, דעם שטערן פאַרקניטשט און האָט זיך אָפּנים געמאַטערט איבער דעם פּראָבלעם, ווי אַזוי צו פאַרשטאַרקן די אומצופרידנהייט אויף דער וועלט. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן צו דערציילן אַ מעשה פון אַן אָרט, וווּ עס איז אים אַמאָל אויסגעקומען צו אַרבעטן; דאָס איז געווען אַ מאַגאַזין פון האָלץ, די אַרבעט איז דאָרטן אויך אַזוי ווייט שווער און געפערלעך געווען, אַז אין איין ווינטער האָבן דאָרט זיבן מענטשן זייער לעבן געפּטערט. שולדיק אין דעם איז געווען דער באַלעבאָס פון וואַלד, וועלכער איז זיך באַגאַנגען מיט די אַרבעטער ווי דער געמיינסטער שווינדלער. די דירות פון די האָלץ-העקער זענען געווען זייער פאַרלאָזן, ברודיק, פול אומפלייט, די שפּייז אַ שלעכטע, די שכירות קלאָגעדיקע, די באַהאַנדלונג אַ גראָבע. און דאָ האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז אין וואַלד אַריין זענען געקומען צופאָרן דעם באַלעבאָס אַ זון מיט זיין יונגער ווייב אויף צו פאַרברענגען דאָרטן זייערע פליטער-וואָכן.

— גאָט מיינער, האָט אַ זיפץ געטון הענדערסאָן, איך וואָלט אַזוי ווינטשן צוזען, ווי די האָזיקע אידיאָטן, די האָלץ-העקער, האָבן אויפגענומען דאָס יונגע פּאָר, ווי זיי האָבן זיי באַגריסט. און זיי האָבן דאָך באמת געמיינט, אַז ווערווייסט, ווי זיי פרייען זיך מיט די דאָזיקע פּאָר לאַ-יצלהדיקע, פוילע, יונגע מענטשעלעך.

און שמועס האָט זיך אַריינגעמישט גאָר דער מאַטראָז, זיין ברייט, גוטמוטיק פּנים האָט זיך פאַנאַנדערגעצויגן אין אַ שמייכל, מען האָט געזען, אַז עס פעלן אים דריי פאָדערשטע ציין.

— די זעלביקע מעשה איז ביי אונזערע מאַטראָזן, האָט ער זיך אָפּגערופן: זיי זענען קיינמאָל ניט אין די אייגן די שיפס-באַלעבאַטים, ווייסן קיינמאָל נישט די נעמען פון די מענטשן, וואָס ווערן רייך פון זייער אַרבעט. האָבן אָבער אַ מאָדנע אומפאַרשטענדלעכע צוגעבונדנקייט צום שיף. אַן אַלטער צובראָכענער קאַסטן, וואָס האָט שוין גאָר קיין ווערט נישט, ווערט אָוועקגעשיקט אין ווייטן ים, כדי ער זאָל אונטערגיין און די באַלעבאַטים זאָלן קאָנען אָפּנעמען זייער כטראַכירונגסגעלט. די אָרעמע מאַטראָזן האָבן אָבער אַזוי ליב דעם פאַרפוילטן קאַסטן, אַז זיי ראַטעווען אים אַזוי לאַנג ביז וואַנען, אָדער זיי גייען אונטער מיט אים צוזאַמען, אָדער זיי שלעפּן אים טאַקע אַרויס זייערע באַלעבאַטים אויף צופּיקעניש.

שוין לאַנג האָט פּעטער געמוזט אויסהערן מעשיות, וועגן די פאַרברעכנס פון די גבירים און וועגן די עוולות, וואָס זיי באַגייען לגבי די אָרעמע. ער איז געווען פאַרמשפּט 15 טעג און 15 נעכט צוצוהערן זיך צו דער פּלאַפּלעריי פון סאָציאַליסטן. יעדער איינער פון זיינע

חברים פֿון קאַמער, האָט געהאַט זײַן באַזונדערע סיסטעם, ווי אַזוי אויסצובעסערן די וועלט, זײַנע אייגענע מעטאָדן, ווי אַזוי צו דערגרייכן צום ציל. דאָס לעבן איז אַן אומאויפֿהערלעכער קאַמף צווישן די רײַכע און אָרעמע; דאָס פּראָבלעם ווי אַזוי די אָרעמע זאָלן מנצח זײַן די רײַכע ווערט אָנגערופֿן טאַקטיק. ווען מען רעדט וועגן דער טאַקטיק באַניצט מען לאַנגע, אומפֿאַרשטענדלעכע ווערטער, וועלכע מוזן בלײַבן פֿאַר אַ געוויינלעכן מענטשן אַ פֿאַרבאַהאַלטענער סוד. און ווען פּעטער פֿלעגט שוין ליגן מיט פֿאַרמאַכטע אויגן, פֿלעגט אים נאָך אַלץ זשומען אין די אויערן אַ גאַנצער כאָר צוזאַמענגעשטעלט פֿון ווערטער: ווי: „פּראָלעטאַריאַט“, „פּראָפֿיט“, „מערווערט“ „פּאָליטישע אַקציע“, „מאַסן-אַקציע“, „סינדיקאַליסטן-אַנאַרכיסטן“, „אַנאַרכאָ-קאָמוניסטן“, „סאָציאַליסטן-קאָמוניסטן“ און „סאָציאַליסטן-סינדיקאַליסטן“.

34

אין אַזאַ מין סביבה איז פּעטערן זייער גרינג געווען צו פֿאַרענדיקן זײַן צוגרייטונג צום פֿאַך. גאַנצע טעג פֿלעגט ער זיצן און הערן, וואָס מען רעדט. אמת, קיין נאָטיצן האָט ער אַפֿילו נישט געקאָנט מאַכן, אָבער אין קאָפּ זענען פֿונדעסטוועגן בײַ אים פֿאַרבאַהאַלטן געבליבן גאַנצע אוצרות מיט ידיעות. ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען פֿון תּפֿיסה האָט ער שוין געקאָנט געבן גיונייען אַ גאַנץ פֿײַנעם בילד פֿון די פֿאַרשיידענע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס פֿון אַמעריקאַן-סיטי און פֿון זייערע קעגנזײַטיקע באַציִונגען.

פּעטער האָט זיך אויך גאָר גיך אי-

בערצייגט, אַז דאָס אַרײַנזעצן אים אין תּפֿיסה איז געווען ממש אַ גלענצנדער אײַנפֿאַל. הײַנט צו טאָג איז פּעטער געווען אַ גאַנצער העלד, אַ מענטש, וואָס האָט געליטן פֿאַר זײַן אידעע. און ווען עמיצער וואָלט איצט געוואַגט צו זאָגן קעגן אים אַ וואָרט, וואָלט מען אים מסתמא געמאַכט דעם שטרענגסטן פֿאַרוואָרף. קיינער האָט זיך אָבער אויך נישט געקליבן אַרויסצוטרעטן קעגן פּעטערן; זײַן אַלטער שונא קאַרמיק איז גראָד געווען אַוועקגעפֿאָרן מיט אָרגאַניזאַציאָנס-צוועקן צו די נאַפֿט-אַרבעטער.

דאַקעגן איז באַפֿרײַנדעט געוואָרן מיט פּעטערן און ער ווידער האָט אים צוזאַמענגעבראַכט מיט עטלעכע זײַנע פֿרײַנט, וועלכע האָבן געוווינט אין אַ ליידיקן סחורה-שפּייכלער, וועלכער איז גראָד געווען געבויט מיט פֿענצטערלעך פֿון אויבן. פֿון יעדער באַזונדערער קאַמער דאָרט, האָבן זיי זיך געמאַכט אַ מין אַטעליע. אַנדערע האָבן זיך דאָ אַפֿילו אָנגעהאַנגען שטיבלעך און האָבן די גאַנצע צײַט געהוליעט. ווי פּעטער האָט זיך דערוווּסט, האָט זיך דאָס גערופֿן אַ „באָהעמען-לעבן“. אַחוץ אַ צוויי, דרײַ עלטערע, זענען זיי כמעט אַלע געווען יונגע לײַט. אָנגעטאָן פֿלעגן זיי גיין אין פֿלאַנעלענע העמדער מיט ווײַסע קראַגנס, אָדער גאָר אָן קראַגנס און זייערע פֿינגער זענען תּמיד אײַנגעשמירט געווען אין אייל-פֿאַרב. זייערע באַדערפֿנישן זענען געווען זייער באַשיידענע, פֿון לעבן האָבן זיי פֿאַרלאַנגט בלויז לייוונט און פֿאַרבן, פּאַפּיראָסן, זויערע קרויט און ביר.

אַ גאַנצן טאָג פֿלעגן זיי זיצן פֿאַר די

לייוונט און מאָלן די משונהדיקסטע בילדער: ראָזע הימלען, פֿרויען מיט גרינע פּנימער, פּורפּור־רויטע גראָז, אָדער סתּם פֿאַרבן־פֿלעקן, וועלכע זיי פֿלעגן סתּם אין דער וועלט אַריין אָנרופֿן: „אַ פֿרוי מיט אַ זונענטאָפּ", אָדער „אַן אַקט ביים אַראָפּגיין פֿון די טרעפּ". אַנדערע ווידער פֿלעגן אַזוי ווי דאָגן אַ גאַנצן טאָג שרייבן, אָדער קלאַפּן אויפֿן מאַשין לידער. נאָך אַנדערע פֿלעגן זינגען און איינער האָט געשפּילט אויף אַ פֿלייט און פֿלעגט דערמיט אַרויסברענגען פֿון געדולד אַלע זיינע חבֿרים. מיט זיי צוזאַמען האָט אויך געלעבט אַ יונגער בחור פֿון פּראָווינץ, וועלכער איז אַנטלאָפֿן געוואָרן פֿון דער היים דערפֿאַר, וואָס זיין משפּחה פֿלעגט דעם גאַנצן זונטאָג פֿון אינדערפֿרי ביז ביינאַכט זינגען תּפֿילות און דערצו נאָך אַלעמאָל זינגען פֿאַלש.

פֿון דער חבֿרה האָט מען זיך געקאָנט אָנהערן די רעוואָלוציאָנערסטע פֿראַזן, פֿעטער האָט אָבער גאָר גיך פֿאַרשטאַנען, אַז מער ווי ביי ווערטער בלייבן זיי נישט, זייער כּעס גיסן זיי אויס אָדער אין משונהדיקע פֿאַרבן־פֿלעקן אויפֿן לייוונט, אָדער אין ווילדע טענער ביים פּאָרטעפּיאַן.

נישט דאָ איז געווען דער אָרט פֿון די באמת געפֿערלעכע עלעמענטן. יענע ליגן ערגעץ באַהאַלטן, אָדער אין זייערע ביוראָען, אָדער סתּם ערגעץ אין פֿאַרבאָרגענע לעכער און פֿון דאָרטן פֿאַרשפּרייטן זיי זייער אַגיטאַציע, גרייטן צו שטרייקן און שיקן פֿאַנאַנדער זייער רעוואָלוציאָנערע ליטעראַטור.

די לעצטע האָט מען געקאָנט געפֿינען אין דער אָרטיקער סאָציאַליסטישער גרופּע, אין דער הויפּט־פֿאַרוואַלטונג פֿון „פֿאַריין פֿאַר אינדוסטריע־אַרבעטער פֿון דער גאַנצער וועלט", אָדער אין אַנדערע פֿאַריינען און קלובן, ווו פֿעטער פֿלעגט גערן אָנגענומען ווערן פֿאַר אַ מיטגליד.

אין דער אָרטיקער סאָציאַליסטישער גרופּע האָט זיך געפֿירט אַ קאַמף צווישן צוויי ריכטונגען, צוליב דער באַציִונג צו דער מלחמה. ווי זאָל זיין די שטעלונג פֿון דער פּאַרטיי? איין גרופּע, אַ קליינע, האָט געהאַלטן, אַז מען וואָלט זיך געדאַרפֿט שטעלן אויף דער זייט פֿון דער קאָאַליציע קעגן די דייטשן, אַז דאָס וואָלט געבראַכט נוצן דעם סאָציאַליזם, אַ צווייטע, מער פֿעסטערע גרופּע, האָט זיך געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז די מלחמה איז אַ פֿאַרשווערונג פֿון פֿאַרייניקטן קאַפּיטאַל, וועלכער וויל פֿאַרשטאַרקן זיין מאַכט. און די גרופּע האָט געפֿאָדערט, אַז די פּאַרטיי זאָל פֿירן אַ קאַמף קעגן דעם, וואָס אַמעריקע נעמט אָנטייל אין דער מלחמה. די ביידע גרופּעס האָבן געוואָלט ווירקן אויף די מיטגלידער, וועלכע זענען געשטאַנען צוטומלטע און האָבן זיך נישט געקאָנט פֿאַנאַנדערקלייבן אין די אויסערסט שווערע פֿראַגן. פֿעטער האָט באַקומען אַ באַפֿעל אָנצושליסן זיך אָן דער ראַדיקאַלסטער, אַנטימיליטאַריסטישער גרופּירונג. ער האָט געדאַרפֿט געווינען זייער צוטרוי, ווייל זיי זענען געווען דער געפֿערלעכסטער עלעמענט אין דער באַוועגונג און גיונגי איז געווען פֿאַרינטערעסירט אָנצומאַכן וואָס מער טומל.

דער קאַמף האָט אויך געפֿלאַקערט אין דער הויפּט־פֿאַרוואַלטונג פֿון דער פֿראַ־

פעסיאָנעלער באַוועגונג. דאָרטן האָט מען ניט געקאָנט באַשליסן, וואָס מען האָט צו טון: צי זאָל מען שטרייקן און שעדיקן די אינדוסטריע פון לאַנד, אָדער לאָזן די זאַך זאָל גיין ווי ס'גייט? אָרגאַניזירן און באַוואָפנען מאַכן דעם פּראָלעטאַריאַט, ביז ער וועט אַליין קומען צום שכל און וועט אַ סוף מאַכן צו דער מיליטערישער שפּיל. עטלעכע פון די פּראָפּ. טוער האָבן גלייכצייטיק געהערט אויך צו דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי און פלעגן באַזוכן אירע פאַרזאַמלונגען, ווי למשל הענדערסאָן און גאָר לינשטראָם, וועלכע זיינען פון די עמאָלסטע אָן, ווען זיי זענען געזעסן צוזאַמען, געוואָרן פעטערס נאָענטסטע פריינט.

פעטער פלעגט זיך אויך צוזאַמענקומען מיט די פאַציפיסטן, מיטן „ראַט פון פאָלק", ווי זיי האָבן זיך גערופן. צו זיי האָבן געהערט אַ סך פרומע מענטשן, עטלעכע גלחים, דער יונגער קוואַקער דאָנאַלד גאָרדאָן און אַ גרויסע צאָל פרויען. סענטימענטאַלע יונגע מיידלעך, וועלכע פלעגן אויפציטערן פון דעם געדאַנק וועגן בלוטפאַרגיסונג און צעשראָקענע מאַמעס מיט פייכטע אויגן פון טרערן, וועלכע האָבן נאָר געדאַוועט, אַז זייערע קינדער זאָלן ניט מאָביליזירט ווערן. פעטער האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז ביי די מאַמעס גייט דאָ ניט וועגן קיין שום „איבערצייגונגען". יעדע מאַמע האָט געטראַכט בלויז וועגן איר אייגן קינד און ווייטער גאָרניט. דאָס האָט פעטערן זייער פאַרדראָסן און ער פלעגט גוט אַכטונג געבן, אַז ביי אַ מאָביליזאַציע זאָלן גראָד זייערע זין ניט אויסגעבליבן.

איין מאָל איז אים אויסגעקומען צו זיין אויף אַ פאַרזאַמלונג פון די פאַציפיסטן, ביי איינעם אַ לערער. בכלל זענען דאָרט געהאַלטן געוואָרן זייער האַרצרייסנדיקע רעדעס. און צום סוף האָט זיך אויפגעהויבן אַדאַ רוט די דיכטערין און האָט אָנגעהויבן צו טענהן.

— וואָס וועט זיין? צי וועט מען ווייטער אַליין בלייבן מער ניט ווי ביים רעדן, אָדער וויל מען זיך שוין איין מאָל פאַר אַלע מאָל אָרגאַניזירן און אָנהויבן אַ וועלכע ניט איז אַקציע קעגן מיליטער־פליכט? אָדער אפשר וויל מען לכל הפחות איינאָרדנען אַ פּראָטעסט־דעמאָנסטראַציע און אַרעסטירט ווערן, אַזוי ווי חבר פעטער האָט געטאָן?

דאָ האָבן אַלע אָנגעהויבן פאָדערן, אַז דער חבר פעטער זאָל זאָגן אַ פּאָר ווערטער; ער האָט זיך אָנגעשטעלט און געזאָגט, ער איז ניט קיין רעדנער. אַחוץ דעם — רעדן מעשים, קלאָרער ווי ווערטער. ער האָט געפּרוּווט זיינע איבערצייגונגען מיט מעשים צו דערווייזן. דאָס האָט געווירקט אויף די איבריקע און זיי האָבן באַשלאָסן איבערצוגיין צו מעשים. אַדאַ רוט איז אויסגעקליבן געוואָרן אַלס פּרעזידענטין, גאָרדאָן אַלס סעקרעטאַר פון דער „ליגע קעגן דינסטפליכט". דעם זעלבן אָוונט האָט דזשוני באַקומען אַ צעטל פון אַלע מיטגלידער.

35

אַמעריקע איז צוגעשטאַנען צו דער מלחמה. די מוראדיק גרויסע מיליטערישע מעשים האָט זיך לאַנגזאַם גערירט פון אָרט. די געמיטער האָבן זיך פאַנאַנדער־

געפֿלאַקערט. דער קאָנגרעס האָט באַשטעטיקט אַ ריזיקע הלוואה, עס איז אַוועקגעשטעלט געוואָרן אַ קאָלאָסאַלער פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט. די שטימען פֿון די פֿיר־מינוטן־רעדנער האָבן זיך געלאָזט הערן פֿון מעין ביז קאַליפֿאָרניע.

פּעטער האָט אַלע טאָג געלייענט חנם „אַמעריקאַן־סיטי טיימס". ער פֿלעגט דורכשטודירן די פּאַטריאָטישע לייט־אַרטיקלען, לייענען אַלע רעקלאַמעס פֿון די מלוכה־מענער, אַלע דרשות פֿון די גלחים, דורכקוקן אַלע קאַריקאַטורן. און דאָס אַלץ צוזאַמען פֿלעגט ער איינזאַפּן אין זיך ביז וואַנען, דאָס האָט אָנגעהויבן ווירקן אויף אים. ער האָט זיך געענדערט. ביז אַהער האָט ער געלעבט בלויז פֿאַר זיך, נאָר משמעות, אַז פֿאַר יעדן מענטשן קומט אַמאָל אַ טאָג ווען ער הויבט אָן צו פֿאַרשטיין, אַז ער איז נישט די איינציק וויכטיקע זאַך אין דער וועלט, אַז נישט צוליב אים אַליין געשיט אַלץ אויף דער וועלט. פּעטערן האָט אָפּט גענומען מאַטערן זיין געוויסן, ער האָט אָנגעהויבן צווייפֿלען אין דער אייגענער גערעכטיקייט. פּעטער האָט זיך פּונקט אַזוי ווי אַלע לעבעדיקע מענטשן געדאַרפֿט האָבן אַ רעליגיע, אַן אידעאַל.

די רויטע האָבן אַפֿילו אַ רעליגיע, אָבער פּעטערן געפֿעלט זי נישט. אין זיינע אויגן איז זי נישט אָנזעעוודיק, איר אָנהענגער האָבן נישט קיין ריין, קיין געזעלשאַפֿטלעכע לאַגע און זענען נישט גענוג פֿלינק. ווייטער איז זייער התלהבות אויך געווען אַ צו טומלדיקער און עס האָט אים אַ ביסל דערמאָנט אין צעפּלאַטאַלן־קלויסטער. און אַ הייג־

רע סחאָבן זיי צופֿיל אונטערגעשטראָכן די טונקעלע מיאוסע זייטן פֿון לעבן. בלויז דער, וואָס האָט קיין שכל נישט איז פֿעיִק תּמיד צוצוהערן זי דרש ומעשׂיות. וואָס רופֿן אַרויס טרערן אין די אויגן אין דער צייט, ווען ער וואָלט געקאָנט געניסן און הנאה האָבן פֿון דער וועלט.

דאָ איז אָבער שוין יאָ געווען אַ רעליגיע, וועלכע האָט אינגאַנצן געפּאַסט פֿאַר פּעטערן. גאָר אַן אַנדער וועלט: גלחים אויסגעפּוצטע אין שניי־ווייסע, לייוונטענע בגדים, וועלכע האָבן געהאַלטן הייליקע דרשות אין קלויסטערס, ווו גאָלדענע מזבחות זענען געשטאַנען און די בונט־קאָלירטע פֿענסטער האָבן אָפּגעשפּיגלט וווּנדערשיינע פֿאַרבן. מלוכה־מענער, באַצירטע מיטן הייליקן שיין פֿון כּבוד און גרויסקייט, וועלכע מאַרשירן אונטער די יובל־געשרייען פֿון די מאַסן. אינדוסטרי־מאַגנאַטן, וועמעס נעמען זעם האָבן פֿאַרמאָגט אַ צויבער־קראַפֿט. וועלכע זענען בכּח געווען מיט איין שטריך פֿון זייער פּעדער אויפֿצובויען שטעט אין מדבריות און זיי נאָכדעם צעשיסן מיט האַרמאַטן. און נאָך זיי האָבן זיך געצויגן די רעדאַקטאָרן, שרייבער און קאַריקאַטוריסטן פֿון „טיימס". אַלע אַזעלכע וויכטיקע, קלוגע און געלערנטע. און אָט דיזעלביקע פֿאַרשוינען האָבן געוויזן פּעטערן אַ רעליגיע, אַן אידעאַל, וועלכן ער איז מסוגל געווען צו פֿאַרשטיין.

איצט ווייסט שוין פּעטער, אַז ער דאַרף ווייטער טאָן דאָס, וואָס ער האָט ביז איצט געטאָן, אָבער שוין נישט צוליב זיך, נישט צוליב פּעטערן דער מוראַטקע, נאָר צוליב דער מעכטיקער נאַציע

פון די הונדערט צען מיליאָן מענטשן מיט די העלדישע זכות פון איר עבר און מיט איר אומבאַגרענעצטע האָפענונגען אויפן עתיד; ער וועט האַנדלען אין הייליקן נאָמען פון פּאַטריאָטיזם און אין נאָך הייליקערן נאָמען פון דער דעמאָקראַטיע. אַ הוין דעם (ווי ס׳איז באַשערט!) האָבן די גרויסע געשעפט־מענטשן גראָד דאַמאָלסט געעפנט אַ נייע געהיימע ביוראָ אונטער געפּפּים אָנפירונג און וועלן פעטערן צאָלן 50 דאָלאַר אַ וואָך די גאַנצע צייט, וואָס אַי סוועט אויסקומען צו אַרבעטן פאַר דער הייליקער זאַך.

אין יענע טעג איז געווען אַ מאָדע, אַז מלוכה־מענער און רעדנער זאָלן זיך איינע די אַנדערע איבערליציטירן אין פּאַטריאָטיזם. פעטער האָט געלייענט זייערע רעדעס. האָט זיי אַזוי אַריינגעזאַפּט אין זיך, ביז זיי זענען געוואָרן אַזוי ווי אַ טייל פון אים אַליין און עס איז אים אויסגעקומען, ווי ער וואָלט זיי אַליין אויסגעטראַכט. עס האָט אים אַזוי געצויגן צו די דאָזיקע נשמה־שפּייז, אַז וואָס אַמאָל ווייטער פלעגט ער זי אַלץ מער אַריינגעמען אין זיך, ביז וואַנען זיין נשמה איז געוואָרן פעט און אָנגעבלאָזן ווי אַ פּענכער. פעטער איז געוואָרן אַ פּאַטריאָט, איינער פון די זעלטנסטע פּאַטריאָטן, אַן „איבערפּאַטריאָט“.

אַן אמתער רויט־בלוטיקער אַמעריקאַנער איז פעטער געווען. אַ העלדישער אַמעריקאַנער, אַ הונדערט־פּראָצענטיקער אַמעריקאַנער. און ווען מען וואָלט געקענט זיין נאָך אַ העכערער ווי אַ הונדערט־פּראָצענטיקער, וואָלט ער זיכער אַזעלכער געוואָרן. פעטער איז אויף אַזוי ווייט געוואָרן אַן עכטער אַמעריקאַנער, אַז ער האָט רויִק נישט געקאָנט קוקן אויף אַן אויסלענדער.

און וואָס איז שייך די רויטע, האָט ער אַ לאַנגע צייט נישט געקאָנט געפינען די פּאַסיקע ווערטער, מיט וועלכע ער זאָל קאָנען אויסדריקן זיינע געפילן לגבי זיי. ביז וואַנען עס האָט אים סוף כל סוף אַרויסגעהאָלפן איינער אַ באַרימטער גלח, וועלכער האָט אין איינער פון זיינע רעדעס אַזוי געזאָגט: ער וואָלט געוואָלט אַלע רויטע צוזאַמענברענגען אויף אַ שיף, אויף וועלכער די זעגלען זאָלן זיין געמאַכט פון בליי, דער מאַסטבוים פון שטיין און אַוועקשיקן זיי אַזוי אין גיהנום אַריין.

איין זאַך האָט נאָר פעטערן געמאַטערט דאָס, וואָס ער האָט נישט געקאָנט צוטרעטן צו מעשים. וואָס נאָך פאַר אַ באַווייז דאַרף איינער האָבן די געהיים־ביוראָ? האָט פעטער נישט געלאָזן רוען גינייען. און יענער פלעגט תמיד ענטפערן:

— זייט נאָר נישט אומגעדולדיק. אייערע שכירות קריגט איר אַלע וואָך, וואָס זשע ווילט איר האָבן?

— איך קאָן שוין מער נישט פאַרטראָגן די דאָזיקע מענטשן. האָט זיך אָפּגערופן פעטער: איך וואָלט זיי וועלן פאַרשטאָפּן די מיילער.

פעטער האָט אָנגעהויבן אויפצופּאַסן די האַלטונג פון די סאָציאַליסטן ווי אַ פּערזענלעכע באַליידיקונג. זיי האָבן געהאַלטן פעטערן פאַר אַ חבר, האָבן זיך זייער גוט באַגאַנגען מיט אים. פעטער האָט אָבער געוווסט מיט וואָס פאַר אַ

אייגן זיי וואלטן גענומען קוקן אויף אים, ווען זיי ווייסן דעם אמת. דער דאזיקער געפיל האט אים ווי א סם־המות געברענט. טיילמאל ווען עס פלעגט קומען צו רייד וועגן שפיאנעס, אדער פראוואקאטארן פלעגן די מענטשן דאמאלסט נאטירלעך נישט זשאלעווען קיין שארפע ווערטער. פעטער פלעגט יעדעס ווארט נעמען אויף זיין חשבון און שפרינגען פון הויט פאר כעס. אים האט זיך דייעך געוואלט ענטפערן זיי. און מיט דער גרעסטער אומגעדולד האט ער געווארט אויפן טאג ווען ער וועט זיך ענדלעך קאנען אויסטענהן און פארמאכן די רויטע די מיילער.

36

איין מאל האט גינזי געזאגט צו פעטערן:

— היינט האב איך פאר אייך אן אינטערעסאנטע שטיקל ארבעט. אייך וועט היינט אויסקומען צו טרעפן זיך מיט גאר א פיינעם מענטשן.

דערנאך האט דער מענטש מיטן פנים פון א „שטשור" אנגעהויבן צו ערקלערן וואס ער האט געמיינט: אין א שכינות־דיקער שטאט וווינט א פילפאכער מיליאנער; ער איז א פארברענטער פאציפיסט, האט אליין אנגעשריבן א בוך קעגן דער מלחמה און שטיצט פינאנציעל די פאציפיסטישע באוועגונג. מיר האבן די גאנצע צייט געזען, אז די דאזיקע באנדע גיט אויס אן א שיעור געלט אויף חוזק־מאכן, איצט האט זיך אונז איינגעגעבן צו דערגיין, אז דאס גאנצע געלט שטאמט פון לייקמענען. מארגן דארף ער זיין דא, אין אמעריקען־סיטי און מיר וואלטן וועלן, אז איר זאלט זיך פרובירן דערוויסן, אלץ וואס עס וועט נאר מעגלעך זיין וועגן אים און זיינע ענינים.

מארגן, הייסט עס, דארף פעטער דעם ערשטן מאל אין זיין לעבן זיך צוזאמענטרעפן מיט א מיליאנער! פעטערן איז נאך ביז איצט קיין מאל נישט אויסגעקומען צו זען וועמען נישט איז פון די דאזיקע „אויסדערוויילטע" מענטשן. ער האט אבער תמיד געהאלטן מיט זיי, איז געשטאנען פאר זיי שטאל און אייזן. ווי נאר ער האט זיך אויסגעלערנט לייענען פלעגט ער אין די צייטונגען און זשורנאלן נישט דורכלאזן קיין שום באשרייבונג וועגן זייער לעבן, פלעגט מיט אינטערעס באטראכטן זייערע בילדער און פאטאגראפיעס פון זייערע פאלאצן. די דערציילונגען וועגן זיי — דאס זענען פאר פעטערן זיינע מעשהלעך געווען. און די מיליאנערן — די פאנטאסטישע געשטאלטן, וועלכע פלעגן ארומשוועבן ערגעץ אין עולמות עליונים, אין אן אנדער וועלט, ווו מען ווייסט נישט פון צער און דאגות.

ווען פעטער האט געדינט אין טעמפל פון דזשידזשאמבא האט ער אין אופנאמצימער געזען אזא בילד: דעם אלימפ, אומגעפער ביז א טויט געטער און געטינס, פויל אויסגעצויגן, האבן געטרונקען פון גאלדענע בעכערס דעם נעקטאר אויבשעת מעשה גלייכגילטיק אראפגעקוקט אויף דער ליידנדיקער וועלט. פעטער פלעגט שטיין הינטערן פארהאנג און צוקוקן זיך ווי דער כהן גדול פלעגט ארויסגיין פון זיינע קדשי־קדשים, אוועקשטעלן זיך הינטער די זיבן פרוכתן און אנהויבן מיט

אַ זינגענדיקער שטים אויפֿקלערן פֿאַר די פֿאַרדביקתדיקע דאַמען זיין תּורה. ער פֿלעגט זיין. אויפֿן בילד און רעדן פֿון די אַמאָליקע גאָלדענע צייטן, ווען די עלעוזינישע תּורה איז באַשאַפֿן געוואָרן. פֿון דאַמאָלט אָן האָט זיך די וועלט געענדערט, געענדערט צום שלעכטן. די מעכטיקע מוזן צוריק אומקערן דער וועלט איר גלאַנץ און שיינקייט, מוזן צוריק איינשטעלן אַ גליקלעך לעבן אויף דער וועלט.

הגם פֿעטער האָט נישט געגלייבט אין דעם, וואָס עס פֿלעגט געלערנט ווערן אין טעמפּל פֿון דושידושאַמבאַ, — פֿונדעסטוועגן פֿלעגט ער נתפּעל ווערן פֿון דער רייכקייט און אויסטערלישקייט פֿון די דאָרטיקע גלייביקע. ביסלעכווייז האָט ער זיך אויך צוגעוווינט צו גלייבן אין אָלימפּ.

און ווען ער פֿלעגט טראַכטן וועגן מיליאָנערן און וועגן זייער לעבן, פֿלעגן זיי זיך אים פֿאָרשטעלן ווי געטער און געטינס, וואָס ליגן פֿויל אויסגעצויגן אויף זילבערנע געלעגערס און טרינקען נעקטאַר.

צייט פֿעטער האָט זיך באַקאַנט מיט די רויטע, וועלכע האָבן געוואָלט אויפֿרייסן מיט דינאַמיט די פּאַלאַצן פֿון די מיליאָנערן, האָט ער זיך נאָך פֿעסטער געשטעלט אויף דער זייט פֿון זיינע געטער און געטינס. און וואָס מער מען האָט זיי אָנגעגריפֿן, אַלץ מער איז געוואַקסן זיין ליבע צו זיי. ער האָט געטרוימט וועגן אַ מאָמענט, ווען ער זאָל האָבן די מעגלעכקייטן קומען צו זיי אין היים, מיטן גאַנצן יראת הכבוד, וואָס ער פֿילט צו זיי, שווערן זיי טרייקייט. ווי דעם גריעכן גליק פֿלעגט ער זיך פֿאָרשטעלן אַזאַ מין בילד: ער שטייט אין אַ פּאַלאַץ לעבן אַ זילבערנעם געלעגער פֿון אַ מיליאָנער און ערקלערט אים אויף ווי ווייט ער פֿעטער הורדוש, האָט פֿאַרשטענדניש פֿאַר דער שיינקייט און פּראַכט פֿון דער וועלט.

און איצט האָט ער זיך געטראָפֿן באַקענען מיט אַ מיליאָנער, ווערן מיט אים אַ נאָענטער מחותּן! אמת איז, אַז ביי דעם דאָזיקן מיליאָנער איז עפּעס נישט אַלץ געווען אין אָרדנונג, ס'האָט אים, אַ פּנים, עפּעס אַ משוגעת, רחמנא לצלן, פֿאַרכאַפּט און ער האָט אָנגעהויבן סימפּאַטיזירן מיט מערדער און באָמבע-וואַרפֿער.

ווען פֿעטער האָט געוווינט ביי די שוועסטער טאָה, איז אים אויסגעקומען צו באַגעגענען זיך מיט די אַזוי גערופֿענע סאַלאָן-רויטע, עלעגאַנט-פֿאַרפּוצטע דאַמען, וואָס פֿלעגן קומען צופֿאָרן אין טייערע אויטאָמאָבילן. ער האָט אָבער נישט געוווּסט צי דאָס זענען געווען מיליאָנערן. און ווען ער האָט דאַמאָלסט געפֿרעגט ביי מערין, האָט זי אים אַזוי ווי נישט גערן געענטפֿערט, אַז יעדער איינציקער אָנהענגער פֿון דער ראַדיקאַלער באַוועגונג, ווער עס קאָן זיך נאָר פֿאַרגינען צו האָבן אַן אויטאָמאָביל, אָדער אָנצוטון אַ פֿראַק שרייבן שוין וועגן אים די צייטונגען, אַז ער איז אַ מיליאָנער.

דער יונגער לייקמען איז אָבער געווען אַן אמתער מיליאָנער און הגם ער האָט געהאַט משוגענע אידעען און גיזני האָט אָפּגעלאַכט פֿון אים, האָט ער אָבער אין פֿעטערס אויגן פֿונדעסטוועגן נישט אויפֿגע

הערט צו זיין איינער פון די, וועמען ער האט באוואונדערט. ווי דער „שטשור" האט דערציילט, האט לייקמען אנגעפירט מיט א יינגל־שול. ווען עמיצער פון די קינדער פארזינדיקט זיך, איז אנשטאט צו באשטראפן דעם יינגל, באשטראפט דער לערער זיך אליין. ווען פעטער וועט זיך טרעפן מיט לייקמענען, דארף ער זיך מאכן, ווי ער וואלט זיך זייער אינטערעסירט מיט דער דאזיקער דערציִונגס־סיסטעם. ער מוז זיך אויך אויסמאנען איינהערן, לכל הפחות, די נעמען פון די ביכער, וועלכע לייקמען האט אנגעשריבן.

— ווער ווייסט צי וועט ער בכלל מיט מיר רעדן? האט פעטער געפרעגט.

— אן שום ספק. ס'איז גענוג, אז ער זאל וויסן, אז איר זייט געווען ארעסטירט צוליב אייערע פאציפיסטישע איבערצייגונגען. איר מוזט זען צו דערוועקן ביי אים אן אינטערעס צו דער „ליגע קעגן דינסטפליכט", זאגט אים, אז די ליגע מוז ווערן א נאציאנאלע ארגאניזאציע און זי דארף נישט בלויז רעדן, נאר אויך עפעס טון.

דער יונגער לייקמען איז פארפארן אין האטעל דע סאטא. ווען פעטער האט דערהערט דעם אדרעס האט אים זיין הארץ אנגעהויבן צו שפרינגען פאר פרייד. דער האטעל דע סאטא איז געווען דער אלימפ פון אמעריקען־סיטי. נישט איין מאל איז פעטער פארבייגעגאנגען די דאזיקע ווייסע געביידע, האט זיך צוגעקוקט ווי עס עפנט זיך אויף און ס'פארמאכט זיך די בראנזענע טיר, ווי די גליקלעכע פון דער ערד גייען אריין און ארויס צוזאמען מיט זייערע פארכשופטע באגלייטער. אים איז אבער קיינמאל אויפן זינען נישט ארויף, אז אים אליין וועט אמאל אויסקומען אויפצועפענען די דאזיקע בראנזענע טיר און אריינדרינגען אינעווייניק אין די סודותפולע הייליקטימער.

— מען וועט מיך אריינלאזן? האט פעטער געפרעגט. ג'וני האט זיך פאנאנדערגעלאכט.

— פארוואס עפעס נישט? גייט נאר אריין דרייסט, מיט א געהויבענעם קאפ, ווי איר וואלט דארטן אייער גאנץ לעבן געוווינט.

עס איז גרינג געווען ג'וני'ן צו זאגן, גיי אריין ווי אין אן אייגענער שטוב. פעטער'ן איז אבער א ביסל שווערלעך געווען זיך פארצושטעלן, ווי אזוי פארט וועט ער דאס טון. אלנפאלס וועט ער מוזן פרובירן. ג'וני ווייסט, מסתמא, וואס ער רעדט. און פרוי דזשעגס פלעגט אים אויך געבן אזעלכע עצות. מען דארף זיך צוקוקן צו אנדערע מענטשן, שטילערהייט זיי נאכמאכן און דערנאך זיך שוין אויפפירן אזוי ווי זיי. דאס גאנצע לעבן איז איין גרויסער בלאף, און כדי צו האבן מזל דארף מען נאר געדענקען, אז אלע אנדערע בלאפן פונקט ווי דו אליין.

זיבן אזייגער אין אוונט איז פעטער געשטאנען פאר דער בראנזענער טיר, ער האט נאך כמעט נישט באוויזן צוצורירן זיך צו דער קלאמקע, ווי א מענטש אין א בלאער אוניפארם האט אן עפן געטאן די טיר. פעטער איז אריינגעגאנגען און האט דערזען פאר זיך עטלעכע האטעל־דינער אין בלישטשענדיקע קנעפ. יענע

האָבן זיך אַפּילו נישט איבערגעקוקט אויף אים, ווען ער איז פֿאַרבײַ זיי פֿאַרבײַגעגאַנגען. ער איז צוגעגאַנגען צום שווייצער און האָט געפֿרעגט, ווי קען ער זען דעם הערן רײַכמען. דער הויכמוטיקער שווייצער האָט אָנגעוויזן פֿעטערן אויף אַ נאָך מער הויכמוטיקן טעלעפֿאָן־באַאַמטן און יענער איז אַזוי גוט געווען, האָט מטריח געווען זײַן כּבֿוד, דורכגערעדט זיך דורכן טעלעפֿאָן און דאַמאָלסט געמאָלדן פֿעטערן, אַז רײַכמען איז אַוועקגעגאַנגען און אַז אין דער היים וועט ער זײַן אַכט אַזייגער.

פֿעטער האָט שוין געוואָלט אַרויסגיין און אַוועקשטעלן זיך וואַרטן ביז אַכט אַזייגער אויפֿן גאַס, נאָר דאָ האָט ער זיך פּלוצלינג דערמאָנט, אַז אַלע בלאָפֿן. האָט ער זיך אַ קער געטאָן אויף צוריק, האָט זיך אַרײַנגעזעצט אין אַ ווינקל, לעדערנעם פֿאָטער־שטול, וועלכער איז געווען אַזוי גרויס, אַז דרײַ מענטשן האָבן זיך אין אים געקאָנט אַרײַנזעצן. דאָרטן איז ער געזעסן לאַנג, זייער לאַנג און קיינער האָט אים אַ וואָרט נישט געזאָגט.

37

יאָ, דאָס איז געווען דער אָלימפּ און דאָ זענען געווען די געטער; געטער אין שוואַרצע פֿראַק מיט אויסגעשטאַנענע, געפּרעסטע ברוסטן און געטינס אין אַ צושטאַנד פֿון געטלעכער האַלבנאַקעטקייט. יעדעס מאָל ווען עס פֿלעגט זיך באַווײַזן אַ הער פֿון שווייצער־צימער, פֿלעגט אים פֿעטער נאָכקוקן און פֿרעגן זיך אַליין, צי איז דאָס נישט אַמאָל רײַכמען? צווישן אַ געוויינלעכן עולם וואָלט כּמעט געוויס דערקענט אַ מיליאָנער, דאָ האָט אָבער יעדער איינציקער אויסגעזען ווי אַ מיליאָנער און דאָס האָט זייער באַשווערט פֿעטערס אויפֿגאַבע.

פֿאַר דער צײַט, וואָס פֿעטער איז געזעסן און געוואַרט האָט ער באַטראַכט די אויסטערלישע שיינע אַרכיטעקטור פֿון זאַל. ער האָט פּשוט זײַנע אויגן נישט געקאָנט אָפּרײַסן פֿון דער ריזיק־גרויסער העל־רויטער, מאַרמאָרענער קאָלאָנע, פֿון די שפּיגל־דאָרנס, וואָס האָבן זיך געפֿונען בײַ אַלע פֿיר זײַטן, פֿון די ביקעטן רויזן און אַנדערע געפּלאַנצן, וואָס האָבן אַזוי ווי אַרויסגעשטראַלט פֿון זיי און פֿון די שמייכלדיקע מלאָכים־געשטאַלטן, וועלכע האָבן אַרויסגעקוקט פֿון דעם דאָזיקן בוימען־פּלאָנטער. פֿעטער איז געזעסן ווי אַ פֿאַרכּישופֿטער.

און דער זעלבער פֿאַרשווינדערישער גלאַנץ האָט געהערשט אומעטום, אין גאַנצן האָטעל, וווּ ער האָט נאָר נישט געוואָרפֿן זײַן אויג. פֿעטער האָט געהאַט דעם אײַנדרוק ווי דאָס אַלץ וואָלט געשריִען צו אים, אַרויסגעפֿאָדערט אים אויף עפּעס. אַ געפֿיל פֿון אַ מאָדנער צעמישטקייט און יראת הכּבֿוד האָט אים אַרומגעכאַפּט. ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז די, וואָס פֿירן אַזאַ מין לעבנס־שטייגער זענען דאָך מענטשן, פֿאַר וועלכע געלט איז גאָרנישט, שטראָמענווײַז, ווי וואַסער קענען זיי דאָס פֿאַנאַנדערגיסן.

און אַלץ אַרום האָט אַזוי ווי באַשטעטיקט זײַן מיינונג, אַפֿילו די געטער מיט די געטינס האָבן דערפֿאַר עדות געזאָגט. פֿון צײַט צו צײַט דערהערט זיך אַ גערויש, דאָס שלײַכט זיך דורך פֿאַרבײַ פֿעטערן אַ געטין מיט אַ בלישטשע-

דיקער דיאַדעם אין די האָר, פּעטערן ווילט זיך איבערציילן די שטיינער, אָבער אויף איר שוואַרצער צפּיצן-קלייד לוינט אויך צו קוקן און אויך זי קאָן דערוועקן געוויסע געדאַנקען, דאָס קלייד איז אין גאַנצן באַדעקט מיט גאָלדענע זומער-פֿייגעלעך געהאַפּטן מיטן האַנט, מען האָט געקאָנט אויסרעכענען וויפֿל אַזעלכע זומער-פֿייגעלעך וואָלט מען געדאַרפֿט אויסהאַפּטן, כּדי צו באַדעקן איין מעטער שטאָף פֿון דעם דאָזיקן קלייד. דערנאָך האָבן זיך געזען שיך און עס האָט זיך געוואָלט איבערציילן די בלישטשעדיקע בלעטעלעך פֿון וועלכע זיי זענען געווען צוזאַמענגעשטעלט. עס האָט אויך געצויגן צוצוקוקן זיך צום פֿיינעם מוסטער פֿון אירע דורכזיכטיקע זאָקן.

אַזעלכע געסטינס האָט פּעטער געזען אַ סך. דאָס רוב זענען אַרויסגעגאַנגען פֿון דער ווינדע און זיך געלאָזן צום עסזאַל. אַנדערע מענטשן וואָלט אפֿשר אַ ביסל שאָקירט זייער קליידונג. ביי פּעטערן אין זכּרון האָט אָבער געלעבט דאָס בילד פֿון אָלימפּ און עס איז אים אויסגעקומען, אַז עס דאַרף אַזוי זיין.

צוויי מאָל איז פּעטער געווען צוגעגאַנגען צום שווייצער זיך פֿרעגן צי ליקמען איז געקומען. ער איז נאָך אַלץ נישט געווען אין דער היים. פּעטער איז ביסלעכווייז געוואָרן אַ ביסל שטייפֿער ביי זיך און ער האָט גענומען אַרומגיין הין און צוריק איבערן זאַל. אַרום זאַל האָט זיך געצויגן אַ גרויסער באַלקאָן, פּעטער איז צוגעגאַנגען צוהין אַ קוק טון, וואָס דאָרטן איז. פּעטער האָט ווידער דערזען ווייכע שטולן און קאַנאַפּעס מיט טונקל-גרינע סאַמעט באַדעקט. דאָס האָט אויסגעזען ווי אַן אָרט, וווּ די געסטינס גייען פֿריִער אָפּרוען זיך נאָך מיטאָג. פּעטער האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל און אַרומגעקוקט זיך.

נישט ווייט פֿון פּעטערן איז געזעסן אויף אַ קאַנאַפּע אַ געסטין מיט העל-גאָלדענע האָר און מיט אַן אויסגעצויגענע ווייסע האַנט. די האַנט איז געווען דיק און פֿעט און די געסטין אַליין איז אויך געווען אַ דיקע און אַ פֿעטע און פֿון אַלע זייטן אַרומגעהאָנגען מיט צירונג. זי האָט זיך אַרומגעקוקט. אויף איין רגע האָבן זיך אירע אויגן אָפּגעשטעלט אויף פּעטערן, זיי האָבן זיך אָבער תּיכּף אָפּגעקערט אין אַן אַנדער זייט און פּעטער האָט מיט ווייטאָק דערפֿילט זיין אייגענע נישטיקייט.

ער אָבער האָט נישט אויפֿגעהערט צו באַטראַכטן די געסטין און שפּעטער האָט דאָס אים הנאה געטאָן: ביי דער געסטין אויפֿן שויס איז געלעגן אַן אויסגעהאַפּטע בייטעלע און נאָכדעם ווי זי איז אַ שטיקל צייט געזעסן רויִק, האָט זי אויפֿגעעפֿנט דאָס דאָזיקע בייטעלע און האָט אָנגעהויבן אַרויסצונעמען פֿון דאָרטן אַ גאַנץ פּעקל סודותפֿולע זאַכן. קודם כּל האָט זי אַרויסגענומען אַ גאָלדענעם שפּיגעלע און האָט זיך גענומען באַטראַכטן איר שיינקייט, דערנאָך האָט זי גענומען אַזאַ מין ווייכינקע פּודער-פּענדזעלע און האָט זיך פֿון אויבן לייכט באַשפּרינקעלט דעם נאָז און די באַקן, דאַן איז געקומען אַזאַ מין רויטער בלייפֿעדער, מיט וועלכן זי האָט זיך אַ פּאָר געטאָן הין און צוריק איבער די ליפּן, נאָך אים

איז ווידער געקומען אַ גאָלדענער בלייפֿעדער, מיט וועלכן זי האָט באַשמירט די ברעמען, נאָר פּלוצלינג האָט זי אַ פּנים באַמערקט ערגעץ אַ הערעלע, וואָס האָט נישט געדאַרפֿט זיין; אפשר איז עס אויסגעוואַקסן פֿאַר דער צייט, וואָס זי איז אַרויס פֿון איר שטוב; עס איז שווער געווען פֿון דער ווייטנס צו זען גענוי, וואָס זי טוט, נאָר ווי פּעטערן האָט זיך אויסגעדוכט, האָט זי אַרויסגענומען אַזאַ מין אָפּצווייגל און האָט עס אויסגעצופּט. זי האָט נאָך אַנדערע זאַכן געטון אַרום איר טואַלעט, און די גאַנצע צייט רויִק און קאַלטבלוטיק ווי ס'דאָ וואָלטן גאָר קיין מענטשן נישט דורכגעגאַנגען און ווי קיינער וואָלט אויף איר נישט געקוקט.

זי איז אָבער אין זאַל נישט געווען די איינציקע געטין. פֿאַר דער צייט זענען אָנגעקומען נאָך אַ סך אַנדערע און פּעטערס אויגן זענען געלאָפֿן פֿון איין אָרט אויפֿן אַנדערן. און ער האָט דערזען, אַז פּונקט אַזוי ווי אַלע מענטשן הויבן אָן ניסן, אָדער געניעצן בשעת איין מענטש ניסט אָדער געניעצט, פּונקט אַזוי האָבן זיך אַלע געטינס פּלוצלינג דערמאָנט אָן זייערע גאָלדענע, אָדער זילבערנע שפּיגעלעך, אָן זייערע פּודערפּענדזעלעך און אָן זייערע רויטע, געלע, שוואַרצע בלייפֿעדערס. מיט דער גרעסטער פֿאַרוווּנדערונג האָט זיך פּעטער צוגעקוקט צו דעם, ווי דער אָלימפּ איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָסמעטישן קאַבינעט.

פּעטער האָט זיך אויפֿגעהויבן און האָט זיך ווייטער געקוקט אויף די געטינס. פֿון כל המינים זענען זיי דאָ געווען: גרויסע און קליינע, אַלטע און יונגע, דיקע און דינע, שיינע און מיאוסע. און פּעטערן איז אויסגעקומען, אַזוי ווי די אַלטע און מיאוסע וואָלטן זיך אַם מערסטן געקוקט אין זייערע קליינע שפּיגעלען.

פּעטער האָט געקוקט אויף די געטינס מיט פֿאַרבענקטע, הונגעריקע אויגן. דאָ האָט ער געוווּסט, איז דאָס אמתע, דאָס שיינע לעבן. דער גרעסטער נחת רוח, דאָס בעסטע, וועגן וואָס אַ מענטש קאָן נאָר חלומען. אים האָט געצויגן נאָך עפּעס צו זען, ער האָט געוואָלט זיך נאָך מער זאַכן דערוויסן. פּאַמעלעך האָט ער זיך געלאָזן גיין ווייטער. און בשעת מעשה האָט ער זיך גאָרנישט פֿאָרגעשטעלט, נישט געטראַכט, נישט געחלומט אַפֿילו וועגן די געשעענישן, אין וועלכע דער מזל האָט זיך אים ווידער געקליבן אַריינצופּלאָנטערן.

אויף איינער פֿון די קאַנאַפּעס איז געזעסן אַ מיידל, אַ וווּנדערבאַרע באַשעפֿעניש פֿון גרינעם אינזל. האָר האָט זי געהאַט רויטע, ווי דער זון־אויפֿגאַנג און באַקן ווי עפּל. פּעטער האָט זיך איינגעקוקט אין איר, זיין האַרץ האָט אים אָנגעהויבן צו האַקן, אַז ס'איז אים שיִער נישט אַרויסגעשפּרונגען. ער האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געגלייבט, די דאָזיקע אויגן האָבן אים אָבער עקשנותדיק נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל געוויזן, אַז ער האָט קיין טעות נישט. און די אויגן האָבן דאָך געוווּסט, גאַנצע שעהן נאָכאַנאַנד פֿלעגן זיי זיך דאָך נישט קאָנען אָפּרייסן פֿון די דאָזיקע עפּל־באַקן און פֿון אָט אָט די זעלביקע האָר; דאָס מיידל איז געווען נעל, די געוועזענע פּאַרינערין

אין טעמפּל פֿון הוישימדושאַמבאַ!

זי האָט געהאַלטן דעם פּנים אָפּגעקערט פֿון אים, ער האָט זיך אַרומגערוקט און אַרונטערגעזעצט אונטער אַ קאָראַנגע און האָט ווײַטער געקוקט. ער האָט נאָך אַלץ נישט געגלויבט זײַנע אויגן. עס קאָן דאָך נישט זײַן, אַז דאָס זאָל זײַן נעל! עס איז דאָך אָבער פּאָרט זי! אַ געענדערטע נעל, אַ נײַע, וועלכע האָט זיך צום אָלימפּ דערקליבן, זיך אין אַ געטין פֿאַרוואַנדלט, אָבער פּאָרט אַ נעל.

נעל איז געזעסן אויף דער קאַנאַפּע, בײַ אַ פּאַוויליאָן, אַ העל-גראָער באַנד האָט פֿעסט אַרומגעכאַפּט איר טאַליע און זיך פֿאַרענדיקט מיט אַראָפּגעהאָנגענע בענדער פֿון בײדע זײַטן. זי האָט לעבעדיק געפּלוידערט מיט אַ יונגן-מאַן, וועלכער האָט געהאַט אַ פּנים פֿון אַ בולדאָג און איז געווען אָנגעטאָן אין בגדים, ווי אויף אַ שנײדער-אַטאָנס.

פּעטער האָט געקוקט און געוואַרט, זײַן האַרץ איז אים אין דער לופֿטן געשפּרונגען. אין די דאָזיקע פּאָר מינוט האָט ער ערשט פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָס איז אַזוינס אמת'ע ליבע און האָט דערפֿילט איר צעשטערנדיקע מאַכט. די קליינע דזשעני איז פֿאַרגעסן געוואָרן, די שטרויענע אַלמנה איז אַרויסגעפֿלויגן פֿון קאָפּ. פּעטער האָט געוווּסט, אַז זײַן גאַנץ לעבן האָט עקזיסטירט פֿאַר אים בלויז איין-אײנציקע פֿרוי — נעל, דאָס שטוב-מיידל פֿון טעמפּל דושימדראַמבאַ.

38.

חאָס פּאָרל האָט זיך אַ הייב-געטון פֿון אָרט און געלאָזט זיך גיין צו דער ווינדע, פּעטער איז די נאָכגעגאַנגען. אין דער ערשטער רגע האָט אים אַפֿילו אַ צי געטון אַרײַנצוגיין מיט זיי אינווייניק, ער האָט זיך אָבער דערמאָנט אָן די מלבושים, וועלכע ער האָט געמוזט טראָגן, ווי אַ פּראָלעטאַרישער אַנטימיליטאַריסט און ער איז געבליבן שטיין. זײַן גאַנצע טרייסט איז געווען, וואָס נעל און איר באַגלייטער זענען געגאַנגען אָן היט און אָן מאַנטלען און ער האָט געהאָפֿט, אַז אַזוי ווערן זיי אויפֿן גאַס נישט אַרויסגיין. זיי זענען זיכער געבליבן ערגיץ דאָ אין האָטעל, האָט זיך פּעטער געטראַכט און ער האָט זיך אַוועקגעלאָזן זיי זוכן.

ער איז דורכגעגאַנגען דעם ערשטן גרויסן זאַל, דערנאָך דעם עס-צימער, ביז ער איז צוגעקומען צו נאָך אַ גרויסן זאַל. אַ טייל פֿון דעם דאָזיקן זאַל איז געווען צוגעגרייט צום טאַנצן און אויף דער קליינער עסטראַדע האָט געשפּילט אַן אָרקעסטער מוזיק.

פּעטער האָט זיך אָפּגעשטעלט הערן. פֿריער וואָלט דאָס אים אפֿשר גאָר אין קאָפּ נישט געלעגן, ער וואָלט אפֿשר גאָרנישט פֿאַרשטאַנען די אומבאַקאַנטע קלאַנגען; איצט אָבער, נאָכדעם ווי ער האָט געזען נעל'ן, האָבן די דאָזיקע קלאַנגען גערעדט צו זײַן נשמה און מאָדנע שיין געקלונגען אין זײַנע אויערן.

ער איז געשטאַנען, ווי אַ צוגעשמידטער צום אָרט. די מוזיק האָט געקרעכצט, געיאָמערט, געקוויטשעט, האָט אָנגעכאַפּט אַמאָל, ווי בשעת מען צורײַסט לײַוונט, האָט געשריען ווי אַ סירענע, האָט זיך געריסן אין הימל אַרײַן און האָט זיך נאָכדעם ווידער אַראָפּגעלאָזן טיף אין אָפּ-

גרונט. און בשעת מעשה האָט זיך געדוכט אַז עס דרייט זיך עפּעס, פּלאָנטערט זיך, גליטשט זיך און שפּרינגט, און דאָס וואָס עס האָבן געטון די געטער מיט די האַלב-נאַקעטע געטינס איז געווען אַזוי ווי אַ פּירוש צו דער דאָזיקער מוזיק.

זיי זענען געלאָפן איבערן גלאַטן פּאַרקעט, ווי איבער אַ גליטש, האָבן זיך געדרייט ווי שלאַנגען, געבלאָזן ווי אינדי-קעס, געשפּרונגען ווי קראָליקעס און גלייך נאָכדעם זיך אָנגעהויבן לאָזן, פּייערלעך שטייף, ווי זשיראַפן. און די גאַנצע צייט האָבן זיי זיך געהאַלטן שטייף אין די אָרעמס, ווי בערן, וואָס ווילן איינע די אַנדערע דערשטיקן אויף טויט און זייערע קערפּערס זענען געווען אײַנגעדרייט איינע אין די אַנדערע, ווי ריזיקע שלאַנגען, וואָס ווילן אויפפרעסן איינע די אַנדערע.

פּעטער האָט זיך צוגעקוקט צו זיי, האָט זיך צוגעהערט צו דער מוזיק און האָט פּלוצלינג, אינגאַנצן אומגעריכט פאַר זיך אַליין, געמאַכט אַ מאָדנע אַנטדע-קונג: אין פּעטערס נשמה זענען באַ-גראָבן געווען גייסטער פון אַן אַ שיעור חיות. פּעטער איז אַמאָל געווען אַ בער, אַ קראָליק, אַ זשוראַף, אַן אינדיק און אַ פוקס. און אונטער כּישוף פון דער דאָזיקער, נישט-הימלישער מוזיק, זענען די אַלע טויטע נפשות אויפגעשטאַנען צום לעבן. פּעטער, הייסט עס, האָט דערפילט אויף זיך די ווירקונג פונם „דזשאַז-טאַנץ אין אַלע זיינע אויסערגעווײנלעכע, משונהדיקע וואַריאַציעס.

דאָסגלייכן האָט ער זיך אויך אַרומ-געזען, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ ווילד-דער מענטש, וועלכער פלעגט יענעם, וואָס פלעגט וועלן צונעמען זיין מיידל, דער-לאַנגען מיט אַ שטיינערנער האַק אין קאָפּ און דאָס מיידל אַוועקשלעפּן פאַר די האָר צו זיך אין הייל אַריין. דאָס אַלץ איז פאַר אים קלאָר געוואָרן פאַר דער צייט, וואָס ער איז געשטאַנען אין טיר פון טאַנץ-זאַל און האָט געזען, ווי נעל ליגט אין די אָרעמס און טאַנצט מיטן יונגן-מאַן, וואָס האָט געהאַט אַ פּנים פון אַ בולדאָג.

אַ לענגערע צייט איז פּעטער גע-שטאַנען, ווי אַ צעדולטער. נעל מיטן יונגן-מאַן האָבן זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ קליינעם טישל און באַשטעלט אַן אָוונט-ברויט. פּעטער האָט זיך נישט געקאָנט קיין עצה געבן, וואָס זאָל ער טון. איין זאַך האָט ער בלויז געוווּסט אויף זיכער, אַז אין די בגדים, אַזוי ווי ער גייט איצט אָנגעטון, טאָר ער זיך פאַר נעל נישט באַווייזן. ווי אַזוי וועט ער איר חאָ קאָנען געבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס שפּילט ער בלויז אַ ראָלע פון אַן אָרימאַן, אַז אין דער אמתן איז ער גאָר אַ רייכער מענטש, אַ הונדערט-פּראָצענטיקער, כּשרער פּאַט-ריאָט איבערגעטון פאַר אַ פּראָלעטאַרישן פּאַציפיסט? ניין, ער מוז וואַרטן, ער מוז זיך אויספּוצן אין דאָס שענסטע און דאָס בעסטע, איידער ער גייט-צו ריידן צו איר. אָבער זי קאָן אונטער דער צייט אַוועקגיין און ווער ווייסט, צי וועט ער זי ווען נישט איז קאָנען געפינען אין דער גרויסער שטאָט.

אַ גאַנצע שעה האָט ער זיך געשלאָגן מיט דער דעה, ביז ער איז ענדלעך געקו-מען צום באַשלוס, אַז ער קאָן צו איר אָנשרייבן אַ בריוו. ער איז אַוועקגעלאָפן

אין שרייב־צימער און האָט אָנגעשריבן
אַזאַ מין פּאָר שורות:
„נעל, איך בין אייער אַלטער פֿריינט פּעטער הורדש. מיר איז גוט געגאַנגען און איך האָב אייך זייער וויכטיקע זאַכן צו דערציילן. שרייבט מיר איין וואָרט. פּעטער".
ער האָט נאָך צוגעגעבן זיין אַדרעס, האָט אַריינגעלייגט דעם בריוו אין אַ קאָנווערט, האָט אָנגעשריבן פֿון אויבן: „בריילן נעל דולין".
איצט איז ער אַוועקגעלאָפֿן אין זאַל, האָט אַרויפֿגעטון אַ יינגל מיט בליש־בשעדיקע קנעפּ, האָט אים אַריינגערוקט אין האַנט דאָס בריוול צוזאַמען מיט אַ דאָלאַר און האָט אים אַריינגעשושקעט אין אויער: „אין טאַנץ־זאַל געפֿינט זיך אַ יונגע דאַמע, זאָל ער איר תּיכּף איבער־געבן דעם בריוו, דער ענין איז זייער אַ וויכטיקער".
דער יינגל האָט זיך אַ ניי געטון, פּעטער האָט געזען, ווי ער איז אַריין אין טאַנץ־זאַל און האָט גענומען אויסרופֿן מיט אַ זינגעדיקן קול: „בריילן נעל דולין! נעל דולין!" ער איז געגאַנגען פֿאַרביי דעם טישל, וווּ נעל איז געזעסן, האָט איר אַריינגעשריען דעם נאָמען אין פּנים אַריין און זי איז געזעסן רויִק, ווי נישט איר מיינט מען דאָס.
פּעטער האָט נישט געוווּסט, וואָס דאָס קאָן זיין, אָבער וואָס דאָס זאָל נישט זיין, נעל מוז דעם בריוו באַקומען. ווען דער יינגל האָט זיך אומגעקערט, איז ער צוגעגאַנגען נעענטער און האָט אים געוויזן וועמען ער האָט איבערגעגעבן צו געבן דעם בריוו און ער האָט געזען מיט זיינע אויגן, ווי זי האָט אים באַקומען. נאָר אין דער רגע האָט ער זיך פּלוצלינג דערמאָנט, אַז ער האָט האָך דאָ עפּעס אַן אַרבעט דורכצו־פֿירן. ער איז אַוועקגעלאָפֿן צום שווייצער און האָט זיך געפֿרעגט אויף לייקמענען. ער האָט באַקומען אַ תּשובֿה, פֿון וועלכער עס איז אים זייער ביטער געוואָרן אויפֿן האַרצן. לייקמען איז שוין דאָ געווען, האָט באַצאָלט זיינע חשבונות און איז אַוועק־געפֿאָרן. קיינער ווייסט נישט וווּהין.

39.

פּעטער האָט אָפּגערעדט מיט גיוניען זיך טרעפֿן ביינאַכט. איצט האָט ער דאָס געדאַרפֿט גיין צו אים און מודה זיין זיך אין זיין מאוסן דורכפֿאַל. נאַטירלעך איז אים זייער נישט פֿריילעך געווען אויפֿן האַרצן. ער האָט אָבער קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט.
געקומען איז ער צו גיוניען זייער אַ צעטראָגענער, האָט גלייך אָנגעהויבן דער־פֿון, אַז ער, פֿון זיין זייט, האָט געטאָן אַלץ, וואָס ס'איז נאָר מעגלעך געווען. ער איז אַ סך מאָל געלאָפֿן צום שווייצער, האָט זיך נאָכגעפֿרעגט, האָט געוואַרט און ער איז נישט שולדיק, וואָס קיינער האָט אים נישט געגעבן צו וויסן, אַז לייקמען איז געקומען. גיוניי האָט נישט געהאַט קיין גרונט אים נישט צו גלייבן, אָבער דאָס איז געווען פֿאַר אים אַ גאַנץ קליינע טרייסט. ער איז געשטאַנען אַנטקעגן פּע־טערן אַ צעקאָכטער, ווי ער וואָלט אים וועלן צעריסן.
— טויזנטער דאָלער האָט איר אָן אים געקאָנט פֿאַרדינען! — האָט ער געשריען.
— דאָס איז דאָך געווען דער גרעסטער פֿיש, וועלכן אונזער וועדקע וואָלט זען

נישט איז געקאָנט פאַקן.

— און מער וועט ער שוין נישט קומען? — האָט פעטער געפרעגט אַ צוקלעמטער.

— ניין, — האָט דער צווייטער געענטפערט, — זיי וועלן אים שוין, מסתמא, ביי אים אין געבורט־שטאָט פאַקן.

— נו, ווײַבאַלד אַזוי איז דאָך שוין ווידער גוט, — האָט זיך פעטער נאָך דערפרייט.

— גייט, איר ווייסט נישט, וואָס איר פּלוידערט! דערפאַר האָבן מיר דאָך טאַקע אים דאָ געוואָלט נעמען, אַז מיר זאָלן דאָ עפּעס קאָנען האָבן דערפון. מיר דאַרפן צו דאַגהן דערפאַר, אַז זיי זאָלן האָרטן פאַרדינען?

דער מענטש מיטן פּנים פון אַ שטשור האָט אַזוי פיל זאָגן נישט געוואָלט. עס האָט זיך אים פון כּעס בלויז פון דער צונג אַראָפּגעריסן, ער און נאָך עטלעכע זיינע קאַמעראַדן האָבן זיך געקליבן אַריינזעצן דעם יונגען מיליאָנער, אָניאָגן אויף אים אַ ביסל אימה און דערנאָך לאָזן זיך באַצאָלן אַ שיין ביסל טויזנטער דאָלער פאַר זיין באַפרייונג. נאַטירלעך, וואָלט פעטער אויך באַקומען זיין טייל. נו, און איצט האָט ער אַליין אַרויסגעלאָזן דאָס פייגעלע פון שטייג!

פעטער האָט געזאָגט, אַז ער איז גרייט נאָכצופאָרן דעם יונגמאַן און זען ווי נישט איז פון האָסניי אַריינצונאַרן אים אַהער, אין גיונים שליטה. ווען גיזניי האָט זיך אויסגעשריען און זיין כּעס האָט זיך אַ ביסל איינגעשטילט, האָט ער מודה געווען, אַז דאָס וואָלט אפשר געווען אַ גאַנץ גלייכע זאַך. ער וועט זיך וועגן דעם מיישב זיין מיט די איבעריקע און וועט פעטערן געבן צו וויסן.

דערפון איז אָבער גאָרנישט געוואָרן. אויף מאָרגן האָט שוין פעטער איבערגעלייענט אין דער ביטאָגיקער צייטונג, אַז דער יונגער ליקמען איז גלייך ווי ער איז ביי זיך אין שטאָט אַרויס פון צוג אַרעסטירט געוואָרן. מען האָט אויך פאַרמאַכט זיין שול און אַ טייל פונם לעדערפערסאָנאַל אַריינגעזעצט אין טורמע. אַ דאַנק דעם זענען נאָך קאָנפיסקירט געוואָרן זייער אַ סך פלוגבלעטער און בכלל איז אַנטדעקט געוואָרן זייער אַ גרויסע מלוכה־פאַרשווערונג.

ווען פעטער האָט געלייענט די דאָזיקע ידיעה, האָט ער געוווסט, אַז אים שטייט פאַר אַן ערנסטער שמועס מיט זיין עלטסטן. איצט האָט דאָס אים אָבער קנאַפּ־וואָס געאַרט. מיט אַ פּאָר מינוט פריער איז געשען אַ סך אַ וויכטיקערע זאַך. אַ מענטש האָט אים געבראַכט אַ בריוו. מיט אַ האַרץ־קלאַפּן האָט פעטער געלייענט:

— גוט, וואַרט אויף מיר היינט צוויי אַ זייגער אין וואַרטע־צימער פון גוגענהיימערס האַנדלס־הויז. אָבער ווי גאָט איז אייך ליב, פאַרגעסט, אַז עס האָט ווען נישט איז געלעבט אויף דער וועלט אַ נעל דולין. אייער עדיט יוסטאס.

פעטער האָט זיך אויסגעפּוצט אין זיינע שענסטע בגדים, אין די זעלביקע, וואָס ער פּלעגט טראָגן פאַר די צייטן, ווען ער האָט געלעבט מיט דער שטרויענער אַלמנה. אויפן אָפּגערעדטן אָרט איז ער געווען מיט אַ גאַנצער שעה פריער. צו דער באַשטימטער צייט איז אויך אונטערגעקומען נעל; זי איז געווען אַזוי

שוין אָנגעטון, אַז ס'איז גענוג געווען איין קוק צו טאָן אויף איר, כּדי צו פֿאַרשטיין, אַז זי האָט אַ צוטריט צו דער בעסטער געזעלשאַפֿט און אַז קיין געלט קאַרגט זי נישט.

די גאַנצע צייט, וואָס זי איז געשטאַנען און גערעדט מיט פּעטערן, האָט זי זיך אַרומגעקוקט אויף אַלע זייטן, דאָס האָט זי מורא געהאַט, צי גייט דאָ ערגעץ נישט אַרום טעד גראַטער, דער יונגערמאַן מיטן פּנים פֿון אַ בולהאָג. ער איז אַ שרעקלעכער מענטש — האָט זי געזאָגט פּעטערן. — אַ גאַנצן טאָג האָט ער נישט וואָס צו טאָן און מען קאָן זיך פֿון אים אויף איין מינוט נישט באַהאַלטן.

ווען עס ווענדט זיך אָן פּעטערן, וואָלט ער אודאי אויסגעקליבן אַ בעסערן אָרט אויף אויסצוגיסן זיין האַרץ. דאָ האָט מען זיך אָבער נישט גערעכנט מיט זיין דעה און ער האָט זיך געמוזט אונטערגעבן. ער האָט געזאָגט נעלין, אַז ער האָט זי ליב, אַז קיינמאָל אין זיין לעבן וועט ער קיין אַנדער פֿרוי נישט קאָנען ליב האָבן, אַז ער האָט זייער אַ סך געלט פֿאַרדינט און אַז זיינע געשעפֿטן גייען אויך איצט גלענצנדיק. נעל האָט אים שוין איצט נישט אויסגעלאַכט, ווי אַמאָל אין טעמפּל פֿון דזשידזשאַמבאָ; פּעטער איז שוין נישט געווען דער אָרימער קינד־יינגל, נאָר אַ מענטש מיט אַ תּכלית און דערצו נאָך מיט אַ גאַנצן נעץ סודות אַרומגעוועבט.

נעל האָט זייער געוואָלט וויסן, מיט וואָס איינטלעך באַשעפֿטיקט ער זיך. ער האָט איר אָבער אויף דעם געענטפֿערט, אַז ער קאָן דאָס איר בשום אופֿן נישט זאָגן, אַז דאָס איז אַן אומגעהויער וויכטיקער סוד און אַז ער האָט געמוזט געבן אַ שבועה, אַז ער וועט דאָס קיינעם נישט אויסזאָגן.

דאָס איז געווען אין די צייטן פֿון דייטשע שפּיאָנעס און באָמבע־אַטענטאַטן, דאַמאָלסט ווען דער קייזער, דער צאַר און אַנדערע מלכים האָבן פֿאַרפּלייצט אַמעריקע מיט זייערע אוצרות. די צייטן פֿון געהיימע אָפּמאַכן און מלוכה־קאָנטראַקטן. ווען אין די עלעגאַנטע האָטעל־זאַלן פֿלעגן מענטשן יעדע שעה געווינען און פֿאַרלירן מוראדיקע פֿאַרמעגנס. דאַמאָלסט איז נישט שווער געווען צו גלייבן אין סודות און נעל האָט געגלייבט. און אַזוי ווי נעל איז געווען אַ פּתּי האָט זי זיך טאַקע באַלד געפּרוּווט דעם סוד צו דערגיין.

זי האָט אָבער נישט אויסגעפֿרעגט ביי פּעטערן, נישט געבעטן ער זאָל איר אויסזאָגן זיין סוד. זי האָט בלויז אויף אַ גאַנץ פֿאָרזיכטיקן, טאַקטישן אופֿן געזען צו פֿאַרקערעווען דעם שמועס אין אַ באַשטימטער ריכטונג. און עס האָט נאָר קנאַפּ געדויערט, ווען זי האָט שוין געוווּסט, אַז פּעטער שטייט אין די נאָענטסטע פֿאַרבינדונגען מיט די געפֿערלעכסטע רויטע, אַז ער ווייסט אַלע פּרטים פֿון הובער־פּראָצעס, אַז ער ווייסט אַפֿילו די נעמען פֿון די געשעפֿט־מענטשן, וואָס האָבן געגעבן דעם מיליאָן דאָלאַר אויף דעם דאָזיקן עסק. און נעל האָט קיין ספֿק נישט געדאַרפֿט האָבן. זי האָט אַ דריי־געטון מיטן קאָפּ אַהער און אַהין, האָט געמאַכט אַן אויספֿיר און האָט אים תּיכּף אָן קונצן אַרויסגעזאָגט פּעטערן. פּעטער איז אַזוי נשתּומם געוואָרן, אַז ער האָט

אַ וואָרט נישט געקאָנט אַרויסריידן. אַ פּאָר מינוט האָט ער אינגאַנצן געשוויגן. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן דערציילן. ער האָט דערציילט פֿון אַלע זיינע אַרבעטן, איבערלעבונגען און פּלענער, האָט איר וועגן אַלץ מודה געווען דעם גאַנצן אמת, באַהאַלטן פֿון איר האָט ער בלויז די צוויי עפּיזאָדן, מיט דער שטרויענער אַלמנה און מיט דזשענין.

ער האָט איר איבערגעגעבן וועגן אַלע געלט־סומען, וועלכע ער האָט פֿאַרדינט און וואָס ער האָט נאָך געדאַרפֿט צו פֿאַרדינען. האָט איר דערציילט די מעשה מיט לייקמענען און האָט איר געוויזן אין צייטונג זיין בילד און די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון זיין שול.

— אַ פֿיינער מענטש — האָט זיך אָפּגערופֿן נעלי. — עס איז באמת אַ בזיון.

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן? — האָט געפֿרעגט פּעטער אַ צעטומלטער: — קאָן דאָס מעגלעך זיין, אַז נעלי זאָל האָבן סימפּאַטיעס צו די רויטע?

— איך מיין צו זאָגן, — האָט זי געענטפֿערט, אַז אָן אים אַליין וואָלט איר געקאָנט פֿאַרדינען מער געלט, ווי פֿון אייערע אַלע איבעריקע געשעפֿטן צוזאַמען.

נעלי איז געווען אַ פֿרוי און האָט גלייך גענומען די זאַך פֿון איר פּראַקטישער זייט.

— הערט, פּעטער, — האָט זי זיך אָפּגערופֿן: — ביז איצט האָט איר זיך געלאָזן נאַרן פֿון די אַגענטן, זיי האָבן אייך דייער אויסגענוצט. זיי קריגן די גרויסע מטבע און אייך וואַרפֿן זיי צו גראָשנס. איר דאַרפֿט האָבן עמיצן, ווער עס זאָל זיך מיט אייך אינטערעסירן.

פּעטערס האַרץ האָט אָנגעקוואָלן פֿאַר שמחה.

— נו, ווילט איר זיך אפשר פֿאַראינטערעסירן מיט מיר?

— איך וועל אייך זאָגן, טעד לאָזט מיך נישט אָפּ. ער וואָלט אונז ביידן די העלדער איבערגעשניטן, ווען ער וויס, אַז איך געפֿין זיך דאָ. איך וועל אָבער זען. אפשר וועט מיר זיך איינגעבן צו באַפֿרייען, דאַמאָלסט וועל איך אַ טראַכט טון וועגן אייער ענין. איך זאָג אייך גאָרנישט נישט צו, אָבער ווי דאָס זאָל נישט זיין, וועל איך אייך פֿונדעסטוועגן זען צו העלפֿן, אַז געפּפּי מיט זיין חברה זאָלן אייך שוין נישט קאָנען אַזוי נאַרן ווי ביז איצט.

זי דאַרף האָבן אַ ביסל צייט אַ טראַכט צו טון, — האָט זי געזאָגט; אַחוץ דעם דאַרף זי זיך נאָך עפּעס דערוויסן וועגן עטלעכע אַגענטן. ווי ס׳ווייזט אויס, האָט זי אַפֿילו זיך געקענט מיט אַנדערע פֿון די. אויף מאָרגן האָט זי זיך געוואָלט טרעפֿן מיט פּעטערן אין שטאָטישן פּאַרק. פּעטער האָט איר, נאַטירלעך, צוגעזאָגט צו זיין צו דער צייט אויפֿן אָרט.

40.

נעלס רייד האָבן פּעטערן צוגעגעבן אַזוי פֿיל מוט, אַז ער האָט באַשלאָסן דעם טאָג אינגאַנצן נישט צו גיין צו גינייען. וואָס זאָל ער דאַרפֿן גיין צו אים? נאָכאַמאָל אויסהערן זיינע מוסר? האָט ער געמאַכט אַ פֿעלער מיט לייקמענען, נו, איז וואָס קאָן ער זיך העלפֿן. גיניים זידלערייען זענען אים שוין בכלל נמאס געוואָרן, אויב ער איז נישט צופֿרידן פֿון פּעטערן, זאָל ער אַליין פּרוּוון אויף אַ

געווייסער צייט ווערן אַ רויטער. זאָל ער אַליין פֿאַרזוכן דעם טעם, וועט ער זען, וואָס דאָס איז.

דעם גאַנצן טאָג ביז שפּעט אין דער־נאַכט האָט זיך פּעטער אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן. ער האָט געטראַכט וועגן נעל און האָט זיך שטילערהייט געפֿרייט מיטן האַלבן צוזאָג, וואָס זי האָט אים געגעבן.

אויף מאָרגן האָבן זיי זיך געטראָפֿן אין פּאַרק. אַרום איז קיינער נישט געווען עס איז געווען זייער שטיל. זיי האָבן זיך אויסגעזוכט אַ פֿאַרבאַהאַלטן ווינקעלע און האָבן זיך אַוועקגעזעצט. פּעטער האָט פּרובירט אַ קוש־טאָן נעל, זי האָט זיך געלאָזן. פּעטער האָט איר ווייטער געקושט און אונטער דער צייט האָט זי פֿאַנאַנדערגעוויקלט פֿאַר אים איר פּלאַן, וועלכער האָט געמאַכט אויף אים אַ מוראדיקן רושם.

פּעטער האָט ביז ערשט געטאָן אַ שווערע אַרבעט, האָט זיך געלאָזן אויסנוצן, מען האָט אים אָפּגעפּטרט מיט אַ נאַרישע פּאָר גראָשן. פֿון זיינע איינפּאָרמאַציעס זענען אַנדערע רייך געוואָרן. ס'איז גענוג זיך צו דערמאָנען, וואָס גיוני האָט געזאָגט בשעתן דורכפֿאַל מיט ליקמענען. ער האָט זיך דאָך דאַמאָלסט אַליין אַריינגעגעבן. פּעטער דאַרף אָנהייבן צו אַרבעטן אויף זיין אייגענע אחריות, דאַרף פֿאַרדינען אַ סך געלט, ווערן איינער פֿון די גדולים אין דער אַנטעוור. לויט זיין אַרבעט האָט ער דאָס כשר פֿאַרדינט. ער קען גוט די מענטשן, ווייס זייער אַ סך ידיעות. און קיין פּראַקטיק פֿעלט איבם אויך נישט. בשעתן הובער־פּראָצעס האָט ער האָר גאַנץ גוט געזען, ווי די זאַך,

ווערט געמאַכט. עס איז טאַקע זיין חוב צו באַפֿרייען דאָס לאַנד פֿון די רויטע, אָבער פֿאַרוואָס זאָל ער דערפֿאַר קיין געלט נישט באַקומען?

נעל האָט די גאַנצע נאַכט געטראַכט. זי האָט זיך געפּרוּווט געפֿינען די פּאַסיקע אַרבעט פֿאַר דער ערשטער התחלה. ענדלעך האָט זי נאָך לאַנגע מאַטערנישן געפֿונען. די פּערזאָן, אויף וועלכער זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, איז דער באַנקיר נעלס אַקערמאַן. אַקערמאַן איז שטיין־רייך, ער שמט פֿאַרן רייכסטן מענטשן, מען רופֿט אים דער פֿינאַנץ־קעניג פֿון אַמעריקען־סיטי. דערצו נאָך איז ער אַן אַלטער מאַן און אַ מוראדיקער פּחדן. ער איז נישט לאַנג אויפֿגעשטאַנען פֿון אַ קראַנק און אַ קראַנקער מענטש האָט נאָך מער מורא פֿאַר זיין לעבן, ווי אַ געזונטער. פּעטער דאַרף אַנטדעקן אַ באָמבען־אַטענטאַט אויף אַקערמאַנס לעבן. אָנהייבן דאַרף ער דערפֿון, וואָס ער וועט ביסלעכווייז פֿאַרשפּרייטן די אידייע צווישן די רויטע, דערוועקן זייער אינטערעס פֿאַר דעם האָזיקן ענין. און דערנאָך אַריינשמוגלען עטלעכע פֿאַלשע בריוו צו די רויטע אין די קעשענעס, אָדער אָנהייבן פֿון די בריוו און דערנאָך אונטערוואַרפֿן ביי זיי אויף די דירות דינאַמיט, אָנזאָגן ווו מען באַדאַרף און די זאַך איז פֿאַרטיק.

ווען אַזאַ מין זאַך וועט אַנטדעקט ווערן וועט דאָס אָנמאַכן אַ מוראדיקן טומל. דער פֿינאַנץ־קעניג וועט זיך זיכער דערוויסן דערפֿון און ער וועט פּעטערן נישט באַעוולהן. עס קאָן אַמאָל זיין, אַז ער זאָל אַפֿילו אינגאַנצן דינגען פּעטערן פֿאַר זיין געהיים־אַגענט, ער זאָל אים

די גאַנצע צייט היטן פון די רויטע. און דאַמאָלסט וועט פעטער פאַרדינען געלט, וועט עפּעס זיין, וואָס צו זען. לא־די וואָס ער וועט נישט דאַרפן זיין קיין מענטש ביי אַנדערע, וועט ער נאָך אַליין קאָנען אָפּקויפן גיווייען מיט געפּפּין צוזאַמען.

ווען פעטער וואָלט געווען אַליין, צי וואָלט ער זיך גאָר ווען־נישט־איז געקאָנט דערטראַכטן צו אַזאַ מין געפערלעכן חלום? צי וואָלט ער געוואַגט זיך אויף אַזעלכעס צו פאַרמעסטן? צי דען איז ער נישט געווען אַ שוואַך מענטשעלע, אַ קרבן פון זיין אייגענער פחדנות און פוסטער גאווה? אָבער ער איז נישט געווען אַליין, ער האָט געהאַט נעלן. און פנים־אל־פנים מיט איר האָט ער נישט געטאָרט זיין קיין פחדן. ער האָט געמוזט שפּילן די ראָל פון אַ העלד, פון אַ מענטשן, וואָס האָט פאַר קיין זאַך נישט מורא.

עס איז געווען ווי דאַמאָלסט אין די אַלטע צייטן אין טעמפּל, ווען פעטער האָט געדאַרפט האָבן זייער ראַסך געלט, כדי ער זאָל קאָנען צונעמען נעל פון אַן אַנדער מאַן. און דערפאַר איז ער איינגעגאַנגען אויף איר פּלאַן און האָט זיך גלייך צוזאַמען מיט איר גענומען אים אַרומצוריידן.

פאַסיקער פאַר אַלעמען וועט זיין קאַרמיק. זיין ערנסטער אומצופרידענער פנים, זיין פאַרשלאָסנקייט אין זיך, זיין קאָנספּיראַטיווע האַלטונג, דאָס אַלץ צוזאַמען האָט לויט פעטערס מיינונג זייער געפּאַסט פאַר אַ באָמבעס־וואַרפער. און אַחוץ אַלץ איז ער געווען פעטערס פערזענלעכער שונא; ער האָט זיך אָקאָרשט אומגעקערט פון זיין פּאַרטיי־נסיעה און ער האָט שוין באַוויזן עטלעכע מאָל גאַנץ שאַרף אָנצוגרייפן פעטערן. יאָ, ער איז אָן שום ספק איינער פון די געפערלעכסטע רויטע און געהערט זיכער צו די באָמבעס־וואַרפער!

דער צווייטער, וואָס וואָלט זייער גוט געטויגט צו דעם האָזיקן ענין איז געווען דזשוי ענגעל. מיט אים האָט זיך פעטער באַקאַנט אויף אַ פאַרזאַמלונג פון דער „ליגע קעגן דינסט־פליכט". איבער דעם האָזיקן יונגנמאַן פלעגט זיך דער עולם אָפטמאָל וויצלען; ער האָט אויסגעזען, ווי אַן אמתער מלאך. ער האָט געהאַט העלע הימל־בלויע אויגן, העל־בלאָנדע האָר און סמנים פון גריבעלעך אין די באַקן. ווען ער פלעגט אָבער עפענען זיין מויל און אָנהויבן ריידן, איז דאַמאָלסט פאַר אַלעמען קלאָר געווען, אַז ער געהערט צו די מלאכים פון אַ נידעריקער מדרגה.

ענגעל איז געווען חוצפהדיקער און דרייסטער פון אַלע רויטע, מיט וועלכע פעטערן איז זיך ביז איצט אויסגעקומען צו באַגעגענען. ער פלעגט חוזק מאַכן פון אָראַ רוט מיט איר סענטימענטאַליטעט. איצט, פלעגט ער טענהן, איז נישט קיין צייט אויף צו שרייבן לידער, אָדער אָנצונעמען רעזאָלוציעס. איצט דאַרף מען אויך נישט האָבן קיין מענטשן, וואָס האָבן ספּיקות צי זיי מעגן אָנטאָן אַ מונדיר. פאַרקערט, זאָלן די מענער נעמען דאָס געווער, זאָלן זיי זיך לערנען דערמיט באַגיין, דערפאַר ווען די צייט וועט קומען, וועלן זיי עס קאָנען אָנווענדן אַזוי ווי זיי וועלן פאַרשטיין. אַגיטירן און אָרגאַניזירן זעניען אפשר זאַכן גאַנץ נויטיקע, אָבער

דאמאלסט ווען ס'איז דערויף די צייט. נישט איצט, ווען די רעגירונג האט געהאט די העזה אזוי חוצפהדיק ארויסצופאדערן דעם פראלעטאריאט, שיקן אים אין דער ארמיי. אין אזעלכע צייטן דארף די סאציאליסטישע באוועגונג האבן מענטשן פון מעשים.

עגעל איז אין זיין לעבן שוין אסך ארומגעפארן. איז געווען אין די וועלדער, האט געוווסט די שטימונג פון דער מאסע דאלין-העקער און וואגאבונדעס. די דאזיקע מענטשן זענען רעדעס שוין דערעסן געווארן. זיי האבן געבילדעט געהיימע קאמיטעטן און ווי נאר די קאפיטאליסטן מיט זייער רעגירונג וועלן אפגערוימט ווערן פון וועג, וועלן זיי אלין איבערנעמען אין זייערע הענט. און טאמער וועט ווער נישט איז פון די באאמטע האבן א צו-גרויסע העזה, וועט ער „אפגערוימט" ווערן. „אפ-רוימען", דאס איז געווען דער באליבסטער אויסדרוק ביי דעם מלאך מיט די בלויע אויגן, און יעדער מינוט פלעגט ער אים איבער'חזרן פאר זיינע רויטע.

.41

פעטער און נעל האבן ווייטער באארבעט זייער פלאן. פעטער דארף אויף אן אלגעמיינער פארזאמלונג ריידן וועגן באמבעס און פאליטישע מארדן. די, וועלכע וועלן ארויסווייזן אן אינטערעס צו די דאזיקע פראגן, דארף ער שטילערהייט ארייננרוקן אין קעשענע א צעטעלע, דאס וועט זיין אן איינלאדונג אויף א געהיימער פארזאמלונג. די צעטלען וועט נעל אנשרייבן, אזוי אז אויף פעטערן וועט נישט קאנען פאלן קיין שום חשד. זי האט ארויסגענומען פון ביטל א בלאק מיט א בלייפעדער און אנגעשריבן א צעטל מיט

אזא מין נוסח: „אויב איר ווילט באמת הערן א הריסטן אקט דערנענטערן די ממשלה פון פראלעטאריאט, ווארט אויף מיר... זי האט זיך אפגעשטעלט און געפרעגט: ווו?

— אין די אטעליען, — האט זיך פעטער אפגערופן און נעל האט צוגעשריבן „אין די אטעליען".

— דאס קלעקט? — האט זי געפרעגט.

— צימער 17, — האט פעטער צוגעגעבן — ער האט געוווסט, אז אין דעם צימער האט געוווינט א רוסישער מאלער ניקיטין, וועלכער האט זיך געהאלטן פאר אן אנארכיסט. נעל האט נאך צוגעשריבן: צימער 17, מארגן אכט א זייגער. עס טארן נישט דערמאנט ווערן קיין שום נעמען. די זאך מוז זיין פולשטענדיק קאנספיראטיוו. טאטו!

פעטער האט אנגעגעבן די דאזיקע שעה, ווייל ער האט געוווסט, אז היינט אוונט דארף אין דער הויפט-קווארטיר פון פאריין פון די י.וו.וו.ס.*) פארקומען א פארזאמלונג. די פארזאמלונג איז צוזאמענגערופן געווארן צוליב פראקטישע פראגן. פעטער האט אבער געוווסט, אז פריער אדער שפעטער וועט מען פארט ארויפקומען אויף דער פראגע פון דער „טאקטיק". צווישן די מיטגלידער פון י.וו.וו.ס. איז געווען א שטארקע גרופע, וועלכע איז נישט צופרידן געווען מיט דער צוריקגעהאלטנקייט פון פאריין און האט תמיד געפאדערט מען זאל איבערגיין צו מעשים. פעטער איז געווען זיכער, אז אים וועט זיך איינגעבן צו דערוועקן אן

*) פאריין פון די אינדוסטרי=ארבעטער פון דער גאנצער וועלט,

אינטערעס פֿאַר אַ באָמבע-אַטענטאַט.

אויסגעלאָזן האָט זיך זייער גוט. פּעטער האָט כמעט אײַנגאַנצן פֿאַרשפּאָרט עפּעס צו טון. דער מלאך מיט די בלויע אויגן האָט זיך דער ערשטער אַ שטעל געטון און אָנגעהויבן צו שטורמען. וואָס וועט זײַן, מען וועט טרײַבן די אַרבעטער ווי שאָף צום שלאַכט-באַנק און דער פֿאַרײַן וועט זיך נישט רירן פֿון אָרט? ווו איז דאָס געהערט געוואָרן, פֿאַרוואָס זאָל אַמעריקען-סיטי נישט אָנהייבן די ערשטע? ער ווייסט, אַז די מאַסע איז גרייט צו אַן אַקציע, זי וואַרט בלויז אויף אַ רוף און אויף אַן אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל איבערנעמען די אָנפֿירונג.

נאָך אים האָט גערעדט הענדערסאָן, דער היציקער האָלץ-העקער. דאָס איז דאָך דאָס גאַנצע אומגליק, וואָס מען קאָן ספּעציעל צוליב אַזאַ ציל קיין אָרגאַניזאַציע נישט גרינדן. די מאַכט-אָרגאַנען האָבן אומעטום זייערע שפּיאָנען. זיי ווייסן אַלץ, וואָס בײַ אונדז איז. און ווי מיר ווילן עפּעס טון, מישן זיי זיך אַרײַן און שטערן, פֿאַריאָגן אונדז אונטער דער ערד.

— נו, איז וואָס, — האָט זיך אָפּגערופֿן ענגעל, — לאָמיר מאַקע אַרבעטן אונטער דער ערד!

— יאָ, אָבער וואָס וועט דאָס דאַן זײַן פֿאַר אַן אָרגאַניזאַציע? מען געטרויט נישט איינער דעם אַנדערן. מען האַלט איינע די אַנדערע פֿאַר שפּיאָנען.

— צו אַלדע שוואַרצן יאָר! — האָט אַ געשריי געטון ענגעל. — איך בין צוליב דער באַוועגונג אין טורמע געזעסן, ווער קאָן מיך האַלטן פֿאַר אַ שפּיאָן? איך קאָן נישט זיצן מיט צוזאַמענגעלייגטע הענט און צוקוקן זיך רויִק, ווי דער פּראָלעטאַריאַט ווערט געטריבן אין גיהנום אַרײַן, בלויז דערפֿאַר, ווײַל איך האָב מורא פֿאַר מײַן אָרגאַניזאַציע.

אַזוי ווי מען האָט אים געמאַכט עטלעכע צווישן-רופֿן איז ענגעל נאָך היציקער געוואָרן. איז, וואָס איז, אַז ס'וועט זײַן אַ מאַסן-אויפֿשטאַנד, אַז מען וועט הרגענען, שלאָגן? זאָלן די עקספּלואַטאַטאָרן, לכל הפּחות, באַקומען אַ שטיקל לעקציע, זאָלן זיי אויך האָבן אַ ביסל צרות אין זייער לעבן.

פּעטער האָט געהאַלטן, אַז גראָד איצט לוינט אים בעסער צו שפּילן אַ ראָל פֿון אַ צוריקגעהאַלטענעם.

— מיינט איר טאַקע באמת, אַז די קאַפּיטאַליסטן וועלן זיך דערשרעקן און נאָכגעבן? — האָט ער געפֿרעגט.

— זיכער. איר קאָנט זיך וועטן אויף דעם... — האָט זיך אָפּגערופֿן גאָד דער שוועדישער מאַטראָס. איך קאָן אײַך אָנרופֿן עטלעכע געלט-מאַגנאַטן, וואָס ווען זיי זאָלן וויסן, אַז אויב מען וועט נישט שליסן קיין שלום וועלן זיי דערהרגעט ווערן, האָבן מיר תיכף אַ שלום.

איצט האָט פּעטער דערגרייכט זײַן ציל. ער האָט געהאַט די חבֿרה בײַ זיך אין האַנט.

— ווער זײַנען דאָס די דאָזיקע מענטשן? — האָט ער געפֿרעגט בתמימות.

מען האָט אָנגעהויבן אָנצורופֿן נעמען, נאַטירלעך, האָט מען אויך דערמאָנט נעלס אַקערמאַן, אים האָבן די רויטע באַזונדערש פֿײַנט געהאַט, ווײַל בײַם הובער-פּראָצעס האָט ער געגעבן גאַנצע הונדערטער-טויזנט דאָלער. פּעטער האָט זיך געמאַכט, ווי ער

וואָלט אײַנגעזען נישט געוווּסט, ווער דער אַקערמאַן איז, און אײנער אַ לאַנדאַרבעטער, דזשערי ראַדר, וואָס איז נאָך געווען קראַנק פון אַ קלאַפּ, וואָס ער האָט געקראָגן בײַם לעצטן שטרײַק, האָט צוגעגעבן, ווען מען וואָלט אַזעלכע חברה, ווי די אַקערמאַנס געשיקט אין די גראָבנס, וואָלט אין אַמעריקע גאָר גיך געוואָרן אַ סך פּאַציפיסטן.

און עס איז אױסגעקומען, ווי ענגעל וואָלט ספּעציעל באַשטימט געווען באַהילפיק צו זײַן פּעטערן אין זײַנע כּוונות.— מיר דאַרפן האָבן מענטשן, האָט ער געזאָגט, וואָס זאָלן וועלן פּונקט אַזױ שווער קעמפן פאַר זיך, ווי זײ קעמפן פאַר די קאַפּיטאַליסטן.

— יאָ, — האָט הענדערסאָן געזאָגט מיט פאַרדרוס: — מיר זענען אַלע גרױסע העלדן. מיר וואַרטן ביז אונדזערע באַלעבאַטים ערלױבן אונדז דערהרגעט צו ווערן.

דערמיט האָט זיך פאַרענדיקט. פּעטער איז געווען צופרידן. ער האָט אָפּגעהיט דעם גינסטיקן מאָמענט, האָט זיך שטילערהײט אונטערגערוקט צו דזשוי ענגעל, דזשערי ראַד, הענדערסאָן און גאָד, און האָט זײ אײנעם נאָכן אַנדערן אַרײַנגעשפּאַרט אין די קעשענעס זײַנע צעטלען. נאָכדעם איז ער אַ צוטומלטער פון אײַפרעגונג אַוועקגעגאַנגען פון לאָקאַל. דער גרױסער באָמבע-אַטענטאַט איז אױף אַ וועג. מען מוז פּטור ווערן פון די האַזיקע מענטשן! — האָט ער געמורמלט צו זיך אַלײן. מען מוז זיך פון זײ אומבאַדינגט באַפרײַען. דאָס ערפיל איך בלױז מײַן חוב.

42.

פּעטער האָט אָפּגערעדט מיט נעל, צו באַגעגענען זיך עלף אַ זײגער בײַנאַכט אױף אַ ראָג פון אַ גאַס. ווען זי איז צוגעגאַנגען האָט פּעטער באַמערקט, אַז זי טראָגט אין האַנט אַ רײזע-זעקל.

— נו, וואָס הערט זיך, ווי איז דאָס אַראָפּגעגאַנגען, גוט? — און ווען ער האָט איר געענטפערט מיט אַ יאָ, האָט זי אַזױ ווי פאַרענדיקט:

— אָט איז דײַן באָמבע.

פּעטער האָט אַוש דעם מױל אױפגעעפנט. ער איז געווען אַזױ צעשראָקן, אַז זי האָט אים אױף גיך אָנגעהױבן צו באַרויִקן. ער האָט זיך נישט וואָס צו שרעקן, עס וועט נישט אױפרײַסן. אין זעקל געפינען זיך בלױז די נױטיקע מאַטעריאַלן פון דער באָמבע: דינאַמיט, עטלעכע צינדער און די באַשטאַנדטײלן פון אַ זײגער. דער דינאַמיט איז זײער גוט פאַרפּאַקט, און ווען ער זאָל נאָר נישט אַראָפּוואַרפן דעם זעקל, קאָן זיך דאָס קײנמאָל נישט עפענען. דאָס האָט אָבער פּעטערן קױם באַרויִקט. ער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט, אַז נעל וועט גײן אַזױ ווײַט, אַז ס'וועט אים אױסקומען צו האָבן צו טון מיט דינאַמיט. ווו האָט זי דאָס געקאָנט נעמען דינאַמיט? — האָט ער זיך געטראַכט און עס האָט אים שױן שטאַרק פאַרדראָסן אױפן גאַנצן עסק.

עס איז שױן אָבער געווען צו שפּעט. נעל האָט געזאָגט:

— דו מוזט תּיכּף נעמען דעם רײזע-זעקל און אַוועקשטעלן אין הױפּט-קוואַרטיר און מאַך דאָס אַזױ, אַז קײנער זאָל עס נישט באַמערקן. מען וועט מסתּמא באַלד פאַרשליסן דעם זאַל.

— מיר האָבן פאַרשלאָסן די טיר דאַ-

מאָלסט, ווען מיר זענען אַלע אַוועקגעגאַנגען.

— ווער האָט דעם שליסל?

— גרעדי, דער סעקרעטאַר.

— נו, און אַזוי וואָלסטו נישט געקאָנט צוקומען אַהין?

— פֿונדעסטוועגן וואָלט איך געקאָנט — האָט געענטפֿערט פּעטער: — ס'איז דאָ אַ פֿענסטער, וועלכער פֿאַרמאַכט זיך נישט גוט. מיר זענען שוין אַ פּאָר מאָל דורך אים אַריינגעקראָכן בשעת די טיר איז געווען פֿאַרשלאָסן.

— גוט, — האָט זיך אָפּגערופֿן נעל: — אָבער מיר וועלן נאָך אַ ביסל וואַרטן, מיר טאָרן נישט ריזיקירן. אפֿשר וועט נאָך עמיצער קומען אַהין.

זיי זענען געגאַנגען איבערן גאַס. דעם רייזע־זעקל האָט געטראָגן נעל, זי האָט נישט געטרויט פּעטערס נערוון.

— אַהינצו מוזן נאָך אויך אַריינגעשמוגלט ווערן צוויי בויגן פּאַפּיר. — האָט זי געזאָגט. — איינעם וועט מען דאַרפֿן צורייסן און אַריינוואַרפֿן אין פּאַפּיר־קאָרב. דאָס וועט זיין אַזאַ מין בריוו, אין וועלכן עס וועט אַרומגערעדט ווערן דער אַטענטאַט. דער בריוו וועט זיין אונטערגעשריבן מיט קאַרמיקס נאָמען. נאָר אַזוי ווי איך קען נישט זיין דאַנטשריפֿט, האָב איך אים געמוזט שרייבן אויף אַ מאַשין. אויפֿן צווייטן בויגן וועט זיין אַ צייכענונג. די פּאָליציי וועט זיך שוין דערנאָך כאַפּן, וואָס דאָס באַדייט. דאָס איז אַ פּלאַן פֿון אַקערמאַנס הויז. און דאָ ווו עס געפֿינט זיך זיין שלאָף־צימער וועט זיין אונטערגעצייכנט אַ צלם. נאָר מיר מוזן געפֿינען אַ מיטל אַזוי אַוועקצולייגן דעם פּלאַן, אַז ס'זאָל מעגלעך זיין אויסצוטייטשן, אַז ער געהערט צו קאַרמיקן. אין דער הויפּט־קוואַרטיר איז דאָ עפּעס, וואָס ס'געהערט צו אים?

פּעטער האָט אַ ביסל געקלערט ביז ער האָט זיך דערמאָנט, אַז אין ביכער־שאַפֿ ליגן עטלעכע ביכער, וועלכע קאַרמיק האָט געשאָנקען און דאָרטן איז דאָ זיינע אַן אונטערשריפֿט.

— דאָס איז גרויסאַרטיק! — האָט נעל אַ געשריי געטאָן.

— מיר וועלן באַהאַלטן דעם פּלאַן אין איינעם פֿון די הויזיקע ביכער. און בשעת די פּאָליציי וועט מאַכן די רעוויזיע וועט זי אים זיכער געפֿינען.

נעל האָט געפֿרעגט, וואָס דאָס זענען פֿאַר אַ ביכער. פּעטער האָט זיך נאָר געקאָנט דערמאָנען, אַז איין בוך איז וועגן דער פּראַגע פֿון סאַבאָטאַזש.

— פּאַק טאַקע אַריין דעם בויגן פּאַפּיר אין דעם בוך, — האָט נעל געזאָגט — און דערנאָך, אַז די פּאָליציי וועט געפֿינען דעם פּלאַן, וועלן די צייטונגען איבערדרוקן דעם גאַנצן בוך און אָנדערציילן כ'ווייס וואָס פֿאַר אַ מעשיות.

ס'איז געוואָרן געגוג שפּעט און זיי האָבן גענומען גיין אין דער ריכטונג צו דער הויפּט־קוואַרטיר. פּעטערס קני האָבן אַזוי געציטערט, אַז קוים וואָס ער איז געגאַנגען. אין די געדאַנקען האָט ער זיך אָבער די גאַנצע צייט אונטערגעמונטערט. ער איז דאָך עפּעס נישט אַבי־ווער, ער איז דאָך אַ שטאַרקער מענטש, אַ הונדערט־פּראָצענטיקער אַמעריקאַנער און אין מלחמה־צייטן מוז יעדער פּאַטריאָט דערפֿילן זיין חוב. אויף אים איז אַרויסגעלייגט

געוואָרן דער חובֿ צו באַפֿרייען דאָס לאַנד פֿון די רויטע. און ער האָט קיין רעכט נישט זיך דערפֿון אַרויסצודרייען.

ווי זענען צוגעגאַנגען צום אַלטן ה״ז, וווּ עס האָט זיך געפֿונען די הויפּט־קוואַרטיר פֿון דער י.וו.וו. פּעטער איז אַריבערגעקראָכן דעם פּאַרקאַן, נעל האָט אים פֿאָרזיכטיק דערלאַנגט דעם רייזע־זעקל. פּעטער איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטער, האָט אים אַ ריס־געטון און ער איז אַרײַן אינווייניק.

דעם רייזע־זעקל האָט ער אַרײַנגערוקט אין אַ ווינקל פֿון גרויסן שאַף, האָט עס צוגעדעקט מיט שמאַטעס און מיט אַ גרויסע שטיק ברעזענט, וואָס איז דאָרטן געלעגן. דערנאָך האָט ער אויף גיך צעריסן דעם אָנגעשריבענעם בריוו און אַרײַנגעוואָרפֿן אין פּאַפּיר־קאָרב. פֿון דער לינקער קעשענע האָט ער אַרויסגענומען דעם פּלאַן פֿון אַקערמאַנס הויז, האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, אויסגעזוכט דעם ביכל מיטן רויטן אײַנבאַנד וועגן סאַבאָטאַזש, אַרײַנגעלייגט אַהין דעם פּלאַן און אַוועקגעשטעלט דאָס ביכל אויפֿן זעלבן אָרט, וווּ עס איז פֿריִער געשטאַנען. דערנאָך איז ער צוריק אַרויס דורכן פֿענסטער, איז אַריבערגעקראָכן דעם פּאַרקאַן און איז אַוועק דורך דער אַלייע. דאָרטן האָט אויף אים געוואַרט נעל.

— אַלץ פֿאַר מײַן לאַנד, — האָט פּעטער צו זיך אַליין געמורמלט.

.43

איצט איז נאָך געבליבן איין אַרבעט:
וען, אַז קאָרמיק זאָל מאָרגן פֿרי קומען אויפֿן טרעף־פּונקט. נעל האָט אויף אַ שרייבמאַשין אָנגעשריבן אַזאַ מין צעטל:

„מעק! קום אַכט אַזייגער אין דער פֿרי אין צימער 17 אין די אַטעליען. זייער וויכטיק. אונזער פּלאַן איז פֿאַרטיק. מײַן אַרבעט איז אָפּגעטון. דזשוי".

קאָרמיק וועט דאָס האַלטן פֿאַר ענגעלס אַ צעטל. ער וועט נישט וויסן וועגן וואָס דאָ גייט, אָבער גראָדע דאָס וועט אים צווינגען צו קומען. און איצט בלײַבט נאָך איין זאַך דורכצופֿירן: אַכטונג צו געבן, אַז די אַגענטן זאָלן קומען פּונקט צו דער צײַט, ווען די חבֿרה וועט זיך צוזאַמענקומען. אויב נישט, קאָן זיך נאָך בײַ זיי דערוועקן אַ חשד און זיי וועלן נאָך באַוויזן צו אַנטלויפֿן. גיונים מענטשן מוזן שטיין צוגעגרייט און וואַרטן. ער אַליין מוז זיך באַצײַטנס אַלץ דערוויסן, עס זאָל נישט אַרויסקומען קיין שום פֿאַרדרייעניש.

די זאַך האָט אָבער געהאַט אירע שאָטן־זײַטן. וועט מען נור געבן גיונייען אַ ביסל צײַט, וועט ער זיך זיכער וועלן דורכרעדן מיט פּעטערן. נעל איז אָבער געווען איבערצייגט, אַז דאָס טויג נישט, אַז פּעטער איז נישט צוגעגרייט צו אַזאַ שמועס אויג אויף אויג מיט גיונייען. פּעטער אַליין האָט מיט איר מסכּים געווען. זײַן האַרץ האָט אים גענומען קלאַפּן בלויז פֿון געדאַנק אַליין, אַז עס קאָן אים אויסקומען צו האָבן אַזאַ מין שמועס.

בעסער פֿון אַלץ וואָלט פֿאַר אים געווען, ווען ער קאָן זיך איצט בכלל אַרויסציִען פֿון גאַנצן עסק. ווי מאַכט מען דאָס אָבער? ער האָט זיך געשעמט פֿאַר זײַנע שותּפֿים. ער האָט צונויפֿגעדריקט די פֿויסטן, פֿאַרביסן די ציין, און ווען זיי זענען פֿאַרבײַגעגאַנגען נעבן אַ לאַמטערנע, האָט ער אָפּגעקערט דעם פּנים, אַז

אימה, וואָס האָט פֿון אים אַרויסגעקוקט.
נעל זאָל נישט באַמערקן די שרעקלעכע

נעל האָט דאָס אָבער גאַנץ גוט געוווּסט, זײַן באַהאַלטן זיך איז געווען אינגאַנצן איבעריק. נעל האָט געוווּסט, אַז זי האָט צו טאָן מיט אַ בלאַסן ציטערדיקן פּחדן און האָט זיך דערצו צוגעפּאַסט. זי האָט אַליין אויסגעאַרבעט אַלע פּלענער, געמאַכט די נויטיקע אָנווײַזונגען, און איז נישט אָפּגעטראָטן פֿון אים, ביז וואַנען זי האָט נישט געוווּסט אויף זיכער, אַז ער האָט דאָס אויסגעפֿירט.

פֿעטער האָט געוווּסט דעם נומער פֿון גיוניס פּריוואַטן טעלעפֿאָן, ער האט זיך אָבער געקאָנט באַנוצן מיט אים בלויז אין אויסנאַם־פֿאַל. נעל האָט געהאַלטן, אַז איצט איז די פּאַסיקע צײַט און זי האָט געהייסן תּיכּף אָנקלינגען גיונייען אין מעלדן אים, אַז אַקאָרשט ערשט האָט זיך אים אײַנגעגעבן צו דערוויסן וועגן אַ פֿאַרשווערונג פֿון דער י. וו. וו. דער אָנפֿירער איז קאַרמיק, זיי האָבן בדעה אויפֿצורײַסן מיט דינאַמיט עטלעכע מענטשן. פֿעטער מוז זיי נאָכגיין, ער טאָר זיי נישט אַרויסלאָזן פֿון אויג, ווײַל ווען ער זאָל פֿאַרלירן זייער שפּור, קאָנען זיי נאָך עפּעס אָפּטאָן, איידער מען וועט באַוויזן זיך אַרײַנצומישן. איצט האַלט ער זיי אין היטן און בײַ דער ערשטער פּאַסיקער געלעגנהייט, וועט ער ווײַטער טעלעפֿאָנירן.

אָבער איידער פֿעטער איז אַוועקגעגאַנגען טעלעפֿאָנירן האט אים נעל געגעבן גאַנץ גענויע אָנווײַזונגען, ווי אַזוי ער האָט זיך צו האַלטן בײַם טעלעפֿאָן.

קודם־כּל איז איר זייער געגאַנגען אום דעם, אַז ער זאָל זיך לאַנג נישט פֿאַרהאַלטן; ער זאָל זאָגן, אַז ער האָט בלויז איין מינוט צײַט. דערנאָך זאָל ער זיך למען־השם נישט לאָזן אויספֿרעגן און נישט געבן קיין שום תּשובֿות. אַחוץ דעם מוז ער פֿון דער ערשטער רגע אָן מאַכן אַן אָנשטעל, ווי ער וואָלט ציטערן פֿון אויפֿרעגונג; דאָס לעצטע איז פֿאַר פֿעטערן געווען גרינגער ווי אַלץ אויסצופֿירן. נאָר נאָך דעם אַלעם האָט אים נעל פֿונדעסטוועגן נאָך אַלץ נישט געלאָזן אַוועקגיין. ער האט געמוזט פֿאַר איר אָפּשפּילן די גאַנצע סצענע, ווי אַזוי ער וועט האַנדלען פֿון אָנהייב ביז סוף: ווי אַזוי ער וועט אָנהייבן רעדן, וואָס ער וועט זאָגן, ווי ער וועט איבערהאַקן דעם שמועס אין אַמיטן ווי אַזוי ער וועט אַוועקלייגן דעם טרײַבל. ערשט איצט איז ער אַוועקגעגאַנגען אין אַן אַפּטייק און אַרויסגערופֿן גיונייען צום טעלעפֿאָן.

נאָך עטלעכע מינוט קלינגען איז צו זײַן אויער דערגאַנגען די פֿאַרשלאָפֿענע שטים פֿון זײַן עלטסטן. מיט זײַנע ערשטע פּאָר ווערטער האט פֿעטער שוין פֿאַריאָגט גיוניס שלעפֿעריקייט.

— העי גיוני, אַ באָמבע־פֿאַרשווערונג!

— וואָס?

— אין דער י. וו. וו. אַ רייזע־זעקל מיט באָמבעס! היינט בײַנאַכט דאַרף עמיצער אויפֿגעריסן ווערן!

— גאָט מײַנער! וואָס רעדט איר דאָרטן? ווער?

— דאָס ווייס איך נאָך נישט, איך האָב זיך אַליין אַקאָרשט ערשט דער-

וויסט און נאָך נישט אײַנגעזען. די מענטשן זענען נאָר וואָס אַרויסגעגאַנגען, איך מוז זיי נאָכגיין. ווען נישט וועל איך פֿאַרלירן זייער שפּור און וועל קומען צו שפּעט. איר פֿאַרשטייט? איך מוז זיי נאָכגיין.

— איך הער, וואָס זאָל איך טון?

— איך וועל צו אײַך בײַ דער ערשטער געלעגנהייט טעלעפֿאָנירן. זאָלן אײַערע מענטשן זײַן גרייט. לכל הפּחות אַ מענטשן צוועלף און אויטאָמאָבילן. מען זאָל דאָס קאָנען מאַכן אויף גיך. איר פֿאַרשטייט?

— יאָ, אָבער וואַרט אַ מינוט, מענטש אײַנער, מען קאָן דאָך נישט אַזוי גיך. אפֿשר איז דאָס גאָר אַ טעות.

— ניין, ניין, איך ווייס דאָס אויף געוויס, האָט פּעטער מיט אַן אויפֿגערעגטן קול אַרײַנגעשריען אין טעלעפֿאָן: זיי האָבן דינאַמיט, זיי האָבן אַלץ, דאָ גייט וועגן אײנעם אַ געוויסן נעלס.

— נעלס? אין די פֿאַמיליע זײַנע?

— יאָ, דעם ווילן זיי דאָס דערהרגענען האָט זיך פּעטער, לויט די באַקומענע אינסטרוקציעס, אַרויסגעדרייט פֿון דער פֿראַגע. איך מוז שוין גיין, מאַכט אַלע הכנות.

פּעטער האָט אויפֿגעהאַנגען דעם טרייבעל. ער איז געווען אַזוי צעטומלט פֿון דער ראָלע, וואָס ס׳איז אים אויסגעקומען צו שפּילן, אַז ער האָט ממש נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים. פֿון אַפּטייק איז ער נישט אַרויסגעגאַנגען, נאָר אַרויסגעלאָפֿן מיט אַ משוגענעם אימפּעט, ווי ער וואָלט זיך אין דער אמתן געיאָגט נאָך פֿאַרשווערער, וואָס זענען ערגעץ געגאַנגען מיט באָמבעס אין די הענט.

אויפֿן גאַס האָט אויף אים געוואַרט נעלי. זיי זענען אַוועק בײדע צוזאַמען. אין אַ קלײנעם פּאַרק האָבן זיי זיך אַוועקגעזעצט, ווײַל פּעטערס פֿיס האָבן אים שוין מער נישט געוואָלט טראָגן. נעלי האָט געלאָזן פּעטערן זיצן אויפֿן באַנק און אַליין איז זי אַוועקגעגאַנגען זען, צי קײנער דרייט זיך נישט אַרום. נאָכדעם ווי זי איז אַרומגעגאַנגען אַרום און אַרום און האָט געזען, אַז קײנער איז נישטאָ, האָט זי זיך אומגעקערט צו פּעטערן און האָט זיך גענומען צוגרייטן אים צו דער ווײַטערדיקער אַרבעט. די איצטיקע לעקציע האָט שוין געמוזט זײַן זייער אַן ערנסטע, ווײַל דאָ איז מען שוין צוגעקומען צו דעם טייל פֿון דער אַרבעט, ווי נעלי האָט נישט געקאָנט זײַן דערבײַ, און פּעטער האָט זיך געמוזט שטעלן אויף זײַנע אייגענע פֿיס.

פּעטער האָט דאָס געוווּסט און עס האָבן זיך אים גענומען בייגן די קני. ער האָט געוואָלט זאָגן, אַז ער קאָן שוין מער נישט, ס׳איז נישט פֿאַר זײַנע כּוחות. ער איז געווען גרייט צו לויפֿן צו גזנייען און זיך אין אַלץ מודה זײַן.

נעלי האָט געפֿילט, וואָס ס׳קומט־פֿאָר אין זײַן נשמה און זי האָט אים געוואָלט פֿאַרשפּאָרן די חרפּה דאָס אַרויסצוזאָגן. זי האָט זיך נאָענט צוגעטוליעט צו אים, און שטיל געגלעט זײַן האַנט. אַ ליבע וואַרעמקייט האָט זיך פֿאַנאַנדערגעגאָסן איבער פּעטערס קערפּער, אים האָט זיך געוואָלט פֿאַרשטאַרקן דעם דאָזיקן זעלטענעם געפֿיל און זײַן האַנט האָט אַרומ־

גענומען נעגלס טאַליע. און נעגל האָט זיך נישט נאָר געלאָזן אַרומנעמען, נאָר זי האָט אים נאָך צוגעגעבן מוט, פּעטער איז דאָך אַן אמתער העלד, עפּעס אַ קלייניקייט איז דאָס אונטערצונעמען אַזאַ מין שווערע געפערלעכע זאַך, און ער וועט נישט בלייבן הינטערשטעליק, מוטיק וועט ער דאָס דערפירן ביזן סוף און דאַמאָלסט וועט ער ערשט באמת ווערט זיין, אַז נעגל זאָל אים באַוווּנדערן.

— דאָס פאַטערלאַנד פירט מלחמה, האָט זי אויסגעשריען, און די אויסוואָרפן וואַרפן קלעצער צווישן די רעדער!

ביסלעכווייז האָט זיך פּעטערן אָנגעהויבן דוכטן, אַז ער קאָן זיך שטעלן אַנטקעגן דער גאַנצער וועלט. עס איז ביי אים רעכט געווען מיט די אייגענע הענט צו וואַרפן די באָמבע אין קעניג פון אַמעריקען-סיטי. אין דער דאָזיקער שטימונג איז ער געווען די גאַנצע צייט, וואָס ס'איז אים אויסגעקומען צו האַלטן דאָס מיידל אין זיינע אָרעמס. ער האָט בלויז געוואָלט, אַז זי זאָל אָפּגעבן מער צייט צוצוהערן זיך צו זיינע ליבעס-ערקלערונגען און ווייניקער זיך פאַרנעמען מיטן איבערהערן איר לעקציע, ווי אַזוי ער דאַרף זיך האַלטן.

דער טאָג איז געקומען, די פויגעלעך האָבן אָנגעהויבן זינגען, די זון איז אויפגעגאַנגען און אירע שטראַלן זענען געפאַלן אויף פּעטערס גרוי, אויסגעמאַטערט פּנים און אויף נעגלס אויסגעבלייכטע באַקן. עס איז געקומען די צייט פון אַרבעט. פּעטער איז אַוועקגעגאַנגען נאָכקוקן קאַרמיקס דירה; זיבן אַזייגער אין דער פרי האָט ער באַדאַרפט באַקומען

דעם בריוו.

ער האָט אים באַקומען. פּעטער האָט געזען ווי קאַרמיק איז אַרויס פון שטוב און האָט זיך געלאָזן גיין צו די אַטעליען. עס איז נאָך אָבער געווען צו פרי און פּעטער האָט זיך געקלערט, אַז ער וועט נאָך מסתמא אַריינגיין ערגעץ עסן. אַזוי איז דאָס טאַקע געווען, קאַרמיק איז אַריינגעגאַנגען אין אַ קליינער פירמע. פּעטער איז אַריינגעלאָפן אין דער נאָענטסטער טעלעפאָן-ביידל און האָט אַרויסגערופן זיין עלטסטן.

— גיוני? האָט ער געפרעגט און האָט גלייך האַסטיק אָנגעהויבן צו רעדן ווייטער: ביי נאַכט האָב איך די מענטשן פאַרלאָרן, איצט האָב איך זיי ווידער געפונען. באַלד קומט פאָר אַ פאַרזאַמלונג און מיר האָבן אַ געלעגנהייט זיי אַלעמען צו פאַקן.

— וווּ? האָט גיוני געפרעגט.

— צימער 17 אין די אַטעליען. שיקט אָבער אַהין נישט אייערע מענטשן, ביז וואַנען איך וועל אייך נישט געבן אַ צייכן, אַז איך ווייס שוין אויף זיכער, אַז די ריכטיקע חברה-לייט זענען אויפן אָרט.

— הערט נאָר, פּעטער, האָט זיך גיוני אָנגערופן, איר נאַרט מיך נישט אָפּ?

— גאָט מיינער! פאַר וועמען האַלט איר מיך? איך זאָג דאָך אייך, אַז די מענטשן האָבן אַ גאַנצן פּאַק דינאַמיט.

— וווּ האָבן זיי דאָס אַהינגעטאָן?

— אַ טייל דערפון געפינט זיך אין הויפּט-קוואַרטיר, וווּ די איבעריקע איז ווייס איך נישט. זיי האָבן אים געשלעפּט מיט זיך, נאָר ביינאַכט האָב איך זיי פאַרלאָרן און כ'האָב נישט געזען, ווי זיי

זענען אַרײַנגעגאַנגען. כ'האָב אָבער געפֿונען בײַ זיך אין קעשענע אַ צעטל. מען פֿאָדערט מיך אויף, אַז איך זאָל אויך מיטאַרבעטן.

— גרויסער גאָט! — האָט אַ געשריי געטאָן דער מענטש מיטן פּנים פֿון אַ שטשור.

— מיר וועלן פֿאַנגען די גאַנצע באַנדע. איר האָט אָנגערירט די מענטשן?

— יאָ.

— גוט, זאָלן זיי צוגיין צום ראָג זיבעטער און וואַשינגטאָנער גאַס. איר אַליין גייט צו צום ראָג אַכטער און וואַשינגטאָנער גאַס, דאָרטן וועל איך אויף אײַך וואַרטן. אָבער קומט שוין! די מינוט. איר האָט געהערט?

— יאָ, איז געווען די תּשובֿה.

פּעטער האָט אויפֿגעהאַנגען דאָס טרייבער און איז געלאָפֿן צום אָפּגערעדטן אָרט. ער איז אָבער געווען אַזוי דערנערווירט, אַז ער האָט נישט געקאָנט גיין, ער האָט זיך געמוזט אויף אַ פּאָר מינוט זעצן אויף די טרעפּ. ווען ער איז צוגעלאָפֿן צום אָרט איז נאָך גיוני נישט געווען. פּעטער איז געשטאַנען אַ צעמישטער, ער האָט נישט געוווּסט, וואָס איבערצוקלערן. אפֿשר האָט אים גיוני שלעכט פֿאַרשטאַנען, אָדער ס'איז עפּעס געשען מיטן אויטאָמאָביל. אָדער אפֿשר איז גאָר דער טעלעפֿאָן געווען איבערגעפֿירט. גיוני מיט זײַנע מענטשן וועלן קומען צו שפּעט! אין דערווײַלשטייט די שטיג אָפֿן און די חבֿרה קאָן זיך פֿאַנאַנדערלויפֿן!

עס גייען אַוועק צען, פֿופֿצן, צוואַנציק מינוט. ענדלעך באַווײַזט זיך אין גאַס אַן אויטאָמאָביל, גיוני שפּרינגט אַרויס און דער אויטאָמאָביל לויפֿט ווײַטער. פּעטער האָט געגעבן אַ ווינק צו גיונייען און זיי זענען ביידע אַרײַן אין אַן אָפֿענע טיר. גיוני האָט גלײַך אַ פֿרעג געטאָן:

— נו, איר האָט זיי?

— איך ווייס נישט, האָט פּעטער אַרויסגעשטאַמלט און עס האָט אים בשעת מעשה געדאַכט אַ צאָן אין אַ צאָן. זיי האָבן געזאָגט, אַז פּונקט אַכט וועלן זיי דאָ זײַן.

— ווײַזט מיר דעם צעטל, האָט גיוני באַפֿוילן. פּעטער האָט אַרויסגעשלעפּט פֿון קעשענע נעבן צעטל. „אויב איר ווילט באמת העלפֿן אַ דרייסטן אַקט דערנענטערן די ממשלה פֿון פּראָלעטאַריאַט וואַרט אויף מיר אין די אַטעליען אין צימער 17 מאָרגן אַכט אַוונט. עס טאָרן נישט דערמאָנט ווערן קיין שום נעמען. די זאַך מוז זײַן פֿולשטענדיק קאָנספּיראַטיוו. טאַט!"

— איר האָט דאָס געפֿונען בײַ זיך אין קעשענע?

— יאָ — א, העט גיוני.

— און איר ווייסט גאָרנישט ווער דאָס האָט אײַך געקאָנט אונטערריקן?

— ניין, אָבער איך רעכן, אַז דזשאָ ענגעל...

גיוני האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער:

— מיר האָבן נאָך צוואַנציק מינוט צײַט.

— די אַגענטן זענען שוין דאָ? האָט פּעטער געפֿרעגט.

— אַ צוועלף שטיקלעך זענען אויפֿן אָרט. וואָס קלייבט איר זיך איצט צו טאָן?

פּעטער האָט געמאַכט זײַנע פֿאַרשלאַ־

גען: אַנטקעגן די אַטעליעען איז דאָ אַ קאָלאָניאַל־געשעפט. פּעטער וועט אַהין אַריינגיין וועט כלומרשט עפּעס קויפן און גלייכצייטיק וועט ער דורכן פענסטער היטן די גאַס. ווען די חברה וועט אַנטקומען וועט ער גיזניין געבן אַ צייכן. גיזניי דאַרף זיצן אויפן נאָענטסטן ראָג אין אַפּטייק און וואַרטן. אָבער גיזניי דאַרף זיך האַלטן זייער פאָרזיכטיק, די רויטע זאָלן אים נישט דערזען, ווייל זיי ווייסן, אַז ער איז איינער פון געפּפּים אַגענטן.

פּעטער האָט פאַרשפּאַרט צוויי מאָל איבערצוחזרן; גיזניי האָט אַזעלכע זאַכן פאַרשטאַנען מיטן קוק און ער איז גלייך אַוועק אויפן נויטיקן אָרט. נאָך אים איז אַוועק פּעטער; ער איז האַסטיק אַריבערגעלאָפן די גאַס און האָט זיך אַריינגעכאַפּט אין קאָלאָניאַל־געשעפט, נאָך איידער ווער נישט איז וואָלט זיך באַוויזן אַרומצוקוקן. ער האָט זיך געקויפט קעקס מיט אַ שטיקל קעז, האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קאַסטן לעבן פענסטער און האָט זיך געמאַכט ווי ער וואָלט עסן. די הענט האָבן אים אָבער אַזוי געציטערט, אַז ס'איז אים שווער געווען צו טרעפן צום מויל. פון דעם עסנוואַרג איז כמעט גאָרנישט געמינערט געוואָרן, נאָר דאָס איז איצט גראָד גוט געווען, ווייל ס'איז אים אַזוי טרוקן געווען אין מויל, אַז קעקס מיט קעז איז נישט געווען פאַר אים קיין פּאַסיקע אכילה.

זיין מויל האָט געקייט און זיינע אויגן האָבן זיך אויף איין מינוט נישט אָפּגעריסן פון דער אַנטקעגנדיקער געביידע. אין אַ קורצער צייט אַרום — גאָט צו דאַנקען! ער האָט דערזען ווי קאַרמיק גייט אַריבער די גאַס. דער אירלענדער איז אַריין אינעווייניק און אין אַ פּאָר מינוט אַרום זענען אינטערגעקומען, גאָד, דזשאָו ענגעל און הענדערסאָן. די לעצטע זענען געגאַנגען פאַרטיפט אין אַ שמועס. פּעטער האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס רעדן זיי וועגן די געהיימנישפולע צעטלען און פרעגן איינע ביי די אַנדערע ווער דאָס האָט געקאָנט שרייבן און וואָס די גאַנצע מעשה באַטייט.

פּעטער איז געווען מוראדיק דענערווירט. ער האָט נישט געוווּסט, וואָס זאָל ער טון, צי זאָל ער נאָך וואַרטן אויף דזשערי, ראָד, אָדער באַגנוגענען זיך מיט די, וואָס זענען שוין דאָ? ער האָט זיך אויפגעהויבן און גענומען גיין צום טיר. אין דער זעלבער רגע האָט ער דערזען ווי זיין לעצטער קרבן גייט אַריבער די גאַס. איצט האָט שוין פּעטערן קיין שום זאַך נישט אָפּגעהאַלטן. ער איז אַרויס אויף גיך, האָט זיך דורכגעדרייט דורך אַן אויטאָמאָביל, וואָס איז פאַרבייגעפאָרן און איז געלאָפן צום אַפּטייק. ער האָט נאָך אָבער נישט באַוויזן צוצוגיין, איז גיזניי אַרויסגעשפרונגען און זיך אַלאָז געטון צום צווייטן ראָג גאַס.

פּעטער האָט נאָך איבערגעוואַרט ביז וואַנען עס זענען דורכגעפאָרן צוויי אויטאָמאָבילן אָנגעפּאַקט מיט גראָבע, אויסגעפּאַשעטע אַגענטן און דאַמאָלסט איז ער אַריינגעלאָפן אין דער דערבייאיקער גאַס. ער איז אַזוי אַריבערגעלאָפן עטלעכע הייזער, ביז וואַנען ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שטיין און אָנגעהויבן צו וויינען. געוויינט האָט ער פּונקט ווי

די קליינע דזשעני, ווען ער האָט איר געזאָגט, אַז ער וויל מיט איר נישט החתונה האָבן. מענטשן האָבן זיך אַרום אים אַרומגעשטעלט און געקוקט אויף אים, איינער אַן עלטערער מענטש איז צוגעגאַנגען צו אים, האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן איבערן פּלייצע און געפרעגט, וואָס איז מיט אים. פּעטער האָט אַרויסגעכליפּעט:

— מיין מוטער איז געשטאָרבן. די מענטשן זענען זיך ביסלעכווייז פאַנאַנדערגעגאַנגען. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך פּעטער אויך אויפגעהויבן און איז געלאָפן ווייטער.

## 45

פּעטער איז שיעור נישט געשטאָרבן פון אימה. ער האָט געוווּסט, אַז איצט שטייט אים פאָר אַ באַגעגעניש מיט גיזעלע און ער האָט זיך בשום אופן נישט געקאָנט פאָרשטעלן ווי דאָס וועט זיין. דער איינציקער באַגער זיינער איז איצט געווען נעל, ווי דערלעבט מען איר שוין צו זען!

נעל האָט קענטיק פאַרשטאַנען, אַז ער וועט איר דאַרפן האָבן און זי האָט דאָס אים צוגעזאָגט האַלב ניין אַ זייגער צו זיין אין פּאַרק. און זי האָט איר וואָרט געהאַלטן. פון דער צייט אָן, וואָס זי איז זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען מיט פּעטערן, האָט זי שוין באַוויזן צו זיין ביי זיך אין שטוב, אָפּפרישן אירע בעקלעך מיט פראַנצויזישע שמינקע, שטאַרקן זיך אַ ביסל מיט קאַווע און פּאַפּיראָסן און ווען ער איז געקומען אויפן אָרט איז זי שוין געשטאַנען אַ רויִקע, אַ שמייכלדיקע און אַ פרישע ווי די בלומען און פייגלען אין פּאַרק. זי האָט אים רויִק פאַנאַנדערגעפרעגט ווי אַלץ איז צוגעגאַנגען און ווען פּעטער האָט זיך איר אַ פאַרשעמטער מודה געווען, אַז ער איז נישט בכּוח צו באַגעגענען זיך מיט גיזעלען, האָט זי ווייטער אָנגעהויבן צו וועקן זיין מוט, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ס'איז געווען אין מיטן העלן טאָג, האָט זי זיך געלאָזן אַרומנעמען און האָט אים שטילינקערהייט איינגערוימט אין אויער, אַז ער דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז מען דאַרף ווערט זיין איר האַרץ.

וואָס האָט ער וואָס מורא צו האָבן?

מ'ווערט אים קיינמאָל נישט קאָנען כאַ-

מען עווט אים קיינמאָל נישט קאָנען כאַפּן. זיינע הענט זענען ריין. ער דאַרף זיך בלויז תמיד האַלטן ביי דאָס זעלביקע. נישט לאָזן זיך צוטומלען, נישט אָפּווייכן אַ האָר פון דער מעשׂה, וואָס זיי האָבן ביידע באַקלערט. ער האָט געמוזט איבערחזרן פאַר איר די גאַנצע מעשׂה פון אָנהויב אָן. ווי אַזוי עס איז פאָרגעקומען די פאַרזאַמלונג אין י. וו. וו., ווי מען האָט גערעדט וועגן דעם, אַז מען דאַרף דערהרגענען נעלז אַקערמאַן, כדי אַ סוף צו מאַכן צו דער מלחמה. דערנאָך ווי ער האָט אינטערגעהערט דזשאָו ענגעל, האָט אַריינגעשושקעט דזשערי ראָד, אַז ער האָט אַלץ, וואָס מען דאַרף צו אַ באָמבע, אַז אין שאַפּ האָט ער באַהאַלטן אַ פּילן זעקל דינאַמיט. און דערנאָך ווי ענגעל מיט קאָרמיק האָבן אָפּגערעדט זיך ביינאַכט צו באַגעגענען. פּעטער האָט געוואַרט אויף זיי אויפן גאַס, ער האָט געזען, ווי ענגעל, הענדערסאָן און גאָר זענען אַריינגעגאַנגען. ענגעלס קעשענעס זענען געווען פול אָנגעשטאָפּט. פּע-

מער האָט גערעכנט, אַז זיי וועלן גלייך אויספירן דעם אַטענטאַט, האָט ער טעלעפאָנירט צו גזלנייען. אין דער צייט, וואָס ער איז געלאָפן טעלעפאָנירן האָט ער די מענטשן פאַרלאָרן, האָט ניט געוווּסט, וווּ זיי זענען אַהינגעקומען. ער האָט אָבער מורא געהאַט דאָס איבערצוגעבן גזלנייען, האָט ער זיך אַ גאַנצע נאַכט געוואַלגערט אין פּאַרק, אפשר וועט ער זיי ווידער דערזען. אין דער פרי האָט ער צופעליק געפונען בײַ זיך אין קעשענע דעם צעטל און האָט דערזען, אַז די חבֿרה פאָדערט אים אויף מיטצוהעלפן. דאָס איז אַלץ, וואָס פּעטער ווייס.

נעל האָט אים בלויז געהייסן נאָך אַ מאָל איבערהערן די פּאָר ווערטער, וואָס דזשאָו ענגעל האָט געזאָגט צו דזשעדי ראַד און האָט אים עטלעכע מאָל אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל זיך, למען השם, ניט דערמאָנען ניט איין וואָרט מער און אויך ניט זאָגן איין וואָרט ווייניקער.

ענדלעך איז פּעטער געווען גענוג צוגעגרייט און ער איז אַוועקגעגאַנגען אין „אַמעריקען-הויז" נומער 427 און האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט, ער איז געווען אויף אַזוי ווייט אויסגעשעפּט, אַז ער איז אַנטשלאָפן געוואָרן. נאָר אַפילו אין שלאָף האָבן אים געמאַטערט פאַרשיידענע פראַגן, וועלכע גזלניי וואָלט אים געקאָנט שטעלן. דורכן שלאָף האָט ער געהערט ווי עמיצער עפנט די טיר, ער האָט זיך אַ הויב געטאָן, און צימער איז אַריין איינער פון די דעטעקטיוון, איינער אַ העמעט.

— האַללאָ, הודזש! רירט זיך, האָט ער זיך אָפּגערופן. דער עלטסטער וויל אייך אַרעסטירן.

— אַרעסטירן! האָט אַ געשריי געטאָן פּעטער, און פאַר זיינע אויגן איז אים שוין געשטאַנען זיין קאַמער, וווּ ער זיצט פאַרשפּאַרט צוזאַמען מיט די רויטע און מוז הערן אַלע זייערע שרעקלעכע מעשׂיות.

— יאָ, האָט העמעט געזאָגט, מיר אַרעסטירן אַלע רויטע, וועט דאָך ווערן פאַרדעכטיק, ווען איר איינער וועט בלייבן פריי. גייט גלייך אין גאַס און לאָזט זיך נעמען.

פּעטער האָט אַליין פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז אַזוי זיין. ער האָט מער ניט געקלערט ווי אַזוי דאָס דורכצופירן. נאָך אַ פּאָר מינוט טראַכטן איז ביי אים פאַרטיק געוואָרן אַ פּלאַן. ער וויל, אַז מען זאָל אים אַרעסטירן ביי מרים יאַנקאָוויטש אויף דער דירה. מרים איז אַ פאַרברענטע רויטע און אים קאָן זי ניט ליידן. ווען ער וועט ביי איר אַרעסטירט ווערן וועט זי דאָך מוזן ענדערן צו אים איר באַציִונג. אַחוץ דעם וועט דאָס בכלל פאַרפעסטיקן זיין לאַגע ביי די לינקע. ער האָט געגעבן העמעטן דעם אַדרעס און געזאָגט:

— קומט אָקאַרשט תּיכף, ווייל עס קאָן גריילעך זיין, אַז זי זאָל מיך גאָר אַרויסוואַרפן.

— גוט, האָט זיך דער צווייטער פאַנאַנדערגעלאַכט: זאָגט איר, אַז די פּאָליציי יאָגט זיך נאָך אייך און איר זייט אַריינגעלאָפן זיך באַהאַלטן.

פּעטער איז האַסטיק געלאָפן צו דער יידישער געגנט צו. ער איז צוגעלאָפן צו

אַזאַ הויז מיט אַן אויסזעען פֿון אַ קאַ-
זאַרמע און איז אַרויף אויפֿן אויבערשטן
שטאָק. דאָרטן האָט ער זיך אַוועקגע-
שטעלט ביי אַ טיר און האָט אָנגעקלאַפּט.
אַ דיקע פֿרוי מיט פֿאַרקאַשערטע אַרבל,
מיט הענט פֿול אין שוים פֿון זייף האָט
אים אויפֿגעעפֿנט די טיר. דאָס איז געווען
מרים'ס מוטער. יאָ, מרים איז אין דער
היים, האָט געענטפֿערט פֿרוי יאַנקעוויטש
אויף פּעטער'ס פֿראַגע. זי האָט גראָד איצט
קיין אַרבעט נישט, צוליב אירע סאָציאַ-
ליסטישע אידעען האָט מען זי אָפּגעזאָגט
פֿון דער שטעלע, נאָר דאָ איז מרים
אַריין אין צימער. זי האָט באַטראַכט
פּעטערן מיט אַ שטייפֿן, קאַלטן בליק,
וועלכער האָט דייטלעכער ווי ווערטער
געזאָגט: „דזשעני! טאַד!"

עס האָט זיך אָבער תּיכּף אַלץ גע-
ענדערט, ווי נאָר פּעטער האָט איר אָנ-
געהויבן צו דערציילן, אַז ער איז געווען
אין הויפּט-קוואַרטיר פֿון י. וו. וו. און
אַז ער האָט דאָרטן געפֿונען פּאָליציי. ווי
עס ווייזט אויס איז דאָרטן געווען אַ רעווי-
זיע און מען האָט עפּעס געפֿונען. אים
האָט זיך ווי נישט איז איינגעגעבן צו
אַנטלויפֿן. מרים האָט אים אַריינגעפֿירט
אין אַ הינטערשטן צימער און האָט אים
אָנגעהויבן ממש פֿאַרשיטן מיט פֿראַגן.
פּעטער האָט איר אָבער נישט געקאָנט
געבן קיין שום תּשובֿה. ער ווייסט גאָרנישט.
נעכטן אין אָוונט איז ער דאָרטן גע-
וועזן אויף אַ פֿאַרזאַמלונג. און היינט איז
ער זיך רויִק געגאַנגען נעמען דאָרטן
אַ בוך, מיטאַמאָל זעט ער ווי עס שטייען
אַרום אַזוי פֿיל מענטשן און פּאָליציי,
איז ער אַנטלאָפֿן געוואָרן.

ס'איז נישט אַוועק קיין האַלבע שעה
ווי זיי זענען אַזוי געזעסן און גערעדט,
האָט מען אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן
אין טיר. פּעטער האָט זיך האַסטיק אַ
הויב געטאָן און איז אַרונטערגעקראָכן
אונטערן בעט. די טיר איז אויפֿגעריסן
געוואָרן, עס האָבן זיך דערהערט רויִע,
בייזע שטימען פֿון אומבאַקאַנטע און אויפֿ-
געבראַכטע קולות פֿון מרים'ן מיט איר מאַ-
מען. לויט דעם טומל, וואָס האָט זיך
געהערט אין שטוב האָט מען זיך געקאָנט
אָנשטויסן, אַז די פֿרעמדע שליידערן פֿאַ-
נאַנדער די מעבל. פּלוצלינג האָט זיך אונ-
טערן בעט באַוויזן אַ האַנט, האָט אַ כאַפּ
געטאָן פּעטערן פֿאַרן קנעכל און האָט אים
אַרויסגעשלעפּט. ער איז געשטאַנען אַנט-
קעגן פֿיר פּאָליציאַנטן.

עס איז געווען זייער נישט קיין אָנ-
גענעמע לאַגע. ווי עס ווייזט אויס, האָט
מען די פּאָליציאַנטן נישט געזאָגט, אַז
פּעטער איז אַ שפּיאָן און זיי האָבן גע-
מיינט, אַז זיי האָבן געכאַפּט אַן אמתן
פֿאַרברעכער. איינער האָט צוגעהאַלטן פּע-
טערן, אַ צווייטער איז געשטאַנען מיט
אַן אויסגעשטעלטן רעוואָלווער אַנטקעגן
מרים'ען און אַ דריטער האָט געזוכט ביי
פּעטערן אין די קעשענעס באָמבעס. נאָר
אַזוי ווי קיין באָמבעס זענען ביי פּעטערן
נישט געווען, האָט דאָס די פּאָליציאַנטן
קענטיק זייער פֿאַרדראָסן, זיי זענען געוואָ-
רען שטאַרק אין כּעס, זיי האָבן גענומען
פּעטערן שליידערן אויף אַלע זייטן און
שלאָגן.

עס איז קענטיק געווען, אַז זיי זוכן
מער נישט זיך צו וואָס עס איז צוצוטשע-
פּען, כּדי זיי זאָלן אים קאָנען שפּאַלטן

דעם קאָפּ. פּעטער האָט זיך מיט אַלע קרעפֿטן באַמיט זיי אַן אַ געלעגנהייט ניט צו געבן. ער איז געווען שטיל, נאָכגיביק און האָט אַלץ געטענהט, אַז ער ווייס נישט פֿון וואָס צו זאָגן.

— דאָס וועלן מיר שוין זען, יונגערמאַן, האָט געזאָגט איינער פֿון די פּאָליציאַנטן אין דער צייט ווען די קייטן אויף פּעטערס הענט האָבן אַ קלינג געטאָן.

נאָכדעם איז איינער פֿון די פּאָליציאַנטן געבליבן שטיין מיט אַן אויפֿגעהויבענעם רעוואָלווער אין האַנט און די איבעריקע האָבן באַזוכט דעם צימער, געריסן שופֿלאָדן, אַרויסגעוואָרפֿן אַלץ, וואָס זיי האָבן דאָרטן געפֿונען און יעדע שטיקל געשריבענע פּאַפּיר גערוקט צו זיך אין אַ רייזע-זאַק. זיי האָבן געפֿונען ביכער אין רויטע איינבינדן מיט געפֿערלעכע נעמען, אָבער קיין באָמבעס זענען נישט געווען. פֿון דייער גאַנצע זוכעניש געווער, האָבן זיי קיין געפֿערלעכע זאַך ווי אַ קיך-מעסער נישט געקאָנט געפֿינען.

אַ סך ערגער איז געווען מרים'ס צונג. זי איז געשטאַנען אַ צעקאָכטע מיט בלישטשענדיקע שוואַרצע אויגן און געדאַקט די פּאָליציאַנטן דעם אמת אין פּנים אַרײַן. זי ווייסט נישט, וואָס עס איז געווען אין הויפּט-קוואַרטיר, אָבער זי איז זיכער, אַז דאָס איז אַן אונטערגעשטעלטע געשיכטע. און זאָל איר די פּאָליציי אַרעסטירן, זי האָט קיין מורא נישט.

עס האָט קיין סך נישט געפֿעלט, אַז די פּאָליציאַנטן זאָלן דאָס טאָן, נאָר דאָס מאָל האָבן זיי עס נישט געטאָן. זיי האָבן זיך באַגנוגנט דערמיט, וואָס זיי האָבן פֿון כעס אַ שטויס געטאָן די באַליע מיט די וועש אין אַרויס פֿון צימער, און וועלכן די פֿרוי יאַנקאָוויטש איז געבליבן שטיין אין אַ גאַנצן טייך זייף און געשריען.

מען האָט פּעטערן דורכגעשלעפּט דורך אַ ווילדן, צעקאָכטן המון, אַרײַנגעשפּאַרט אין אַן אויטאָמאָביל און מיט אַ משוגענער שנעלקייט געבראַכט צופֿירן אין אַ פּאָליציי-צירקל. דאָ האָט מען אים גלייך אַרײַנגעפֿירט אין אַ קאַמער און געלאָזן זיצן. פּעטער האָט זיך שלעכט געפֿילט, אים איז געווען זייער אומעטיק אויפֿן האַרצן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז ער האָט זיך אינגאַנצן נישט פֿאַרשטענדיקט מיט העמעטן, ווי לאַנג עס זאָל דויערן זײַן אַרעסט. אָבער עס איז אַוועק נישט מער ווי איין שעה צייט און אין טיר האָט זיך באַוויזן דער וועכטער און ער האָט אַרײַנגעפֿירט פּעטערן אין אַ ווייטערדיקן חדר. דאָרטן זענען געווען עטלעכע מענטשן: העמעט, גיזניי, אַ פּאָליציי-קאָמיסאַר, אַ פּראָקוראָר און געפּעפּו. דאָס ערשטע וואָרט האָט גענומען דער עלטסטער דעטעקטיוו פֿון אייזנבאַן-טרעסט.

— נו, הודוש, האָט ער זיך אָפּגערופֿן, וואָס האָט איר אונדז דאָ אָנגעפּאָנטערט פֿאַר אַ מעשׂה?

פּעטער האָט געהאַט דעם געפֿיל, ווי עמיצער וואָלט אים אַראָפּגעלאָזן אַ פּאַטש. עס איז אים איינגעפֿאַלן דאָס האַרץ. ער האָט פֿאַנאַנדערגעעפֿנט דאָס מויל, אויסגעגלאָצט די אויגן און געבליבן אַזוי שטיין ווי אַן אידיאָט. נאָר

פּליצלינג האָבן אים אַ קלינג געטאָן אין די אויערן נעלס לעצטע ווערטער: „נאָר נישט פֿאַרלירן זיך, פּעטער, נישט פֿאַרלירן זיך!" און זיין צונג האָט זיך גלייך אָנגעהויבן צו באַוועגן:

— וואָס זאָגט איר, מיסטער געפּי?

— זעצט זיך אַוועק און דערציילט אונז די גאַנצע מעשה פֿון אָנהייב אָן, האָט זיך געפּי אָפּגערופֿן.

פּעטער האָט געפֿאָלגט. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט און אָנגעהויבן דערציילן. קודם־כּל, וועגן דער פֿאַרזאַמלונג אין י.וו.וו. ווי אַזוי זי האָט זיך אָנגעהויבן ווי מען האָט קריטיקירט די שוואַכע טעטיקייט פֿון דער פֿאַרוואַלטונג און דערנאָך ווי מען האָט געפֿאָדערט, אַז ס'זאָל עפּעס געטאָן ווערן קעגן דינסט־פֿליכט. פּעטער האָט נישט געזשאַלעוועט קיין פּרטים. ער האָט זיך גענוי אָפּגעשטעלט אויף די רייד וועגן געוואַלט־מיטלען, דינאַמיט טויט־קלעפּ און דערנאָך אויף די פֿאָרשלאָגן אָפּצורוימען פֿון וועג נעלז אַקערמאַן און נאָך אַנדערע קאַפּיטאַליסטן. און דאָס אַלץ האָט פּעטער מוראדיק פֿאַנאַנדערגעשמירט, צוגעפּוצט, אַז די זאַך איז געווען פּשוט נישט צו דערקענען. געטאָן האָט דאָס פּעטער, לויט נעלס אָנווייזונגען, זי האָט אים אָנגעזאָגט, אַז וועגן דער פֿאַרזאַמלונג זאָל ער אַזוי דערציילן.

דערנאָך איז ער איבערגעגאַנגען צו דעם, ווי ער האָט נאָך דער פֿאַרזאַמלונג באַמערקט, ווי עטלעכע מיטגלידער שושקען זיך צווישן זיך. עס האָט זיך אים איינגעגעבן צוצוהערן זיך נאָענט צו דזשאָו ענגעל און דזשערי ראָד. און צו זיין אויער זענען דערגאַנגען עטלעכע אָפּגעריסענע ווערטער: „דינאַמיט", „אַ זעקל אין שאַף", „געלט". ווען ענגעל איז אַוועק האָט פּעטער באַמערקט, אַז די קעשענעס זענען געווען ביי אים אָנגעשטאָפּט און ער האָט גערעכנט, אַז ער טראָגט ביי זיך די באָמבע. ער איז גלייך געלאָפֿן אין אַן אַפּטייק, האָט אָנגעקלינגען צו גינייען, נאָר גראָד האָט ער זיך נישט געקאָנט דערקלינגען, עס האָט לאַנג געדויערט און דערווייל זענען זיי נישט געוואָרן. פּעטער איז געווען אויסער זיך. ער האָט זיך געשעמט מודה צו זיין דאָס פֿאַר גינייען און ער האָט זיך שוין לאַנג אַרומגעשלעפּט אויף די גאַסן און געזוכט די פֿאַרשווערער. אין דער פֿרי האָט ער זיך צופֿעליק געכאַפּט, אַז ער האָט אין קעשענע אַ צעטל, ער האָט תּיכּף געגעבן צו וויסן וועגן דעם גינייען. דאָס איז אַלץ, וואָס ער ווייסט

איצט האָט אים אָנגעהויבן אויסצופֿרעגן גיניי: ער האָט געהערט, ווי דזשאָו ענגעל האָט גערעדט מיט דזשערי ראָד, צי האָט ענגעל גערעדט מיט נאָך אַנדערע מענטשן? וואָס האָט דזשאָו ענגעל געזאָגט? זאָל פּעטער נאָך אַמאָל איבערחזרן יעדעס וואָרט. טראַכטנדיק וועגן נעלס אָנווייזונגען האָט זיך פּעטער דערמאָנט אַזאַ מין זאַץ: „מען האָט אים באַהאַלטן אין „סעב קעט". ווי ער האָט דאָס אַרויסגערעדט האָט ער געזען ווי אַלע האָבן אָנגעהויבן צו קוקן איינע אויף די אַנדערע.

— דאָס האָב איך געהערט, האָט פּעטער געמאַמלען. בלויז דאָס. כ'האָב אָבער

נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס דאס באַטייט.

„סעב קעט"? האָט געפֿרעגט דער פּאָליציי־קאָמיסאַר, אַ דיקער מענטש מיט ברוינע וואָנצן און מיט אַ פֿולע מויל מיט קוי־טאַבאַק.

— דאָס באַטייט דאך סאַבאָטאַזש, נישט אמת, ג'וני?

— יאָ, האָט געענטפֿערט דער מענטש מיטן פּנים פֿון אַ שמשון.

— איז אייך עפּעס באַקאַנט אין הויפּט־קוואַרטיר, וואָס נישט איז, וואס זאָל האָבן צו טון מיט דעם וואָרט סאַבאָטאַזש? האָט מען געפֿרעגט בײַ פּעטערן.

ער האָט אַ רגע געטראַכט.

— ניין, האָט ער געענטפֿערט.

אַלענגערע צײַט האָבן די מענטשן גערעדט צווישן זיך. פּעטערן האָט מען מער נישט געטשעפּעט. געפּפּי האָט דערציילט, אַז אַלע זאַכן קאָמיקס זענען צונעמען געוואָרן, אפֿשר וועט מען דאָרטן געפֿינען אַ לייזונג פֿון דער דאָזיקער רעטעניש. געפּפּי איז צוגעגאַנגען צום טעלעפֿאָן און האָט אָנגעגעבן אַ נומער, וועלכער איז פּעטערן זייער גוט באַקאַנט געווען. דאָס איז געווען דער טעלעפֿאָן פֿון דער הויפּט־קוואַרטיר פֿון די י. וו. וו.

— איך ווייט עס, על? האָט ער געפֿרעגט. בײַ אייך האַרף עפּעס זײַן אַ זאַך, וואָס האָט צו טון מיט סאַבאָטאַזש. האָט איר זיך אָנגעשטויסן אויף עפּעס אַזאַ מין זאַך? אַן אַפּאַראַט, בילדער, שריפֿט־זאַכן, אָדער עפּעס אַן אַנדער זאַך וואָס נישט איז? קענטיק, אַז מען האָט פֿון דאָרטן געענטפֿערט, אַז מען האָט גאָרנישט געפֿונען, ווײַל געפּפּי האָט גע־זאָגט: זוכט ווייטער. ווען איר וועט עפּעס געפֿינען, רופֿט מיך צו. דאָס קאָן אונדז דינען פֿאַר אַ ריכטשנור.

דערמאָלסט האָט געפּפּי אויפֿגעהאָנגען דאָס טרייבל און האָט זיך געווענדעט צו פּעטערן:

— נו, הודוש, הייסט עס, אַז דאָס איז אַלץ, וואָס איר האָט אונדז צו זאָגן?

— יאָ, מיסטער געפּפּי.

— ווײַבאַלד אַזוי קאָנט איר אינגאַנצן אויפֿהערן צו מאַכן אײַערע שטיק. מיר ווייסן גאַנץ גענוי, אַז דאָס האָט איר אַליין אויפֿגעפֿירט דאָס גאַנצע שפּיל און מיינט נישט, אַז מיר וועלן זיך לאָזן פֿון אייך פֿירן פֿאַרן נאָז.

פּעטער איז געבליבן זיצן אָן לשון. ער האָט אָנגעקוקט געפּפּין ווי אַ צומישטער. יענער איז צוגעגאַנגען צו אים מיט ברייטע קנייטשן אויפֿן שטערן און מיט צוויי צונויפֿגעדריקטע פֿויסטן. מיט אַ הלשות־שרעק האָט זיך פּעטער דערמאָנט אָן זײַנע איבערלעבונגען, בשעת דער מלחמה־מאַניפֿעסטאַציע. זאָל ער דאָס אַלץ איצט דאַרפֿן איבערלעבן פֿון דאָסניי?

— מיר וועלן דאָ פֿאַר אייך עפּעס באַווייזן, הודוש, האָט זיך דער דעטעקטיוו אָפּגערופֿן. איר וועט אונדז נאָך אַמאָל דערציילן די גאַנצע געשיכטע, דעם שמועס צווישן ענגעל און דזשערי ראָד, די אָנגעפּאַקטע קעשענעס און די אַלע אַנדערע מעשׂיות, וואָס איר האָט אונדז דערציילט און ענגעל וועט עס אָפּלייקענען.

— גאָט מײַנער, מיסטער געפּפּי! האָט פּעטער אַרויסגעקרעכצט.

— יאָ, ער וועט עס אָפּלייקענען. פּעטער

האט די אייגענע אויערן נישט געגלייבט: קאן דאס זיין, אז מען זאל זיך צוהערן צו דעם, וואס עס זאגט א פארשווערער!

— יא, הודוש, גלייבער אז איר זאלט שוין דאס טאקע איצט וויסן — ענגעל איז אונזערער א מענטש. שוין א גאנץ יאר, ווי ער ארבעט פאר אונז אין דער י. וו. וו.

פעטערס גאנצע וועלט האט פלוצלינג דעם באדן פארלארן, האט זיך א וויגעטון אין א טיפער תהום פון אימה און פארצווייפלונג האט זיך אויפגעעפנט פאר אים. דזשאו ענגעל איז פונקט אזוי ווי ער א געהיים-אגענט! אט א דער מלאך מיט די בלאע אויגן, וועלכער האט אויף הונדערטער סאציאליסטישע פארזאמלונגען גערעדט וועגן דינאמיט, וועגן דער נויטיקייט פון טעראר, אט דער, וועלכער פלעגט מיט זיינע רעדעס דערשרעקן די אויסגעפרעסטע ראדיקאלן! ענגעל א שפיאן! און גראד אים האט דאס פעטער געדארפט אריינפלאנטערן אין זיין אינטערגעשטעלטער שפיל!

47

איצט איז געקומען פעטערס סוף. מען וועט אים ווידער אריינזעצן אין „לאך" און ער וועט שוין אזוי זיין גאנץ לעבן געפייניקט ווערן. אין זיינע אויערן האבן אים געקלונגען די קולות פון טויזנטער פארלוירענע נשמות און דאס בלאזן פון צענדליקער טויזנטער שופרות פונם לעצטן יום הדין. אבער אין מיטן דעם דאזיקן משוגענעם ליארם איז צו פעטערס אויערן דערגאנגען נעלם שטילע שטים:

„נאר נישט פארלירן זיך, פעטער, נישט פארלירן זיך!

אין די דאזיקע שטים האט קענטיק געהאט א מאגישן כח. ער האט א הויב געטון די הענט אין דער הויך און האט זיך אוועקגעשטעלט אנטקעגן זיינע באשולדיקער.

— גאט איז מיין עדות, מיסטער געפפי, אז איך ווייס בלויז דאס, וואס איך האב אייך דערציילט. דאס איז פאקטיש געשען און אויב דזשאו ענגעל דערציילט אייך עפעס אנדערש, זאגט ער ליגן.

— צוליב וואס דארף ער זאגן ליגן?

— וואס קאן איך וויסן, איך ווייס בכלל גארנישט

ס'איז געקומען דער מאמענט, ווען פעטער האט געקאנט נעמען די בכורה, וואס אים איז געקומען אלס אינטריגאנט. אין רעכטן מיטן פון די אלע צרות האט אויף איין רגע נישט אויפגעהערט צו ארבעטן זיין מוח.

— אפשר האט אייך דזשאו ענגעל געוואלט אפנארן, אפשר האט ער געהאט עפעס אן אייגענעם פלאן און איך האב אים צושטערט. איך זאג אייך, אז איך האב געזאגט דעם אמת.

דאס וואס פעטער האט שוין במילא נישט געהאט וואס צו פארלירן, האט אים צוגעגעבן א געוויסע זיכערקייט, וועלכע האט זיך אנטקעגן געשטעלט געפפיס איבערצייגונג און זי האט זיך א וואקל געטון. ווען פעטער האט דערנאך ווייטער גערעדט, האט ער שוין איבערגעלייענט אין דעם דעטעקטיווס אויגן, אז יענער איז שוין נישט אזוי פעסט ביי זיך ווי פריער.

— דעם זעקל האָט איר געזען? האָט ער געפֿרעגט בײַ פֿעטערן.

— ניין, איך האָב קיין שום זעקל נישט געזען. כ'ווייס אַפֿילו נישט צי עס איז טאַקע דאָ אַ זעקל. כ'האָב מער נישט געהערט ווי דזשאָו ענגעל האָט געזאָגט „אַ זעקל" און „דינאַמיט".

— צי האָט איר נישט געזען אַמאָל, אַז ביגראַ האָט עמיצער געשריבן?

— ניין, הענדערסאָן איז געזעסן בײַם טיש אָבער זײַן גאַנצע אַרבעט איז געווען וואָס ער האָט אַרויסגעצויגן עטלעכע פּאַפּירן פֿון קעשענע, האָט זיי צעריסן און אַרײַנגעוואָרפֿן אין פּאַפּיר־קאָרב.

פֿעטער האָט באַמערקט ווי אַלע וואָס זענען געזעסן בײַם טיש האָבן גענומען קוקן איינע אויף די אַנדערע און ער האָט פֿאַרשטאַנען, אַז זײַן לאַגע הייבט זיך אָן צו פֿאַרבעסערן.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז אים געקומען צו הילף דער צופֿאַל. מען האָט געקלונגען אין טעלעפֿאָן, דער פּאָליציי־קאָמיסאַר האָט גענומען דאָס טרײַבל און האָט גלײַך אַ ווונק געטון צו געפֿין. ער האָט גענומען אין האַנט דאָס צווייטע טרײַבל.

— אַ בוך? האָט דער דעטעקטיוו געפֿרעגט אַן אויפֿגערעגטער. וואָס פֿאַר אַ פּלאַן? זאָל איינער פֿון אײַערע מענטשן תּיכּף ומיד ברענגען אַהער דאָס בוך צוזאַמען מיטן פּלאַן. פֿאַרלירט נישט קיין איבעריקע רגע, ווײַל הערפֿון איז אַלץ אָפּהענגיק.

אין איצט האָט זיך געפּפּי געווענדעט צו די איבעריקע.

— ווי געפֿעלט איך די מעשה, ער זאָגט, אַז ער האָט געפֿונען אַ בוך ווע־גן קאַבאַטאַזש און אין בוך ליגט עפּעס אַ פּלאַן פֿון אַ הויז. אויפֿן בוך איז דאָ כאַרמיקס נאָמען.

די מענטשן האָבן זיך אַ הויב געטון פֿון די ערטער, האָבן גענומען רעדן צווישן זיך. פֿעטער האָט דערווײַל גע־האַט צײַט אַ טראַכט צו טון. אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען אים ווידער גע־נומען אויספֿרעגן, אַ פֿריִער דער פּאָליציי־קאָמיסאַר, דערנאָך דער פּראָקוראָר; פֿע־טער האָט זיך געהאַלטן פֿעסט בײַ דאָס זײַניקע.

— גאָט מײַנער! האָט ער אַ געשריי געטון: וואָס מיינט איר, וואָס בין איך משוגע געוואָרן, כ'וועל האָבן די העזה אויסצוטראַכטן אַזאַ מין זאַך? פֿון וואַנען וואָלט איך דאָס אַלץ געהאַט? ווי וואָלט איך גענומען דינאַמיט? נאָר דאָ האָט זיך פֿעטער שיִער דעם צונג נישט אָפּגעביסן, אַזוי זיך צו פֿאַרעדן. קיינער האָט דאָך אים נישט געזאָגט, אַז אין זעקל איז דאָ דינאַמיט, ווי איז זײַן קאָפּ? אין אַ צוטומלטער האָט ער שוין גענומען טראַכטן, ווי אַזוי זיך אַרויס־צודרייען פֿון זײַנע לעצטע פּאָר ווערטער. צום גליק האָט אָבער קיינער פֿון די פֿינף מענטשן נישט באַמערקט דעם גע־וואַלדיקן פֿעלער, וואָס ער איז באַגאַנגען. זיי האָבן אַלע געוווּסט, אַז אין זעקל איז דאָ דינאַמיט און האָבן לגמרי פֿאַר־געסן, אַז פֿעטער האָט עס נישט גע־דאַרפֿט וויסן. אַזוי שטייט טיילמאָל אַ מענטש האַרט בײַם תּהום פֿון אינטערגאַנג און ווערט געראַטעוועט.

פֿעטער איז גלײַך אַרײַנגעשפּרונגען

דעם געפֿערלעכן אָרט און האָט אָנגעהויבן צו רעדן וועגן אַן אַנדער זאַך.

— וואָס איז, דזשאַי ענגעל לייקנט רען, ער זאָגט, אַז ער האָט זיך נישט געשושקעט מיט דזשעי ראַד? האָט פֿעטער געפֿרעגט.

— ער קאָן זיך דאָס נישט דערמאָנען, האָט געפּפּי געענטפֿערט. ער זאָגט, אַז ער האָט אפֿשר מיט אים גערעדט, אָבער וועגן גאַנץ געוויינלעכע זאַכן. וועגן פֿאַרשווערונגען האָט ער מיט אים אַלעמאָל נישט גערעדט.

— איך האָב דאָך אָבער געהערט, האָט זיך פֿעטער אָפּגערופֿן און זיין שאַרפֿער מח האָט שוין געאַרבעט ווי אַזוי צו געפֿינען דאָ אַ שטיקל אויסוועג: כ'ווייס דאָך גאַנץ גוט, וואָס איך האָב געהערט. דאָס איז געווען גראָד דעמאָלסט, ווען מיר האָבן געהאַלטן ביים אַרויסגיין פֿון לאָקאַל. עמיצער האָט פֿאַרדרייט דאָס פֿייער ער איז געשטאַנען צו מיר מיט דער פּלייצע און איך האָב זיך געריקט הינטערן ביכער־שאַנק.

דער פּראָקוראָר האָט זיך אַריינגעמישט. ער איז געווען אַ יונגער מענטש און עס איז אים געווען גרינגער אָפּצונאַרן ווי די איבעריקע.

— ווייסט איר, אויף געוויס, אַז דאָס איז טאַקע געווען דזשאַי ענגעל? האָט ער געפֿרעגט.

— גאָט מיינער, פֿאַר וואָס זאָל איך נישט וויסן, האָט פֿעטער געענטפֿערט. עס קען דאָך נישט זיין, איך זאָל האָבן אַ טעות. האָט ער געזאָגט און אין זיין שטים האָט זיך געפֿילט אַ ניואַנס פֿון אַ געוויסער ספֿקות

— איר זאָגט, אַז ער האָט געשעפּטשעט.

— יאָ.

— האָט עס דען נישט געקענט זיין אַן אַנדערער?

— כ'ווייס אויף מיין וואָרט נישט, וואָס איך זאָל שוין איצט טראַכטן, איך בין שוין גאָר צעטומלט, האָט זיך פֿעטער באַקלאָגט. איך האָב זיך אומגעקערט צו אים מיט דער פּלייצע און כ'האָב גערעדט מיט גרעדי, דעם סעקרעטאַר. דערנאָך האָב איך זיך ווייטער אומגעקוקט און איך בין אַוועק צום ביכער־שאַנק.

— וויפֿיל מענטשן זענען דעמאָלסט געווען אין צימער?

— אַ מענטש צוואַנציק.

— דאָס פֿייער האָט מען פֿאַרלאָשן איידער איר האָט זיך אומגעקערט, אָדער דערנאָך?

— איך געדענק נישט. אפֿשר דערנאָך. און פּלוצלינג האָט זיך דער אָרימער צעטומלטער פֿעטער אָפּגערופֿן: איך זע טאַקע, אַז איך בין אַ שוטה, כ'האָב געדאַרפֿט רעדן מיטן הבֿרה־מאַן און בײַ זיך אַליין לכל הפּחות וויסן אויף באַשטימט, מיט וועמען איך האָב צו טאָן. אָבער איך בין געווען אַזוי זיכער, אַז דאָס איז דזשאַי ענגעל. ס'איז מיר גאָר אין קאָפּ נישט איינגעפֿאַלן, אַז דאָס קען זיין אַן אַנדערער.

— נו, און, אַז ער האָט גערעדט מיט דזשעי ראַד, ווייסט איר אויף זיכער?

— יאָ, דאָס ווייס איך, ווייל דזשעין האָב איך געזען.

— נו, און דער וואָס האָט דערמאָנט וועגן סאַבאָטאַזש איז געוויס געווען ראַד

פעטער איז שוין איצט געשטאַנען באמת אַ צוטומלטער, אַ גאַנצער שטראָם נייע פראַגן האָט זיך אויף אים אַ גאָס געטאָן פון אַלע זייטן. אָבער אין דעם מאָמענט איז גראַד אַרייַן דער דעטעקטיוו מיטן בוך וועגן כאַבאַטאַוש אין האַנט. אויפן שער־בלאַט איז געשטאַנען קאַרמיקס נאָמען און אינעווייניק איז געלעגן דער פּלאַן.

אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צום פּלאַן און גלייך איז זיי אַלעמען אַרייַן אין קאָפּ דער געדאַנק; צי איז עס נישט אַמאָל דער פּלאַן פון אַקערמאַנס הויז? דער פּאָליציי־קאָמיסאַר האָט תיכף אָנגעקלונגען צום באַנקירס סעקרעטאַר און ער האָט אים געבעטן ער זאָל זיך מטריח זיין פאַרשטעלן אים ווי אַזוי זעט אויס אַקערמאַנס הויז. דער קאָמיסאַר האָט זיך אַ געוויסע צייט צוגעהערט און דערנאָך האָט ער געפרעגט: צום צפון זייט פון הויז אַנטקעגן מערב איז עפּעס אונטערגעצייכנט אַ צלם, וואָס קאָן דאָס זיין? פון דאָרטן האָט מען קענטיק עפּעס געענטפערט, ווייל דער קאָמיסאַר האָט אַ געשריי געטאָן: גאָט מיינער! דערנאָך האָט ער געזאָגט: אפשר וואָלט איר אונז געקאָנט טון די טובה און קומען צו אונז אַהער מיטן אַרכיטעקטאָרס פּלאַן כדי מיר זאָלן קענען פאַרגלייכן די ביידע פּלענער? און דאָ האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו די איבעריקע און געזאָגט: איר ווייסט, אַז דאָ ווי עס איז אונטערגעצייכנט דער צלם איז דאָס אַ צימער אויפן צווייטען שטאָק ווו אַקערמאַן שלאָפט.

דאָס האָט געווירקט ווי אַ דונער. מאָמענטאַר האָבן זיי אַלע אָפּגעוואָרפן אַלע ספקות בנוגע פעטערס ערלעכקייט. דאָס איז געווען אַ צו ערנסטע שטיקל אַרבעט. קיין מאָל אין לעבן וואָלט דער דאָזיקער נישטיקער, דערשראָקענער קליין מענטשעלע נישט בכח געווען אויסצואַרבעטן אַזאַ מין פּלאַן — ניין, דאָס איז אַן אַרבעט פון אַ גרויסן גייסט, פון אַ טייוואָלישן פאַרשווערער, וועלכער וויל דורך דער רויטער מגפה אַ סוף מאַכן פון אַמעריקען־סיטי.

48.

מען האָט פעטערן צוריק אַוועקגעפירט אין קאַמער. ער איז אָפּגעזעסן צוויי טעג און קיינער האָט אים נישט געזאָגט, וואָס עס וועט מיט אים זיין און ווי אַזוי ער האָט זיך צו האַלטן אויף ווייטער. קיין צייטונגען האָט מען אין טורמע אויך נישט צוגעלאָזן, און פעטער וואָלט אינגאַנצן אָפּגעריסן געווען פון דער וועלט, ווען נישט דאָס ביסל געלט, וואָס ער האָט נאָך געהאַט ביי זיך. אויף מאָרגן האָט זיך אים איינגעגעבן אונטערצוקויפן דעם וועכטער און ער האָט אים געבראַכט אַ „טיימס". די גאַנצע פאָדערשטע זייט פון דער צייטונג איז געווען פאַרשריבן מיט די פּרטים פון אויסערגעוויינלעכן פאַרפאַל.

שוין דרייסיק יאָר, ווי דער „טיימס" איז געשטאַנען אויף דער וואַך פון געזעץ און אָרדענונג און געקעמפט קעגן דער רויטער געוואַלט, מרידה און רעוואָלוציע. שוין דרייסיק יאָר ווי דער „טיימס" האָט נישט אויפגעהערט צו דערווייזן, אַז אַרבעטער־טוער, סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן זענען אַלע איינס און דאָסזעלבע. און אַז פאַר די אַלעמען עקזיסטירט בלויז איין געווער: די באָמבע. און ענדלעך,

נאָך אַזוי פיל יאָרן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער „טיימס" איז געווען גערעכט. דאָס איז געווען אַ היסטאָרישער טאָג פאַר דער צייטונג, און זי האָט אים אויסגענוצט אין דער גאַנצער ברייט.

אַחוץ דער ערשטער זייט, וואָס איז געווען פאַרפילט מיט דער געשיכטע, זענען נאָך צוויי זייטן געווען פאַרנומען מיט בילדער פון די פאַרשווערער. צווישן זיי איז אויך געווען פעטערס בילד און נאָך פאַרשיידענע פאָטאָגראַפיעס. עס איז געווען אַרונטערגענומען די הויפּט-קוואַרטיר פון י. וו. וו. דאָס רייזע-זעקל, דער דינאַמיט, דער צינדער, די באַשטאַנד-טיילן פון זייגער, די אַטעליערן, ווו מען האָט געמאַכט די פאַרשווערער אין דער צימער נומער 17, וווּ עס האָט געוווינט דער רוסישער אַנאַרכיסט ניקיטין. דערנאָך זענען וועגן דער געשעעניש געגאַנגען אַ גאַנצע רייע אַרטיקלען און אינטערוויוען. עס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט וועגן דער פראַגע גלחים, באַנקירן, דער פּרעזידענט פון דער האַנדלס-קאַמער און דער סעקרעטאַר פון אַ ראַר-באַנק.

אַ לייט-אַרטיקל געדרוקט מיט פעטע, גרויסע אותיות האָט זיך פאַרנומען דערמיט, וואָס ער האָט דערוויזן, אַז אין משך פון דרייסיק יאָר האָט דער „טיימס" געוואָרנט די געזעלשאַפט און אַז אויך איצט איז ער מתרה, אַז אַלץ וואָס איז געשען פאַר דער לעצטער צייט: דער באַשריבענער פאַל, די מעשה היבער, דערנאָך ליקמען און די דריי פאַציפיסטן גלחים, וואָס זענען מיט אַ פּאָר טעג צוריק אַרעסטירט געוואָרן דערפאַר, וואָס זיי האָבן עפנטלעך געלייענט אַ קאַפּיטל פון עוואַנגעליום, ווי כריסטוס רעדט פון באַרג צו זיינע תלמידים, אַז דאָס אַלץ שטאַמט פון דעם זעלבן מקור און איז ענג צוזאַמענגעבונדן איינס מיט דאָס אַנדערע.

פעטער האָט אָבער געוווּסט, אַז דאָס אַלץ האָט ער, פעטער הודזשי געטאָן! אַז אים דעם קליינעם, אומבאַקאַנטן גע-היים-אַגענט האָט מען דאָס אַלץ צו פאַרדאַנקען! קיינער ווייס דאָס אָבער נישט און קיינער וועט אים דערפאַר נישט לויבן. דער פּאָליצײ-קאָמיסאַר און דער פּראָקוראָר האָבן אָנגעשריבן גרויסע באַקאַנטמאַכונגען, און וועלכע זיי האָבן זיך צוגעשריבן די גאַנצע פאַרדינסטן און מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט די געהיימע אַרבעט פון טרעסט.

דאָס האָט אָבער געמוזט אַזוי זיין. כדי אויפצוהאַלטן דעם אויטאָריטעט פון די אָרדנונגס-היטער האָט מען געמוזט פאַרשטעלן די זאַך אַזוי, ווי זיי וואָלטן אַליין דורכגעפירט די גאַנצע אַרבעט. דער המון האָט נישט געטאָרט וויסן, אַז זיי ווערן מאַטעריעל אויסגעהאַלטן און אָנגעפירט פון די גרויסע געשעפטס-לייט פון שטאָט. פונדעסטוועגן האָט עס פעטערן פאַרדראָסן ער, גיזני און נאָך אַנדערע פון געהיפּיס מענטשן האָבן שטאַרק פיינט געהאַט די שטאָטישע באַאַמטע, זיי האָבן זיי געהאַלטן פאַר נישט פעיק, אָרים און מאַכטלאָז. און עס איז כמעט אַזוי געווען. האָט מען אין אַמעריקע געוואָלט עפּעס דורכפירן איז מען געגאַנגען נישט צו די שטאָטישע באַאַמטע, נאָר צו די גרויסע געשעפטס-לייט, ווייל מען האָט געוווּסט, אַז נאָר זיי פאַרמאָגן דעם „מאַטעריאַל"- וואָס איז

גענוג פֿלינק און מסוגל דורכצופֿירן יעדע זאַך גוט און גרינגלעך. דאָס זעלביקע איז נאַטירלעך געווען אויך בײַ דעם עניין פֿון שפּיאָנאַזש.

טײַלמאָל פֿלעגט פּעטערן אַרויפֿקומען דער געדאַנק, ווי ווייניק עס האָט געפֿעלט דערצו, אַז ער זאָל אין גאַנצן מוזן אונטערגיין. שרעקלעכע בילדער האָבן אים געפּײַניקט. ער האָט זיך אַלץ פֿאָרגעשטעלט, ווי ער זיצט אַזוי אין לאָך און געפּעו ציט אַרויס פֿון אים דעם גאַנצן אמת. אָבער פּעטער פֿלעגט גיך באַקעמפֿן די דאָזיקע געדאַנקען. ער האָט געפֿילט און פֿאַרשטאַנען, אַז דער באָמבע־אַטענטאַט איז אַ צו וויכטיקער עניין, אַז עס איז נישט אַזוי גרינג זיך פֿון אים אָפּצושאָקלען, אַז ער מוז צוציִען צו זיך זײַנע פֿירער. און צי ז ווילן דאָס, צי זיי ווילן דאָס נישט מוזן זיי אַרבעטן ווײַטער, מוזן גיין צוזאַמען מיט פּעטערן.

און אַזוי איז דאָס טאַקע געווען, און אָוונט איז געקומען דער וועכטער און האָט אים געמאָלדן אַז ער איז פֿרײַ. מען האָט פּעטערן אַרויסגעפֿירט, ער איז ווידער געווען אַ פֿרײַער מענטש.

67

פֿון דאָרטן איז פּעטער גלײַך אַוועק צושטעלן זיך אין צימער 427 אין „אַמעריקען־הויז". דאָרטן האָט שוין געוואַרט אויף אים גיזי. דאָס מאָל האָט שוין פּעטערס עלטסטער נישט גערעדט וועגן קיין שום השדים קעגן פּעטערן און האָט בכלל נישט דערמאָנט וועגן דעם, וואָס ס'איז געווען. די גרויסע לײַט האָבן אַפֿנים באַשלאָסן אָנצונעמען די מתנה, וועלכע דער צופֿאַל האָט זיי אונטערגעטראָגן אויף זילבערנע טאַצן. שוין יאָרן לאַנג ווי זיי האָט זיך געוואָלט אײַננעמען די רויטע אין די הענט און ענדלעך איז זיי דאָס געלונגען.

— הערט, הודוש, האָט זיך גיזי אָפּגערופֿן: איר דאַרפֿט זיך האַלטן אויף אַזאַ מין שטייגער; איר זײַט אַרעסטירט געוואָרן מען האָט אײַך גענומען אויף אַ פֿאַרהער פֿון „דריטן גראַד", מען האָט אײַך גוט געמאַטערט, נאָר אײַך האָט זיך אײַנגעגעבן צו דערווײַזן דער פּאָליציי, אַז איר ווייסט פֿון גאָרנישט. סוף כּל סוף האָט מען אײַך אַרויסגעלאָזן. דאָס איז אַלץ, וואָס איר האָט צו דערציילן. ווײַטער דאַרפֿט איר, פּעטער, וויסן, אַז כּדי אײַך צו דעקן האָבן מיר נאָך עטלעכע אַרויסגעלאָזן. גייט איצט גלײַך צו אײַערע „פֿרײַנט" און דערוויסט זיך, וואָס פֿאַר אַ פּלענער די רויטע האָבן אויף ווײַטער. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, דאַרפֿט איר די גאַנצע צײַט טענהן, אַז דאָס, איז אַן אונטערגעשטעלטע זאַך און איר מוזט זען אַרויסקריגן פֿון זיי, וואָס זיי ווייסן וועגן דעם עניין. זײַט פֿאָרזיכטיק, באַוואָרנט יעדן טריט, וואָס איר טוט, אַ געוויסע צײַט וועלן די מענטשן זיך מסתמא באַציִען צו אײַך מיט אומצוטרוי. צוליב דעם טאַקע זענען מיר געווען בײַ אײַך אין צימער האָבן אַלץ דורכגעזוכט, צעוואָרפֿן אַזוי, אַז די זאַך זאָל אויסזען, וואָס בעסער.

פּעטער איז אַוועק פֿון האָטעל, אָבער ער איז נישט געגאַנגען גלײַך צו די רויטע. אַ שעה צײַט האָט ער זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן, האָט זיך גוט אַרומגעקוקט, און ערשט דאַמאָלסט, ווען ער איז שוין געווען אין גאַנצן זיכער, אַז

קיינער קוקט אים נישט נאָך, איז ער אַוועקגעגאַנגען און אָנגעקלונגען צו נעלן. אין אַ שעה אַרום האָבן זיי זיך ביידע באַגעגנט אין פּאַרק.

מיט גרויס שמחה איז זי אים געלאָפן אַנטקעגן, האָט אים געקושט און געהאַלזט. זי האָט זיך גאָרנישט געקאָנט אָפּרייסן פון אים. נאַטירלעך האָט ער איר געמוזט דערציילן אַלץ, פון א. ביז ת. ווען זי האָט דערהערט, אַז דושי ענגעל איז אַליין אַ געהיים־אַגענט, איז זי לכתחילה שיער אַ טויטע נישט געבליבן שטיין פאַר שרעק. דערנאָך האָט זי זיך אַזוי פאַנאַנדערגעלאַכט, אַז טרערן האָבן זיך איר געגאָסן פון די אויגן. בשעת פּעטער האָט איר נאָכדעם, ווי זי האָט זיך אַביסל באַרויקט, דערציילט ווי קונציק ער האָט זיך אַרויסגעראַטעוועט פון דער שווערער לאַגע, האָט ער צום ערשטן מאָל דערפילט, אַז ער קען זיין זיכער אין איר ליבע.

— ניין, פּעטער האָט זי זיך אָפּגערופן: איצט דאַרף מען זיך נעמען צו דער אַרבעט. די צייטונגען זענען פול מיט דער געשיכטע און דער אַלטער נעלז אַקערמאַן ציטערט זיכער פאַר זיין לעבן. אָט דעם בריוו וועל איך היינט אָוונט אַוועקשיקן. דו זעסט, ער איז געשריבן מיט גאָר אַן אַנדער שרייב־מאַשין, נישט ווי יענע. איך האָב אים געשריבן אין אַ געשעפט פון שרייב־מאַשינען, אַזוי אַז מען קאָן קיינמאָל נישט דערגיין ווער עס האָט דעם בריוו געשיקט.

דער בריוו איז געווען אַדרעסירט צו נעלז אַקערמאַן מיט אַ באַמערקונג: „פּריוואַט". פּעטער האָט געלייענט:

„דאָס איז אַ שליחות פון איינעם אַ פריינט די רויטע האָבן אַ שפּיאָן ביי אייך אין שטוב, ער האָט זיי אַרויסגעגעבן דעם פּלאַן פון אייער הויז. די פּאָליציי באַהאַלט פון אייך דעם אמת, ווייל זי קען נישט פאַלן אויפן שפּור פון פאַרברעכער און וויל זיך נישט מודה זיין אין איר אומפעיִקייט. איינער אַ מענטש האָט אַנטדעקט די גאַנצע פאַרשווערונג. איר מוזט זיך זען מיט אים. די פּאָליציי וועט אייך וועלן שטערן אין דעם, איר דאַרפט אָבער דורכאויס פאָדערן, אַז איר ווילט אים זען. דערמאָנט אָבער, למען השם, נישט דעם דאָזיקן בריוו. טאָמער וועט מען צו אייך שיקן נישט דעם ריכטיקן מענטשן, וועל איך אייך ווידער שרייבן. קוים וועט איר נאָר האַלטן דעם בריוו בסוד, בין איך אייך אַלע מאָל גרייט צו קומען צו הילף, ווען איר וועט אָבער מיט עמיצן רעדן וועגן בריוו וועל איך שוין דאַמאָלסט גאָרנישט קענען טאָן פאַר אייך".

— ווען ער וועט איבערקומען דעם בריוו, האָט נעל געזאָגט: וועט ער געוויס היינט נישט בלייבן. ער וועט זיך וועלן זען. איז דאַמאָלסט דאַרפסטו וויסן, וואָס דו האָסט צו טון, ווייל דערפון איז אַלץ אָפּהענגיק.

און נעלי האָט געלערנט פּעטערן ווי ער האָט זיך צו האַלטן דאַמאָלסט, בשעת אים וועט אויסקומען צו באַגעגענען זיך פּנים אל פּנים מיטן קעניג פון אַמעריקען־סיטי. פּעטער איז ממש נתפּעל געוואָרן פון איר קלוגשאַפט. מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט האָט ער זיך צוגעהערט צו איר לעקציע און האָט איר פייערלעך צוגעזאָגט צו טאָן אַלץ, וואָס זי הייסט אים. ער האָט דערפאַר באַקומען קושן.

אין א צופרידענער איז ער אוועק א היים, שלאפן מיטן שלאף פון אן אומשולדיקן.

אויף מארגן אין דער פרי איז פעטער אוועק ארבעטן פאר געוויינען. כדי יענער זאל נישט האבן וואס זיך צו באקלאגן אויף אים. קודם כל איז פעטער אוועק צו מרים יאנקאוויטש. יענע איז אים געלאפן אנטקעגן מיט ביידע הענט אויסגעשטעלט. זי האט אים אזוי הארציק באגריסט, אז פעטער האט פארשטאנען, אז זי האט אים שוין אין גאנצן מוחל געווען די מעשה מיט דזשעני טאר. פעטער איז ווידער אמאל געווען א מארטירער. ער האט איר דערציילט וועגן פארדער פון „דריטן גראד", אלץ וואס ער האט געדאט אויסצושטיין און זי האט אים מיט פארדרוס איבערגעגעבן, אז דאס וואסער פון דער איבערגעקערטער באדליע איז הרכן באלקען אריינגערינען אין די אונטערשטע דירות און האט איבערגעפירט דאס עסן פון די ארעמע ארבעטער וואס וווינען דארטן.

פון איר האט ער זיך אויך דערוווּסט, וואס פאר א מיינונג די רויטע האבן, וועגן דעם צופאל. זי האט אים דערציילט, אז ענדריוס דער אדוואקאט האט זיך געוואלט זען מיט די ארעסטירטע, האט מען אים נישט צוגעלאזן און קיין ערבותגעלט האט מען אויך נישט געוואלט נעמען. נעכטן אין אוונט איז געווען א פארזאמלונג ביים אדוואקאט ענדריוס, מען האט דארט ארומגערעדט די געשעעניש אלע פארשטייער פון י. וו. וו. זענען זיכער, אז דאס איז אן אונטערגעשטעלטע זאך. די צעטלען זענען בלי שום ספק געפעלשטע. דעם דינאמיט האט אפנים די פאליציי אליין אונטערגעווארפן. דאס איז אלץ געמאכט געווארן צוליב דעם, ווייל מען האט געוואלט האבן א תירוץ צוליב וואס צו פארמאכן די הויפט-קווארטיר. און צו ארעסטירן עטלעכע סאציאליסטישע טוער.

נאר ערגער פון אלץ איז פונדעסטוועגן די פראפאגאנדע; די שרעקלעכע זאכן, מיט וועלכע עס זענען פול אלע צייטונגען. פעטערן איז אפשר אויסגעקומען צו זען די פרימארגן-אויסגאבע פון „טיימס"? דארטן העצן זיי דעם המון צו לינטשן די רויטע!

## 50

פון מרימען איז פעטער גלייך אוועק אין צימער 427. נעל האט געזאגט, אז נאכדעם ווי ארקערמאן וועט באקומען דעם בריוו וועט ער לאנג נישט ווארטן. און אזוי איז דאס טאקע געווען. פעטער האט געפונען אויפן טיש א צעטל, וואס איז געווען באשטימט פאר אים: „ווארט ביז וואנען איך וועל קומען. איך דארף וועגן עפעס רעדן מיט אייך".

פעטער האט געווארט; אין א קורצער צייט ארום איז געקומען געוויי און האט גלייך אנגעהויבן צו רעדן צו פעטערן אין א פייערלעכן טאן:

— פעטער הודזש, איר ווייסט דאך, אז איך בין אייך א גוטער פריינט.

— יא, כ'ווייס!

— איך האב תמיד געהאלטן מיט אייך. ווען נישט איך, וואלט איר נאך עד היום געלעגן אין לאך און מען וואלט אייך סוף כל סוף געצוואונגען מודה צו זיין זיך, אז דאס האט איר אליין אויסגעטראכט די גאנצע מעשה מיט דער פאר-

שווערונג. דאָס וויל איך, אַז איר זאָלט וויסן און איך וויל, אַז איר זאָלט אויך וויסן, אַז אויף ווייטער וועל איך אויך האַלטן מיט איך. דערפֿאַר אָבער פֿאַרלאַנג איך פֿון אייך, אַז איר זאָלט האַלטן מיט מיר. אַז איר זאָלט האַנדלען בנוגע מיר ווי אַן ערלעכער מאַן.

— בלי שום ספֿק, האָט פּעטער געענטפֿערט. און ערשט איצט האָט אים גיווניי אָנגעהויבן צו דערקלערן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. דער אַלטער נעלז אַקערמאַן האָט זיך איינגערעדט, אַז די פּאָליציי באַהאַלט עפּעס פֿון אים. נאַטירלעך איז ער זייער צעשראָקן. ביי נאַכט פֿאַרשליסט ער זיך אין אַ שראַנק און ווען זיין פֿרוי פֿאָרט אַרויס אין אויטאָמאָביל מוז זי אַראָפּלאָזן די פֿאָרהאַנגען. איצט האָט ער זיך איינגעעקשנט, אַז ער וויל נישט אַנדערש רעדן מיט דעם מענטשן, וואָס האָט אַנטדעקט די פֿאַרשווערונג. גיווניי גיט זיך אָפּ אַ דין וחשבון, וואָס דאָס הייסט אַריבערגעבן פֿאַר עמיצן פּעטערן, וואָס קאָן מען זיך אָבער העלפֿן. נעלז אַקערמאַן איז אַ מענטש וועמענס ווילן עס איז אַ געזעץ. און דערצו איז ער נאָך פּעטערס אַרבעטסגעבער אויך, ער האָט זייער אַ סך געלט געגעבן פֿאַר דער געהיים־דינסט. און אים וועט זיך קיינער נישט דערוועגן, נישט געפּי, נישט די גרויסע מענטשן פֿון שטאָט, צו שיטן זאַמד אין די אויגן. קוים וויל ער מוז דאָס אַזוי זיין.

— נו, גאַנץ גוט, האָט זיך פּעטער אָפּגערופֿן, עס וועט מיר גאָרנישט שאַטן אַז איך וועל אים זען.

— ער וועט אייך שטעלן פֿאַרשידענע פֿראַגן. איר פֿאַרשטייט, האָט זיך גיווניי אָפּגערופֿן: איר דאַרפֿט געדענקען, אַז איר טאָרט אונדז נישט פֿאַרשיטן, איר דאַרפֿט אים זאָגן, אַז מיר האָבן געטאָן אַלץ, וואָס ס'איז געווען אין אונזערע קרעפֿטן. איר דאַרפֿט אונדז אַרויסשטעלן פֿאַר אים אין אַ גוטער ליכט.

פּעטער האָט צוגעזאָגט אַזוי צו טאָן. אָבער פּעטערס ענטפֿער האָט אַפּנים נישט באַפֿרידיקט גיווניין. ער איז געווען מוראדיק אויפֿגערעגט און האָט ווי מיט אַ האַמער געהאַקט פּעטערן אין קאָפּ אַריין, וועגן דער באַדייטונג פֿון אחדות און ווי ווייט נויטיק עס איז צו זיין טריי אַן עלטערן אַ פֿירער.

— גאָר ווי אין דער י. וו. האָט זיך פּעטער געטראַכט.

— אפֿשר מיינט איר, אַז דאָ מאַכט זיך אייך שוין אַ געלעגנהייט אונדז אַריבערצושפּרינגען, צו שטעלן זיך אין דער שפּיץ, האָט איר אַ גרויסן טעות. איר דאַרפֿט נישט פֿאַרגעסן, פּעטער הורדיש אַז מיר האָבן די מאַשין, אַז דער אַפּאַראַט איז ביי אונדז אין די הענט און ביי אַן ענין, וואָס דאַרף זיך אַביסל פֿאַרציִען, איז תּמיד מנצח דער, וואָס האָט די מאַשין. מיר האָבן שוין נישט איינעם געפּטרט, וואָס האָט געוואָלט מאַכן מיט אונדז קונצן. לכתּחילה וועט אייך נעלז מסתּמא געבן אַ גוטן מקח, אָבער אין אַ קורצער צייט אַרום וועט איר אים נמאס ווערן און דאַן מוזט איר זיך ווידער אומקערן צו אונדז. און נאָך איין זאַך וויל איך אייך מתרה זיין, בעסער זאָל אייך אַזאַ געדאַנק גאָר נישט איינפֿאַלן. נאָר טאָמער וועט איר זיך בנוגע אונדז האַלטן נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין, וועט איר

זיך אַליין נישט אַרומזען, ווי געפּי וועט אײַך ווידער אַרײַנפּאַקן אין „לאָך". און אַרויסגיין פֿון דאָרטן, וועט איר שוין סײַן אויף טראָג־בעטלעך.

פּעטער האָט נאָך אַמאָל געשוווירן צו זײַן טרײַ און ערלעך, ער האָט אָבער גלײַך אויסגענוצט די געלעגנהייט און צוגעגעבן:

— זאָגט איר אַליין, האָט געפּי נישט געדאַרפֿט עפּעס טאָן פֿאַר מיר דערפֿאַר, וואָס איך האָב אַנטדעקט די פֿאַרשווערונג?

זעט איר, דאָס איז שוין גאָר אַן אַנדער זאַך. וואָס גערעכט, איז גערעכט.

און איצט האָט מען זיך אָנגעהויבן צו דינגען. פּעטער האָט אָנגעוויזן אויף וואָס פֿאַר אַ געפֿאַר ער האָט זיך געשטעלט און ווי קיינער ווייסט נישט דערפֿון, ווי דער גאַנצער כּבֿוד גייט אויפֿן חשבון פֿון אַנדערע. געפּין האָט מען אַפֿילו אין די צײַטונגען נישט באַשריבן, אָבער זײַנע אַרבעט־געבער זענען דאָך פֿון אים צופֿרידן. און ווען פּעטער וועט זיך איצט אײַנשטעלן פֿאַר אים, וועט אים לויבן פֿאַרן קעניג פֿון אַמעריקען־סיטי וועט מען זײַן פֿון אים נאָך מער צופֿרידן. און לויט פּעטערס מיינונג דאַרף מען אים דערפֿאַר באַצאָלן טויזנט דאָלאַר. דאָס געלט דאַרף ער אָבער האָבן תּיכּף, נאָך איידער ער גייט צום קעניג. גיווני האָט אַ קוק געטאָן אויף פּעטערן מיט אַ פּאָר בייזע, שטעכעדיקע אויגן.

— איר שעמט זיך נישט, הידוש, איר האָט נאָך די העזה צו בעטן געלט פֿאַר דער מיאוסער שטיקל אַרבעט, וואָס איר האָט אָפּגעטאָן?

גיווני האָט תּמיד געקוקט אויף פּעטערן ווי אויף אַ פֿערד, ווי אויף אַ קליינמוטיקן בלאָפֿער. ער האָט אָבער געוווּסט, אַז עס מאַכן זיך צײַטן, ווען דער דאָזיקער קליין מענטשעלע ווערט אין גאַנצן אַן אַנדערער; דאָס איז דאָס רוב דאַמאָלסט, בשעת עס האַנדלט זיך וועגן געלט. און ווען דעם טאַקע האָט זיך דאָס איצט געהאַנדלט. פּעטער האָט גאַנץ קאַלט אָפּגעגעבן גיווניען זײַן בייזן, שטעכעדיקן בליק צוריק.

— אויב איך געפֿעלט נישט מײַן שטיקל אַרבעט, דאַרפֿט איר בלויז איין זאַך טאָן, אַרײַנשרײַבן וועגן דעם אין צײַטונג.

פּעטער איז ווידער אַמאָל געווען אַ בולדאָג, וועלכער האָט זיך מיט זײַן שנויץ אײַנגעפּרעסן אין שנויץ פֿון אַ צווייטן בולדאָג. ער האָט שוין נישט איינמאָל געזען, ווי דער מענטש מיטן פּנים פֿון אַ שטשור ציט אַרויס געלט פֿון קעשענע און אויך דאָס מאָל איז ער געווען זיכער, אַז יענער איז געקומען אַהער צוגעגרייטערהייט. און ער איז דערפֿאַר געשטאַנען פֿעסט בײַ זײַן פֿאָדערונג: טויזנט דאָלאַר, אָדער גאָר נישט. און פּונקט ווי דאָס ערשטע מאָל, האָט אויך הײַנט פּעטערן אַ שנײַט געטאָן איבערן האַרצן, בשעת ער האָט דערזען, ווען גיווני האָט אַרויסגעצויגן דאָס געלט, אַז ער האָט מיטגעבראַכט מיט זיך אַ סך מער ווי טויזנט דאָלאַר.

פּעטער האָט זיך פֿינדעסטוועגן געטרייסט דערמיט, וואָס טויזנט דאָלאַר איז אַ גאַנץ שיינע מטבע און האָט זיך אַ צופֿרידענער געלאָזן גיין צו אַקערמאַנס הויז. וואָס איז שייך נעל, האָט ער בײַ זיך באַשלאָסן, אַז וועגן די טויזנט דאָלאַר וועט ער איר

גאָרנישט דערציילן; װען פֿרױען דערװיסן זיך נאָר, אַז מען האָט געלט, הערן זײ נישט ביז װאַנען זײ קריגן נישט אַרױס ביזן לעצטן סענט, אָדער זײ צװינגען יענעם אין גאַנצן אױסצוגעבן.

51

נעלן אַקערמאַנס הױז איז געשטאַנען אױף אַ בערגל, אין אַ װאַלד װײַט הינטערן שטאָט. פֿון דער לעצטער טראַמװײ־סטאַנציע איז פּעטער אױסגעקומען צו גײן עטלעכע מײל צופֿוס אין אַ בײַנעדיקער היץ. אַפֿנים, אַז בשעת דער באַנקיר האָט געבױט זײַן הױז, האָט ער זיך גאָרנישט פֿאַרגעשטעלט, אַז עמיצער, װאָס האָט נישט קײן אױטאָמאָביל װעט װעלן קומען צו אים. און פּעטער האָט שױן טאַקע בײַ זיך אַ טראַכט געטאָן, אַז װען אים װעט אױסקומען עפּעטער צו פֿאַרקערן אין די העכערע קרײַזן, װעט ער זיך מוזן פֿאַרשרײַבן אין אױטאָמאָביליסטן־צעך.

דער פּאַרק איז געװען אַרומגעצױמט מיט אַ מוראדיקן בראָנזענעם פּאַרקן, װעלכער איז געװען צען פֿוס די הױך און האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט שפּיצן, װאָס האָבן אױסגעזען זײער נישט גאַסטפֿרײַנטלעך. פּעטער האָט נישט אײן מאָל געלײענט אין „טײַמס" װעגן דעמאָזיקן זעלטענעם פּאַרקאַן: װיפֿל יאַרד ער האָט אין דער לענג, װאָס פֿאַר אַ שפּיצן ער האָט, װיפֿל טױזנטער דאָלאַר ער האָט אָפּגעקאָסט. דער פּאַרק האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ גרױסן בראָנזענעם טױער, אױף אַן אָנגעזעענעם אָרט איז געהאַנגען אַ טאָװל: „היט אײַך פֿאַר די הינט"! הינטערן טױער זענען געגאַנגען הין און צוריק דרײַ מענטשן באַװאָפֿנט מיט ביקסן.

דאָס איז געװען אַ װאַך צוליב דער לעצטער דינאַמיט־פֿאַרשװערונג.

פּעטער האָט דאָס אָבער נישט געװוּסט; ער האָט געמײנט, אַז דאָס איז עפּעס אַ שטענדיקע זאַך און דאָס איז געװען פֿאַר אים אַ מין סימבאָל פֿון דער מוראדיקער װיכטיקײט פֿון דעם מענטשן צו װעמען ער גײט.

ער האָט אַ קװעטש געטאָן דעם קנאָפּ בײַם טױער און עס האָט זיך באַװיזן אַ מענטש. פּעטער האָט לױט די אָנװײַזונגען, װעלכע ער האָט באַקומען געמאָלדן זײַן נאָמען. דער טױער־היטער איז אַװעקגעגאַנגען צו זיך טעלעפֿאָנירן. אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער געקומען צוריק, האָט אָפּגעשלאָסן דעם טױער און אַרײַנגעלאָזט פּעטערן אינעװײניק.

— איר מוזט זיך אָבער לאָזן באַזוכן. האָט ער געזאָגט צו פּעטערן. פּעטער, װעלכער איז שױן אױף זײַן לעבן נישט אײן מאָל געזעסן האָט זיך נישט באַלײדיקט און דאָס איז מער נישט געװען פֿאַר אים װי נאָך אײן איבעריקער באַװײַז פֿון אַקערמאַנס גרױסקײט. די װאַך האָט דורכגעקוקט זײַנע קעשענעס, האָט אים אַרומגעטאַפּט און דערנאָך איז אײנער פֿון זײ אַװעק פֿאַרױס װײַזן פּעטערן דעם װעג. ער האָט אים דורכגעפֿירט דורכן װאַלד, האָט זיך אַרױפֿגעהױבן מיט אים אױף מאַרמאָרנע טרעפּ צום בערגל און איבערגעגעבן אים אַ דינער אַ כינעזער, װעלכער איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק אױף פּילצענע זױלן, אַזױ אַז ס'האָט זיך נישט געהערט, װי ער באַװעגט זיך.

װען פּעטער װײסט נישט, אַז דאָס איז אַ פּריװאַטע הױז, װאָלט ער געמײנט, אַז

ער איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ קונסט־גאַלעריע. מוראדיק גרויסע מאַרמאָרנע זײַלן האָבן זיך געצויגן אין דער הויך. אויף די ווענט זענען געהאַנגען בילדער, וואָס זענען גע־ווען העכער פֿאַר פּעטערן און גאָבעלינען אויף וועלכע עס האָבן אַרומגעטאַנצט פֿערד אין דער נאָרמאַלער גרייס. דערצו זענען נאָך געווען געפּאַנצערטע ריטער, גרויסע העק, מאָנומענטיקע יאַפּאַנישע טיוואַנים און נאָך אַנדערע זעלטענע זאַכן.

אין אַן אַנדער צײַט וואָלט פּעטער מס־תּמא, זײַנע אויגן נישט געקאָנט אָפּרײַסן פֿון דעם אַלעם. עפּעס אַ קלייניקייט איז דאָס געפֿינען זיך אין רעכטן מיטן פֿון אַזאַ מין לוקסוס און קענען זען מיט די אייגענע אויגן, ווי אַזוי אַ גרויסער מיליאָנער באַצירט זײַן הויז? איצט זענען אָבער אַלע געדאַנקען פּעטערס געווען פֿאַר־נומען בלויז דערמיט, וואָס ס'איז אים פֿאַרגעשטאַנען צו טאָן. נעה האָט אים אָנגעזאָגט אויף וואָס ער האָט צו קוקן און דאָס האָט ער געטאָן. ווען ער איז אַרויפֿגעגאַנגען אויף די טרעפּ, באַדעקט מיט סאַמעטענע טעפּיכער, האָט ער דער־זען אַ פּאַראַדנע דינער וועלכן עס האָט זיך געקאָנט באַהאַלטן אַ מענטש און פּונקט אַנטקעגן איז געהאַנגען אַ בילד פֿון אַ שפּאַנישן קאַוואַלער. די צוויי זאַכן האָט זיך פּעטער אָנגעמערקט אויף צו געדענקען.

די זענען דורכגעגאַנגען אַ זאַל און צו־געקומען צו אַ טיר, און וועלכער אַ די־נער האָט אָנגעקלאַפּט. די טיר האָט זיך אויפֿגעעפֿנט און פּעטער איז אַרײַן אין אַ גרויסן האַלב־טונקעלן חדר. דער דינער איז שטיל אַרויסגעגאַנגען און פּעטער איז געבליבן שטיין אַ צעטומלטער און האָט נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל מיט זיך טאָן. טיף אין צימער האָט זיך דערהערט ווי עמיצער הוסט. פּעטער האָט דערזען פֿון ווײַטן אַ בעט פֿון טונקעלן האָלץ, וועלכע איז געווען אַרומגעהאַנגען מיט פֿאָרהאַנגען און אַ פּרוכת. אין בעט איז געזעסן אַ מענטש אָנגעשפּאַרט מיט זײַער אַ סך קישנס. ער האָט אַ צווייטן מאָל אַ הוסט געטאָן און דערנאָך האָט ער מיט אַ שוואַכער שטים געזאָגט: „גייט צו נענטער". פּעטער איז דורכגעגאַנגען דעם צימער און איז געבליבן שטיין מיטן הוט אין האַנט, אַזוי אַ צען טריט ווײַט פֿון בעט. דעם, וואָס איז געזעסן אין בעט האָט ער כמעט נישט געזען, ער האָט גערעכנט, אַז ס'פּאַסט נישט אַזוי אַרײַנ־צוקוקן אים אין די אויגן.

— איר זײַט עס, הייסט עס. (אַ הוסט) ווי רופֿט מען אײַך?

— הירש.

— איר זײַט עס דער מענטש (אַ הוסט), וואָס ווייס אַלץ, וואָס טוט זיך בײַ די רויטע?

— יאָ, מיסטער.

דער מענטש, וואָס איז געזעסן אין בעט האָט אַלע ווײַלע געהוסט, נאָר פּעטער האָט באַמערקט, אַז יעדעס מאָל האָט ער צו מיטן האַנט זײַן מויל ווי ער וואָלט זיך שעמען אָנצומאַכן אַזאַ טומל. ביסלעכווײַז האָבן זיך פּעטערס אויגן צו־געוווינט צו דער טונקלקייט און ער האָט שוין געזען, אַז נעבן אַקעגנאַן איז אַן אַלטער מאַן מיט אַראָפּגעלאָזטע באַקן און מיט אַ פּאָר טונקעלע שאָטנס אונ־טער די אויגן. די האָר זענען בײַ אים געווען אײַנגעגאַנגען אויסגעקראָכן, אויפֿן קאָפּ

האָט ער געטראָגן אַ שוואַרצן, ווײַדענע, אויסגעדאַפּטע קאַפּקע און אויפֿן נאַכטהעמד אַ קורצן געהאַפּטענעם יאַק. נעבן בעט איז געשטאַנען אַ טיש, אויף וועלכן ס׳זײַנען געווען אויסגעשטעלט אָן אַ שיעור פֿלעשלעך און גלעזלעך און פֿון זײַט איז נאָך געשטאַנען אַ טעלעפֿאָן.

אַ פּאָר מינוט פֿלעגט דער טעלעפֿאָן קלינגען און אַקערמאַן פֿלעגט איבעררײַסן זײַן שמועס מיט פּעטערן און רעגולירן וועלכן נישט איז פֿון זײַנע קאָמפּליצירטע געשעפֿטס־ענינים. „איך האָב שוין מײַנע באַדינגונגען געזאָגט“, האָט ער איין מאָל געענטפֿערט און אויפֿגערעגט מער און אַ הוסט געטאָן. פּעטער, וועלכער איז געשטאַנען אַ צוגעשמידטער און האָט נישט דורכגעלאָזן קיין איין באַוועגונג פֿון גרויסן מיליאָנער, האָט באַמערקט, אַז אַקערמאַן איז אויף אַזוי ווײַט איידל, אַז אין טעלעפֿאָן הוסט ער נישט. „ווען איר קענט געבן פֿינף און צוואַנציק טויזנט דאָלאַר אַ קאַנטאָ בין איך מסכים צו וואַרטן, אָבער איין סענט נישט ווייניקער, איר הערט“. דורכגענומען מיט גרויס אימה און יראת־הכבוד, האָט פּעטער פֿאַרשטאַנען, אַז איצט געפֿינט ער זיך אויפֿן סאַמע שפּיץ פֿון אָלימפּ, אַז העכער גיין קען מען שוין נישט. אַז איבער אים איז בלויז דער הימל.

דער אַלטער מאַן האָט אַ קוק געטאָן מיט זײַנע טונקעלע אויגן אויף זײַן באַזוכער.

— ווער האָט געשריבן דעם בריוו? האָט ער שטיל געפֿרעגט.

פּעטער איז געווען צוגעגרייט צו דער פֿראַגע.

— וועלכן בריוו, מיסטער?

— אַ בריוו, אין וועלכן מען שרײַבט מיר, אַז איך מוז זיך מיט אײַך זען.

— איך ווייס וועגן דעם גאָרנישט, מיסטער.

— דערמיט ווילט איר זאָגן (אַ הוסט) אַז נישט איר האָט עס מיר געשיקט דעם אַנאָנימען בריוו?

— ניין, מיסטער.

— ווײַבאַלד אַזוי, האָט עס געמוזט שיקן עמיצער פֿון אײַערע גוטע פֿרײַנט.

— דאָס ווייס איך נישט. עס קען אָבער גרינגער זײַן, אַז דאָס האָט געשריבן עמיצער, וואָס איז אַ שונא פֿון דער פּאָליציי.

— וואָס קען דאָס באַדײַטן, די רויטע האָבן אַ שפּיאָן בײַ מיר אין הויז?

— איז דען דאָס געשטאַנען אין בריוו?

— יאָ.

— דאָס איז אפֿשר אַ ביסל איבערגעטריבן. איך האָב געקלערט, אַז אַזוי מוז דאָס זײַן. מען דאַרף די זאַך ווי געהעריק אויספֿאָרשן.

— איר האָט דאָס אַנטדעקט די פֿאַרשווערונג?

— יאָ, מיסטער.

— זעצט זיך, האָט דער באַנקיר געזאָגט.

נעבן בעט איז געשטאַנען אַ שטול, פּעטער האָט אָבער געקלערט, אַז עס וועט זײַן אַ פּחיתות הכבוד אַוועקצוזעצן זיך אַזוי נאָענט נעבן בעט; ער האָט אָפּגערוקט דעם שטול אַ סך ווײַטער זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן סאַמע ברעג און

האָט נערוועז געדרייט דעם קאַפּעלוש צווישן די פינגער.

— לייגט אַוועק דעם קאַפּעלוש, האָט דער אַלטער געזאָגט, אַביסל אַזוי ווי אויפגערעגט.

פּעטער האָט גלייך אַריק געטאָן דעם קאַפּעלוש אונטערן שטול.

— האָט קיין פאַראיבל נישט, מיסטער.

דער אַלטער פּלוטאָקראַט איז געווען שוואַך און קראַנק. אָבער זיין שׂכל האָט זיין שאַרפקייט נישט פאַרלוירן און דעם אַלטנס טונקעלע אויגן האָבן דורכגעבויערט פּעטערן מיט זייער קלוגן קוק.

פּעטער האָט דאָס געפילט און שטילערהייט ביי זיך געטראַכט: דאָ מוז מען זיין פאָרזיכטיק, דער קלענסטער פעלער קאָן איבערפירן אַלץ.

— דערציילט מיר הורדש, אַלץ, האָט געזאָגט דער אַלטער. ווי אַזוי זייט איר געקומען צו די רויטע? הייבט אָן פון סאַמע אָנהייב.

— איך האָב געזאָגט צו זיך אַליין, האָט פּעטער געענטפערט, איך וויל דערגיין אַלץ, וואָס ס'איז נאָר מעגלעך צו דערגיין פון די דאָזיקע מענטשן. איך בין געגאַנגען אויף זייערע פאַרזאַמלונגען און איך האָב זיך געמאַכט כלומרשט ווי איך וואָלט מיט זיי מסכּים געווען. און איצט קען איך אייך, הער אַקערמאַן, זאָגן — אונזער פּאָליציי שלאָפט. זי ווייס לגמרי נישט, וואָס פאַר אַ זאַכן עס טוען אָפּ די רויטע, וועלכע רעדעס זייערע אַגיטאַטאָרן האַלטן און וואָס פאַר אַ השפּעה זיי האָבן אויף די אומצופרידענע מאַסן.

און פּעטער האָט אָנגעהויבן ברייט צו דערציילן ווי אַזוי עס ווערט געפירט די פּראָפּאַגאַנדע פאַר דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. ווי מען אַגיטירט אָפן פאַר פאַרשווערונגען קעגן געזעץ און אָרדענונג, קעגן פּריוואַט=אייגנטום און אַפילו קעגן לעבן פון די רייכע מענטשן. און בשעת ער האָט אַזוי געהאַלטן אין דערציילן, האָט ער באַמערקט ווי דער אַלטער נעמט אַ גלאָז אין האַנט און ווי זיין האַנט ציטערט אַזוי שטאַרק, אַז דאָס וואַסער גיסט זיך פאַנאַנדער. און ווען דער טעלעפאָן האָט ווידער געקלונגען איז דעם אַלטנס שטים געווען באַפעלעריש און רויק.

— ווי, ענגוס? מען פאַרלאַנגט, אַז די מענטשן זאָלן אַרויסגעלאָזן ווערן אויף ערבות=געלט? דאָס איז אַ געוואַלדיקער חוצפּה! נישטאָ קיין שום ספקות. גייט תיכף צום ריכטער און איבערצייגט זיך צי די מענטשן זענען נאָך אין תפיסה. נאָכדעם האָט דעם אַלטן ווידער אָנגעכאַפּט דער הוסט.

— הערט הורדש, האָט ער גערעדט אַ פאַרקייכטער, דאָס אַלץ ווייס איך שוין פון פריער. איך וויל זיך דערוויסן גענויער וועגן דער פאַרשווערונג קעגן מיר, ווי אַזוי האָט איר זי אַנטדעקט.

פּעטער האָט ווידער אַמאָל דערציילט גאַנץ גענוי די מעשׂה מיט דער פאַרשווערונג, מערנישט דאָס מאָל האָט ער זייער צוגעפּאַסט די ווערטער, וואָס זענען ספּעציעל נוגע געווען אַקערמאַנען. ער האָט געזאָגט, אַז די רויטע הערן נישט אויף צו רעדן וועגן אַקערמאַנען, אַז אויף אים זענען זיי עפּעס גאָר מאַדנע אין כעס.

— אָבער, פאַרוואָס אייגנטלעך? האָט דער אַלטער אַ געשריי געטאָן פאַרוואָס?

— ווייל זיי האַלטן, אַז איר קעמפט קעגן זיי, הער אַקערמאַן.

— דאָס איז אַ ליגן, איך טו דאָס נישט.

— זיי זאָגן, אַז איר האָט געגעבן געלט, כּדי היטלער זאָל פאַרמשפּט ווערן צום טויט. זיי רופן אייך — איר וועט אויף מיר קיין פאַראיבל נישט האָבן, ווען איך וועל דאָס אייך זאָגן.

— ניין, ניין, איר קענט זאָגן.

„דער איבער־טייוול פון די געלט! דער פינאַנץ־קעניג פון אַמעריקען־סיטי".

— קעניג! האָט אַ געשריי געטאָן דער באַנקיר. דאָס איז אַן אומזין, אַ פּלאַפּלעריי פון די צייטונגען. איך בין אַן אָרעמער מענטש. עס זענען דאָ אין שטאָט אפשר אַ פּאָר טויזנט מענטשן, וואָס זענען אַ סך רייכער פון מיר און האָבן אַ סך אַגרעסערע מאַכט. עך.. נאָר דאָ האָט זיך דער אַלטער פאַרהוסט און איז אַוועקגעפאַלן אַן אויסגעשעפּטער אויפן קישן.

פּעטער האָט זיך צו דעם אַלעם צוגעהערט שטיל, מיט יראת־הכּבוד. אָבער געגלייבט האָט ער נישט, צי פיל האָט ער שוין אין זיין לעבן געהאַט צו טאָן מיט מענטשן און נישט דאָס ערשטע מאָל איז אים אויסגעקומען פון זיי אַזעלכע זאַכן צו הערן.

— הערט, הודוש, האָט זיך פון דאָסניי אָפּגערופן דער אַלטער מאַן: איך וויל נישט דערהרגעט ווערן. איר הערט, איך וויל נישט!

— נו, געוויס נישט, נו, וואָס פאַר אַ רייד, האָט פּעטער געענטפערט.

ער האָט זייער גוט פאַרשטאַנען, אַז אַקערמאַן וויל נישט דערהרגעט ווערן, יענער האָט אָבער קענטיק געזאָגט [illegible] נויטיק אים דאָס איבערצוהערן עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד, ווי דאָס וואָלט זיין עפּעס גאָר אַן אויסערגעוויינלעכע נייעס פאַר אים.

— איך וויל נישט דערהרגעט ווערן, הודוש, כ'וויל נישט אומגעבראַכט ווערן פון דער דאָזיקער חברה. מיר מוזן צעשטערן אַלע זייערע פּלענער, מיר מוזן אויסגעפינען אַלע מעגלעכע פאָרזיכטס־מיטלען. אַלע פאָרזיכטס־מיטלען, וואָס קענען נאָר זיין, אַלע אָן אויסנאַם.

— צוליב דעם בין איך דאָך אַהערגעקומען, הער אַקערמאַן, און פּעטער האָט פייערלעך צוגעגעבן: איך וועל טאָן אַלץ, וואָס אין מיינע קרעפטן, מיר וועלן טאָן אַלץ.

— נו, און די פּאָליציי און געהיים־אַגענטור? האָט דער באַנקיר געפרעגט: איר האַלט, אַז די מענטשן זענען נישט זייער אויפן אָרט?

— איך וועל אייך זאָגן, הער אַקערמאַן, האָט זיך פּעטער אָפּגערופן: דאָ איז מיר שוין אַביסל שווערלעך, די מענטשן זענען דאָך מיינע עלטסטע...

— נאַרישקייט! האָט דער צווייטער אַ געשריי געטאָן. איך דינג אייך, איך גיב דאָס געלט און איך וויל וויסן דעם אמת, דעם גאַנצן אמת.

— די מענטשן זענען זיך מיט מיר זייער גוט באַגאַנגען...

— זאָגט מיר אַלץ, האָט דער אַלטער שטרענג באַפוילן. עס איז אים אַפּנים זייער גרינג געווען אַרייַנצוברענגען אין כּעס. און ער האָט נישט גע-

קאָנט פּאַטראַגן, אַז עמיצער זאָל זיך אים אַנטקעגן שטעלן.

— און וואָס זייט איר גורש, הושר די מענטשן?

מיט גרויס הכנעה האָט פּעטער אויף דעם געענטפערט: איך וואָלט אייך, הער אַקערמאַן, זייער אַ סך זאַכן געקאָנט דערציילן, וואָס וואָלטן אייך שטאַרק צוניץ געקומען. איך מוז אָבער ווייסן אויף זיכער, אַז דאָס וועט בלייבן צווישן אונז.

—גוט, האָט זיך דער צווייטער האַסטיק אָפּגערופן, וואָס?

— ווען איר זאָלט עמיצן בלויז איין ווונק טון וועגן דעם, בין איך פאַרלאָרן.

— שרעקט זיך נישט, איר וועט אָן אַ שטעלע נישט בלייבן. פאַרלאָזט זיך אויף מיר, און אויב מ'וועט דאַרפן וועל איך אייך אינגאַנצן נעמען צו זיך, איר וועט ביי מיר פּערזענלעך אַרבעטן.

— איך קאָן אייך גאָרנישט זאָגן, הער אַקערמאַן, וואָס דאָס איז אַזוינס. דאָס איז דאָך אַ מאַשין, מען קאָן נישט לויפן אַנטקעגן דעם, מען מוז זיך צופּאַסן צו איר, באַמיען זיך זי צו פאַרשטיין. איך וואָלט אייך זייער געוואָלט העלפן און איך קאָן דאָס גראָד טון, איר דאַרפט מיר אָבער דערלויבן אויפצוקלערן אייך געוויסע זאַכן און איר דאַרפט זיך באַמיען דאָס צו פאַרשטיין.

— גוט, רעדט ווייטער.

— די לאַגע איז אַזאַ: די פּאָליציי און די געהיים-אַגענטן האָבן גאַנץ גוטע כוונות, זיי באַנעמען אָבער נישט די זאַך ווי ס'באַדאַרף צו זיין. זיי האָבן אַ צו קנאַפּן באַגריף וועגן דעם, וואָס דאָס איז אַזוינס די באַוועגונג, זיי זענען בלויז צוגעוווינט צו האָבן צו טאָן מיט פאַרברעכער, און דער צייט ווען די רויטע זענען גאָר אַלע טפשים. די פאַרברעכער אָבער זענען נישט אָרגאַניזירט און די רויטע זענען יאָ אָרגאַניזירט; קעמפט מען מיט זיי, שלאָגן זיי צוריק. זיי כאַפּן זיך צו זייער פּראָפּאַגאַנדע. און די פּראָפּאַגאַנדע איז זייער אַ געפערלעכע זאַך. דער קלענסטער פעלער און פאַלשער טריט און מען מאַכט די רויטע נאָך שטאַרקער ווי זיי זענען פריער געווען.

— איך פאַרשטיי דאָס, האָט דער אַלטער באַמערקט: נו, איז וואָס?

— די פּאָליציי גיט זיך גאָר נישט אָפּ קיין דין וחשבון ווי געפערלעך די מענטשן זענען און ווען מען זאָגט עס איר, ווילן זי נישט גלויבן. איך האָב שוין פון אַ לענגערער צייט געווּסט, אַז אַ גרופּע רויטע האָט זיך צוזאַמענגעקלערט צו דערהרגענען אַלע גבירים, אַלע גרויסע מענטשן פון לאַנד. זיי שפּאָנירן גוט אויס זייערע קרבנות, גרייטן אַלץ צו און זיי האָבן זייער אַ סך ידיעות. און דערפאַר טאַקע איז מיר אַריינגעפאַלן דער געדאַנק, אַז ביי אייך אין שטוב, הער אַקערמאַן, האָבן די רויטע אַ שפּיאָן.

— זאָגט קלערער, וואָס מיינט איר דערמיט.

— טיילמאָל איז מיר אויסגעקומען אונטערצוכאַפּן שטיקלעך פון אַ שמועס, איינמאָל למשל, האָט מען קאַווי געזאָגט...

—מעק, ווער איז דאָס?

— דאָס איז קאַרמיק, וואָס זיצט איצט אין תפיסה. ער איז דער פירער פון י. וו. וו. און לויט מיין מיינונג איז יעד

דער געבעטלעכסטער פֿון זיי אַרעמען. ער האָט זיך געשושקעט מיט אַ צווייטן אין דאָס, וואָס כ׳איז מיר אויסגעקומען צו הערן איז געווען פּשוט שרעקלעך פֿאַר מיר. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דערהרגענען איינעם אַ רייכן מענטשן. ער האָט געזאָגט, אַז עס האָט זיך אים איינגעגעבן אַ לענגערע צייט נאָכצוקוקן איינעם אַ רייכן מאַן און אַז ביי אים אין שטוב וועט ער אים הרגענען. יענעמס נאָמען האָב איך שוין נישט געהערט, ווייל איך האָב געמוזט אַוועקגיין, כּדי זיי זאָלן נישט באַמערקן, אַז איך הער זיך צו צו זייערע רייד. די הבֿדלה־ליכט פֿאַרציִען זיך מיט גרויס אומצוטרוי צו אַרעמען, דער מעק האָט זיך אַלע מינוט אַרומגעקוקט, צי עס הערט זיך עמיצער נישט צו. איך בין געגאַנגען היין און צוריק איבערן צימער, און ווען מיר איז ווייטער אויסגעקומען פֿאַרבייצוגיין פֿאַרביי מעקן, האָב איך געהערט ווי ער לאַכט און איך האָב אונטערגעכאַפּט אַזעלכע ווערטער: „איך האָב זיך פֿאַרבאַהאַלטן הינטער אַ פֿאָרהאַנג און פּונקט אַנטקעגן מיר אויף אַ וואַנט איז געהאַנגען אַ בילד פֿון אַ שפּאַנישן קאַוואַליר. יעדעס מאָל ווען מיר פֿלעגט זיך אויסקומען אַוועקצושטעלן הינטערן פֿאָרהאַנג און איך פֿלעג דערזען דעם שפּאַניער מיט די אויסגעגלאָטשטע אויגן, פֿלעגט זיך מיר דוכטן, אַז אָט באַלד גיט ער מיר אַרויס".

פֿעטער איז אַנטשוויגן געוואָרן. זיינע אויגן האָבן זיך שוין אונטער דער צייט אינגאַנצן צוגעווינט צו דער טונקלקייט און ער האָט געזען ווי דעם באַנקירס אויגן זענען שיִער פֿון די לעכער נישט אַרויסגעשפּרונגען. „גאָט מיינער!" האָבן זיינע ליפּן געשעפּטשעט צו זיך אַליין.

— דאָס האָב איך געהערט, האָט פֿעטער ווייטער גערעדט. כ׳האָב אָבער נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַדייט. בשעת איך האָב אָבער דערזען חנם פּלאַן, וואָס מעק האָט געמאַכט פֿון אייער הויז, האָב איך תּיכף אַ קלער געטאָן: רבונו של עולם, דאָס וויל ער דעם הער אַקערמאַן דערשיסן.

— גאָט! גאָט! גוטער גאָט! האָט געמורמלט דער אַלטער מאַן. אין זיינע ציטערדיקע פֿינגער האָבן זיך טיף אַריינגעגראָבן אין דער דעקע. חנר טעלעפֿאָן האָט געקלינגען, ער האָט געענטפֿערט, אַז ער איז זייער פֿאַרנומען און געבעטן, אַז מען זאָל אים שפּעטער צוריקרופֿן. דער הוסט איז אים ווידער באַפֿאַלן און פֿעטערן האָט זיך געדוכט, אַז אָט באַלד ווערט ער דערשטיקט, ער האָט אים דערלאַנגט עפּעס אַ מעדיצין. פֿעטערן האָט עס פֿאַרדראָסן, ער האָט זיך גאָרנישט פֿאָרגעשטעלט, אַז עמיצער פֿון די גוטער זאָל זיך קענען געפֿינען אין אַזאַ צושטאַנד. אַ פּנים, אַז די אַלימפער זענען אויך מער נישט ווי מענטשן און פּונקט אַזוי ווי פֿעטער קאָנען זיי נישט אויסמיידן נישט יסורים און נישט דעם טויט.

פֿעטערן האָט אויך שטאַרק געוווּנדערט ווי גרינג דער באַנקיר האָט זיך געלאָזן נאַרן. ער האָט אַפֿילו נישט געפּרוּווט פֿאַרשטעלן פֿאַר פֿעטערן זיין מורא פֿאַר די רויטע. אָבן האָט ער פֿאַר אים אַלץ מודה געווען און האָט זיך דערמיט אינ-

גאַנצן איבערגעגעבן פּעטערן אין די הענט אַריין. פון איצט אָן האָט ער אים געקאָנט „מעלקן" וויפיל זיין האַרץ גלוסט. און זעלבסטפאַרשטענדלעך, איז פּעטער הינטערשטעליק נישט געבליבן. —

— איר זעט דאָך אַליין, הער אַקערמאַן, האָט ער פון דאסניי אָנגעהויבן, צי האָט עס אַזין צו דערציילן דער פּאָליציי אַזעלכע זאַכן. זי פאַרשטייט דאָס להלוטין נישט, קאָן זיך קיין עצה נישט געבן אין אַזעלכע פאַלן. אַז פאַר איר שפּילן די רויטע גאָר קיין ראָלע נישט. זי גיט אויס צען מאָל אַזוי פיל געלט אויף צו כאַפּן אַ געוויינלעכן גנב. אידער דאָרטן כ'ווייס וויפיל רויטע.

— אָבער פונדעסטוועגן, ווי אַזוי האָבן פאָרט די מענטשן זיך געקאָנט אַריינקריגן צו מיר אין הויז?! האָט דער אַלטער זיך נישט געקאָנט באַרויקן.

— אויף דעם, זאָלט איר, הער אַקערמאַן, קיין קשיות נישט פרעגן, ווער קאָן זיך דאָס פאַרשטעלן וואָס זיי זענען מסוגל צו טון. זיי האָבן דאָך אומעטום זייערע אָנהענגער. עס איז גאָר ממש זיך שווער פאָרצושטעלן.. עס זענען דא גלחים, וואָס זענען רויטע, פּראָפעסאָרן פון אוניווערזיטעט, אַפילו אַזעלכע רייכע מענטשן ווי איר אַליין זייט.

— איך ווייס דאָס, איך ווייס, אָבער פאָרט..

— אפשר געפינט זיך גאָר דער פאַררעטער אין אייער אייגענער משפּחה, מען קאָן אַמאָל נישט וויסן.

אַזוי־אַרום האָט פּעטער ביסלעכווייז געגאָסן דעם גיפט פון רויטן טעראָר אין נשמה פון אַלטן מיליאָנער, וועלכער האָט בשום אופן נישט געוואָלט דערהרגעט ווערן, איז ער האָט עס נאָך אַמאָל איבערגעחזרט און דערקלערט פאַרוואָס: פּעטער קאָן זיך גאַרנישט פאַרשטעלן וויפיל מענטשן עס זענען אָפּהענגיק פון אים. אין אַמעריקע סיטי זענען דאָ הונדערט טויזנט מענער, וואָס זענען צוזאַמען מיט זייערע פאַמיליעס אָנגעוויזן בלויז אויף אַקערמאַנען, ווייל בלויז ער קאָן דורכפירן זייערע פּלענער אין לעבן. דערנאָך וויפיל אַלמנות און יתומים עס ווערן דורך אים אויסגעהאַלטן. זיין יעדער באַשלוס איז פאַרבונדן מיט אַ מוראדיקער אחריות. און דער רגע האָט ווידער אַ קלינג געטון דער טעלעפאָן און פּעטער האָט געהערט ווי נעלסאָן אַקערמאַן ענטפערט דער „פאַראייניקטער פאַרזיכערונגס־געזעלשאַפט", אַז דער באַשלוס וועגן די דיווידענטן מוז אָפּגעלייגט ווערן אויף מאָרגן, ווייל ער איז איצט זייער פאַרנומען און ער קאָן נישט אונטערשרייבן די דאָקומענטן. ער האָט אויפגעהאַנגען דאָס טרייבל און האָט זיך ווידער געווענדעט צו פּעטערן:

— איר זעט, איך זאָג אייך, הודדש, מיר טאָרן נישט דערלאָזן, אַז די חברה זאָלן מיך פאַקן.

**53**

איצט איז מען איבערגעגאַנגען צו דער פּראַקטישער זייט פון דער פראַגע. פּעטער האָט אָנגעהויבן אַנטוויקלען זיינע פּלענער, קודם כל, האָט ער געזאָגט, טאָר אַקערמאַן נישט געבן צו פילן, נישט דער פּאָליציי און נישט געפינען, אַז ער איז מיט זיי נישט צופרידן. דאָס איז דער הויפּט־באַדינג. דערנאָך מוז ער

אײַנאָרדענען, אַז פֿון צײַט צו צײַט זאָל פֿעטער קאָנען קומען צו אים און דאַמאָלסט וועלן זײ צוזאַמען באַטראַכטן די מיטלען, וואָס דאַרפֿן אָנגענומען ווערן, כּדי צו פֿאַרהיטן דעם מיסטער אַקערמאַנס לעבן, וואָס איז אַזוי טײַער פֿאַרן כּלל.

די ערשטע אַרבעט אָבער, וואָס מוז שוין דורכגעפֿירט ווערן, איז פֿעסטצושטעלן צי איז טאַקע דאָ אין אַקערמאַנס הויז אַ פֿאַררעטער. אָבער דערצו וואָלט מען געדאַרפֿט האָבן אַ געניטן שפּיאָן, אַן ערשטקלאַסיקן דעטעקטיוו, וועלכן מען וואָלט געדאַרפֿט אויף אַ וועלכן ניט איז אופֿן אַרײַנפֿירן אין שטוב און באַזעצן אים דאָ אויף אַ געוויסע צײַט. דערמיט איז אָבער ניט אַזוי גרינג, ווײַל זײער זעלטן ווען מען קאָן אָנטרעפֿן אויף אַ דעטעקטיוו, וועלכן מען זאָל קאָנען געטרויען. זײ זענען כּמעט אַלע שווינדלער און טאָמער טרעפֿט מען שוין אַמאָל אָן אויף אַן ערלעכן, פֿעלט אים סתּם שׂכל צו אַזאַ מין ענין, און נאָך אַ מניעה, זײער אַן ערנסטע. ס׳איז זײ גרינג צו דערקענען. די רויטע דערקענען תּיכּף וואָס מיר קאָנען נאָר דאַרפֿן, מכּח אַלע ניט.

— אָבער איך האָב אַ פּלאַן, האָט זיך פֿעטער אָפּגערופֿן נאָך אַ פּאָר מינוט טראַכטן. איך האָב אַ פֿרוי, איז דאָס אַן אמתער אוצר פֿאַר אונדז. און ווען איך קאָן לכל הפּחות אויף אַ פּאָר טעג האָבן דאָ עדות, ווייסן מיר דאַמאָלסט אַלץ, וואָס מיר קאָנען נאָר דאַרפֿן, מכּח אַלע אײַערע שטוב־מענטשן, קרובים און דינערשאַפֿט.

— וואָס איז זי לויט איר פֿאַך, אַ דעטעקטיווין?

— ניין, דאָס גראָד ניט. זי איז גאָר געווען אַ שוישפּילערין, ערשט יום־טעג, אפֿשר האָט איר זי אַמאָל געזען אויף דער בינע?

— ניין, אין טעאַטער גײ איך ניט. איך בין צו פֿיל פֿאַרנומען.

— כ׳פֿאַרשטײ דאָס גאַנץ גוט, האָט זיך פֿעטער אָפּגערופֿן: איך ווייס אָבער ניט צי זי וועט זיך דאָס וועלן אונטערנעמען. זי איז זײער ניט צופֿרידן, וואָס איך דריי זיך אַרום בײַ די רויטע, זי האָט מיר שוין לאַנג געזאָגט, איך זאָל דערמיט אַ סוף מאַכן. איך קלער אָבער, אַז ווען איך וועל איר דערציילן די געשיכטע, וועט זי זיכער מסכּים זײַן.

ווי אַזוי זאָל אָבער פֿעטערס פֿרוי אַרײַנגעפֿירט ווערן אין אַקערמאַנס הויז און דאָס זאָל קיין חשד ניט אַרויסרופֿן? פֿעטער האָט געשטעלט די דאָזיקע פֿראַגע און האָט גלײַכצײַטיק אָנגעוויזן אויף דעם, אַז זײַן פֿרוי איז אַ צו פֿײַנע דאַמע, און ווי אַ דינסט קאָן זי ניט אָנקומען. אויף דעם האָט אים אַקערמאַן געענטפֿערט, אַז ער ווייסט בכלל ניט, ווי מע וועט דאָס דורכפֿירן, ווײַל ער פּערזענלעך פֿאַרנעמט זיך ניט מיטן אַנגאַזשירן מענטשן. און בלי שום ספֿק וואָלט מען זיך זײער געוווּנדערט ווען ער וואָלט עס פּלוצלינג געטאָן, נאָר עס וואָלט אפֿשר געקאָנט זײַן אַזאַ מין אויסוועג. צו אים קומט אָפֿטמאָל זײַנע אַ פּלימעניצע, באַלד דאַרף זי דאָ גראָד זײַן, אפֿשר וואָלט ער זי אויף אַ געוויסע צײַט פֿאַרבעטן צו זיך און זי וואָלט שוין

געקאָנט מיטברענגען עדיט יוסטעק ווי אירע אַ סיברעטין. פעטער האָט געזאָגט, אַז דאָס געפעלט אים, אַז אין דער ראָלע וואָלט עדיט זייער גוט געווען, ווייל זי האָט איר שוין נישט איינמאָל דערגעפירט אויף דער בינע. דער אַקערמאַן האָט צוגעזאָגט זיך דערכצוריידן מכח דעם מיט זיין פלימעניצע און זאָל שוין טאַקע היינט נאָכמיטאָג עדיט וואַרטן אויף איר אין האָטעל דע סאָטאָ.

נאָכדעם ווי דערמיט איז פאַרענדיקט געוואָרן, האָט דער באַנקיר נאָך אַ מאָל אונטערגעשטראָכן, אַז פון זייער שמועס וועט קיין מענטש נישט וויסן, אַ חוץ פאַרשטייט זיך, דער פלימעניצע זיינער, וואָס איר מוז ער דאָך ווי נישט איז אַריינציען אין דעם. פעטער האָט זיך אַ פּני ם דערמיט נישט באַפרידיקט און ער האָט נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט, אַז די זאַך מוז פאַרבלייבן בסוד, אַז נישט די פאָליציי, נישט קיינער פון די שטוב-מענטשן און אַפילו נישט דער פערזענליכער סעקרעטאַר אַקערמאַנס, טאָרן נישט וויסן קיין איין איינציק וואָרט פון דעם, וואָס זיי האָבן ביידע גערעדט. דער באַנקיר האָט דאָס אים צוגעזאָגט און דערביי נאָך אַ מאָל אַרויסגעזאָגט דעם געדאַנק, וועלכער איז אַ פּנים געווען פאַר אים דער וויכטיקסטער אין דער וועלט: „איך וויל נישט דערהרגעט ווערן. איר הערט, הגדוש איך זאָג אייך: איך וויל נישט דערהרגעט ווערן!" פעטער האָט געשוואוירן, אַז פון היינט אָן וועט ער, ווי ווייט נאָר עס וועט מעגלעך זיין, נישט דערלאָזן קיין איין וואָרט פון די רויטע, אויב דאָס וועט נאָר האָבן די קלענסטע שייכות צו אַקערמאַנען.

אַזוי ווי פעטער האָט זיך שוין געגרייט צום אַוועקגיין, האָט אַקערמאַן אַריינגעשטעקט זיין ציטערדיקע האַנט אין קעשענע און אַרויסגעצויגן פון דאָרטן אַ קנאַקעדיקן באַנקנאָט. ער האָט עס פאַנאַנדערגעוויקלט און פעטער האָט געזען, אַז דאָס איז 500 דאָלאַר, פרישינקע, נייע אָקאָרשט פון נאַציאָנאַל-באַנק פון אַמעריקען-סיטי, ווו אַקערמאַן איז געווען איינער פון די דירעקטאָרן.

— נאָט אייך, הגדוש, דאָס איז אַ קליינע מתנה פאַר אייך, האָט דער אַלטער מאַן געזאָגט, איר זאָלט וויסן זיין, אַז קוים וועט זיך אייך נאָך איינגעבן צו באַרהיטן מיך פון די גזלנים וועט אייך גאָר נישט פעלן. פון היינט אָן רעכענט איר זיך ווי מיינער אַן אָנגעשטעלטער.

— יאָ, מיסטער, האָט פעטער געענטפערט. איך דאַנק אייך, מיסטער. ער האָט אַריינגערוקט דעם 500-טער אין קעשענע און האָט זיך גענומען רוקן אויף הינטן צום טיר צו, די גאַנצע צייט שאָקלענדי קמיטן קאָפּ.

— איר האָט אייער הוט פאַרגעסן, האָט זיך דער באַנקיר אָפּגערופן.

— יאָ, אמת טאַקע, האָט פעטער געזאָגט אַ צעטומלטער, איז צוגעגאַנגען האָט גענומען דעם קאַפּעליוש און האָט זיך ווייטער גענומען רוקן אויף הינטן צום טיר.

— פאַרגעסט נישט, הגדוש, האָט דער אַלטער אים נאָכגעשריען: „איך וויל נישט

דערהרגעט ווערן. איך וויל נישט, אז זיי זאלן מיך פאקן".

## 54

מיט דאסטיקע טריט איז פעטער געלאפן צוריק אין שטאט אריין. נאר פלוצלינג האט ער זיך אפגעשטעלט אין מיטן לויפן, האט אן עפן געטון א טיר און איז אריינגעגאנגען. דאס איז ער אריין צו א געמיינעם — צו א בערמאנען אין באנק אויסטוישן זיינע 500 דאלאר. דער קאסירער האט אפילו גאנץ שטרענג א קוק געטון אויף אים, נאר פונדעסטוועגן האט ער אים ארויסגעלייגט פון יענער זייט פענסטערל פינף איינציקע הונדערטער. דריי פון זיי האט פעטער גלייך באהאלטן אין א הינטערשטער קעשענע און די איבעריקע צוויי האט ער שוין אריינגעלייגט פון אויבן אויף אין טייסטער און האט זיך ווייטער מיט אימפעט געלאזן אין וועג. ער איז געלאפן אויפזוכן נעל.

ענדלעך האט ער זי געפונען. מיט א פארכאפטן אטעם האט פעטער דערציילט פאר איר אלץ, וואס ס'איז פארגעקומען צווישן אים און באנקיר און האט איר איבערגעגעבן, ווי זי האט זיך צו טרעפן מיט אהערמאנס קרובה. אבער פאר איר איז דאס נאך אפנים געווען א ביסל צו ווייניק. „וויפיל האט ער דיר געגעבן?" איז געווען איר ערשטע פראגע. און בשעת פעטער האט איר געוויזן די צוויי הונדערטער, האט זי זיך אפגערופן: „א, ס'ארא אן אלטער קמצן דאס איז!"

— ער האט געזאגט, אז איך וועל נאך קריגן שפעטער נאך געלט.

— נו, יא, ער זאגט, וואס ארט עס אים. „צוזאגן און ליב האבן קאסט קיין געלט נישט". מיר וועלן זיך מוזן נעמען צום עסק א ביסל פעטער. גיב מיר דערווייל דאס, וואס דו האסט, איך וועל באהאלטן.

— אייגנטלעך, דארף איך האבן לכל הפחות א ביסל דערפון אויף אייגענע הוצאות!

— דו האסט דאך דיינע שכירות.

— יא, אבער פונדעסטוועגן..

— וועסט אויסקומען אן דעם. גיב אהער איך וועל עס באהאלטן פאר דיר. עס וועט קומען א צייט, ווען דו וועסט עס דארפן האבן, וועסטו זיין זייער צופרידן, וואס דאס איז געלעגן ביי מיר. וואס פארשטייט, איר מאנסבילן, ווי אפצושפארן א גראשן? אין דעם זין זענען מיר, פרויען, שוין מער פראקטיש פאר אייך.

פעטער האט זיך געפרווט צו דינגען מיט איר. ער האט אבער באלד איינגעזען, אז ס'איז א גאנץ שווערער ענין, א סך שווערער ווי מיט גיינייען. און וואס איז דער הדוש: אירע אויגן האבן אזוי צארט געקאנט קוקן און פעטער איז דאך דערווייל געווען מער נישט ווי א בשר ודם.. דער מארד האט זי דאס גענומען מישן און ער האט שוין וועגן קיין זאך נישט געקלערט, אויטאמאטיש האט ער ארויסגעשלעפט פון קעשענע זיינע צוויי הונדערטערס און האט זיי איר דערלאנגט. זי האט אזא ליבן שמייכל געטון, אז פעטער האט שוין געוואגט צו זאגן:

— איצט, נעל, ביסטו דאך שוין מיין פרוי.

— יא, יא, האט זי צוגעשאקלט מיט קאפ. מער נישט מיר מוזן זען, וואס

גיכער פטור צו ווערן פון טעך גראטעווס. איך האב אזוי פיל צרות פון אים. ער לאזט מיך נישט א פויף אטריט, און ס'איז גארנישט אזא געשמאקער מאכל יעדעס מאל, ווען מען דארף ארויסזיין זוכן תירוצים.

— נו, אדרבא, זאג, ווי אזוי וואלטן מיר טאקע געקאנט פון אים פטור ווערן? האט זיך פעטער אנגעכאפט אן אירע דייד.

— עס איז טאקע זייער שווער, מיר וועלן מוזן אנטלויפן, האט דאס מיידל געענטפערט. גלייך ווי אונזער עסק וועט זיך ענדיקן, מוזן מיר אפציען..

— הייסט עס, ווייטער ווארטן? האט פעטער געקרעכצט.

דאס מיידל האט זיך פאנאנדערגעלאכט: נו, וואס קאן מען זיך העלפן. דערפאר וועסטו זען, ווי גוט עס וועט זיין. דאס מאל וועלן מיר שוין פון אהערמאנען ארויסברענגען א ריכטיקע מטבע. אויף אונזער גאנץ לעבן וועלן מיר שוין זיין פארזארגט. דאמאלסט וועלן מיר שוין נעלם ווערן אז קיין האן וועט נישט קרייען. האב נאר געדולד. רעד איצט נישט וועגן ליבע, איך בעט דיר. מיין קאפ איז מיר אזוי פול מיט כל ערליי פלענער, אז איך קאן גארנישט טראכטן וועגן אזעלכע זאכן.

פעטער האט זיך אינטערגעגעבן. זיי האבן זיך געזעגנט און זענען זיך פאנאנדערגעגאנגען אין פארשיידענע זייטן. זי אהין אין איר וועלט, פעטער — צו גוייען אין „אמעריקען־הויז”. „זיי נאר שטייף ביי זיך”, האט אים נעך אנגעזאגט פארן אוועקגיין. דאס איז אבער א סך גרינגער געווען צו זאגן, אידער צו טון. פעטער איז קוים אריבערגעקראכן ארויס פון גוייים הענט, אזוי האט ער אים געמאטערט און געפייניקט און שיעור די עצמות פון אים נישט ארויסגעצויגן צוזאמען מיט די ידיעות, וואס ער האט געוואלט פון אים באקומען. פעטער אבער האט אויסגעהאלטן. ער האט געזאגט, אז ער איז געווען זייער לאיאל, אז ער האט אהערמאנען, פונקט אזוי ווי פריער געפפין אין גויייען געזאגט בלויז דעם אמת. און דערצו האט ער נאך צוגעגעבן, אז די פאליציי באציט זיך זייער אויפמערקזאם און אז גיפפים אגענטן האלטן ביים אויפדעקן אדעם רויטע.

— וואס האט ער געוואלט, זאלט איר טון פאר אים? האט געפרעגט דער מענטש מיטן פנים פון א שטשור.

— ער האט בלויז געוואלט זיין זיכער, אז מען האט פון אים נישט באהאלטן קיין שום וויכטיקע זאכן. ווייטער האב איך אים געמוזט צוזאגן, אז איך וועל אים געבן צו וויסן, אלץ וואס איך וועל זיך דערוויסן מכח 1דער פארשווערונג קעגן אים. איך האב אים נאטירלעך געמוזט צוזאגן, אז מיר וועלן אי סוועגן אלץ באצייטנס געבן צו וויסן.

— איר וועט זיין ביי אים נאך אמאל?

— מיר האבן וועגן דעם נישט אפגערעדט.

— אייער אדרעס האט ער זיך פארשריבן?

— ניין, ווען ער וועט מיך וועלן זען, וועט ער געבן צו וויסן דורך אייך.

— גוט. געלט האט ער אייך געגעבן?

— יא, צוויי הונדערט דאלאר, און ער

האָט געזאָגט, אַז מיר װעלן אַרבעטן פֿאַר אים װי ס'באַדאַרף צו זײַן װעט ער געבן נאָך. ער האָט דאָס עטלעכע מאָל איבערגעחזרט. ער איז קראַנק און איבערגעשראָקן אויף טויט.

ענדלעך האָט זיך גוני באַרויִקט, באַדאַנקט פּעטערן פֿאַר זײַן טרײַקײט און צוגעטראָטן אים געבן נײַע אינסטרוקציעס.

די רויטע האָבן אויפֿגעהויבן אַ שרעקלעכן טומל. ענדריוסן איז פֿאָרט געלונגען זיך צו זען מיט די אַרעסטירטע. זײ טענהן אַלע אין איין קול, אַז דאָס איז אַן אײַנגעשטעלטע זאַך. איצט קלײַבן זיך די רויטע פֿאַנאַנדערצושיקן װעגן דעם צירקולאַרן אין אַלע שטאַטן, צו אַלע זײערע חברים, זײ װילן אויפֿקלערן די פֿאַקטישע זײַט פֿון דער לאַגע און אָנהויבן קלײַבן געלט אויף דער פֿאַרטיידיקונג.

די זאַך װערט געפֿירט שטאַרק בסוד, און גוני דאַרף װיסן ערשטנס פֿון װאַנען זײ קריגן דאָס געלט, און דערנאָך איז זײער נייטיק צו האָבן אַ קאָפּיע פֿון צירקולאַר און גענוי זיך צו דערװיסן, װען ער װעט אַרויסגעשיקט װערן. געפּפּו האָט שוין געפֿירט אונטערהאַנדלונגען מיט די אויטאָריטעטן פֿון פּאָסט־פּאַרקער — די צירקולאַרן װעלן קאָנפֿיסקירט װערן, די רויטע נאַטירלעך װעלן דאָס נישט װיסן.

פּעטער האָט זיך ממש געריבן די הענט פֿון שמחה. אַזוי דאַרף זײַן, דאָס געפֿעלט אים. דאָס הייסט, געטאָן עפּעס קעגן די פֿאַרברעכער. דער מענטש מיטן פּנים פֿון אַ שטשור האָט אים געזאָגט, אַז דאָס איז נאָך גאָרנישט. ער װעט שוין זען, װאָס עס װעט זיך טאָן אין עטלעכע טעג אַרום. זאָל נאָר פּעטער בלײַבן בײַ דער אַרבעט. איצט, בשעת דער עולם איז אַזוי אויפֿגערעגט צוליב דער באָמבע־פֿאַרשװערונג, איז געקומען די צײַט פֿון מעשים.

## 55

פּעטער איז געפֿאָרן צו מרים יאַנקאָװיטש. אויפֿן װעג האָט ער זיך געקויפֿט אַ „טײַמס“. די שרײַבער פֿון דער דאָזיקער צײַטונג האָבן באמת אויפֿגעהויבן אַ מוראַדיקע העץ־קאַמפּאַניע קעגן די רויטע. װי נעל האָט ריכטיק פֿאַרויסגעזען, זענען איבערגעדרוקט געװאָרן גאַנצע קאַפּיטלען פֿון בוך װעגן סאַבאָטאַזש. און מיט מוראדיקע גרויסע, פֿעטע אותיות איז מען װעגן דעם מודיע געװען דעם עולם. די צײַטונג האָט אויך געבראַכט אַ בילד „קאָרמיק אין תּפֿיסה“. קענטיק, אַז ער האָט זיך עטלעכע טעג נישט ראַזירט און איז נאָך מסתּמא געװען נישט גאָר גוט געשטימט אויך בשעת מען האָט אים פֿאָטאָגראַפֿירט, אַזוי אַז ער האָט אויסגעזען זײער װילד און עס איז נישט שװער געװען צו דערשרעקן מיט אים מענטשן. און פּעטערס מײנונג, אַז מעק איז געװען דער געפֿערלעכסטער פֿון אַלע רויטע, האָט זיך פֿאַרשטאַרקט.

שפּאַלט נאָך שפּאַלט, איז די גאַנצע צײַטונג פֿאַרפֿילט געװאָרן מיט דעם לעצטן פֿאַל, װעלכן די שרײַבערס האָבן קונציק צונויפֿגעבונדן מיט אַלע הריגות און אַטענטאַטן אין דער געשיכטע פֿון אַמעריקע און מיט דײַטשע שפּיאָנאַזש־באַשװערונגען. בײַ אונדז אין לאַנד האָט די צײַטונג געשריבן, געפֿינט זיך אַ מוראדיק גרויסע אָרגאַניזאַציע פֿון מערדער, װעלכע פֿאַרמאָגט הונדערטער צײַטונגען און

האָט מיליאָנען לעווער און דאָס אַלץ ווערט אויסגעהאַלטן פֿאַר דײַטשע געלט. דער לייט־אַרטיקל האָט אויפֿגעפֿאָדערט די בירגער ענדלעך אויפֿצוהייבן זיך און איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל אַ סוף צו מאַכן מיט דער רויטער מגפֿה. פּעטער האָט דאָס אַלץ געלייענט, און ווי יעדער גוטער אַמעריקאַנער, האָט ער געגלייבט יעדן וואָרט וואָס איז געווען געדרוקט אין זײַן צײַטונג און איז געזעסן אַ צעקאָכטער פֿון כּעס אויף די רויטע.

מרים יאַנקאָוויטש איז אין שטוב נישט געווען. די מוטער איריע איז אַרומגעגאַנגען ווייער אַ צעקלעמטע. זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז מען האָט אין תּפֿיסה געפּײַניקט די אַרעסטירטע. מרים איז דאָס אַוועקגעלאָפֿן אין ביוראָ פֿון „פֿאָלקס־ראַט" כּדי צו ווירקן אויף די ראַדיקאַלן, אַז מען זאָל תּיכּף זען עפּעס וואָס צו טאָן וועגן דעם.

פּעטער איז אויך אַוועק אַהין. דאָרטן האָט ער שוין געפֿונען אַ מענטשן 25, רויטע און פּאַציפֿיסטן, וועלכע זענען אַלע שיער נישט משוגע געווען פֿון אויפֿרעגונג. מרים איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן צימער און האָט נערוועז געבראָכן מיט די הענט; זי האָט אויסגעזען ווי זי וואָלט אַ גאַנצן טאָג געוויינט. אין פּעטערן איז אַרײַנגעפֿאַלן אין קאָפּ, אַז מרים מיט מעקן מוזן זיך ליבן איינע די אַנדערע. ער האָט געפֿרעגט בײַ איר, וואָס ס'איז געווען. זי האָט אים דערציילט אַז מעקן האָט מען אַרײַנגעוואָרפֿן אין „לאָך" און אַז הענדערסאָנען האָט מען נאָכן פֿאַרהער אַוועקגעפֿירט אין שפּיטאָל.

דאָס מיידל האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף פֿאַרשיידענע פּרטים, וועלכע זענען איר פֿון דאָרטן איבערגעגעבן געוואָרן. פּעטערן האָט געשוידערט, ער האָט נאָך גוט געדענקט דעם טעם פֿון פֿאַרהער פֿון „דריטן גראַד". ער האָט זיך אָבער נישט געפּרוּווט זי צו באַרויִקן, פֿאַרקערט ער איז געגאַנגען מיט איר צוזאַמען הין און צוריק איבערן צימער און האָט איר געשילדערט וואָס אַ מענטש שפּירט בעת מעשה, ווען מען דרייט אים אויס זײַנע פֿינגער אויף הינטן, ווען מען ברעכט אים זײַן האַנט. ער האָט אויך דערציילט ווי נאַס און שרעקלעך אין „לאָך" איז. מיט זײַן דערציילן האָט ער געהאַפּט אַרויסצוברענגען פֿון געדולד די רויטע און אַוויאַזום אפֿשר ווירקן אויף זיי, אַז זיי זאָלן טאָן דאָס, וואָס ג׳ווניי האָט געוואָלט. אין פֿאַרוואָס זאָל מען טאַקע נישט באַפֿאַלן די תּפֿיסה און נישט באַפֿרייען די אַרעסטירטע.

אַראָ רוט האָט געזאָגט, אַז דאָס וואָלט געווען אַן אומזין. מען וואָלט אפֿשר געדאַרפֿט נעמען פֿענער און גיין איבער די גאַסן און פּראָטעסטירן קעגן פּײַניקן מענטשן, וועלכע זענען אין קיין שום זאַך נישט שולדיק. די פּאָליציי וועט זיכער איבערפֿאַלן די דעמאָנסטראַנטן, דער המון וועט, מסתּמא נאָכטון איר בײַשפּיל, מען וועט אפֿשר עטלעכע פֿון אונדז אויף שטיקער צערײַסן, אָבער מען קען נישט שווײַגן, עפּעס מוז געשען. דאָנאַלד גאָרדאָן ווידער האָט געזאָגט, אַז דאָס וועט בלויז שטערן דער אַגיטאַציע. וואָס מען וואָלט יאָ געמוזט טאָן איז — דאָס אָרגאַניזירן אַ שטרייק. מען דאַרף אַוועקשיקן דעפּעשן אין די סאָציאַליסטישע צײַטונגען,

מען דאַרף זען צונויפֿקלײַבן געלט און אין משך פֿון דרײַ טעג צוזאַמענצורופֿן אַ גרויסן מאַסן־מיטינג, ווענדן זיך צו אַלע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿאַראײנען און זען, אפֿשר וועט מעגלעך זײַן צו אָרגאַניזירן אַ גענעראַל־שטרייק.

פּעטער איז אַוועק פֿון דאָרטן אַ ביסל אַן ענטוישטער. זײַנע פֿאָרשלאָגן זענען נישט אָנגענומען געוואָרן. ער איז געגאַנגען באַריכטן וועגן דעם גיווניען. צו זײַן גרויס חידוש איז אָבער גיווניי דערפֿון גאָרנישט געווען צעטראָגן. ער האָט געזאָגט, אַז אַלץ גייט ווײַטער גוט און ער האָט שוין אַ פּלאַן ווי אַזוי פֿאַרטיק צו ווערן מיט דער חברה. דערנאָך האָט ער פּעטערן דערציילט גאָר אַ מאָדנע מעשׂה.

פּעטער האָט די גאַנצע צײַט גערײַנגט וועגן די דײַטשע שפּיאָנען. ער האָט זיך אָבער דערצו קיין מאָל ערנסט נישט באַציִען; די מלחמה האָט זיך שוין געצויגן אַ לאַנגע צײַט, פּעטער האָט נאָך קיין איין מאָל נישט געזען קיין דײַטש גאָלד, וועגן וועלכע מען האָט אַזוי פֿיל גערעדט. די רויטע זעגלען געווען זייער אָרים, יעדערער פֿלעגט זיך מוזן אָפּזאָגן פֿון דאָס נויטיקסטע, כּדי צו געבן אַ ביסל געלט אויף אַגיטאַציע־צוועקן. איצט אָבער האָט אים גיווניי גאַנץ ערנסט געזאָגט, אַז אין אַמעריקען־סיטי געפֿינט זיך דעם קײַזערס אַן אַגענט: די רעגירונג האָט אים שוין כּמעט אין אירע הענט. גיווניי ווייס אָבער, אַז אײדער דער אַגענט וועט אַרעסטירט ווערן, זאָל מען נאָך אַרויסקריגן בײַ אים געלט אויף דער אַרבעטער־באַוועגונג.

עס איז איבעריק געווען אויפֿצווײַזן פּעטערן ווי ווײַט וויכטיק דאָס איז געווען. קוים וועלן די רעגירונגס־אויטאָריטעטן קענען דערווײַזן, אַז די אַגיטאַציע פֿאַר קאָרמיקן און די איבעריקע אַרעסטירטע ווערט געפֿירט פֿאַר דײַטש געלט, וועלן דאַמאָלט פֿאַרעכטיקט ווערן אַלע מיטלען, וואָס וועלן קענען זיי אָנגענומען ווערן. אפֿשר קען פּעטער אָנווײַזן גיווניען אַ דײַטשן סאָציאַליסט, וועלכער וואָלט זיך געלאָזן איבעררײדן אַרײַנצוגיין אין אונטערהאַנדלונגען מיטן דײַטשן אַגענט און זען אַרויסצוקריגן בײַ אים געלט אויף אַ גענעראַל־שטרייק אין אַמעריקע־סיטי? ס'ווערן גראָד איצט אַוועקגעשטעלט עטלעכע פֿאַבריקען אויף אויסצואַרבעטן אַמוניציע און אַן אַלגעמיינער שטרייק וואָלט זייער צונויץ געקומען דעם שונא. בשעתן היבער־פּראָצעס האָבן געפּפּים מענטשן זייער אַ סך געטון וועגן דעם, אַז דײַטשן זאָלן געבן געלט אויף דער פֿאַרטיידיקונג. דאָס האָט זיך זיי אָבער בשום אופֿן נישט אײַנגעגעבן; איצט איז אָבער דאָ אַ סך אַ בעסערע געלעגנהייט.

פּעטער האָט זיך דערמאָנט אין איינעם אַ חבֿר אַ פּעפּער, וועלכער איז געווען איינער פֿון די ראַדיקאַליסטישע סאָציאַליסטן און דערצו נאָך, ווי דאָס רובֿ די דײַטשן, זייער אַ היסער פּאַציפֿיסט. אַ פּעפּער האָט געאַרבעט אין אַ בעקערײַ, זײַן פּנים איז תּמיד געווען אײַנגעשמירט אין מעל און ווײַס ווי דער טייג, וועלכן ער האָט געקנאָטן. ער פֿלעגט אָבער ווערן רויט ווי צונטער, ווען ער פֿלעגט אָנהייבן צו באַשולדיקן די סאָציאַל־פּאַטריאָטן, אַז זיי ווילן איבערגעבן ענגלאַנד די הערשאַפֿט איבער דער וועלט. גיווניי האָט געזאָג־

אַז ער שיקט תיכף אַ מענטשן צו אַפּסעלן און יענער וועט זען צו ווירקן אויף אים, אַז ער זאָל זיך פֿאַרבינדן מיטן קייזערס אַגענט. פּעטער האָט אַליין געוואָלט גיין, דער מענטש מיטן פּנים פֿון אַ שטשור, האָט עס אָבער נישט דערלויבט; פּעטער איז אַ צו וויכטיקער מענטש. מען טאָר נישט ריזיקירן מיט אים אויף אַזאַ מין זאַך. ביי אַפּסעלן קען זיך דאָך נאָכאַמאָל דערוועקן אַ חשד.

56

פֿון נעל האָט פּעטער באַקומען אַ קורצן בריוו, אין וועלכן זי איז אים מודיע, אַז זי איז שוין אָנגעקומען אויף איר נייער שטעלע און אַז אין גיכן וועט זי אים ווידער שרייבן. אַ צופֿרידענער איז פּעטער אַוועקגעגאַנגען צו זיין אַרבעט.

הגם מצד דער רעגירונג איז אַלץ געטאָן געוואָרן, כדי צו שטערן די סאָציאַליסטן אין זייער טעטיקייט, האָבן זיי פֿונדעסטוועגן אַוועקגעשטעלט זייער אַ ברייטע אַרבעט און געהאַט אַ מוראדיקן ערפֿאָלג. ממש ווי דורך אַ כישוף-מאַכט פֿלעגן זיך אויף יעדער פֿאַרזאַמלונג באַווייזן גאַנצע פּעק בלעטלעך, וועלכע פֿלעגן פֿאַנאַנדערגעטיילט און פֿאַרשפּרייט ווערן נאָך איידער די פּאָליציי פֿלעגט קומען. נישט ערגער איז געווען אַוועקגעשטעלט די מינדלעכע אַגיטאַציע. אין די אָוונטן פֿלעגן אויף די אַרבעטער-טריבונעס איינע נאָך די אַנדערע הייזעריק ווערן רעדנער, דערציילנדיק וועגן דעם פֿאַר קאַרמיל. אין אַ היין דעם אַרעם האָט זיך נאָך אין דער „אין סענט צייטונג" פֿון אַמעריקען-סיטי וועלכע פֿלעגט זיך תמיד חבֿרן מיט די אַרבעטער, געווען געדרוקט אַן אַרטיקל, אין וועלכן עס איז באַוויזן געוואָרן מיט כּלערליי פּרטים, אַז די גאַנצע פֿאַרשווערונג איז אַן אונטערגעשטעלטע זאַך, און דערצו נאָך האָבן זיך די רויטע דערוויסט, אַז זייערע בריוו ווערן אויפֿגעעפֿנט און נישט אַוועקגעשיקט לויטן אַדרעס און זיי האָבן געמאַכט אַ שרעקלעכן טומל, זיי האָבן געטענהט, אַז דאָ גייט, וועגן פֿרייהייט פֿון וואָרט.

אין דעם אָוונט האָט געזאָלט פֿאָרקומען דער מאַסן-מיטינג. דער לייט-אַרטיקל אין „טיימס" האָט מיט גרויס אויפֿרעגונג געפֿאָדערט פֿון דער מאַכט, אַז די פֿאַרזאַמלונג זאָל פֿאַרבאָטן ווערן. פֿאַרענדיקט האָט זיך דער אַרטיקל מיט די ווערטער: „נידער מיט דער רויטער פֿאָן". ווען פּעטער האָט אים איבערגעלייענט, איז פֿאַר אים געווען קלאָר, אַז נאָך אַזאַ אַרטיקל וועט קיין שום בלוט-ריינער, הונדערט-פּראָצענטיקער אַמעריקאַנער נישט קענען בלייבן שטיין מיט צונויפֿגעלייגטע הענט. ער וועט מוזן איבערגיין צו מעשׂים.

דעם דאָזיקן געדאַנק האָט פּעטער אַרויסגעזאָגט פֿאַר גיווניי, ווען ער האָט זיך שפּעטער באַגעגנט מיט אים. גיווניי האָט אים אויף דעם געענטפֿערט: „דאַרפֿסט נישט, מיר וועלן שוין עפּעס טאָן. האָסט נאָר אַ ביסעלע געדולד". און גיווניי האָט אַפּנים נישט גערעדט אומזיסט. נאָך מיטאָג האָט זיך אין די צייטונגען באַוויזן אַ ידיעה, אַז דער בירגערמייסטער פֿון אַמעריקען-סיטי האָט געשיקט אָנזאָגן די אייגנטימער פֿון זאַל, ווו דער מיטינג האָט געזאָלט פֿאָרקומען, אַז זיי וועלן טראָגן די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר אַלע אויפֿהעצערישע, רעוואָלוציאָנערע אויסרופֿן,,

וואָס עס וועלן געמאַכט ווערן בשעת דער פֿאַרזאַמלונג. אַחוץ דעם איז פֿאַרבאָטן געוואָרן די בירגער צו קלייבן זיך אויפֿן גאַס. און עס איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז פּאָליצײ וועט זיך געפֿינען אויפֿן אָרט, כּדי צו שיצן דעם געזעץ און די אָרדענונג.

נאָך אַזאַ התראה האָבן זיך די אייגנטימער פֿון זאַל אָנגעהויבן צו וואַקלען, צי זאָלן זיי אים פֿאַרדינגען. פּעטער איז אַוועקגעלאָפֿן אין ביוראָ פֿון „פֿאָלקס־ראַט". דאָרטן איז געווען אַ גוואַלדיקע מהומה. די סאָציאַליסטן האָבן בשום אופֿן נישט געקאָנט קריגן קיין אַנדער זאַל אויף אַ פֿאַרזאַמלונג. פּעטער האָט זיך צוגעהערט צו אַלץ, וואָס קומט פֿאָר און ווי נאָר ער פֿלעגט האָבן עפּעס אַ נייעס, פֿלעגט ער תּיכּף אַוועקלויפֿן אין אַ טעלעפֿאָן־בּיידל און איבערגעבן דאָס גיזנייען. און ער ווידער פֿלעגט זיך גלייך פֿאַרשטענדיקן מיט געפּפּין. ווען די מעשה מיטן זאַל, האָט זיך געפּפּי געווענדעט צום סעקרעטאַר פֿון דער האַנדלס־קאַמער, יענער האָט אַרויסגעפֿאָדערט צו זיך די באַלעבאַטים פֿון די זאַלן און מען האָט זיך באַמיט צו ווירקן אויף זיי דורך פֿאַרשיידענע מיטלען: אויף וועלכן דורך אַ דירעקטאָר פֿון אַ באַנק, וועלכער האָט געהאַט אַ היפּאָטעק אויף זייער הויז און אויף וועמען דורך אַ דירעקטאָר פֿון אַ סימפֿאָנישן אָרקעסטער, וואָס פֿלעגט דאָרטן געבן זיינע קאָנצערטן. נאָר ווי דאָס זאָל נישט זיין יענעם אָוונט איז שוין קיין מיטינג נישט פֿאָרגעקומען.

צוליב דער זעלביקער סיבה האָבן אויך אין די נאָענטסטע אָוונטן נישט געקאָנט צושטאַנד קומען קיין שום מיטינגען. און אינטער דער צייט האָט געפּפּיס אַגענטור באַוויזן אַרויסצושלעפּן די געשיכטע מיטן דייטשן שפּיאָנאַזש. אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן איז די ערשטע זייט פֿון „טיימס" געווען פֿול מיט דער סענסאַציאָנעלער ידיעה אַז אין אַמעריקען־סיטי איז אַרעסטירט געוואָרן אַ געוויסער קאַרל פֿאָן שטרעבונג, דעם דייטשן קאַנצלערס אַ קרוב, און אַגענט פֿון דער דייטשער רעגירונג. אָנגעגעבן האָט ער זיך ווי אַן אַגענט פֿון שוועדישע מאַשינען. אין דער אמתן אָבער האָט ער פֿינאַנסירט אַ באָמבע־פֿאַרשווערונג קעגן אַן אַמוניציע־פֿאַבריק. מיט אים צוזאַמען זענען אַרעסטירט געוואָרן דריי פֿון זיינע מיטהעלפֿער און מען האָט בײַ זיי געפֿונען זייער אַ סך וויכטיקע דאָקומענטן. צוזאַמען מיט אַ רייע אַנדערע וויכטיקע ידיעות, האָט זיך אויך לויט די דאָקומענטן איינגעגעבן פֿעסטצושטעלן, אַז שטרעמע איז געשטאַנען אין אַ פֿאַרבינדונג מיט אַ דייטשן עקסטרע־לינקן סאָציאַליסט, מיט אַ באַאַמטן פֿון פֿאַריין פֿון ברויט־ און צוקערגעבעקס־אַרבעטער, זיין נאָמען איז ערנסט אַפּפּעל. און ווי עס איז שוין גאַנץ גענוי באַוווּסט, האָט דער דאָזיקער אַפּפּעל גענומען בײַם אַגענט געלט, האָט עס פֿאַנאַנדערגעטיילט צווישן עטלעכע דייטשע רויטע און זיי האָבן עס איבערגעגעבן אין פֿאַרטיידיקונגס־פֿאָנד אויף צו דרוקן אויפֿרופֿן צום גענעראַל־שטרייק.

פּעטערס האַרץ האָט געציטערט פֿון אויפֿרעגונג — אָט, וואָס פֿאַר אַ שטיקל אַרבעט ער האָט דורכגעפֿירט! נאָר דערמיט האָבן זיך נאָך נישט פֿאַרענדיקט פּעטערס איבערלעבונגען פֿאַרן טאָג. ווען ער איז שפּעטער נאָכן עסן אַרויס אין

גאַס, אַביסל זיך דערכגיין, זענען אויף די גאַסן פול געווען מענטשן, פאָנען האָבען אימעטום געפלאַטערט און גאַס האָט אויסגעזען ווי אין טאָג פון דער מלחמה־מאַניפעסטאַציע. דאָס האַרץ האָט ביי פעטערן אָנגעהויבן שטאַרק צו קלאַפּן און אַ מאָרנע אימה האָט אים אַרומגעכאַפּט. פאַר זיינע אויגן איז אים געשטאַנען דער אַלטער באָמבע־אַטענטאַט און עס האָט זיך אים פאַרגעשטעלט אַ נייער; די אויפגערעגטע, צעהיצטע פנימער פון דער מענטשן־מחנה, איר התלהבות זענען אָבער געווען אַזוי אָנשטעקנדיק, אַז פעטער האָט איר נישט געקאָנט בייסטיין, ער איז מיטגעשלעפּט געוואָרן און האָט זיך פאַרגעסן אין גאַנצן. איז דא האָט זיך נאָך באַוויזן אַ מוזיק־קאַפּעלע, עס האָבן אַ הילכער געטון די אויפמונטערנדיקע, קריגערישע קלאַנגען פון אַ מיליטערישן מאַרש און עס האָבן זיך אַ שאַט געטון סאָלדאַטן יונגע בחורים, אַלע אָנגעטון אין כאַקי־קאָליר, איבער דער גאַנצער לענג פון דער גאַס, איינס אין איינס, אַ רייע נאָך אַ רייע, אַלע מיט שווערע רוק־זעק אויף די פּלייצעס, מיט שפּאָגל־נייע ביקסן ביי דער זייט. טראַב, טראַב, טראַב! האָט צוגעקלונגען אין דער לופט. אונזערע יונגלעך! אונזערע העלדישע יונגלעך! געבענטשט זאָלן זיי זיין פון גאָט!

דאָס זענען געווען דריי פּולקן פון דער 23־טער דיוויזיע, וועלכע זענען געקומען אַהער פון לאַגער „לינקאָלן", כדי צו זעצן זיך אויף די שיפן. אייגנטלעך וואָלטן זיי געקאָנט אָפּפאָרן פון לאַגער און זיי האָבן גאָר נישט געדאַרפט קומען אין שטאָט, נאָר דער עולם האָט נישט אַנדערש געוואָלט זען די סאָלדאַטן און זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזן אַהער מיט מוזיק, פאָנען און אַ גאַנצע מחנה צעהיצטע, התלהבותדיקע באַגלייטער. צווי רייען מענטשן, וועלכע האָבן זיך געצויגן אָן אַ סוף, האָבן משוגע פון פּאַטריאָטיזם, שרייעדיקע, זינגענדיקע, זענען זיי געלאָפן נאָך די סאָלדאַטן און געפּאַכט אין דער הויך מיט זייערע טיכלעך און קאַפּעלושן. די גאַנצע גאַס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ משוגענדיקן פלאָנטער און אַ מין פיבער־חלום.

פעטער האָט זיך צוגעקוקט צו די רייען, האָט זיך צוגעהערט צו זייער מאַרשירן נאָכן טאַקט, צום קלאַפּן פון זייערע טריט. ער האָט אַריינגעקוקט אין די יונגע, יינגלשע פנימער, האָט געזען, ווי זייערע אויגן קוקן שטאָלץ און ערנסט אין מרחק אַריין, אַזוי ווי זיי וואָלטן פילן, אַז דאָס איז דאָס לעצטע מאָל, וואָס זיי זעען זייער געבורט־שטאָט, אַז פון דער נסיעה וועלן זיי זיך שוין נישט אומקערן צוריק. אונזערע יינגלעך! געבענטשט זאָלן זיי זיין פון גאָט! פעטער האָט זיך שווער נישט פאַנאַנדערגעוויינט. אַ געפיל פון דאַנקבאַרקייט האָט אים אַרומגעכאַפּט. די דאָזיקע מענטשן גייען דאָך פאַרטיידיקן דאָס לאַנד! ער האָט צונויפגעדריקט די פויסטן, פאַרביסן די ציין און דאָס פון דאָסניי באַשלאָסן: די שלעכטע מענטשן, די וואָס זענען קעגן דינסט, די פּאַציפיסטן, די בינטאָווטשיקעס, די וואָס ווילן זיך נישט באַטייליקן אין דער רומפולער אונטערנעמונג, דאַרפן באַשטראָפט ווערן.

פּעטער איז אַוועק אין „אַמעריקען־הויז" און האָט באַקומען פֿון גרינייען אַן אַרבעט, וועלכע האָט זעלטן גוט גע־פּאַסט צו זיין שטימונג. עס איז געקומען די צייט פֿון מעשים, האָט געזאָגט דער מענטש מיטן פּנים פֿון אַ שטשור. דער עקזעקוטיוו־קאָמיטעט פֿון דעם י. וו: וו: האָט זיך געווענדעט נאָך הילף צו אַלע לאַנד־אָרגאַניזאַציעס. היינט אוונט דאַרף זיין אַ זיצונג פֿון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. פּע־טער דאַרף זען ווי נישט איז צוזאַמענצו־קומען מיטן סעקרעטאַר און אַרויסקריגן ביי אים, ווו עס דאַרף פֿאָרקומען די זיצונג. דערנאָך דאַרף ער פּרובירן ווירקן אויף אים, אַז עס זאָל צוגעלאָזן ווערן אַנדערע מיטגלידער אויך, אָדער סתּם אַלע רויטע. די געשעפֿט־מענטשן פֿון שטאָט פּלאַנעווען אויף דעם אָוונט עפּעס גאַר אַנגרויסע זאַך. די יונגע מיטגלידער פֿון האַנדלס־קאַמער, פֿון סוחרים־ און פֿאַברי־קאַנטן־פֿאַריין האָבן אויסגעאַרבעט אַ גע־היימען פּלאַן, און איצט האַנדלט זיך נאָר וועגן דעם צוזאַמענצוקלייבן אַלע רויטע אויף איין אָרט.

פּעטער איז אַוועקגעגאַנגען. אויף זיין גליק איז דער סעקרעטאַר גראָד געווען אויפֿן אָרט. בכלל איז מיט אים פּעטער נישט זייער שטאַרק צופֿרידן גע־ווען. דער יונגער אירלענדער האָט גע־האַט אַ טבע אַזוי גוט צו באַהאַלטן די פּאַרטיי־ביכער און די צעטלען פֿון די מיטגלידער, אַז פּעטער האָט זיי בשום אופֿן נישט געקאָנט אַרויסקריגן. אָבער היינט האָט ער אים זייער געדאַרפֿט האָבן און ער האָט זיך שטאַרק דערפֿרייט מיט אים. פּעטער האָט געבראַכט די נייעסטע ידיעות, האָט דערציילט וועגן מעקן, וועגן הענדערסאָנען און זייער אויפֿרעגונג און בשעת מעשה געווען אַזוי שטאַרק, ער איז געווען אַזוי צאָרנדיק אויפֿגעבראַכט אַז דער סעקרעטאַר האָט אים פּשוט, כּדי צו דערוון, אַז די זאַך ווערט נישט פֿאַרשוויגן, דערציילט וועגן דער פֿאַר־זאַמלונג און ווו זי קומט פֿאָר. דאַמאָלסט האָט פּעטער געזאָגט, אַז לויט זיין מיי־נונג וואָלט מען זיך נישט געדאַרפֿט באַ־גנוגענען מיטן עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. מען וואָלט געדאַרפֿט איינלאַדן אַ גרעסערע צאָל חברים און זיך צוזאַמען מיט זיי מישב זיין, ווי אַזוי אַוועקצושטעלן דעם טראַנס־פּאָרט פֿון דער פּראָטעסט־ליטעראַטור; מען טאָר נישט פֿאַרגעסן, אַז מיט דער פּאָסט קען מען זיך שוין איצט נישט אַזוי באַניצן ווי פֿריִער. און בכלל זעט ער נישט קיין פּעולה פֿון די רעזאָלוציעס פֿון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט. מען דאַרף זען, אַז די מיטגלידער גופֿא זאָלן עפּעס טון. עס מוז אָרגאַניזירט ווערן אַ וועלכע נישט איז אַקציע. גרעדי האָט געזאָגט, אַז ער איז אין גאַנצן מסכּים מיט פּעטערן און ער וועט טאַקע דאָס מאָל געבן צו וויסן, וועגן דער פֿאַרזאַמלונג אַלע אַקטיווע מיט־גלידער און סימפּאַטיקער. נאָר אַזוי ווי עס איז שוין געווען ווייניק צייט האָט ער געבעטן פּעטערן, אַז ער זאָל אים העלפֿן אָנזאָגן אַ טייל מיטגלידער און האָט אים גלייך אויפֿן אָרט איבערגעגעבן אַ צעטל.

זעקס אַ זייגער פֿאַרנאַכט איז פּעטער אַוועק מיט זיינע אינפֿאָרמאַציעס צו גרינ־ייען. דאָרטן האָט אָבער געוואַרט אויף

אים אַן אומגליק, אויף וועלכן ער האָט זיך גאָרנישט געריכט.

— איר מוזט אַליין אויך גיין אויף דער פֿאַרזאַמלונג, האָט אים געמאלדן דער „שטשור". עס טאָר אויף אייך נישט פֿאַלן קיין שום חשד.

— רבונו של עולם! האָט זיך פּעטער אָפּגערופֿן אַ צעמישטער. וואָס פֿאַרט וועט געשען אויף דער פֿאַרזאַמלונג?

— שרעקט זיך נאָר נישט. אייך וועט מען גאָרנישט טאָן. איך בין אין דעם, איר קענט זיך אויף מיר פֿאַרלאָזן! האָט דער „שטשור" געענטפֿערט מיט אַ שמייכל.

די פֿאַרזאַמלונג האָט געזאָלט פֿאָרקומען ביי יודע רוט אין שטוב; גיוני האָט געבעטן, אַז פּעטער זאָל אים מער אָדער ווייניקער פֿאַרשטעלן ווי זעט אויס די דירה. פּעטער האָט זיך דערמאָנט, אַז הינטער די צימערן איז געווען אַ קאָרידאָר און דאָרטן איז געשטאַנען אַ גרויסער וועש־אַלמער. גיוני האָט אים געראָטן, אַז ווי נאָר עס וועט זיך אָנהויבן דער טומל זאָל ער זיך תיכף אַריינשפּאַרן טאַקע אין אָט דעם אַלמער. גיווני וועט שוין דאָרטן זיין, ער וועט זיך גלייך וואַרפֿן אויף פּעטערן, וועט זיך כלומרשט מאַכן ווי ער וואָלט אים שלאָגן — אין דער אמתן אָבער וועט ער אים פֿאַרהיטן פֿונם גורל, וואָס וועט דערוואַרטן אַלע איבעריקע. פּעטערס קני האָבן געציטערט. ער האָט בשום אופֿן נישט געוואָלט איינגיין אויף דעם. וואָס וועט ווערן פֿון פּעטערן טאָמער וועט עפּעס טרעפֿן מיט גיוניין, אָדער ער וועט סתם קומען אַ ביסל צו שפּעט? גיוני האָט אים באַרויקט. פּעטער איז אַ צו טייערער מענטש מיט זיין לעבן וועט מען נישט ריזיקירן. ער וועט בלי שום ספק זיין אויפֿן אָרט צו דער ריכטיקער צייט, פּעטער דאַרף בלויז שרעקלעך שרייען און זיך מאַכן חלשן. מען וועט אים שוין פֿון דאָרטן אַוועקטראָגן, אַריינפּאַקן אין אַן אויטאָמאָביל און ער וועט זיין אויסער יעדער סכנה.

פּעטער איז אָבער געווען אַזוי צעטראָגן, אַז ער האָט אפֿילו נישט געקאָנט עסן. אַ צעטומלטער האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן, גערעדט צו זיך אַליין, זיך באַמיט צו הייבן דעם אייגענעם מוט. אַ לאַנגע צייט נאָכאַנאַנד איז ער געשטאַנען אויף איין אָרט, האָט באַטראַכט די אַמעריקאַנער פֿענער, דערנאָך האָט ער אַ פּאָר מאָל אויפֿמערקזאַם איבערגעלייענט די אָוונט־אויסגאַבע פֿון „טיימס", ביז עס האָט ווידער סוף כל סוף אויפֿגעפֿלעמט אין אים דער פּאַטריאָטישער פֿייער. און בשעת ער האָט זיך דערנענטערט צו דער דירה, פֿון דער קליינער פֿאַרזעעניש, וואָס שרייבט פּאַציפֿיסטישע לידער, האָט ער געהאַט דעם געפֿיל, ווי ער וואָלט באמת געווען אַ סאָלדאַט, וואָס גייט אויף מלחמה.

אין שטוב ווען פּעטער איז געקומען זענען שוין געווען: אַדאַ רוט, איר מוטער אַן אַלטע אויסגעטריקנטע דאַמע, וועלכע האָט גאָרנישט געוווּסט וועגן די געשעענישן, וואָס האָבן אויפֿגעטרייסלט די וועלט, אַדאַם אַ שוועסטערקינד און אַלטע פֿריילין אַ לערערין, די סעקרעטאַרין פֿון „פֿאָלקס־ראַט", מרים יאַנקאָוויטש, סעדי טאַר און דאָנאַלד גאָרדאָן. אויפֿן וועג האָט פּעטער באַגעגנט טאָם

דאָגן אין דער טרויעריקער דיכטער האָט אים דערציילט, אַז ער האָט שוין אָנגעשריבן וועגן מעקן אַ ליד. גלייך נאָך זיי איז געקומען גרעדי, די קעשענעס פֿול אָנגעשטאָפּט מיט פּאַפּירן.

גרעדי איז געווען אַ הויכגעוואַקסענער אימפּולסיווער אירלענדער מיט אַ פּאָר מונטערע לעבעדיקע אויגן. אין דער באַוועגונג איז ער געווען דאָס, וואָס די סאָציאַליסטן רופֿן „דזשימי היגענס", אַ מענטש וואָס פּלעגט נעמען אויף זיך אַלע שווערע און לאַנגווייליקע אַרבעט, וואָס פֿאָדערט זיך אין באַוועגונג, ער איז תּמיד אויפֿן אָרט, תּמיד גרייט אַרויסצונעמען אַ נייע משא אויף זיינע פּלייצעס. גרעדי האָט אין גרונט גענומען, פֿון די סאָצ. נישט געהאַלטן, געגלויבט האָט ער בלויז אין דער טעטיקייט פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער באַוועגונג. דאָס האָט אים אָבער נישט געשטערט צו זיין אַ „דזשימי היגענס" און ער האָט געזאָגט, אַז פּעטער איז אויך אַזאַ איינער. פּעטער האָט דעם דאָזיקן נאָמען אויפֿגענומען מיט אַ שמייכל. אַ „דזשימי היגענס" דאָס איז דאָס לעצטע זאַך אויף דער וועלט, וואָס פּעטער וואָלט געקאָנט זיין. פּעטער האָט זיך פֿאַרנומען אויפֿן וועג, וואָס פֿירט צו אַ רייכן, אַ זעלבשטענדיקן לעבן. עס איז אים גאָר אין קאָפּ נישט אַריינגעפֿאַלן, אַז ביי די ווייסע קענען אויך זיין פּונקט אַזעלכע דזשימי היגענס ווי עס זענען דאָ ביי די רויטע.

גרעדי האָט אַרויסגעצויגן פֿון קעשענע זיינע פּאַפּירן און האָט זיך גענומען מישב זיין זיך מיט דאָנאַלד גאָרדאָן וועגן סדר־היום. פֿון דער צענטראַלע פֿון י.וו.וו., האָט ער באַקומען אַ דעפּעשע, אין וועלכער מען זאָגט אים צו הילף, ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט איר איבערן צימער, האָט איר אַלעמען באַוויזן און זיין פּנים האָט בשעת מעשה געלויכטן פֿון שטאָלץ. דערנאָך האָט ער איבערגעגעבן, אַז אויף דער פֿאַרזאַמלונג וועט קומען בעד קענער — אַ באַרימטער אָרגאַניזאַטאָר, וועלכער איז צוזאַמען מיט קאַרמאַקן געווען אין נאַפֿט־ראַיאָן. ווי ער גיט איבער האַלט דאָרט ביי די אַרבעטער ערב אַ גראַנדיעזן שטרייק. אין דער צייט, וואָס ער האָט אַזוי דערציילט איז אונטערגעקומען די פֿרוי דזשעניגס, אַן אומגליקלעכע קראַנקע פֿרוי, וועלכע האָט געליטן אויף אַ ראַק און וועלכער דער מאַן האָט זי געוואָלט גטן דערפֿאַר, וואָס זי האָט געגעבן דעם י.וו.וו. געלט. מיט איר צוזאַמען איז געקומען אַ הויכער, שטאַרקער מאַשיניסט, וועלכער האָט פֿאַרלאָרן זיין שטעלע דערפֿאַר, וואָס ער האָט צופֿיל גערעדט וועגן די נייטיקייט פֿון אַ באַלדיקער אַקציע. ער האָט אַרויסגעצויגן פֿון קעשענע אַ נומער פֿון דער „אָוונט־טעלעגראַם" און האָט פֿאַרגעלייענט דעם לייט־אַרטיקל, ווי עס איז דערוויזן געוואָרן, אַז די „באַלדיקע אַקציע" איז אַלץ איינס, וואָס וואַרפֿן באָמבעס. וואָס פֿאַר אַ געמיינע ליגנער דאָס זענען, האָט ער זיך אָפּגערופֿן, זיי סטראַשענען, אַז זיי וועלן אַליין אָנהויבן אַן אַקציע. נו, זאָלן זיי שוין אָנהויבן, ווער לאָזט זיי נישט. ווי לאַנג וועלן זיי די היטער פֿון געזעץ און אָרדענונג זיך נאָך קלייבן מיט זייער אַקציע?

ווען עס זענען שוין געווען צוזאַמענגעקליבן אַ מענטשן דרייסיק, איז מען צוגעטרעטן צו באַטראַכטן דעם סדר-היום. דאָס ערשטע וואָרט האָט באַקומען גרעדי: ער האָט געזאָגט: עס איז פֿאַר אַלעמען קלאָר, אַז די רעגירונגס-פֿאַרשטייער האָבן אויסגעקלערט דעם באָמבע-אַטענטאַט, כּדי צו האָבן אַ תּירוץ פּטור צו ווערן פֿון י. וו. וו. די הויפּט-קוואַרטיר איז געשלאָסן און אַלץ, וואָס האָט זיך דאָרט געפֿינען, שרייב-מאַשינען, ביכער, מעבל, אַלץ איז קאָנפֿיסקירט. עס האָבן זיך דערהערט שאַרפֿע צווישנרופֿן. און אפֿילו די פּאָסט, וואָס די י. וו. וו. שיקט פֿאַנאַנדער איז שוין איצט נישט זיכער. די ליטעראַטור מוז פֿאַנאַנדערגעשיקט ווערן דורכן באַן. מען קעמפּט דאָך עפּעס פֿאַר דער עקזיסטענץ, קען מען דאָך נישט זיצן אין שווייגן און נישט געבן צו וויסן דעם עולם די פֿאַקטישע זייט פֿון דער לאַגע. מען מוז דאָך זען אויף אַ וועלכן נישט אופֿן אויפֿקלערן דעם אמת. אויב עמיצער האָט וועלכע נישט איז פֿאָרשלאַגן צו מאַכן זאָל ער נעמען אַ וואָרט.

פֿאָרשלאָגן האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן פֿון אַלע זייטן; פּעטער איז געזעסן ווי אויף שפּילקעס. פֿאַרוואָס קומען זיי שוין נישט די יונגערע מיטגלידער פֿון האַנדלס-קאַמער און פֿון סוחרים און פֿאַבריקאַנטן פֿאַריין? וואָס טראַכטן זיי זיך, אַז פּעטער וועט זיי דאָ אָפּזיצן אַ גאַנצע נאַכט אַזוי, אַ שרעקעדיקער פֿון פּחד און אַ הונגעריקער?

פּלוצלינג האָט פּעטער אַ שפּרינג געטאָן פֿון שטול. פֿון דרויסן האָט זיך דערהערט אַ געשריי. דאָנאַלד גאָרדאָן, וועלכער האָט געהאַלטן אין מיטן רעדן איז אַנטשוויגן געוואָרן, די פֿאַרזאַמלטע האָבן אָנגעהויבן קוקן איינע אויף די אַנדערע, עטלעכע זענען אויפֿגעשפּרונגען פֿון די ערטער. עס האָבן זיך דערהערט נאָך שטאַרקערע קולות, דער עולם האָט זיך אַ הויב געטאָן פֿון די ערטער און האָט זיך געלאָזט לויפֿן ווער דורך דער פֿאָדער-טיר, ווער דורך דער הינטער-טיר און אַנדערע האָבן זיך גאָר אַ לאָז געטאָן צו די פֿענסטער. פּעטער איז געלאָפֿן אין קאָרידאָר און האָט זיך גלייך אַריינגעפּאַקט אין וועש-אַלמער און צוגעדעקט זיך מיט עטלעכע שטיקער וועש. דאָס האָבן אַפּנים באַמערקט נאָך אַנדערע מענטשן און האָבן זיך אַ לאָז געטאָן נאָך אים.

צענויפֿגעדרייט אין דרייען איז פּעטער געלעגן אין זיין פֿאַרבאַהעלטעניש און האָט זיך צוגעהערט צום ווילדן טומל אין שטוב. עס האָט זיך געדוכט, אַז דער אָרט איז פּלוצלינג פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ גיהנום. עס האָט זיך געהערט ווי עס שרייען פֿרויען מיט ווילדע קולות, ווי מענער ראַנגלען זיך און שעלטן, מעבל פֿאַלט און ברעכט זיך, שטעקנס און בייטשן פֿייפֿן אין דער לופֿט און לאָזן זיך אַראָפּ אויף מענטשלעכע קעפּ. נישט מיט קיין שוואַכע כּוחות זענען זיי אַהער געקומען די יונגע מיטגלידער פֿון האַנדלס-קאַמער, פֿון סוחרים און פֿאַבריקאַנטן-פֿאַריין. זייער צאָל האָט געקלעקט אָנצופֿילן די שטוב, צו פֿאַרשטעלן די טירן, אָפּצוהיטן די פֿענסטער, פֿאַנאַנדערצושטעלן אַ וואַך אין גאָרטן און אויפֿן גאַס, אַזוי אַז קיינער זאָל זיך פֿון זייערע הענט

נישט קענען אַרויסדרייען.

אין מיטן פון שרעקלעכן ליאַרעם, האָט פעטער מיט אַמאָל דערהערט ווי עס האָבן גענומען שרייען די מענטשן, וואָס זענען געלעגן אויף אים. ער האָט געזען ווי מען האָט זיי איינע נאָך די אַנדערע געשלעפּט און געשליידערט אין דער ערד. און דערנאָך האָבן זיך הענט אַ ציַ געטאָן צו אים. ווי אַ וואָרעם האָט ער זיך צעבויגן־געקאָרטשעט און גענומען שרייען מיט ווילדע קולות. — גלייכצייטיק האָט ער אָבער אַ הויב געטאָן דעם קאָפּ און דערזען פאַר זיך אַ מענטשן אין אַ שוואַרצער מאַסקע. ער האָט גלייך דערקענט גיוואַניען. קיין מאָל אין זיין לעבן האָט זיך נאָך פעטער אַזוי נישט דערפרייט מיט אַ מענטשלעך פּנים, ווי איצט מיטן פאַרמאַסקירטן „שטשור". גיוואַני האָט געהאַלטן אַ בייטש אין האַנט און האָט מיט גרויס אימפּעט געשמיסן איבער די וועש לעבן וועלכע פעטער איז געלעגן. הינטער אים זענען געשטאַנען זיינע צוויי מיטהעלפער העמעט און קאַמינגס און האָבן אויך כלומרשט געשמיסן אין פעטערן.

דער קאַמף איז גיך פאַרענדיקט געוואָרן. יעדער איינציקער, וואָס האָט געפּרוווט שטעלן אַ ווידערשטאַנד איז איינגענומען און צוקלאַפּט געוואָרן. און איצט האָבן זיך עטלעכע אַגענטן, וואָס האָבן גוט געקענט די רויטע, זיך אַ לאָז געטאָן צווישן די פאַרוווּנדעטע, אויסגעזוכט די, וואָס זיי האָבן געדאַרפט און דאָרט זיי אָנגעטאָן קייטן אויף די הענט. איינער פון די אַגענטן איז צוגעגאַנגען צו פעטערן. ער איז אָבער גלייך אַ פאַל געטאָן אין חלשות און צוגעמאַכט די אויגן. העמעט האָט אים אַ כאַפּ געטאָן אונטער די הענט קאַמינגס פאַר די פיס און גיוואַני האָט אַ מישונג אַ געשריי געטאָן, אַז אַלע זאָלן הערן: „אַ, דעם הברה־מאַן דאַרפן מיר האָבן. איר זאָלט אים גוט היטן".

זיי האָבן אים אַרויסגעטראָגן אויפן גאַס.

אין דער פינסטער האָט ער אַן עפן געטאָן די אויגן און ער האָט דערזען, אַז די גאַס איז פול מיט אויטאָמאָבילן און מען פאַקט אין זיי די רויטע. פעטערס פריינט האָבן אים אויך אַריינגעזעצט אין אַן אויטאָמאָביל און זענען מיט אים אַוועקגעפאָרן. איצט איז פעטער נאַטירלעך אין גאַנצן געקומען צו זיך און אַלע פיער האָבן זיך אַזוי פאַנאַנדערגעלאַכט, אַז זיי האָבן שיער נישט געפּלאַצט פון געלעכטער. דערנאָך, אַז מען האָט באַרואיקט אַ ביסל, האָט מען זיך צופרידענע אַנגעהויבן טיילן איינע מיט די אַנדערע מיט פאַרשידענע פּרטים, וואָס ס'איז זיי איבערגעקומען צו זען. גערדי האָט געקריגן אַ וווּנד איבערן סאַמע אויג, זיין גאַנץ פּנים איז אָפּגעפּליצט געוואָרן מיט בלוט. נו, ער האָט דאָך נישט אַנדערש געוואָלט זיין אַ רויטער, נו, האָט מען אים געמאַכט רויט. און אפשר האָט גיוואַני געזען ווי בעק עלים, דער אַגענט, האָט דעם „בראַדיאַגע־דיכטער", צוהאַקט דעם נאָז? און דער יונגער אַגרען, דעם פּרעזידענטס זון פון האַנדלס־קאַמער, אַ, וואָס ער האָט צעאַרבעט. ער האָט נישט געשאַנעוועט נישט מענער, נישט פרויען. ווען די הבר־טע די יאַנקאָוויטש האָט אים אַ פּאַטש געטאָן, האָט ער איר אַזאַ שלעפּ געטאָן פאַר'ן ביזים, אַז ער האָט איר שיער די בריסטן נישט אַרויסגעדרייט, אַזוי אַז זי

האָט גלייך אַ געשריי געטאָן און איז געפֿאַלן אין חלשות.

יאָ, מען האָט זיי געגעבן, אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. די רעכטע אַרבעט וועט נאָך ערשט אָפּגעטאָן ווערן הײַנט בײַ נאַכט. זאָלן די פּאַציפֿיסטן פֿאַרזוכן וואָס דאָס הייסט מלחמה. אַז מיטן רויטן טעראָר וועט מען איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל מאַכן אַ סוף. אויב פּעטער האָט נאָר חשק, קען ער זײַן דערבײַ. פֿאָרקומען וועט עס הינטערן שטאָט, גאָר ליכטיק איז דאָרטן נישט און אַז פּעטער וועט אָנטאָן אַ מאַסקע וועט אים קיינער נישט דערקענען. פּעטער האָט געזאָגט יאָ. אין זײַן בלוט האָבן אויפֿגעברויזט זײַנע יעגער-געפֿילן און בײַ אים האָט זיך דערוועקט אַ חשק זיי צו באַפֿרײַען.

59

שטיל האָט דער מאָטאָר געברומט אין דער נאַכט-לופֿט, אין דער צײַט ווען דער אויטאָמאָביל מיט אונדזערע פֿיר פֿאַרמאַסקירטע איז דורכגעפֿלויגן דורך גאַסן און פֿאָרשטעט און איז געקומען צו פֿליען אויף אַ ברייטן, פֿרייען פֿעלד. פֿאַר זיי זענען געלאָפֿן אויטאָמאָבילן, הינטער זיי האָבן געפֿײַפֿט אויטאָמאָבילן. אַ שאַרפֿער ווײַסער ליכט-שטראָם האָט זיך געצויגן ווײַט אין מדבר אַרײַן. זיי זענען געקומען צו אַ סאָסנע-וועלדל. ריזיקע סאָסנע-בוימער האָבן זיך ווי קלויסטער-זײַלן געצויגן אין דער הייך, אונטער זייערע פֿיס האָט זיך אויסגעשפּרייט אַ ברייטער טעפּיך פֿון ווייכן, ברוינעם מאָך. דאָס איז געווען דער גוט באַהאַלטענער אויספֿלוג-אָרט, דער טרעף-פּונקט פֿון די אויטאָמאָבילן.

אַלץ איז געווען צוגעגרייט מיט דער פּינקטלעכקייט, מיט וועלכער עס האָט געקענט שטאָלצירן יעדער הונדערט-פּראָצענטיקער אַמעריקאַנער. אַ מענטש אין אַ שוואַרצער מאַסקע איז געשטאַנען אין מיטן וועלדל און אַרויסגעגעבן פֿאַראָרדנונגען דורך אַ מעגאַפֿאָן. די אויטאָמאָבילן זענען אויסגעשטעלט געוואָרן אין אַ גרויסן קרײַז. די אויטאָמאָבילן פֿון די דאָזיקע הערן זענען געווען גוט דערצויגענע באַגלייטער, שטיל און געשיקט פֿלעגן זיי זיך צוגלײַכן צום אָרט, וווּהין ס׳פֿלעגט זיי אָנווײַזן די מאַגאַפֿאָן-שטים. פּונקט אַזוי ווי זיי פֿלעגן דאָס טאָן דאַמאָלסט, ווען די יונגע הערן מיט זייערע פֿרויען אָדער כּלות פֿלעגן פֿאָרן ערגעץ צו גאַסט אָדער אויף אַ באַל.

אויטאָמאָבילן זענען נאָך אַלץ געקומען און געקומען ביז עס איז שוין כמעט אינגאַנצן קיין אָרט נישט געווען. „נומער איינס!“ האָט דאָ אַ דינער געטאָן אין דער לופֿט. אַ גרופּע מענער איז אַרויס פֿון אַן אויטאָמאָביל און געשלעפּט מיט זיך אַ געשמידטן געפֿאַנגענעם. דאָס איז געווען מיכאל דאַבין, דער יונגער יידישער שנײַדער, מיט וועלכן פּעטער איז צוזאַמען געזעסן פֿופֿצן טעג אין תּפֿיסה. מיכאל איז געווען אַ ביכער-מענטש, אַ טרוימער, ער האָט נאָך קיינמאָל אין זײַן לעבן נישט איבערגעלעבט אַזאַ מין שרעקלעכע סצענע. דערצו נאָך האָט ער געהערט צו יענע ראַסע, וועלכע האַלט זיך נישט אָפּ פֿון אויסדריקן אירע געפֿילן און דערפֿאַר טאַקע איז זי זייער אַנטיפּאַטיש דעם הונדערט-פּראָצענטיקן אַמעריקאַנער. אין דער צײַט ווען מען האָט

אים אויסגעטון די קייטן, געשלעפט פון אים דעם ראק און די העמד, האט ער מוראדיק געקרעכצט און געשריען.

די פארמאסקירטע מענער האבן אים צוגעשלעפט צו א בוים און מיטן פון קרייז, האבן אים געבונדן די הענט און צוגעבונדן צום שטאם פון בוים. און אזוי איז ער געשטאנען אין דער בלענדנדיקער ליכטיקייט פון אומגעפער דרייסיק אויטאמאביל-לאמפן, זיך געדרייט, געקארטשעט און געקרעכצט, און דער צייט ווען איינער פון די פארמאסקירטע האט אויסגעטון זיין ראק, איז געגרייט זיך צו דער ארבעט.

ער האט ארויסגעצויגן א לאנגן געפלאכטענעם בייטש, וואס האט אויסגעזען ווי א שלאנג אין געווארט.

— אנהויבן! האט א הינער געטון די מעגאפאן-שטים; דער בייטש האט א פייף געטון אין דער לופט, האט זיך אראפגעלאזן אויף מיכאילס רוקן און האט זיך איינגעגעסן אין פלייש, אזוי או בלוט האט א שפריץ געטאן. א געשריי פון יסורים האט דורכגעשניטן די לופט. דער קרבן האט זיך געדרייט און געקארטשעט ווי פאר דער גסיסה. און ווידער א מאל האט א פייף געטאן דער בייטש און ווידער האט זיך דערהערט דער טעמפער קלאנג פון אויסגעריסענעם פלייש און נאך מער בלוט האט זיך א גאס געטאן.

די יונגע מיטגלידער פון האנדלס-קאמער און פון סוחרים- און פאבריקאנטן-פאריי זענען געווען זעלטן גוט צוגעפאסט צו דער ארבעט פון זייער היינטיקן אוונט. זיי זענען נישט געווען בלאס, און נישט מאגער, נישט שלעכט ערנערט און נישט איבערגעארבעט ווי זייערע געפאנגענע. ראז זענען זיי געווען, אנגעפרעסן און די געזונט האט געשפריצט פון זיי. עס איז אויסגעקומען, ווי זייערע טאטעס וואלטן שוין מיט לאנגע יא"ן צוריק פאראויסגעזען, די רויטע געפאר און אנגענומען די נויטיקע מיטלען, ווי אפצוהיטן דעם הונדערט-פראצענטיקן אמעריקאניזם. זיי האבן דא אויף דער פרישער לופט אויסגעבויט גרויסארטיקע קלובן און א מין קוואדראט-קילאמעטער אפגעגעבן ספעציעל פאר באריִמטן אמעריקאנער ספארט-שפיל. די יונגע באלעבאטישע זין פלעגן גלייך נאך מיטאג פארלאזן די ביוראען און קאנטארן און אוועקפארן אין די פעלדער אנטוויקלען זייערע מוסקולן. דארטן פלעגן זיי אפהאלטן וועט-שפילן און שפעטער דערציילן איינע די אנדערע פון זייערע נצחונות.

דער מענטש אין דער שווארצער מאסקע איז אויך געווען איינער פון די איינגעאיבטע. ער האט נישט פארלוירן דעם אטעם, ער האט געשלאגן און געשלאגן ביז וואנען עס זענען שוין פארווישט געווארן די סימנים און מיכאילס גאנצער רוקן איז פארוואנדלט געווארן אין איין שטיק רויע, בלוטיקע פלייש. ביסלעכווייז זענען מיכאילס קולות אפגעשטארבן, זיין געראנגעל האט אויפגעהערט, זיין קאפ האט זיך אראפגעלאזן און אליין איז ער אלץ טיפער און טיפער געזונקען צו דער ערד.

ענדלעך האט זיך דערהערט די שטים פון צערעמאניע-מייסטער: „האלט!" דער מענטש מיטן בייטש האט זיך אפגעווישט דעם שווייס פון שטערן, אנדערע צוויי זענען אונטערגעלאפן, האבן אפגעשלעפט

מיכאָילס קערפּער אַז אַ ווייט אין אַ שליי-
דער געטאָן אים אויף דער ערד מיטן
פּנים אויף די סאָסנע-נאָדלען.

„נומער צוויי!“ האָט אַ געשריי געטאָן דער צערעמאָניע-מייסטער מיט זיין קלינ-געדיקער, באַפעלערישער שטים, ווי ער וואָלט אויסגערופן די טורי פון אַ קאַר-ריל. פון אַ צווייטן אויטאָמאָביל זענען אַרויס מענטשן און האָבן הינטער זיך געשלעפּט אַן אַנדער געפאַנגענעם. דאָס איז געווען בערט גליקאַן, אַ לאַנד-אַרבעטער, אַ מיטגליד פון עקזעקוטיוו פון י.וו.וו. אין דער צייט ווען מען האָט פון אים אַראָפּגעצויגן זיין בגד, האָט זיך אים איינגעגעבן אַרויסצוציען אַ האַנט, ער האָט איר צונויפגעדריקט אין אַ פויסט און האָט געדראָט מיט איר די אויסגעשטעלטע צושויער, וואָס זענען געשטאַנען הינטער די אויטאָמאָבילן. „פאַרפלוכט זאָלט איר זיין פון גאָט!“ האָט ער אַרויסגעשריען. מען האָט אים גלייך געכאַפּט, נאָך פעסטער צונויפגעבונדן. אַ צווייטער איז צוגעגאַנגען און האָט גענומען דעם ביטש אין האַנט. ביי יעדן קלאַפּ האָט דער קרבן אַן אַנדער קללה אויסגעשריען, אַ פּריער אויף ענגליש דערנאָך אויף עפּעס אַ פרעמדער שפּראַך. סוף כל סוף זענען אָבער אויך זיינע קללות אָפּגעשטאָרבן. אַ געדהלשטער האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן, מען האָט אים אָפּגעבונדן און אַוועקגעוואָרפן אויף דער ערד נעבן ערשטן קרבן.

„נומער דריי!“ האָט פון דאָסניי אַ הילך געטאָן די שטים פון צערעמאָניע-מייסטער.

60

פּעטער איז געזעסן אויף דער פאָדערשטער באַנק אין אויטאָמאָביל און גע-קוקט דורך זיין שוואַרצער מאַסקע. פּעטער האָט פיינט געהאַט די רויטע, האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן באַשטראָפט ווערן. ער האָט זיך אָבער קיין מאָל נישט פאָרגעשטעלט אַזאַ מין בלוטיק בילד, און דעם אינטאָניקן, טשעמפּן קלאַנג פון ביטש איבער מענטשלעך פלייש האָט ער אין גאַנצן נישט געקענט איבערטראָגן. דאָס איז געווען איבער זיינע קרעפטן.

אין צו וואָס איז ער גאָר געקומען אַהער? דאָס וואָס ער האָט דאָ געזען, האָט נישט געהערט צו דעם טייך פון זיין אַרבעט. זיין הוב האָט ער דערפילט. דערמיט, וואָס ער האָט אָנגעווין אויף די געקעבעלעכסטע רויטע. און ווייטער איז ער געווען אַ מענטש פון שכל, אָבער נישט פון געוואַלד.

מיט אַמאָל האָט אָבער פּעטער איבערגעריסן זיינע רעיונות. ער האָט דערזען, מען פירט טאָם דאַגן מיט זיין צוקלאַפּטער נאָז, און אין גאַנצן אַמגעריכט פאַר זיך. אַליין איז פּעטערן איבער אַ קעלט איבערן לייב. ער האָט פלוצלונג אַזוי ווי דערפילט, אַז דאַגן איז אים נאָענט. דאַגן איז אַפילו געווען אַ ביסל אַ צודרייטער, אַן אויסטערלישער, ער איז אָבער געווען אַ טרייער חבר און אַ וווילער יונג. איינגענטלעך האָט ער דאָך נאָר בלויז געמורמלט, און פונם דאָזיקן מורמלען זיינעם האָט ער פערן צונויפגעשטעלט. ניין, עס איז אַ פאַרזען, אַ טעות. אים טאָר מען נישט שלאָגן! און עס איז געווען אַרגע ווען פּעטער האָט געמוזט באַזעמען אין זיך דעם משוגעטן פאַרלאַנג, אַרויסצושרייען דאָס אין דער הויך.

דער היכטער איז געגאַנגען אַ שווייגע-

דיקער, מיט צונויפגעדריקטע ליפן, אוני-שערן שיין פון דער וואסער ליכטיקייט האט פעטער דערזען זיין פנים. און הגם עס איז געווען באדעקט מיט ברודה און מיט בלוט פארגאסן, האט מען פונדעסטוועגן געקאנט ארויסלייענען פון אים, דעם פעסטן ווילן גיכער צו שטארבן, איידער ארויס צולאזן א קלאנג פון די ליפן. יעדעס מאל ווען דער בייטש פלעגט זיך אראפלאזן, פלעגט זיין גאנצער קערפער איפגעציטערט ווערן, מען האט אבער פון אים קיין פיפס נישט געהערט. מער נישט די הענט זיינע פלעגן זיך וואס ווייטער אלץ פעסטער ארומכאפן ארום בוים. מען האט אים אזוי האנג געשלאגן ביז דאס בלוט האט אנגעהויבן צו שפריצן פון בייטש און שטראמענווייז זיך גיסן איבער דער ערד.

די אויסגערעכנטע גוישעפטס-לייט האבן פונדעסטוועגן מיטגענומען מיט זיך א דאקטאר, טאמער וועט מען דארפן. און דאס איז געווען דאס ערשטע מאל, ווען דער דאזיקער דאקטאר איז צוגעגאנגען צום צערעמאניע-מייסטער און האט אים עפעס אריינגעשושקעט אין אויער. מען האט דאגאנען אפגעבונדן. זיינע הענט איז אויסגעקומען אפצורייסן פון אים. אויך דעם קרבן האט מען א ווארף געטאן נעבן גליקאנען.

איצט איז געקומען די רייע אויף דאנאלד גארדאן, דעם סאציאליסטישן קוואקער. און ער האט אין דעם דאזיקן טייוועלשן שפיל אריינגעפירט א מעלאדראמאטישן מאמענט. דאנאלד איז באמת געווען א גלויביקער קריסט. קעגן דער מלחמה האט ער געקעמפט מיטן נאמען פון יעזוס אויף די ליפן. און דערפאר טאקע האט מען אים נאך מער פיינט געהאט. דעם איצטיקן מאמענט ווי עס ווייזט אויס האט ער אויך געהאלטן פאר א פאסיקן אויף צו דערמאנען אן גאט. ער האט א הויב געטאן זיינע צוויי געשמידטע הענט, ווי צו א געבעט און האט מיט א רירנדיקער שטימע אויסגעשריען: „פאטער זײַ זיי מוחל, ווייל זיי ווייסן נישט, וואס זיי טוען.

לכתחילה האט זיך דערהערט א מורמלען אין דער מחנה. דערנאך האט זיך אנגעהויבן א ווילדער געשריי, „גאט-לעסטערונג! פארשטאפט אים זיין מויל'! דאס האט דאך גערעדט דער, וואס האט פון הינדערטער טריבונעס גערעדט קעגן דער מלחמה און קעגן די, וואס זענען שולדיק אין איר. און איצט זענען זיי דא אלע געווען די מענטשן, וועלכע ער האט באשולדיקט. די הערן פון האנדלס-קאמער, די סוחרים און פאבריקאנטן, די „בעסטע" מענטשן פון שטאט. ווי האט די דאזיקע שיינע כנופיה, וואס האט זיך דא צונויפגענומען, כדי צו ראטעווען דאס פאטערלאנד, געקאנט פארטראגן אזא עולה קעגן גאט? און איינער, וועמענס מאסקע עס האט פשוט אויסגעזען ווי א הוזק, ווייל עס איז געווען אזוי גרויס און גראב, אז יעדער איינציקער האט אים דערקענט, האט גענומען אין האנט דעם בייטש. דאס איז געווען בילי נאש, דער סעקרעטאר פון „דער ליגע אויף צו דערהויבן די מאראל אין אמעריקע'. די מחנה האט געדונערט. פאראויס בילי, ווייז וואס דו קענסט! דאנאלד גארדאן האט צוואנציק מאל געמענט זאגן גאט, אז בילי נאש ווייסט נישט, וואס ער טוט. בילי האט אבער געקלערט, אז ער ווייסט יא. און ער האט געוואלט, אז

אויך דאָנאַלד זאָל דאָס דערשפּירן. אין זיין לאַנגע צייט האָט ער אויף דעם ניט געדאַרפֿט האָבן. דער יונגער קוואַקער האָט געהאַט בלויז אַ שטים אַ שטאַרקע. נאָכן פֿינפֿטן קלאַפּ איז ער געפֿאַלן אין חלשות. נאָכן צוואַנציקסטן האָט דער דאָקטאָר געהייסן אויפֿהערן.

נאָך אים איז געגאַנגען גרעדי, דער סעקרעטאַר פֿון י.וו.וו, און דאָ איז געשען עפּעס שרעקלעכעס. גרעדי, וועלכער איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ געבונדענער און צוגעקוקט זיך צום בלוטיקן שפּיל איז אַזוי אויפֿגערעגט געוואָרן, אַז ער איז אין גאַנצן אַרויס פֿון די כּלים. ווי מען האָט אים נאָר אָפּגעבונדן האָט ער זיך אַרויס געטאָן אין גענימעז שלאָגן אויף רעכטס און אויף לינקס. ער האָט זיך אויסגעהאָדעוועט אין די וועלדער און איז געווען פֿיזיש ווייער אַ שטאַרקער מענטש. נאָך איידער די מחנה האָט זיך באַוויזן אַרומצוציקן איז ער שוין געשטאַנען צווישן צוויי אויטאָמאָבילן. נאָר דאָ האָבן זיך מענטשן אַלאָז געטאָן אויף אים פֿון אַלע זייטן און אין אַ פּאָר מינוט אַרום איז ער שוין געלעגן אויף דער ערד. אַ צעבלוטיקטער, אַ צעטראָטענער און ווי האָבן אים געבונדן און איצט האָט זיך גענומען טראָגן אַ געהויל פֿון דער מחנה, ווי פֿון ווילדע חיות ביי נאַכט. „הענגט אים אויף“! הענגט אים אויף“! אַ מענטש איז צוגעקומען צו לויפֿן מיט אַ שטריק אין האַנט. „הענגט אים“! „הענגט אים“!

דער צערעמאָניע-מייסטער האָט דורך זיין מעגאַפֿאָן פּראָטעסטירט קעגן דעם, מען האָט עס אים אָבער אַרויסגעשלאָגן פֿון האַנט און אים אַליין אָפּגעשטופּט אין אַ זייט. איינער איז אַרויפֿגעקראָכן אויף אַ סאָסנע און האָט אָנגעבונדן די שטריק אין אַ צווייג. גרעדי איז פֿאַרשוווּנדן געוואָרן אין די הענט פֿון די ווילדע מחנה. פּלוצלונג האָט זיך דערהערט אַ געשריי: גרעדי איז געהאָנגען אין דער לופֿטן מיט אַ שטריק אויפֿן האַלז און מיט מאָרנע אויסגעשטעלטע פֿיס. און אונטער אים האָבן די מענטשן געטאַנצט, געהוילט ווי ווילדע חיות געוואָרפֿן זייערע קאַפּעליושן אין דער הויך, געכאַפּט די צאַפּלדיקע פֿיס, אָנגעטאָפּט און הענגען זיך אויף זיי.

און דאָ האָט זיך דערהערט אַ שטים דורכן מעגאַפֿאָן, „לאָזט אים אַביסל אַראָפּ, איך דאַרף צו אים דערגרייכן“. דער קערפּער, וואָס האָט זיך נאָך אַליין געהאַלטן און וויגן איז אַראָפּגעלאָזט געוואָרן ביז צו דער ערד. אַ מענטש איז צוגעגאַנגען, האָט אַרויסגענומען אַ מעסער פֿון קעשענע, האָט אויפֿגעטרענט דעם געהאָנגענעמס בגד און האָט אים קאַסטרירט. איצט האָט זיך ערשט אָנגעהויבן דער אמתער שדים-טאַנץ פֿון דער מחנה, אויף די אויטאָמאָבילן האָט מען געפּאַטשט. פֿעטערס בײַגלייטער האָבן אים אַריינגעשושקעט, אַז דאָס איז אַגרען, דער פּרעזידענט פֿון האַנדלס-קאַמער. וואָכן נאָכאַנאַנד האָט מען זיך דערנאָך אין שטאָט געשושקעט וועגן דעם, וואָס אַגרען האָט אָפּגעטאָן איבער גרעדיס גוף. און אַלע האָבן מיט גרויס הנאה געשטשירעט מיט די ציין. איצט איז שוין אויס מיטן טעראָר. דער הונדערטפּראָצענטיקער אַמעריקאַניזם קען פֿייערן זיין נצחון, דאָס פּראָבלעם פֿון אַרבעט און קאַפּיטאַל איז אויף אַ פֿרידלעכן אופֿן געלייזט געוואָרן.

אין ווי דאס זאל נישט קלינגען וואונדערבאר, איינער פון די י. וו. וו, איז מסכים געווען דערמיט. איינער פון די קרבנות איז אין דער דאזיקער נאכט געקומען צו אזא איבערצייגונג. ווי נאר טאם דאגן האט זיך ווי נישט איז געקענט אוועקזעצן אין בעט — זעקס וואכן נאך יענער נאכט — האט ער געשריבן אן ארטיקל וועגן זיינע איבערלעבונגען. דער ארטיקל איז לכתחילה אפגעדרוקט געווען אין דער „י.וו.וו.-צייטונג", דערנאך ארויסגעגעבן געווארן ווי א בראשור, וועלכע עס האבן געליינט הונדערטער, טויזנטער ארבעטער. דער דיכטער האט געשריבן:

„דאס פראגראם פון דער י.וו.וו. הויבט זיך אן מיט דער איינלייטונג, אז צווישן דעם קלאס אונטערנעמער און דעם פראלעטאריאט איז נישטא קיין שום געמיינזאמעס. אין יענער נאכט האב איך זיך אבער איבערצייגט, אז דער זאץ איז פאלש — איך האב אין יענער נאכט געזען א זאך וואס איז געווען געמיינזאם סיי פארן אונטערנעמער, סיי פארן פראלעטאריאט. דאס איז דער שווארצער שלאנגען-בייטש. דאס הענטל פון בייטש איז געווען אין די הענט פון די אונטערנעמער, דער שנור פון בייטש האט געטאנצט אויפן רוקן פון פראלעטאריאט. און אויף דעם אופן איז אויף אייביקע צייטן פעסטגעשטעלט געווארן די פארהעלטניש צווישן די ביידע קלאסן..."

## 61.

אויף מארגן איז דער פרי איז פעטער אויפגעשטאנען מיט א מאדנעם געפיל פון פארדרוס און אימה געמישט, וועלכער איז פאר אים אינגאנצן ניי געווען. ער האט די גאנצע צייט געוואלט, אז די רויטע זאלן באשטראפט ווערן. די שטראף גופא האט ער זיך אבער אלע מאל זייער אבסטראקט פארגעשטעלט. אים דאט זיך עפעס געדוכט, אז מיט איין מאך פון האנט וועט עס דורכגעפירט ווערן. די פיזישע זייט פון דער זאך, דאס בלוט און דער בהוד — איז אים קיינמאל אויפן זינען נישט אריף. און דא איז אים אויסגעקומען צוויי שעה נאכאנאנד און אפשר נאך לענגער צוצוהערן זיך צום טעמפן קלאנג פון בייטש איבער מענטשן-פלייש און יעדער קלאפ האט אים געשניטן איבער זיינע נערוון. דאס איז שוין געווען צו פיל נקמה פאר פעטערן, ער איז געווען איבערגעזעטיקט. אין דעם פרימארגן האט אים געמאטערט זיין געוויסן. ער האט דאך געקאנט די אלע בחורים. און איצט האט ער געזען פאר זיך זייערע פנימער און זיי האבן אים ממש פארפאלגט. ווי ער האט זיך געקערט און געווענדט. וואס האבן זיי אזעלכעס געטון, כדי אזא שטראף צו באקומען? צי האט כאטש איינער פון זיי אפגעטון אין זיין לעבן אזא מין געוואלד-טאט, וואס איז קעגן זיי אלעמען באגאנגען געווארן?

מער פון אלץ האט אבער פעטערן געמאטערט די מורא. פעטער, די מיראשקעס, האט געזען אז דער געראנגעל פון די צוויי גבורים ווערט וואס אמאל פארביסענער און ער האט פארשטאנען, וואס פאר א סכנה עס איז צו דרייען זיך אונטער זייערע פיס. אויף ביידע זייטן האבן געפלאקערט די ליידנשאפטן. און וואס שטארקער דער האס האט זיך פאנאנדערגעברענט, אלץ גרעסער איז געווארן

פאר פעטער די סכנה, אליין גיכער האט ער געקאנט דערכאפן. און ווי שרעקלעך עס וואלט דאמאלסט געווען זיין לאגע. וואס איז די פעולה דערפון, וואס גיווני פארזיכערט אים, אז דעם אמת וויסן בלויז פיר מענטשן און יענע קען מען געטרויען פונקט ווי זיך אליין. א צעציטערטער האט זיך פעטער דערמאנט גרעדיס אן אמאליקע באמערקונג, וועלכע האט אים שוין נישט איינמאל איבערגעפירט דעם אפעטיט. „זיי האבן צווישן אונז אריינגעשמוגעלט שפיאנעס", האט דער יונגער אירלענדער דאמאלסט געזאגט. „גוט, פריער אדער שפעטער וועלן מיר זיך אויך נעמען צום שפיאנירן".

איצט האבן די דאזיקע ווערטער געקלונגען פאר פעטערן ווי א שטים פון קבר. ווי וואלט געווען ווען עמיצער פון די רויטע האט גענוג געלט אויף ארייצושמוגלען וועמען עס איז צו געפינען אין ביורא? אדער א וועלכע נישט איז „רויטע מיידל", באנוצט זיך מיט פעטערס שפיצל, פארפירט וועמען נישט איז פון געפפים הברה־לייט. און דאס וועט איר גראד גארנישט אזוי שווער אנקומען! יענער וועט גארנישט בדעה האבן ארויסצוגעבן, אז פעטער איז איינער פון געפפים מענטשן, אבער דער אמת קען זיך אים ארויסגליטשן פון צונג פונקט אזוי ווי דושעקס נאמען האט זיך קעגן איר ארויסגעכאפט בײַ דער קליינער דושעני, און דאמאלסט וועט זיך מען דערוויסן ווער עס האט אים אפגעטון דאס שטיקל ארבעט און צי קען זיך גאר א מענטש פארשטעלן, וואס אזא מען קען אפטון פעטערן, ווען ער וועט זיין אויף

דער פריי?

און אין דעם מאמענט האט פעטער געפילט, וואס דאס הייסט גיין אויף א מלחמה. וואס האט ער דערפון, וואס ער איז פארבליבן אין דער הוים, דאס איז דאך אויך א מלחמה? איז עס א קלאסן־מלחמה, וואס איז די נפקא־מינה? אויך אין דער דאזיקער מלחמה ווערט שפיאנאזש באשטראפט מיטן טויט.

און וועגן נעל האט פעטער אייך נישט געוווסט, וואס איבערצוקלערן. שוין א גאנצע וואך, ווי זי איז אויף דער נייער שטעלע און מען הערט פון איר קיין ווארט נישט. פעטער וואלט אנגעשריבן צו איר א בריוול, האט זי אים אבער פארווערט דאס צו טון. זי האט מורא, טאמער וועט ער נישט זיין גענוג פארזיכטיק. ער קען גאנץ רויק ווארטן, ביז זי וועט זיך אליין אפרופן. עדית יוסטעק ווייסט, וואס זי האט צו טון. וועגן דעם האט פעטער גראד נישט געצווייפלט, און נישט דערפאר האט ער מורא געהאט. באאומרויקט האט אים בלויז דער געדאנק מכח אירע איצטיקע פלענער. אים האט געשראקן איר צורייכע פאנטאזיע. בשעת די דאזיקע פאנטאזיע איז דאס לעצטע מאל ארומגעגאנגען א מעוברתע מיט פלענער, האט זי אים באשאנקען מיט א זעקל דינאמיט. ווער ווייסט, וואס פאר א פרי זי וועט אים איצט אונטערטראגן. זי קען נאך אמאל דערפירן דערצו, אז געפו זאל זיך דערוויסן וועגן דער גאנצער מעשה, און דאס וואלט זיין פונקט אזוי שלעכט, ווי ארייצופאלן צו מעקן אין די הענט.

פעטער האט געקויפט די פרימארגנ־

דיקע אויסגאַבע פֿון „טײַמס" און האָט זיך גענומען לייענען. די גאַנצע פֿאָדערשטע זײַט דאָרטן איז געווען פֿאַרנומען מיט דעם, ווי אַזוי מען האָט זיך אין דער פֿאַרגאַנגענער נאַכט אָפּגערעכנט מיט די רויטע. און די גאַנצע זאַך איז פֿאַרגעשטעלט געוואָרן, ווי אַ העלדיש־אויסגעפֿירטער, פּאַטריאָטישער חוב. דאָס האָט פּעטערן אַ ביסל באַרויִקט. ער האָט ווײַטער געלייענט. דער לייט־אַרטיקל איז שוין געווען ממש איין טריומף־געשריי. פּעטערן איז נאָך גרינגער געוואָרן אויפֿן האַרצן. ווער שמועסט, אַז ער האָט נאָך איבערגעלייענט די אינטערוויוען מיט די אָנגעזעענסטע לײַט פֿון שטאָט, וועלכע האָבן אין וואַרעמע ווערטער באַגריסט די אונטערנעמונג, האָט זיך שוין פּעטערס געוויסן אײַנגאַנצן באַרויִקט און ער האָט זיך שוין גאָר אָנגעהויבן צו שעמען מיט זײַן שוואַכקייט.

עס האָט אים הנאה געטאָן, וואָס קיינער, לכל־הפּחות, ווייסט נישט דערפֿון. פּעטער האָט זיך מיט אַלע כּוחות געריסן צו ווערן אַן אמתער, הונדערט־פּראָצענטיקער אַמעריקאַנער, און דערפֿאַר טאַקע האָט ער צוויי מאָל אַ טאָג געלייענט דעם „טײַמס". אין אים האָט ער געזוכט אַ תּשובה אויף אַלע פֿראַגן, פֿון אים האָט ער געשעפּט זײַן מוט און באַוווּסטזײַן.

גיזונייען איז אײַנגעפֿאַלן אַ פּלאַן, אַז ס׳וואָלט גוט געווען, אַז פּעטער זאָל זיך מאַכן פֿאַר אַ קרבן פֿון דער פֿאַרגאַנגענער נאַכט. פּעטערן איז דער ענין זייער געפֿעלן געוואָרן. ער איז אַוועק אַהיים, האָט זיך פֿון איין זײַט קאָפּ אָפּגעשווירן די האָר און אויף דעם אָרט האָט ער אַרויפֿגעלייגט וואַטע און פֿאַרקלעפּט מיט אַ פּלאַסטער. אַ צווייטע שטיק פּלאַסטער האָט ער אין דער קווער אַרויפֿגעקלעפּט איבערן שטערן און אַ דריטע שטיק אַרויפֿגעזעצט ווי אַ צלם אויפֿן באַק. אַ חוץ דעם האָט ער זיך נאָך פֿאַרבונדן אַ האַנט, ווי זי וואָלט כּלומרשט געווען אויסגעלונקען. און אַזוי אויסגעפּוצט, האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין „אַמעריקען־הויז". גיזוניי האָט אים באַגעגנט מיט אַ מוראדיקן געלעכטער. ער האָט געהאַט פֿאַר פּעטערן אַ שפּאָגל־נײַ שטיקל אַרבעט. ווען פּעטער האָט דערהערט, וועגן וואָס עס גייט, האָט ער אָן אַלע זײַנע ספֿקות פֿאַרגעסן, די רויִקייט האָט זיך צוריקגעקערט אין זײַן נשמה. פּעטער האָט זיך ווידער אַמאָל געדאַרפֿט אויפֿהייבן אויפֿן אָלימפּ.

דער „שטשור" האָט אים דערציילט אַזאַ מין מעשׂה: עס איז דאָ זייער אַ רײַכע דאַמע — מען האַלט זי אַפֿילו פֿאַר אַ פֿילפֿאַכע מיליאָנערין, — וועלכע האָט זיך אָפֿן דערקלערט פֿאַר אַ רויטע און פֿאַרברענטע פּאַציפֿיסטין. צײַט דער יונגער לײַקמען איז אַרעסטירט געוואָרן, איז זי אַרויסגעטראָטן אין דער עפֿנטלעכקייט, האָט געגעבן געלט פֿאַרן „פֿאָלקס־ראַט", פֿאַר דער „ליגע קעגן דינסט־פֿליכט" און נאָך פֿאַר אַנדערע אַזוי־גערופֿענע „דײַטש־מיטפֿילנדיקע" פֿאַריינען.

צום באַדויערן, קאָן מען אָבער מיט דער דאַמע גאָרנישט מאַכן, טאַקע צוליב דעם, וואָס זי איז אַזאַ גרויסע גבירטע. איר מאַן איז אַ דירעקטאָר אין עטלעכע בענק אַקערמאַנס און האָט זייער

אָן איינפלוסרייכע באַקאַנטשאַפט. דער מאַן אַליין איז אַפילו אַ פאַרביסענער קעגנער פון די סאָציאַליסטן, איינער פון די, וואָס האָבן אונטערגעשריבן די פרייהייטס-הלוואה; ער קעמפט מיט זיין פרוי געוואַלטיק, אָבער ער וויל נישט פונדעסטוועגן, אַז מען זאָל זי אַריינזעצן אין תפיסה. און נאַטירלעך, אַז נישט דער פאָליציי, נישט דער פראָקוראַטאָר ווילט זיך נישט איינרייסן מיט איינעם פון די הויפּלייט פון פינאַנץ-קעניג.

— אָבער נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, מוז פאָרט עפעס געטון ווערן — האָט גיווני געזאָגט צום סוף פון זיין מעשה. עס קאָן בשום-אופן נישט דערלאָזט ווערן, אַז די פאַרמאַסקירטע דייטשע פראָפּאַגאַנדע זאָל אַזוי ווייטער, אומגעשטערט געפירט ווערן. פעטער דאַרף זען צו ווירקן אויף דער פרוי געט, אַז זי זאָל אונטערנעמען וועלכע נישט איז „דירעקטע אַקציע“.

— פרוי געט? — האָט פעטער איבערגעפרעגט. דעם דאָזיקן נאָמען האָט ער שוין ערגעץ-ווו אַמאָל געהערט. און עס איז אים עפעס אויסגעקומען מאָדנע, אַז מיט דעם דאָזיקן נאָמען זאָל זיך רופן איינע פון די, וואָס באַוווינען דעם אָלימפּ.

די רייכע דאַמע האָט געוווינט אויף אַ בערגל הינטערן שטאָט, נישט ווייט פון אַקערמאַנס פאַלאַץ. נויטבאַדערפטיקע רויטע און פאַציפיסטן פלעגן אויפזוכן איר הויז, כדי צו פאַרקלעפן זייער נויט מיט אַ ביסל באַנקנאָטן-פלאַסטערס. און איצט האָט גיווני געוואָלט, אַז פעטער זאָל זיך צו איר אַוועקלאָזן. פעטער האָט אַזוי פיל וווּנדן, וואָס מוזן פאַרקלעפט ווערן.

די געשעענישן פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט וועלן געוויס אויפרעגן די פרוי געט. זי וועט אַוודאי נישט שווייגן.

אַ צופרידענער פון דער נייער עובדא, האָט זיך פעטער אַריינגעזעצט אין אַ טראַמוואַי.

62.

שוין לאַנג האָט זיך פעטער אַזוי נישט דענערווירט. כמעט פון יענעם טאָג אָן, ווען אים איז אויסגעקומען צו וואַרטן אויף לייקמענען. דעם דאַמאָלסטדיקן דורכפאַל האָט ער זיך נאָך ביז איצט נישט מוחל געווען; היינט האָט ער ערשט געהאָפט אים צו פאַרריכטן. ער האָט דורכגעמאַכט אַ מוראדיק-לאַנגן וועג הינטערן שטאָט, איז דורכגעגאַנגען אַ זעלטן-שיין וועלדל און איטאַליענישע גערטנער. און איז ענדלעך צוגעקומען צו אַ בערגל, ווו דער פאַלאַץ איז געשטאַנען.

פעטערן איז געווען היים, ער איז געווען פאַרשטויבט פון לאַנגן וועג, דער שווייס האָט זיך אים געגאָסן איבערן פנים און פאַרשמירט זיינע ווייסע פלאַסטערס. אין זיינע בעסטע צייטן האָט פעטער גענוג קלאָגעדיק אויסגעזען, און איצט האָט ער גאָר געהאַט אַ פנים ווי אַ שלעפער. די פראַנצויזישע סובּרעטין האָט אים פונדעסטוועגן אויפגעעפנט די טיר און אַריינגעלאָזן. אַפנים, אַז זי איז געווען געוווינט צו אַזעלכע געסט. זי האָט פעטערן נישט געהייסן גיין דורך דער הינטער-טיר, האָט אים נישט געדראָט, אַז זי וועט אָנרייצן אויף אים די הינט, נאָר זי האָט פשוט געזאָגט: „זעצט זיך, זייט אַזוי גוט, איך וועל געבן צו וויסן דער מאַדאַם“.

אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך באַוויזן פרוי געט. פּונקט ווי אַ וואָלקן פון אָלימפּישער געטסקייט וואָלט זיך אַראָפּגעלאָזן. זי איז געווען אַ דיקע, שטאַרק־געבויטע דאַמע און האָט זיך, לויט פּעטערס מיינונג, זעלטן גוט געפּאַסט פאַר דער ראָלע פון אַ געטין. פּעטער איז געבליבן שטיין מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, אַ פאַרלאָרענער, אַ צומישטער. ווי אַזוי האָט ער גאָר געהאַט די העזה צו קומען אַהער? נישט אין האַטער דע סאָטא מיט אַלע זיינע געטינס און אפילו נישט אין פּאַלאַץ פון „קעניג" אַקערמאַן האָט ער זיך נישט געפילט אַזוי קליין און נישטיק ווי דאָ איצט, פּנים אל פּנים מיט דער דאָזיקער גרויסער דאַמע מיט אירע לאַנגזאַמע, געלאַסענע באַוועגונגען. פּעטער האָט דערזען פאַר זיך די פאַרקערפּערונג פון שפע, פון איבערפלוס. איינע פון די „עכטע". און הגם זי האָט געקוקט אויף אים מיט אַ פּאָר גוטע, בלאָע אויגן, האָט זי פונדעסטוועגן געמאַכט אויף אים דעם איינדרוק פון אַ מוראדיקער איבערמאַכט. ער האָט נישט געוווּסט, אַז ס'איז די פליכט פון אַ דזשענטלמען אויפצושטיין, ווען אַ דאַמע גייט אַריין אין צימער. דער אינסטינקט האָט אים אָבער אַ זאָג געטאָן צו שטעלן זיך אויף די פיס און האָט אים געצוווּנגען שטייענדיקערהייט צו וואַרטן און קוקן ווי זי גייט דורך דעם צימער.

— גוט מאָרגן, האָט זי געזאָגט מיט אַ שטילער, טיפער שטימע און אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אירע גרויסע, גוטע אויגן.

פּעטער האָט אַרויסגעשטאַמלט: — גוט מאָרגן, פרוי געט.

פּעטער איז געשטאַנען אַ צעטומלטער. ער האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט. צי קאָן דאָס גאָר זיין אין דער וועלט, אַז אַזאַ מין מענטש זאָל זיין אַ רויטע? די הויפּט־זאַך, וואָס פלעגט אים אָפּשטויסן פון די סאָציאַליסטן איז געווען זייער טומלדיקייט, זייער שרייען. דאָ האָט ער אָבער געזען פאַר זיך אַזוי פיל שטילקייט, געלאַסנקייט, אַזאַ מין ווייכע, ליבע שטימע, און אַ חן, דעם שיינקייט, אַ צאַרטע, דינע הויט אָן עפּעס קנייטשן, הגם די דאַמע איז שוין נישט געווען אַזאַ יונגע. נעל חלין האָט אויך געהאַט אַ שיינע געזיכטס־פאַרב, אָבער די פודער איז אויף אַ פינגער די גרעב געלעגן אויף אירע באַקן און ווען מען האָט זיך צוגעקוקט צו איר נענטער האָט מען געזען ברודיקע פלעקן אויפן האַלז און אונטער די האָר, פרוי געטס הויט האָט געגלאַנצט, ווי עס קאָן נאָר גלאַנצן די הויט פון אַ געטין. און אַלץ אין איר איז געטלעך געווען. פּעטער האָט אַליין נישט געוווּסט פאַר וואָס זי האָט געמאַכט אויף אים אַזאַ מין איינדרוק. זי האָט געטראָגן זייער ווייניק צירונג, קיין גרויסע שטיינער האָט מען אויף איר אין גאַנצן נישט געזען. די פרוי דזשעמס למשל האָט געטראָגן אַ סך מער און שענערע צירונג. זאָל מען זאָגן, אַז דאָס איז דער ריח פון אירע פּערפומען — נעל חלין האָט פאַרשפּרייט אַרום זיך אַ זיסערן ריח. פּעטער האָט אָבער פּאַרט דערטאַפּט די נפקא מינה, הגם ער איז נישט געווען פון די זייער

אויפגעקלערטע מענטשן. אַליין האָט ער אַנדערש אויסגעזען: די פרוי געטס גרויסאַרטיקע קליידער ווי מען וואָלט זיי דעם ערשטן מאָל אָנגעטאָן, די וואונדערשיינע טעפּיכער אויף דער פּאָדלאָגע ווי נאָך קיין מאָל וואָלט אויף זיי אַ מענטשלעך פוס נישט געטראָטן און דער שטול אויף וועלכן פרוי געט האָט זיך אַראָפּגעלאָזן ווי מען וואָלט זיך מיט איר דאָס ערשטע מאָל באַנוצט.

אַנאַ ריט האָט אַמאָל געזאָגט, אַז פרוי געט איז „די מוטער פון דער גאַנצער וועלט". איצט איז זי געוואָרן אויך פעטערס מוטער. זי האָט שוין געלייענט די פרי-מאָרגנדיקע צייטונגען, האָט שוין געהאַט באַקומען עטלעכע דעפּעשן פון רוימע, אַזוי אַז פעטער האָט נישט געדאַרפט קיין סך רעדן, וועגן די סיבה פון זיינע פּראָטעסטן. זי האָט אים דערלאַנגט איר שיינע, קלע האַנט און די גרויסע אויגן זענען פול געוואָרן מיט טרערן. „איר זייט עס אויך איינער פון די אומגליקלעכע יונגלעך, גאָט צו דאַנקען, וואָס איר זייט געבליבן לעבן". זי האָט אים צוגעפירט צו אַ ווייכער קאַנאַפּע און האָט אים געצוווּנגען נישט אַנדערש, אויסציִען זיך אויף די ווייכע קישנס. פעטערס חלום וועגן אָלימפּ איז מקוים געוואָרן, אַז ער האָט אַ טראַכט געטאָן בײַ זיך, ווען פרוי געט וואָלט מסכים געווען אויף אַלע מאָל צו שפּילן די ראָלע פון זיין מוטער, וואָלט ער פון זיין זייט גרייט געווען תיכף ומיד אָפּצוזאָגן זיך פון זיין אַגענט-שטעלע, פאַרגעסן אָן זיין פּאַטריאָטישן חוב, אַז אַלע צרות פון דער וועלט און ווערן איינער פון די לאָטוס-עסער און נעקטאַר-טרינקער פון אָלימפּ.

זי איז געזעסן לעבן אים און גערעדט מיט איר ווייכער, צאַרטער שטימע. פעטערן האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט נאָך קיין מאָל אין זיין לעבן נישט איבערגעלעבט אַזאַ מין נחת-רוח. פרוי יאַנקאָוויטש איז אַמאָל אויך געווען זייער אַ גוטמוטיקע. און איר אויגן פלעגן זיך אויך זייער אָפט אָנפילן מיט טרערן, אָבער פרוי יאַנקאָוויטש איז געווען אַן אַלטע, דיקע אידענע, וועלכע האָט געוווינט אין אַ קאָמאָרקע און עס האָט זיך געהערט פון איר זייף און זאָדע. איר גוטסקייט האָט פעטערן נישט גערירט און פעטער האָט צו איר נישט געפילט קיין שום דאַנקבאַרקייט. אָבער באַגעגנען זיך מיט צאַרטע געפילן און די הימלישע געצעלטן, מיטערלעך באַהאַנדלט ווערן פון אַזאַ מין וואונדערבאַרער פרוי געט, וועלכע איז אין גאַנצן איינגעטוילט געווען אין ווייסן שיפאָן, דאָ ס'איז גאָר עפּעס אַנדערש.

.63

פעטער האָט שוין נישט ברעה געדאַרפט צו פאַרשפּרייטן אַ נייעס פאַר דער דאָזיקער אָלימפּישער מוטער. ער האָט שוין אויך נישט געוואָלט אַרויסקריגן פון איר קיין סודות, אָבער ער האָט עס לגמרי פאַרשפּאָרט צו ווערן, ווייל זי האָט במילא אַליין דערציילט גאַנץ פריי וועגן אַלץ, נישט אָפּשטעלנדיק זיך פאַר קיין שום זאַך. זי האָט גערעדט פונקט דאָס זעלביקע, וואָס מען פלעגט הערן אויף די פאַרזאַמלונגען אין י. וו. ח., און ווען פעטער האָט נאָכדעם געטראַכט וועגן דעם

איז ער געקומען צו אַזאַ מין פּועל־יוצא: אויף דער וועלט זענען דאָ צווייערליי מענטשן, וואָס קאָנען זײַן אין גאַנצן אויפֿריכטיק: די יעניקע, וועלכע האָבן גאָרנישט צו פֿאַרלירן און די, וועלכע האָבן אַזוי פֿיל, אַז ס'איז אוממעגלעך, אַז זיי זאָלן דאָס אַלץ קאָנען פֿאַרלירן.

פֿרוי געט האָט געזאָגט:

— נעכטן בײַנאַכט איז באַגאַנגען געוואָרן אַ פֿאַרברעכן און ער מוז באַשטראָפֿט ווערן אַזוי האַרב ווי נאָך קיין שום פֿאַרברעכן איז נאָך נישט באַשטראָפֿט געוואָרן. זי וועט גערן אַנדינגען דעטעקטיוון, כדי אָנצוקלײַבן באַווײַזן קעגן די שולדיקע. זי האָט אויך אָפֿן געזאָגט, אַז זי סימפּאַטיזירט מיט די רויטסטע פֿון די רויטע. און ווען אויף דער וועלט וואָלט זײַן נאָך אַ רויטערע רויטקייט, וואָלט עס געווען איר פֿאַרב. און דאָס אַלץ האָט זי זיך גערעדט מיט איר שטילער, ווייכער שטים. פֿון צײַט צו צײַט פֿלעגן זיך באַווײַזן טרערן אין אירע אויגן, אָבער דאָס זענען געווען גוט דערצויגענע טרערן, זיי פֿלעגן פֿון זיך אַלײן פֿאַרשווינדן, האָבן זיך נישט געגאָסן איבער די באַקן, נישט איבערגעפֿירט זייער פֿאַרב.

פֿרוי געט האָט געזאָגט, אַז זי קאָן בשום אופֿן נישט באַגרײַפֿן, ווי אַזוי קאָן אַ מענטש, וועלכער זעט אין די אומגערעכטיקייט פֿון דער הײַנטיקער געזעלשאַפֿטלעכער אָרדנונג, פֿועלן בײַ זיך נישט צו זײַן קיין רויטער. מיט עטלעכע טעג צוריק איז איר אויסגעקומען צו טרעפֿן זיך מיטן פּראָקוראָר, האָט זי מיט אים אויך גערעדט אויף דער זעלבער טעמע. זי האָט געוואָלט ווירקן אויף אים ער זאָל ווערן אַ רויטער. און מיט אַ געוויסע צײַט צוריק האָט זי אויך געהאַט אַזאַ מין מעשה. צו איר איז דאָ געקומען איינער אַ מענטש, וואָס האָט זייער אַ סך געפּלאַפּלט וועגן סאָציאַליזם, זי האָט באַלד געזען, אַז ער ווייסט כמעט נישט וואָס ער רעדט. און דערנאָך איז איר אײַנגעפֿאַלן אפֿשר איז ער גאָר אַ רעגירונגס־אַגענט. זי האָט עס אים געזאָגט און דער מענטש האָט איר מודה געווען, אַז אַזוי איז עס. דאַמאָלסט האָט זי זיך גענומען צו אים, האָט אים אָנגעהויבן אַגיטירן. צוויי שעה נאָכאַנאַנד האָט זי מיט אים גערעדט און דערנאָך האָט זי אים נאָך געבעטן, ער זאָל קומען צו איר אין דער אָפּערע.

— אין שטעלט אײַך פֿאָר, האָט פֿרוי געט פֿאַרענדיקט מיט אַ באַליידיקטער שטים, ער וואַקלט זיך נאָך אַלץ. די דאָזיקע מענטשן ווילן גאָר נישט ווערן אַנדערש ווי זיי זענען. ווילן זיך בשום אופֿן נישט צוהערן צו דעם, וואָס עס דיקטירט דער געזונטער פֿאַרשטאַנד. מער קומט ער נישט צו מיר. איך רעכן, אַז ער האָט זיך מסתמא דערשראָקן, טאָמער וועל איך פֿאָרט ווירקן אויף אים.

— דאָס וואָלט פֿאַר מיר גאָר קיין חידוש נישט געווען, האָט פּעטער אַ ביסל אַ צעשראָקענער געענטפֿערט. ער האָט אַלײן אויך אָנגעהויבן מורא צו האָבן.

— איך האָב צו אים געזאָגט: איך לעב דאָ, אין דעם דאָזיקן פּאַלאַץ, און דאָרטן אונטן אין שטאָט שטייען אין די פֿאַבריקן טויזנטער מענער און פֿרויען, איצט

בשעת דער מלחמה, ווי טאָג אַזוי נאַכט אין האָרעוועט פאַר מיר. איך לעב פון פּראָפּיט, וואָס עס גיט זייער אַרבעט. וואָס האָב איך געטאָן, כדי עס צו פאַרדינען? צי האָב איך ווען נישט איז אין מיין לעבן עפּעס אַ נוצלעכע אַרבעט געטאָן? ער האָט בײַ מיר געפרעגט: וואָס וועט איר טאָן, ווען מען זאָל אויפהערן צו צאָלן דיווידענדן? דאָס ווייס איך נישט, האָב איך אים געענטפערט. נאַטירלעך וואָלט מיר זייער שלעכט געווען. איך האָב פיינט די אָרעמקייט, קאָן זי ממש נישט פאַרטראָגן, עס איז דאָך פּשוט אַ שרעק, פירן אַ לעבן אָן שום באַקוועמלעכקייטן, אָפּזאָגן זיך פון ריינטלעכקייט, נישט זיין זיכער מיטן מאָרגנדיקן טאָג. און אויב איר ווילט וויסן, בין איך טאַקע דערפאַר אַ רויטע, איך ווייס, אַז ס'איז אַן עולה און אָרימאַן צו זיין, אַז ס'איז נישטאָ אויף דעם קיין שום פאַרענטפערונג. און איך וויל מיטהעלפן אַראָפּצוּוואַרפן די קאַפּיטאַליסטישע אָרדנונג, ווען איך זאָל אַפילו דאַרפן ווערן אַ וועשערין, כדי צו פאַרדינען מיין ברויט.

פּעטער האָט זי באַטראַכט אין אַ שמעקעדיקער, ווייסער פרישקייט. אירע ווערטער האָבן דערוועקט בײַ אים זייער נישט קיין אָנגענעמע דערינערונג. ער האָט זיך דערמאָנט אַן דער שטוב אין דער קאַזאַרמע, האָט דערזען די דיקע פרוי יאַנקאָוויטש אין אַ וואָלקן פון פּאַרע, די הענט איינגעטונקט אין זייף. און עס האָט זיך שיער בײַ אים פון צונג נישט אָפּגעריסן: „ווען איר, פרוי געט, וואָלט געפּרווט כאָטשבע איין טאָג שטיין איבער דער באַליע, וואָלט איר גאָר אַנדערש גערעדט".

ער האָט זיך אָבער דערמאָנט, אַז ער דאַרף דאָך עפּעס שפּילן זיין ראָל און ער האָט געזאָגט מיט אַ טרויעריקער, שוואַכער שטים:

— די רעגירונגס-אַגענטן, דאָס זענען געפערלעכע מענטשן. צוויי פון זיי האָבן דאָס מיר נעכטן דעם קאָפּ צוהאַקט.

די פרוי געט איז געווען אַזוי גערירט, אַז זי האָט נאָך שאַרפער אָנגעהויבן צו רעדן.

— אין אַליין איז שולדיק די פאַרפלוכטע מלחמה. מיר פירן כלומרשט אַ מלחמה כדי צו פאַרזיכערן אין דער וועלט די דעמאָקראַטיע. און גלייכצייטיק פאַרניכטען מיר בײַ זיך אין דער היים דעם לעצטן שפּור פון דעמאָקראַטיע. נאָר זאָלן זיי זיך זאָגן, וואָס זיי ווילן, מיך וועלן זיי נישט צווינגען צו שווייגן. איך ווייס, אַז די פאַרבינדעטע זענען פּונקט אַזוי שולדיק ווי די דייטשן. איך ווייס אויך, אַז דאָס איז אַ מלחמה פון באַנקירן און ספּעקולאַנטן. זיי האָבן געקאָנט צונעמען בײַ מיר מיינע זין און פאַרשיקן זיי אין דער אַרמיי, זיי קאָנען אָבער נישט אָפּנעמען בײַ מיר מיינע איבערצייגונגען און עס אין דער אַרמיי וואַרפן. איך בין אַ פּאַציפיסטין, און אינטערנאַציאָנאַליסטין, איך וויל זען מיט מיינע אויגן ווי דער פּראָלעטאַריאַט וועט אויפשטיין, פאַריאַגן די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען און מאַכן אַ סוף צו דער עקלהאַפטער שחיטה. און איך וועל דאָס זאָגן כל זמן איך וועל לעבן.

זי איז אַנטשוויגן געוואָרן. אַ געלאַסענע, אַרויקע איז זי געבליבן זיצן

אויף איר שטול. די שיינע, לאנגע פינגער זענען געווען צונויפגעפלאכטן ווי צו א תפילה, אויפן מיטן פינגער האט געבלאנצט א גרויסער דימענטענער רינג און דאס פנים איז געווען רויק מיט אן אויסדרוק פון קינדערשער זיכערקייט. איר גייסט אבער האט זיך געראנגלט מיט אלע רעגירונגס־אגענטן, אלע פראקוראָרן, אלע קאפיטאליסטישע שופטים, מיט אלע מלוכה־מענער, גענעראַלן, אפיצירן פון דער גאנצער וועלט. —

זי האט ווידער אנגעהויבן צו רעדן. איצט האט זי דערציילט פון א פראצעס פון חיי גלזים־באַביבמן, אויף וועלכן ס'איז איר אויסגעקומען צו זיין מיט צוויי וואכן צוריק. ווי שרעקלעך דאס איז געווען צוצוזען, ווי קריסטן אין א קריסטלעך לאנד, זענען פארשפארט געווארן אין תפיסה בלויז דערפאר, ווייל זיי האבן זיך דערלויבט איבערצוחזרן כרים־בוסעם ווערטער.

— איך בין געווען אזוי אויפגערעגט, האט פרוי געט געזאגט, אז איך האב זיך נישט געקאנט איינהאלטן און איך האב אנגעשריבן צום ריכטער א בריוו. מיין מאן האט געזאגט, אז מען וועט מיך ציען צו פאראנטווארטלעכקייט פאר גרינגשעצונג פון געריכט, אויב איך וועל שרייבן צום ריכטער אין דער צייט ווען דער משפט קומט נאך פאר. איך האב אים אבער אויף דעם געענטפערט, אז מיין פאראכטונג צום געריכט איז אזוי גרויס, אז איך ווייס נישט צי וועל איך גאר בכח זיין שריפטלעך זי אויסצודריקן. ווארט אין רגע..

פרוי געט האט זיך אויפגעהויבן און האט ארויסגענומען פון פולט א קאפיע פון בריוו. איך וועל עס אייך פארלייענען.

מיט גרויס אויפמערקזאמקייט האט זיך פעטער צוגעהערט צום מאניפעסט פון אלימפישן „באלשעוויזם".

„דער ריכטער!

ווען איך בין אריין אין די קדש קדשים פון געריכט, האב איך אויפגעהויבן מיינע אויגן צום גלעזערנעם קופאל. פון דארטן האבן פיר ווערטער געלויכטן: שלום... גערעכטיקייט.... אמת... געזעץ... מיין הארץ איז פול געווארן מיט האפענונג. פאר מיר זענען געשטאנען מענטשן, וועלכע זענען נישט איבערגעטראטן קיין שום קאנסטיטוציאנעלן געזעץ, וועלכע האבן נישט געהאט קיין שום נייגונג צו פארברעכנס, מענטשן, וואס זענען געווען קעגן יעדן געוואלט.

דער משפט האט זיך געפירט. איך האב געקוקט אויפן שיינעם, גלעזערנעם קופאל און שטילערהייט ביי זיך, איבערגעחזרט די גרויסע ווערטער: „שלום.. גערעכטיקייט... אמת... געזעץ..." איך האב זיך צוגעהערט צו דעם, וואס עס האט גערעדט דער פראקוראָר. אין זיין האנט איז דאס געזעץ געווארן א שארף, גרויזאם געווער, וואס האט אן שום רחמנות אויף איין מינוט נישט אויפגעהערט צו זוכן ביים קרבן א פולבאר ארט. איך האב זיך צוגעהערט צו זיין אמת — עס איז געווען שקר. זיין שלום איז געווען גרויזאמע, בלוטיקע מלחמה, זיין גערעכטיקייט א נעץ, אין וועלכער ער האט נישט אנדערש געוואלט פאנגען דעם קרבן. פאנגען פאר יעדן פרייז, כדי דעם אייגענעם כבוד צו דערהויבן.

מיין האַרץ האָט מיר אָנגעהויבן ווי צו טון. און ווידער אַ מאָל האָב איך זיך אַליין געמוטשעט שטעלן די אַלטע פֿראַגע: וואָס קאָנען מיר טון, כּדי אויף אַן אמת צו ברענגען אויף דער וועלט שלום, גערעכטיקייט, אמת און געזעץ? צי זאָלן מיר אפֿשר פֿאַלן אויף די קני פֿאַר די אַלע באַאַמטע און בעטן זיי, אַז זיי זאָלן אַכטונג געבן, אַז די הילפֿלאָזע זאָלן נישט אַזוי באַעוולהט ווערן, אַז נישט אייביק זאָלן אַלץ פֿאַרפֿאָלגט ווערן די הייליקסטע נשמות פֿון דער וועלט? איר וועט די מענטשן פֿאַרמשפּטן, איר וועט זיי פֿאַרשפּאַרן הינטער די אייזערנע קראַטעס, וועלכע האָבן נישט געטאָרט עקזיסטירן פֿאַר מענטשן, ווען זיי זאָלן האָבן אַפֿילו דעם שווערסטן פֿאַרברעכן באַגאַנגען, ווייל דאָס מאַכט זיי פֿאַר ווילדע חיות. זאָל דאָס זיין אייער ציל, הער ריכטער? מיר דוכט, אַז אַזוי איז עס. און דערפֿאַר זאָג איך, מיר מוזן אַראָפּוואַרפֿן אַזאַ מין אָרדנונג, וועלכע פֿאַראַכט די מענטשהייט, אַנשטאָט איר אַנטקעגן צו קומען, מיטצוהעלפֿן און צו דערהייבן.

פֿאַר שלום, גערעכטיקייט, אמת און געזעץ!

מאַריע אַנדושעריקע געטי".

וואָס זאָל מען טון מיט אַזאַ מין פֿרוי? וואָס פֿאַר אַ זין האָט עס געהאַט פֿאַר פּעטערן צו קומען אַרויס נאָך אינפֿאָרמאַציעס? איר באַציִונג צום גערעכט האָט פֿרוי געטי איבערגעגעבן שריפֿטלעך אין דעם רעגירונגס-אַגענט. האָט זי אָפֿן ערקלערט ביי וואָס פֿאַר אַ בליק זי האַלט זיך. זי האָט אַ סאָך דערציילט, אַז זי האָט געגעבן דעם פֿאַלקס-ראַט עטלעכע טויזנט דאָלאַר און אַז זי וועט אים געבן נאָך געלט. זי האָט אַ סך אַרעסטירטע געהאָלפֿן און ערשט איז זי גרייט איינצולייגן ערבֿות-געלט פֿאַר קאַרמיקן און אַלע זיינע חבֿרים ווי נאָר דאָס גערעכט וועט מסכּים זיין אָנצונעמען ערבֿות-געלט.

— איך קען מער קאַרמיקן ווי איר גוט, האָט זי געזאָגט. ער איז אַ ווילער בחור. איך בין זיכער, אַז ער האָט פּונקט אַזוי געדאַרפֿט צו טון מיט באָמבעס ווי איך.

פּעטער האָט זיך נאָך אַליין געפֿונען אונטער פֿרוי געטיס צויבער. ער איז געווען צווישן די לאָטאָס-עסער, האָט פֿאַרגעסן אָן אַלע דאגות און קאַמפֿן פֿון דער זינדיקער ערד, באַקוועם אויסגעצויגן אויף דער וויכער, ווידענער קאַנאַפּע, האָט ער געטרונקען דעם בלישטשעדיקן נעקטאַר פֿון אָלימפּ. נאָר דאָ איז ער פּלוצלינג אויפֿגעוועקט געוואָרן פֿון זיינע חלומות, ער האָט זיך דערמאָנט אָן זיין פֿליכט. פֿרוי געטי איז קאַרמיקס אַ גוטער פֿריינט, זי וויל באַפֿרייען קאַרמיקן פֿון תּפֿיסה! מעגן, דעם געפֿערלעכסטן פֿון אַלע רויטע! פּעטער האָט איינגעזען, אַז ער מוז עפּעס וואָס טון קעגן דער דאָזיקער פֿרוי.

פּעטער האָט זיך אויפֿגעוועקט און איז צוגעטראָטן צו דער אַרבעט. ער האָט אָנגעהויבן, פֿרוי געטי, אַריינציִען אין אַ נייער אונטערנעמונג. „די ליגע קעגן דינסטפּליכט" האָט בדעה צו אָרגאַניזירן פּראָטעסטן פֿאַר די יוגנטלייט, וואָס זאָלן זיך אָפּ צו גיין אויף מלחמה. דער ציל איז אויפֿצוקלערן די צוהערער וועגן קאָנסטיטוציאָנעלע און געזעצלעכע רעכטן.

גיזוני האָט געוואָלט, אַז פֿעטער זאָל זיצן אויף די פֿירער פֿון דער ליגע, אַז אין די דאָזיקע פּאָרטרעטן זאָל אַריינגעפּאַסט ווערן אַ פּונקט, און וועלכן די יונגע מענטשן זאָלן אויפֿגעפֿאָדערט ווערן אָפּצוזאָגן זיך צו דערפֿילן זייער דינסט־פֿליכט. און ווען דאָס וועט זיך איינגעבן און אַזעלכע פּאָרטרעטן זאָלן געדרוקט און פֿאַרשפּרייט ווערן, דעמאָלסט שמעקט עס מיט צען, ביז צוואַנציק יאָר טורמע פֿאַר יעדן מיטגליד פֿון דער „ליגע קעגן דינסט־פֿליכט“. גיזוני האָט אָבער פֿעטערן אָנגעזאָגט ער זאָל זיין זייער פֿאָרזיכטיק. פֿעטער האָט אָבער נאָך אַ מאָל דערציילט, אַז דאָס איז לגמרי נישט נייטיק צו טראַכטן וועגן פֿאָרזיכטיקייט. פֿרוי געט איז גלייך מסכּים געווען, זי האָט געזאָגט, אַז מען דאַרף טאַקע צורעדן די יונגע מענטשן, אַז זיי זאָלן נישט גיין אין אַרמיי. זי פֿון איר זייט, האָט שוין נישט איינעם אַזאַ עצה געגעבן. די אייגענע זין האָט זי דאָס אויך געזאָגט. צום באַדויערן אָבער האָבן זיי געפֿאָלגט זייער פֿאָטער. זיי זענען שרעקלעך בלוטדורשטיק.

עס איז געקומען די צייט פֿון מיטאָגעסן, פֿרוי געט האָט געפֿרעגט ביי פֿעטערן צי ער פֿילט זיך גענוג גוט, אַז ער זאָל קאָנען גיין עסן צום טיש? פֿעטערס ניַיגעריקייט האָט איבערגעשטיגן אַלץ. ער האָט געוואָלט זען, צי די משפּחה געט טרינקט דעם נעקטאַר פֿון גאָלדענע בעכער. און אַחוץ דעם האָט ער געוואָלט זען דעם קעגנער און די בלוטדורשטיקע זין, הגם ער איז נישט געווען זיכער צי זיי וועלן זיין.

אָבער ביים טיש איז געזעסן בלויז אַן עלטערע דאַמע און קיין גאָלדענע בעכער זענען אויך נישט געווען. דערפֿאַר האָט אָבער פֿעטער געזען אַזעלכע דינע פֿאַרצעליי, אַז ער האָט זיך מורא געהאַט אַן דעם אָנצורירן, טאָמער וועט עס זיך צעברעכן, זילבערנע גאָפּל־מעסער, וואָס זענען געווען אַזוי שווער, אַז יעדעס מאָל, ווען עס פֿלעגט אים אויסקומען זיי צו נעמען אין האַנט, פֿלעגט ער זיך נישט קאָנען אָפּוווּנדערן. נאָר דאָס אַלץ איז גאָרנישט לגבּי דעם עסן, וואָס מען האָט דערלאַנגט. דאָס זענען געווען עפּעס אַזעלכע אויסטערלישע מאכלים, אַזוי אויסערגעוויינלעך צוגעריכט און מיט אַזעלכע מאָדנע סאָוסן באַגאָסן, אַז אַחוץ דעם ברויט, וואָס פֿעטער האָט געגעסן, האָט ער נישט געוווּסט, וואָס ער עסט.

דאָס זיצן ביים טיש איז פֿאַר אים געווען זייער אַ שווערע הלכה. ער האָט נישט געוווּסט, ווי זיך אַהיין צו טאָן. ער האָט זיך אָבער דערמאָנט אין דער אַלמנהס אַן אַמאָליקער עצה: „קוק זיך צו ווי עס טוען אַנדערע און מאַך זיי נאָך“. און ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אַן איר ווי אַן אַן אבן טוב. די גאַנצע צייט, וואָס ער איז געזעסן ביים טיש האָט ער נישט אַראָפּגעלאָזן זיינע אויגן פֿון פֿרוי געט, און ביי יעדן נייעם מאכל האָט ער געוואַרט ביז זי וועט נעמען אַ גאָפּל, אָדער אַ לעפֿל אין האַנט און ערשט דעמאָלסט האָט ער עס גענומען.

ער האָט געקאָנט פֿאַרווענדן אויף דעם זיין גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט, ווייל רעדן האָט ער נישט געדאַרפֿט. די פֿרוי געט האָט די גאַנצע צייט נישט אויפֿגעהערט

צו רעדן איז פּעטער האָט זיך בלויז צוגעהערט און געשאָקלט מיטן קאָפּ. פרוי געט האָט געמיינט, אַז ער שווייגט דערפאַר, ווייל זיין מויל איז פול און ער קאָן נישט רעדן.

נאָכן עסן זענען זיי אַרויס אויף אַ גרויסער וועראַנדע. אַ וווּנדער־שיינער נאַטור־לאַנדשאַפט האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר פּעטערס אויגן. פרוי געט האָט גלייך אַריינגעזעצט איר גאַסט אין אַ שיינעם, ווייכן פאָטעל־שטול, האָט אים אַרומגעלייגט מיט אַ סך קישנס און אַליין איז זי געבליבן שטיין, האָט אויסגעצויגן איר האַנט צו דער ווייטער שטאָט צו, וועלכע איז געלעגן כמעט ווי איינגעזונקען אין אַ ים פון רויך און געזאָגט:

— דאָרטן מאַטערן זיך די לוין־שקלאַפן וואָס אַרבעטן אויס פאַר מיר דיווידענדן. דאָרטן מוזן זיי פאַרבלייבן, ווייל דאָס איז זייער אָרט, אַהין געהערן זיי. איך ווידער דאַרף דאָ פאַרבלייבן, ווייל איך געהער אַהער. און טאָמער ווילן זיי זיך בייטן מיט מיר, שרייט מען, אַז דאָס איז „געוואַלט", „רעוואָלוציע", אַז דאָס קאָן נישט דערלאָזן ווערן. איך וווּנדער זיך תמיד, וואָס זיי באַנוצן זיך אַזוי זעלטן מיט געוואַלט־מיטלען, וואָס די שטרעבונג צו געוואַלט איז אַזאַ שוואַכע. דערמאָנט זיך אָן די מענטשן, וועלכע מען האָט געפּייניקט אין די תפיסות. צו דען, וואָלט מען געקאָנט אויף זיי פאַריבל דאָבן, ווען זיי ווענדן אָן געוואַלט־מיטלען, אָדער פּרוּוון אַנטלויפן?

ווי אַ בליץ איז דורכגעלאָפן פּעטערן אַ געדאַנק: ווען ער וואָלט געקאָנט דער פרוי געט איינרעדן, אַז זי זאָל זיך באַטייליקן אין אַ פּרווו צו באַפרייען די אַרעסטירטע.

— מען וואָלט זיי געקאָנט מיטהעלפן אין דעם, האָט ער אַזוי ווי פאַרבייגייענדיק אַ זאָג געטאָן.

— אַזוי, איר רעכנט, אַז מען וואָלט געקאָנט? דאָס ערשטע מאָל האָט פּעטער געזען די פרוי געט אַ ביסל אַזוי ווי אויפגערעגט.

— אפשר יאָ. פון די וועכטער וואָלט מען אַנדערע געקאָנט אונטערקויפן. בשעת איך בין געזעסן האָב איך זיך מיט אַ סך פון זיי באַקאַנט. איך וואָלט זיך ווי נישט איז געקאָנט פאַרבינדן מיט איינעם, אָדער מיט צוויי, וואָס וואָלטן זיך געלאָזן אונטערקויפן. אפשר זאָל איך דאָס טון, ווי קלערט איר?

— איך ווייס אַליין נישט, האָט די דאַמע געזאָגט, אַזוי ווי נישט זיכער: מיינט איר, אַז ס'וואָלט זיך באמת עפּעס איינגעגעבן צו טון?..

— ווען עס גיט זיך זיי איין צו אַנטלויפן און שוין קאַמף מיט די וועכטער וואָלטן זיי דאָך טאַקע קיינעם דערמיט קיין שאָדן נישט געבראַכט..

ווען פּעטער האָט אַזוי געהאַלטן אין אַנטוויקלען דעם פּלאַן פון זיין נייער אונטערנעמונג, האָט ער פּלוצלינג דערהערט הינטער זיך אַ שטים. „וואָס איז דאָס אַזוינס?" דאָס איז געווען אַ מענער־שטימע, אַ ווילדע, אַן אויפגערעגטע פון כעס. פּעטער איז אַרויסגעשפּרונגען פון די ווייכע קישנס, האָט זיך אַרומגעקוקט אַרום זיך און אויסגעצויגן זיין האַנט מיט אַ דזשעסט פון אַ מענטשן, וואָס איז פון זיינע פריִסטע קינדער־יאָרן געווינט

געשלאָגן צו ווערן.

צו אים איז אונטערגעלאָפן אַ מענטש; אפשר איז ער גאָר נישט געווען אַזוי גרויס, אין פעטערס אויגן אָבער האָט ער אויסגעזען ווי אַ ריז. זיין גלאַט־אָפּגעראַזירטער פּנים איז געווען רויט און צעקאָכט, דער שטערן און טיפע קנייטשן און די צוויי הענט זענען געווען צונויפגעדריקט אין פויסטן. אַזאַ מין ברודיקער, קליינער נפש איינער! אַזאַ הינט איינער! האָט ער געשריען.

דזשאַן! האָט פרוי געט אַ געשריי געטאָן. נאָר זי וואָלט גיכער געקאָנט איינהאַלטן אַ שטורעם. דער מענטש איז צוגעלאָפן מיט אימפּעט צו פעטערן. און פעטער ווידער, וועלכער האָט שוין אין זיין לעבן אַזוי גליקלעך אויסגעמיטן הונדערטער קלעפּ, האָט אַפילו געטאָן פון שמייכל און האָט זיך אַלאָז געטאָן צו די טרעפּ פון וועראַנדע. דער מענטש איז אים נאָכגעלאָפן און בשעת פעטער איז צוגעקומען צום ערשטן טרעפּל, האָט זיך דעם מענטשנס פוס אַ הויב געטאָן און פון די אייביקע צוועלף טרעפּ האָט שוין פעטער קיין איינציקן נישט באַרירט.

ווען ער האָט דערפילט, אַז ער איז אונטן, האָט ער זיך אַפילו נישט אומגעקוקט און איז געלאָפן ווייטער. דער צווייטער איז אים נאָכגעלאָפן, גאַנץ נאָענט הינטער זיך האָט ער געפילט זיין סאָפּען. פון צייט צו צייט פלעגט זיך יענעמס פוס אַ הויב טאָן און פעטערן האָט זיך קוים איינגעגעבן אויסצומיידן דעם קלאַפּ. ענדלעך האָט דאָס געיעג אויפגעהערט. דער פאַרפאָלגער האָט זיך אָפּגעשטעלט. פעטער איז דורכן טויער אַרויסגעלאָפן אויפן גאַס.

פעטער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און אַ קוק געטאָן הינטער זיך. געט איז געשטאַנען אַ היבשע שטיק ווייט פון אים. איצט איז פעטער מיט אַמאָל געוואָרן דרייסט. אַ צעקאָכטער האָט ער זיך אומגעקערט מיטן פּנים צום גאָרטן, האָט אויסגעשטעלט זיין צונויפגעדריקטן פויסט און גענומען שרייען מיט ווילדע קולות:

— דער טייוול זאָל דיך נעמען! גיי צו אַלע שוואַרץ יאָר!

פעטער איז געווען אַזוי אין כעס, אַז ער איז שיעור פון הויט נישט אַרויסגעשפּרונגען. די ערגסטע זידל־ווערטער: שוועבל און פעך האָט זיך געגאָסן פון זיין מויל, נאָר פון צייט צו צייט פלעגן זיך פון זיין צונג אַרויסרייסן גאָר מאָדנע דבורים: „יאָ, איך בין אַ רויטער און איך בלייב אַ רויטער, מעגסט אַפילו פּלאַצן!"

יאָ, פעטער הורדוש, דער אנהענגער פון געזעץ און אָרדנונג, דער ברודער און פריינט פון די רייכע, האָט געשריען: „איך בין אַ רויטער, עס וועט קומען אַ צייט, אַז מיר וועלן דיך דערפאַר אויפרייסן אין דער לופטן, איך און מען וועלן דיר אונטער דיין גראָבן הינטערטייל אונטערלייגן אַ באָמבע, מיין נישט, אַז דיר וועט עס אַראָפּ אַזוי גלאַט".

דער געט האָט זיך אומגעקערט מיט אַ מינע פון שטאָלצער פאַראַכטונג און איז אַוועק צו זיין אויפגערעגטער ווייב.

פעטער האָט זיך געשלעפּט איבערן גאַס, האָט זיך געריבן די אָנגעווייטיקטע זייטן און שטילערהייט געוויינט. איצט האָט ער אין גאַנצן מיטגעפילט די הוי-

טע. די דאָזיקע רייכע פּאַראַזיטן, די נוצן מער נישט אויס די אַרבעטס־קראַפט פון פּראָלעטאַריאַט, אַליין טוען זיי גאר נישט. לעבן און פּראַסן, פאַר וואָס קומט עס זיי? וואָס טוען זיי פאַרן אָרימען מענטשן, אחוץ דעם, וואָס זיי ווייזן אַרויס זייער פאַראַכטונג און בריקן אים מיט די פיס. און פּלוצלינג האָט זיך דאָס געשעניש פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט פאַרגעשטעלט פעטערן גאר אין אַנדער ליכט. אָ, ווען ער קען איצט פּאַקן די גאַנצע חברה, די יונגע מיטגלידער פון דאַנדלס־קאַמער, פון ס׳ח׳ים און פאַבריקאַנטן־פאַריין. צוזאַמען מיטן הערן געט. אָ! ווי ער וואָלט זיך אָפּגערעכנט מיט זיי.

און דאָס איז געווען אַן איבערגאַנגס־שטימונג. פּעטערס הינטערשטייל האָט אים אַזוי ווי געטאָן, אַז ער איז קוים איינגעזעסן אין טראַמוואַי. דעם גאַנצן וועג האָט ער נאר געטראַכט, ווי אַזוי נקמה צו נעמען פון געטן. ער האָט זיך דערמאָנט, אַז הער געט איז אַקערמאַנס אַ שותּף און ביי אַקערמאַנען אין שטוב האָט דאך פּעטער זיינעם אַ מענטשן, פּעטער וועט אָקאָרשט אַ פּרווו־טון צו אָרגאַניזירן קעגן געטן אַ באָמבע־פאַרשווערונג. ער וועט צווישן די ראַדיקאַלן אַגיטירן קעגן געטן. אפשר וועט זיך אים איינגעבן איבערצורעדן עטלעכע פון די י. וו. וו., אַז מען זאָל אים עפּעס פאַרשלעפּן, מיטנעמען אַ לאַנגען שוואַרצן בייטש, צובינדן צו אַ בוים און ווי עס דאַרף צו זיין אַריינקאַטשען.

## 65

פאַרטיפט אין די דאָזיקע רעוואַנש־מחשבות איז פּעטער געגאַנגען אין „אַמעריקען־הויז". אין אָוונט האָט ער זיך דאָרטען געדאַרפט טרעפן מיט גיווניען. פּעטער איז גלייך אַריינגעגאַנגען אין צימער 427 און אַזוי ווי ער איז געווען שרעקלעך פאַרמאַטערט, האָט ער זיך אויסגעצויגן אויפן בעט און איז אַנטשלאָפן געוואָרן.

בשעת ער האָט אויפגעעפנט די אויגן האָט זיך אים געדוכט, אַז אָדער ער לעבט איבער עפּעס אַ וויסטן חלום, אָדער ער איז בעתן שלאָף רחמנא לצלן, געשטאָרבן און איז צוזאַמען מיט דעם הערן געט אין גיהנום אַריין. „שטייט אויף"! האָט עמיצער געשריען און האָט אים געריסן פאַרן אָרבל. ווען פּעטער האָט אין גאַנצן געעפנט די אויגן האָט ער דערזען גיווניען. וויבאַלד אַזוי, איז דאָך הייסט דאָס אין אָרדנונג, אָבער פאַר וואָס האָט אים עפּעס גיווניי אַזוי געריכן פון שלאָף? און וואָס איז דאָס אַזוינס? גיווניס שטימע איז עפּעס אַזוי בייז, זיין פּנים אַזוי רויט און אויפגערעגט, — און דאָס קען מען עפּעס גאָר נישט פאַרשטיין — ער שטייט אַנטקעגן פּעטערן מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט!

דאָס אַליין האָט נאָך שווערער געמאַכט פאַר פּעטערן דאָס אויפשטיין. ער האָט געמיינט, אַז דאָס חלומט זיך אים אַליין און ער איז ווייטער געלעגן מיט אַ אָפענער מויל און זיינע אויגן האָבן מיט גרויס אימה געקוקט אין לאָך פון רעוואָלווער.

— גאָ—ט מיי—נער, גיווניי, וואָס איז גע—שע—ען? האָט ער קוים אַלעבעדיקער אַרויסגעשטאַמלט.

— שטייט־אויף! האָט אַרויסגעקוויטשעט

דער שטשור און האָט נאָך צוגעגעבן דערצו זייער אַ מיאוסן זידל־וואָרט. ער איז נאָך אַלץ געשטאַנען דאָרט נעבן פעטערן מיטן רעוואָלווער אין האַנט און האָט אים געשלעפּט פאַר די הענט און פאַר די פיס.

דער שלימזלדיקער פעטער האָט זיך מיט אַלע כּוחות געריסן ווי נישט איז צונויפנעמען זיינע פינף חושים און קומען צו זיך. עס האָבן זיך אים גענומען פּלאָנטערן אַלערליי רעיונות אין קאָפּ. קען דאָס זיין, אַז גיווני זאָל האָבן געהערט ווי ער האָט געזידלט דעם הערן געט און געשריגן, אַז ער איז אַ רויטער? אָדער אפשר האָבן עפּעס די רויטע אָפּגעטון פעטערן? און אפשר איז באַר גיווני פון זינען אַראָפּ און פעטער איז איצט מיט אַ משוגענעם אַליין אין צימער, וועלכער איז נאָך אַ היץ דעם באַוואָפנט אויך?

— ווו איז דאָס געלט, וואָס איך האָב אייך מיט אַ געוויסע צייט צוריק געגעבן? און ווידער האָבן זיך אַ שאָט־געטון אויף פעטערן אַ גאַנצער באַרג זלזולים.

דאָ האָט זיך שוין פעטער גלייך צוזאַמענגענומען און איז גרייט געווען צו פאַרטיידיקונג. ער מעג ווער ווייסט ווי מורא האָבן, אָבער אַן זיין געלט וועט ער זיך תּמיד האַלטן.

— איך האָב דאָס אויסגעגעבן. הער גיווני.

— ס'איז אַ ליגן!

— ניין, ס'איז אמת.

— איר וועט מיר זאָגן ווו דאָס געלט איז? איז דער צווייטער עקשנותדיק נישט אָפּגעטראָטן פון אָרט. און זיין פּנים איז בשעת מעשה אַזוי צעקאָכט געוואָרן, אַז ס'איז אַ מורא געווען אויף אים אַ קוק צו טאָן. און אַפילו די לאָך פון זיין רעוואָלווער האָט אויך געקוקט עפּעס מיט אַ מאָדנער רציחה. אַ צעציטערטער האָט אָבער פעטער פאָרט געטענהט, אַז ער האָט אויסגעגעבן ביז איין סענט.

— דאָס איז אייער לעצטער וואָרט? נו, הערמעט, נעמט איר זיך צו אים אַ ביסל! האָט גיווני אַ געשריי געטאָן. און ערשט איצט האָט פעטער באַמערקט, אַז אין צימער איז דאָ נאָך אַ מענטש. ביז איצט האָט די לאָך פון רעוואָלווער אַזוי צוגעצויגן צו זיך זיינע אויגן, אַז קיין אַנדער זאַך האָט ער נישט געקענט זען.

הערמעט איז געווען אַ געזונטער יונג, מיט אימפּעט האָט ער זיך אַלאָז געטאָן צו פעטערן, האָט אים אַ כאַפּ געטאָן פאַר אַ האַנט און האָט אים אַ דריי געטאָן אויף הינטן, אַז פעטער האָט דערזען פייער אין די אויגן. ער האָט אָנגעהויבן צו שרייען, הערמעט האָט אים אָבער מיט זיין האַנט פאַרשטאָפּט דאָס מויל. „איצט איז געקומען דער סוף", האָט זיך פעטער געקלערט. מען מוז אויסזאָגן, ווו דאָס געלט איז. און ווען גיווני האָט דערנאָך נאָך אַ מאָל געפרעגט, ווו דאָס געלט איז, האָט שוין פעטער געוואָלט כאָטשבע מיטן נאָז ענטפערן. הערמעט האָט צוגענומען זיין האַנט.

— ווו איז דאָס געלט?

— אין מיין לינקן שוך, האָט פעטער געענטפערט.

הערמעט האָט אים אָפּגעבונדן דעם שוך און אַרויסגעשלעפּט אַ קליינעם, פלאַכן פּעקעלע, און וועלכן עס זענען געלעגן

די טויגט דאָלאַר, וועלכע פּעטער האָט באַקומען פון גיווניין. אַקערמאַנס דריי הונדערט דאָלאַר און נאָך צוויי הונדערט. וועלכע פּעטער האָט געהאַט אָפּגעשפּאָרט פון זיינע שכירות. הערמעט האָט איבער־געציילט דאָס געלט, גיווניי האָט עס אַריינגעלייגט צו זיך אין קעשענע און גע־הייסן פּעטערן אָנטאָן דעם שיך. דער צעטומלטער פּעטער האָט געטון אַליץ, וואָס מען האָט אים געהייסן און זיינע צעשראָקענע, אויסגעגלאָצטע אויגן האָבן געקוקט נאָך דער רייע דאָ אויפן רע־וואָלווער און דאָ אויפן פּנים פון „שטשור".

— אָבער וואָס איז פּאַרט געשען, מיס־טער גיווניי?

— איר וועט שוין וויסן. איז געווען די קורצע תּשובֿה, און איצט מאַרש, אַרויס פון דאַנען. פאַרגעסט אָבער נישט אַז איך האָב אַ רעוואָלווער מיט אַכט קוילן. און ווען איר זאָלט זיך נאָר פּרוּוון אַריר טאָן מיט אַ פינגער, זיצן זיי אַלע אַכט אין אייך.

פּעטער, גיווניי און הערמעט זענען אַראָפּ אויפן גאַס און האָבן זיך איינ־געזעצט און אַן אויטאָמאָביל. הערמעט האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים מאַשין, הינ־טער אים האָט גיווניי זיך געהייסן אַוועק־זעצן פּעטערן. דערנאָך האָט ער זיך אַליין אַוועקגעזעצט מיטן אָנגעלאָדענעם רעוואָלווער אין האַנט. מיט אַ פינגער אויפן צינגל און די לאָך פונקט אַנטקעגן פּע־טערן. מיט אַזאַ מין וואַך ביי דער זייט איז שוין פּעטער נאַטירלעך געזעסן רויק און האָט שוין אַפילו אויפגעהערט פרעגן צו שטעלן.

זיין מה אָבער האָט נישט גערוט. אַ דערשראָקענער ביז צום טויט, האָט זיך זיין מאַרך ווי נישט איז געפרווט אָנ־טאַפּן די סיבה פון דעם, וואָס ס'איז געשען, ער האָט זיך דערמאָנט אָן דושאָ־ענגעל. אפשר גלויבט אים געפּו מער פאַר פּעטערן. אָבער צו וואָס וואָלט דאָ געווען דער רעוואָלווער און דער גאַנצער קינאָ־מאַסקאַראַד?

ענדלעך האָט פּעטער געזען, אַז יער וועט דאָ גאָרנישט אויסטראַכטן און ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו געפינען אַן ענט־פער אויף דער פראַגע. און ער האָט אין דעם פאַל זייער גוט געטון. ווייל דאָס, וואָס איז געשען, וואָלט נישט פּעטער, נישט קיין שום אַנדער מענטש, נישט געקאָנט טרעפן.

## 66

זיי זענען געפאָרן אין ביוראָ פון דער געהיים־אַגענטור. פּעטער האָט נאָך קיין מאָל נישט געהאַט די זכיה, דאַרטן צו זיין. ער האָט אַהין נישט געטאָרט קומען. געפינען האָט עס זיך אויפן פערצענטן שטאָק אין דער געביידע פון סוחרים־טרעסט. אויפן טיר איז געהאַנגען אַ שילדל: „אַגראַר און באַנק־געזעלשאַפט פון אַמעריקען סיטי. ביים אַריינגאַנג דאַרף מען איז טיר נישט קלאַפּן". און אַז מען איז געווען אינעווייניק האָט מען באמת געקאָנט מיינען, אַז מען געפינט זיך אין אַ געוויינלעכער ביוראָ פון אַ וועלכער נישט איז געזעלשאַפט. געוויסע טירן בלויז האָבן געפירט אין די געהיימע צימערן, ווו געפּו מיט זיין שטאַב האָבן געטון זייער אַרבעט.

אין איינעם פון די דאָזיקע צימערן האָט מען אַריינגעשטופּט פּעטערן און דאָ האָט שוין אויף אים געוואַרט געפּו.

ווי נאָר ער האָט דערזען פּעטערן, האָט ער זיך אַרויב געטאָן פֿון אָרט און איז צוגעלאָפֿן צו אים מיטן פֿויסט אין דער הויך און אָנגעהויבן שרייען מיט ווילדע קולות: „דו מיאוסער כּלב איינער!“ „שמוציקער, ושלימזלדיקער כּלב!“ געמיינער נידעריקער נפֿש!“

פּעטערס קני האָבן געציטערט. עס האָט אים געדאַכט אַ צאָן אין אַ צאָן. זיינע צעשראָקענע אויגן האָבן זיך אָבער אויפֿמערקזאַם צוגעקוקט צו יעדער באַוועגונג פֿון געפּיס פֿינגער, צו יעדער תּנועה פֿון זיין פֿאַרקרימט, אויפֿגערייצט פּנים. און ענדלעך איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז דאָס מאָל וועט מען אים נישט פֿייניקן, מען וועט אים בלויז זידלען. פּעטער האָט זיך געריכט אויף די שרעקלעכסטע ענויים און איצט איז אים ממש אַראָפּ אַ שטיין פֿון האַרצן. פּעטער האָט אין זיין לעבן פֿון אַ געיאָגטער גאַסן־מויד, זיך אָנגעהערט אַזוי פֿיל זלזולים, אַז געפּי וואָלט אים אַזוי פֿיל נישט געקאָנט אויסזידלען, וועז ער האָט אַפֿילו אויף דעם אַ גאַנצן חודש צייט. קוים וועט נאָר געפּי קיין אַנדער זאַך נישט טאָן, בלויז אַרומלויפֿן הין און צוריק איבערן צימער, פֿאַכן מיטן פֿויסט און זידלען זיך, איז דאָס נאָך צו דערליידן.

פּעטער האָט שוין רעזיגנירט צו וועלן דערגיין, וואָס עס איז פּאַרט געשען; ער האָט באַמערקט, אַז דאָס רייצט נאָך מער אויף געפּין און ער האָט געשוויגן. געפּי האָט נישט געוואָלט רעדן מיט אים. האָט נישט געוואָלט הערן זיין קוויטשעדיקן, הינטעשן קול. ער האָט בלויז געוואָלט אויסגיסן זיין כּעס און זען ווי פּעטער זיצט געבויגן, אַ דאַלב טויטער פֿון שרעק און הערט זיך צו. און פּעטער האָט אים געטאָן די דאָזיקע טובֿה. בשעת מעשה, האָט אָבער פּעטערס מאַרך געאַרבעט זייער אינטענסיוו און האָט זיך געקלאָמערט אָן יעדעס וואָרט, אָן יעדער רמז, טאָמער וועט ער פּאַרט עפּעס דערגיין. נאָר וואָס עס זאָל נישט זיין, איין זאַך האָט פּעטער געוווּסט אויף זיכער, אַז מיט זיינע גוטע יאָרן איז אויס, אַז ס'איז נאָך בלויז פֿאַרבליבן איבערצוקלערן דאָס באַגרעבעניש. פּעטער האָט שוין אַפֿילו באַצאָלט פֿאַר דער דאָזיקער באַגרעבעניש, זיין געלט האָט מען ביי אים צוגענומען, מער קאָן מען שוין פֿון אים גאָרנישט אַרויספּרעסן.

ביסלעכווייז זענען אָבער די רמזים אַזוי ווי קלענטיקער געוואָרן.

— איר האָט הייסט עס געוואָלט מאַכן געשעפֿטן אויפֿן אייגענעם חשבון, האָט געפּי אַרויסגעבראָכט און זיין פֿויסט, וועלכע האָט זיך גראָד און דעם מאָמענט געפֿונען אונטער פּעטערס נאָז, האָט זיך אַרויב געטאָן אין דער הויך, אַזוי, אַז ביים אויסמיידן דעם קלאַפּ האָט זיך פּעטער שיִער דעם האַלדז נישט אויסגעדרייט.

— אַדרבה, האָט זיך פּעטער אַ כאַפּ געטאָן, נעלזאַ אַקערמאַן האָט עפּעס אַרויסגעפּלאַפּלט.

— איר האָט געמיינט איר וועט ווערן אַ גבֿיר, וועט דערנאָך קאָנען לעבן פֿון אייערע רענטעס!

— יאָ, דאָס מוז עס זיין, אָבער וואָס האָט אַקערמאַן געקאָנט זאָגן?

— איר האָט זיך געוואָלט אָנדינגען אַן

אייגענעם שפּיאָן, האָבן אַן אייגענעם ביוראָ, פֿאַרנעמען מיין אָרט!

— רבונו של עולם, האָט פּעטער אַ מיראַכט געטאָן, ווער האָט עס אים געקאָנט זאָגן?

פֿלוצלינג האָט זיך געפּי אַ שטעל געטאָן לעבן פּעטערן.

— איז טאַקע דאָס געווען אייער כונה? זאָגט, שעמט זיך נישט.

ער האָט נאָך אַמאָל איבערגעחזרט די פֿראַגע און מען האָט געזען, אַז ער וואַרט ערנסט אויף אַ תּשובֿה. פּעטער האָט אַרויסגעשטאַמלט: „ניין, מיסטער". די ריכטיקע תּשובֿה האָט אַפּנים געפּין נישט צופֿרידן געשטעלט. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן פּעטערס נאָז און האָט אים אַזאַ מין ריס געטאָן, אַז עס האָבן זיך פּעטערן געשטעלט טרערן אין די אויגן.

— וואָס־זשע דען האָט איר געוואָלט? האָט מיט חוזק זיך אַ קרים געטאָן דער דעטעקטיוו, און אַ שטשירע געטאָן מיט די ציין.

— האָט איר טאַקע באמת געמיינט, אַז זי האָט אייך ליב? דאָס איז עס געווען? זי, האָט אייך ליב! און גיווניי, העמעט און געפּי, האָבן זיך פֿלוצלינג אַלע דריי ווי לויט אַ קאָמאַנדע פֿאַנאַנדערגעמעקעט אויפֿן קול. פּעטערן האָט זיך געדוכט, אַז שדים פֿון גיהנום מאַכן חוזק פֿון אים.

די לעצטע ווערטער האָבן אַרויסגעריסן די־זיילן פֿון פּעטערס לופֿט־שלאָס און די גאַנצע געביידע איז אים אַ פֿאַל געטאָן פֿאַר די אויגן. געפּי האָט זיך דערוווּסט די מעשה מיט נעלי!

די גאַנצע צייט פֿון זיין נסיעה אין אויטאָמאָביל, האָט זיך פּעטער יעדע רגע איבערגעחזרט נעלס ווערטער: „נאָר נישט פֿאַרלירן זיך פּעטער". „דורכהאַלטן"! און אַזוי האָט ער טאַקע בדעה געהאַט צו טאָן, האַלטן זיך ביז וואַגן נאָר זיינע קרעפֿטן וועלן טראָגן. איצט איז דאָך אָבער פֿאַר אים קלאָר ווי דער טאָג, אַז אַלץ איז פֿאַרלאָרן. ווי קאָן ער זיך האַלטן אין דער צייט, ווען די מענטשן ווייסן וועגן נעלי, ווען נעלי אַליין האָט נישט אויסגעהאַלטן?

געפּי האָט קענטיק די דאָזיקע געדאַנקען אַרויסגעלייענט פֿון פּעטערס פּנים און זיין חוזק איז ווידער איבערגעגאַנגען אין אַ ווילדן ברומען:

— איז וואָס הייסט עס, ווילט איר נאָך אַליין נישט אַרויס מיטן אמת? נו, מילא, צופֿעליק, דאַרף איך נישט אייערע ווערטער.

און ער האָט ווידער אַמאָל גענומען לויפֿן הין און צוריק איבערן צימער. פֿון כעס האָט אַפּנים אַזוי געקאָכט אין אים זיין בלוט, אַז ער האָט אויף מינוט נישט געקאָנט שטיין רויק. ענדלעך האָט ער זיך אָבער אַוועקגעזעצט ביי אַ פּולט און אַרויסגעצויגן פֿון שופֿלאָד אַ פּאַפּיר.

— איך זע, אַז איר קלייבט זיך דערווייל אויסצוקלערן עפּעס אַ שפּאָגל־נייעם ליגן, האָט ער געזאָגט.

פּעטער האָט מורא געהאַט דאָס אָפּצולייקענען, ווייל יעדעס וואָרט זיינער, האָט אַרויסגערופֿן ביי יענעם אַ נייעם שטורם פֿון כעס.

— גוט, האָט געפּי געזאָגט. איך וועל דאָס אייך פֿאַרלייענען, וועט איר וויסן, וואָס עס טוט זיך מיט אייך, וואָס פֿאַר אַן אייזל איר זייט.

ער האָט אָנגעהויבן צו לייענען דעם בריוו, נאָר איידער ער האָט נאָך באַוויזן איבערצולייענען אַ גאַנצן זאַץ, האָט שוין פעטער געוווּסט, אַז זיין שיינער טרוים־שלאָס ליגט אין חורבות אויף שטיקער צעשמעטערט. און די חורבות פון נינוה זענען גאָרנישט אין פאַרגלייך מיט זיין בראָך.

נעלי האָט געשריבן: „ליבער הער גיעפּי! עס פאַרדריסט מיך זייער, וואָס איך מוז אַוועקגיין פון אייך. אָבער וואָס קען מען זיך העלפן? איר ווייסט דאָך גאַנץ גוט, אַז עס מאַכט זיך ביי אונז אַלעמען אַ צייט, ווען די אַרבעט ווערט אונז דערעסן און עס פאַרווילט זיך אונז אָפּצורוען אַ ביסל. די דאָזיקע שורות האָבן דעם ציל אייך צו געבן צו וויסן, אַז מיסטער גראַטערס האָט צעבראָכן נעלז אַקער־מאַנס אייזערנע קאַסע און אַרויסגענומען פון דאָרטן עטלעכע פרייהייטס־הלוואות און צירונג אין גאַנצן אויף פופציק טויזנט דאָלאַר. איר ווייסט דאָך, אַז מיסטער איז אַ מבין אויף אַזעלכע זאַכן.

— איר וועט זיך זיכער דערוויסן, אַז איך האָב דאָרטן געאַרבעט און איר וועט אונז אַוודאי ווילן אַרעסטירן. זאָג איך אייך, אַז דאָס האָט פאַר אייך קיין שום זין נישט. איר דאַרפט וויסן, אַז אונז איז גוט באַקאַנט דער גאַנצער שווינדל, וואָס איר האָט געמאַכט אין היבער־פּראָצעס און אַלע אייערע איבעריקע קונצן, וואָס איר האָט געפּראַוועט דעם לעצטן יאָר. אויב איר ווילט וויסן, צי דאָס איז אמת פרעגט ביי פעטער הירדוש ער וועט אייך די אַלע ווערטער זיינע באַשטעטיקן. די גאַנצע שטיקל אַרבעט מיט דער באַמבוס־פאַרשווערונג האָב איך דורכגעפירט צוזאַמען מיט פעטערן; איר דאַרפט אָבער פעטערן דערפאַר נישט באַשטראָפן, ווייל ער האָט בלויז געטאָן דאָס, וואָס איך האָב אים געהייסן. ער איז אַ צו גרויסער נאַר, אום פאַר אייך געפערלעך צו זיין און ווי אַן אַגענט קען ער אייך זייער צונוץ קומען. איר דאַרפט אים נאָר גוט באַהאַנדלען און אַכטונג געבן, אַז ער זאָל נישט האָבן קיין שום מגע ומשא מיט פרויען. דאָס לעצטע איז גאַנץ גרינג דורכצופירן. איר דאַרפט בלויז צונעמען ביי אים דאָס געלט, ווייל ער איז אַזאַ פאַרזעעניש, אַז קיין שום פרוי אין דער וועלט וועט נישט וועלן אַ קוק טאָן אויף אים, קוים וועט ער נישט גוט באַצאָלן.

פעטער וועט אייך דערציילן, ווי אַזוי מיר האָבן דורכגעפירט די דינאַמיט־פאַרשווערונג. איר וועט מסתמא אוודאי נישט וועלן און פאַר אייך וועט געוויס זיין נישט זייער באַקוועם אַז דער אמת זאָל דערגיין צו די רויטע און איר מעגט זיין גאַנץ זיכער, אַז דאָס וועט געשען, אויב איר וועט נאָר מיך און טעדין נישט לאָזן צו רו. ווען איר וועט זיך אָבער לגבי אונז פאַרהאַלטן רויק, וועלן מיר מכה דעם גאַנצן ענין קיין וואָרט נישט פאַרלירן און עס בלייבט אייך איבער אַזאַ מין גרויסע פאַרשווערונג, וועלכע קאָן קלעקן פאַר אייך אויף אַ לאַנגע צייט אַ תל צו מאַכן פון די רויטע.

אין סוף כל סוף האָט איר גאָרנישט איבערגעצאָלט. די אַרבעט איז אַ מציאה: פופציק טויזנט דאָלאַר. נעלז אַקערמאַן האָט אייך פאַר אַ סך ווייניקער אַרבעט באַצאָלט אַ סך מער געלט. איך ווייס, אַז

בשעת איר וועט עס לייענען וועט איר זיין זייער אין כעס. איך ראָט אייך זיך מישב צו זיין און נישט פֿאַרלירן דעם קאָפּ. איך שיק דעם בריוו דורך אַ שליח און איך וויל, אַז איר זאָלט זיך גלייך ווענדן צו אַקערמאַנען און זען, אַז ער זאָל נישט גיין צו דער פּאָליציי. איר פֿאַרשטייט מסתמא מיט וואָס דאָס שמעקט די שוואַכע קעפּלעך וועלן זיך אָנהייבן צו גריבלען וועלן קומען אויפֿן שפּור פֿון דער באָמבע-אַפֿערע עס וועט דערגיין צו די צייטונגען, צו די רויטע און איך רעכן, אַז איך דאַרף אייך נישט זאָגן, וואָס פֿאַר אַ שאָדן דאָס קען ברענגען אייער אַגענטור.

און אַחוץ דעם בין איך אייך נאָך מחויב צו דערמאָנען, אַז איצט נאָכדעם ווי איר האָט גרעדין געלינטשט און אַלע אַנדערע רויטע געשלאָגן, איז נישט אַזוי אָנגענעם צו האָבן זיי פֿאַר פּערזענלעכע שונאים. איך מיט טערן וועלן אויף אַ געוויסע צייט נעמם ווען אין די ציידונג וועלן מיר אויך נישט גלייך פֿאַרקויפֿן. און אַזוי ווייטער וועט אַלץ זיין אין אָרדנונג.

מיט גרויס דרך-ארץ

עדיט.

פּ. ס. עס איז באמת נישט פּעטערס שולד, וואָס ער פֿאַרלירט אַזוי דעם קאָפּ ווען עס קומט זיך אים אויס צו באַגעגענען מיט פֿרויען. ער וואָלט פֿאַר אייך זיכער זייער גוט געאַרבעט. ווען איך וואָלט נישט געווען אַזוי שיין.

## 67

דאָס הייסט עב איז ג׳ג געווען איצט נאָכדעם ווי פּעטער האָט זיך שוין באַקאַנט מיטן בריוו, ווייסט ער שוין, אַז מער האָט ער גאָרנישט וואָס צו זאָגן. און פֿלוצלונג האָט ער דערפֿילט ווי זיין משא איז שווערער געוואָרן אַלס ער איז בכח געווען צו פֿאַרטראָגן. אַן אָפּגעשוואַכטער האָט ער זיך אַראָפּגעלאָזן אויף אַ שטול. און דאָרטן איז ער שוין געבליבן זיצן, און זיינע פֿאַרצווייפֿלטע אויגן האָבן אומגעבלאָנדזשעט פֿון איין אָרט אויפֿן אַנדערן, פֿון איין מענטשן אויפֿן צווייטן.

הם זייער אַ היציקער, איז דאָך דער ערשטער דעטעקטיוו געווען אַ פּראַקטישער מענטש. ווען נישט וואָלט ער זיכער נישט געקאָנט אויספֿירן די שווערע און אחריותפֿולע אַרבעט, וואָס דער טרעסט האָט אויף אים אַרויפֿגעלייגט. ער איז טאַקע באַלד איבערגעגאַנגען צו דער געשעפֿטלעכער זייט. קודם כל זאָל אים פּעטער גענוי באַריכטן, ווי אַזוי איז אָרגאַניזירט געוואָרן די פֿאַרשווערונג און ווער נאָך ווייס פֿון איר. און פּעטער ווידער, וועלכער איז אויך געווען אַ פּראַקטישער מענטש, האָט פֿאַרשטאַנען אַז איצט — האָט שוין קיין שום זין נישט וואָס נישט איז צו באַהאַלטן.

ער האָט זיך אין אַלץ מודה געווען און האָט אונטערגעשטראָכן, אַז אויב נעד האָט נאָר נישט דערציילט וועגן דעם איר געליבטן, ווייסן דערפֿון בלויז זיי ביידע, פּעטער און נעד. פֿון ווייטערדיקן שמועס האָט זיך אָבער פּעטער דערוווּסט, אַז דער יונגערמאַן מיטן פּנים פֿון אַ בולדאָג איז איינער פֿון די באַרימטסטע קאַסע-ברעכער אין לאַנד. און גיכער פֿון אַלץ איז ער דאָס געווען דער איניציאַטאָר פֿון דער פֿאַרשווערונג, ער האָט עס אָנגעפֿירט מיט נעד, געגעבן איר די נייטיקע דירעקטיוון

און דאָ האָט זיך פעטער פּלוצלונג דערמאָנט אָן די קושן, וואָס נעל האָט אים געגעבן אין פּאַרק, און די הבטחות אירע און ער איז רויט געוואָרן פאַר חרפּה. אָן שום ספק, וואָס איז שייך פרויען, איז ער אַ מוראדיקער נאַר.

פעטער האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרטיידיקן. וואָס איז ער שולדיק, וואָס נעל האָט אים אָפּגענאַרט? ווען ער איז נאָך גאַר אַ יונגער יינגל געווען אין טעמפּל פון דזשימדזשאמבא איז ער שוין געווען אין איר פאַרליבט ביז משוגעת. זי איז נישט נאָר שיין, זי איז אויך די קלוגסטע פרוי, וועלכע פעטער האָט ווען נישט איז באַגעגנט. אויף דעם האָט אים גיוואַני באַמערקט, אַז ווי ס'ווייזט אויס האָט זי שוין דאַמאָלסט חוזק געמאַכט פון אים. ווייל צו יענער צייט האָט זי שוין געאַרבעט פאַר געפּו, זי האָט דאַמאָלסט געמאַכט מאַטעריאַל קעגן קאַלאַנדרען און אַ דאַנק איר איז ער דאָס באַשטראַפט געוואָרן מיט טורמע. זי האָט שוין ווייער אַ סך געאַרבעט פאַר דער געהיים אַגענטור פון טרעסט. דאַמאָלסט ווען פעטער איז נאָך אַרומגעפאָרן מיט פעריקלעס פריזם, אַרבעטנדיק פאַר געפּו, האָט נעל פאַרפירט אַ באַקאַנטן אַרבעטער־טוער, האָט זיך געלאָזן כאַפּן מיט אים צוזאַמען אין אַ צימער פון אַ האָטעל און דערמיט האָט זי אַרונטערגעריסן איינעם פון די גרעסטע שטרייקן.

איצט איז שוין פעטער געוואָרן אַ ביסל שטילער ביי זיך. וואָס איז דער חידוש, וואָס ער האָט נישט געקאָנט ביישטיין קעגן אַזאַ מין פרוי? געפּו איז אַליין שולדיק, וואָס אַ פריער האָט ער אַזעלכע מענטשן, דערנאָך לאָזט ער זיי פריי אַרומלויפן. און דאָ האָט זיך פעטער געכאַפּט, אַז ס'קען גרינגלעך זיין אַז נעל זאָל האָבן געוווּסט, אַז ער וואַרט אין האָטעל דע סאַטאַ אויף לייקמענען און זי איז ספּעציעל געקומען אַהין, כדי אים אַריינצושלעפּן אין דער אַפּערע. און נאָכדעם ווי גיוואַני האָט מודה געווען, אַז דאָס איז נישט אויסגעשלאָסן, האָט פעטער דערפילט, אַז ער האָט געווינען די שפּיל.

ער איז מיט אַמאָל רעדעוודיק געוואָרן. דער צונג האָט זיך אים ווי מען זאָגט פאַנאַנדערגעבונדן. נו, יאָ, אוודאי איז ער געווען אַ גרויסע בהמה. ער געפינט טאַקע פאַר זיך נישט קיין שום פאַרענטפערונג, אָבער דערפאַר האָט ער שוין איצט געהאַט אַן אמתע לעקציע. איצט ווייס ער שוין, וואָס ער האָט צו טאָן. וועגן פרויען וויל ער שוין מער נישט הערן, און מכח אַ רייכן לעבן טראַכט ער נישט. ווען ה' געפּו וואָלט געוואָלט נאָך איין מאָל פּרובירן מיט אים מאַכן אַ געשעפט...

געפּו האָט דאָס אָבער אַ צעקאָכטער קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן. אַזאַ אידיאָט וויל ער נישט האָבן אַפילו פאַר צען מייל ווייט פון זיין צענטער. פעטער האָט זיך אָנגעהויבן צו בעטן, ער קען דאָך באמת די רויטע זייער גוט. צי קען הער געפּו אָנווייזן נאָך אַ מענטשן, וועלכער זאָל זיין אַזוי גוט באַהאַוונט אין די אַלע זאַכן ווי ער? אַלע רויטע געטרויען אים. ער איז אַן אמתער מאַרטירער, זאָל הער געפּו בלויז אַ קוק טאָן אויף די פּלאַסטערס מיטן באַנדאַזש. אַחוץ דעם האָט ער זיך לעצטנס נאָך אַ לאָרבער־בלאַט איינגעפלאָכטן אין זיין קראַנץ. ער איז געווען

בײַ דער פֿרוי געט און האָט פֿון איר מאַן באַקומען קלעפּ. די דאָזיקע מעשׂה קען ער פֿאַרשפּרייטן, אפֿשר וועט זיך אים פּאָרט אײַנגעבן אַרײַנצושלעפּן די רויטע אין אַ פֿאַרשווערונג טאַקע קעגן געטן. און ווי דאָס זאָל נישט זײַן. דאָס מאַטעריאַל, וואָס זיי האָבן איצט קעגן מעקקאָרמיקס און די איבעריקע פֿון דער י. וו. איז דאָך פּאָרט עפּעס ווערט, מען קען דאָך איצט פּעטערן נישט לאָזן פֿאַלן. מען דאַרף בלויז דעם הערן אַקערמאַן אויסקלערן די זאַך ווי זי איז...

די לעצטע באַמערקונג איז אַפּנים געזעסן נישט אויפֿן אָרט. געפּי האָט זיך ווידער אַ הויב געטאָן פֿון שטול, האָט גענומען לויפֿן הין און צוריק איבערן צימער און זידלען פּעטערן אויף וואָס די וועלט שטייט. און שרײַענדיק האָט ער זיך דערווײַל אויסגערעדט, אַז ער איז שוין געווען בײַ אַקערמאַנען און דער לעצטער האָט אים ווײַט נישט ליבנסווירדיק אויפֿגענומען. עפּעס אַ קלייניקייט איז עס, אַז די געהיים־אַגענטור, וועלכע ער אַליין פֿינאַנסירט, האָט אַרײַנגעפֿירט צו אים אין שטוב צוויי חבֿרה־לײַט, וועלכע האָבן אים בגנבֿעט אויף פֿופֿציק טויזנט דאָלאַר. צי וועט ער אים נעמען ווידער צו דער אַרבעט? זאָל פּעטער דאַנקען גאָט, וואָס געפּי האָט אים אויף זײַן גאַנץ לעבן נישט אײַנגעשפּאַרט אין לאָך אָדער האָט אים איינציקווײַז נישט צעבראָכן אַלע זײַנע גלידער. און איצט זאָל ער זיך די מינוט אָפּטראָגן פֿון דאַנען. זײַן פֿוס זאָל דאָ מער נישט זײַן. „אַרויס פֿון דאַנען“!

פּעטער האָט זיך אויפֿגעהויבן און זיך אָנגעהויבן פּאַמעלעך צו שלעפּן צו דער טיר. און בשעת מעשׂה האָט ער בײַ זיך אָפּגעטראַכט געטאָן: „אפֿשר זאָל איך זיי אַ סטראַשע טאָן. זאָגן, אַז איך גיי אַוועק צו די רויטע און דערצייל זיי אַלץ“? נאָר, ניין! עס לוינט נישט, גלײַכער שווײַגן. געפּי קען אים נישט אויף קיין קאַטאָוועס אַרײַנוואַרפֿן אין לאָך. אָבער געפּי אַליין, ווי פֿונדעסטוועגן ריזיקירט ער דאָס אים אַוועקצולאָזן? ער דאַרף דאָך פֿאַרשטיין, אַז פֿון כּעס, אָדער נישט האָבנדיק קיין אַנדער ברירה, קען ער דאָך אַוועקגיין צו די רויטע און אַרויסגעבן אַלץ. און דאַמאָלסט וואָלט דאָך די געהיים־אַגענטור געווען אויף אייביק רויִנירט.

ניין, געפּי וועט נישט ריזיקירן. און פּעטער האָט זיך זייער פּאַמעלעך צוגערוקט צום טיר, האָט זי כּלומרשט געפּרוּווט עפֿענען און האָט זי כּלומרש געפּרוּווט עפֿענען און האָט זיך צוגעהאַלטן פֿאַר דער קלאַמקע פּונקט ווי ער וואָלט זיך נישט קענען האַלטן אויף די פֿיס. האָט געוואַרט און געוואַרט.

און כּך־הווה. עס האָט זיך דערהערט, ווי געפּי זאָגט: „קערט זיך אום, אייזל אינער!“. פּעטער האָט זיך תּיכּף אַ קער געטאָן אויף צוריק און מיט הכנעה אַ הויב געטאָן זײַנע הענט צום דעטעקטיוו: און וואָלט ער זיך געפֿונען אין אַ מזרח־לאַנד, וואָלט ער געפֿאַלן אויף די קני און דרײַ מאָל צוגעלייגט זײַן שטערן צו דער ערד. „איך בעט אײַך, הער געפּי, זײַט אַזוי גוט“, האָט ער זיך קרעכצנדיק געבעטן, „פּראָבירט זיך מיט מיר נאָך איין מאָל“.

— ווען איך וועל אײַך איצט ווידער געפֿינען אויף דער שוועל, האָט געפּי

געברומט: — וועט איר טון בײַ מיר בלויז דאָס, וואָס איך וועל הייסן און נישט דאָס, וואָס אײַך וועט זיך פֿאַרוועלן צו טון! איר פֿאַרשטייט?

— יאָ, יאָ, הער געפּי.

— נו, און אויפֿן אייגענעם חשבון וועט איר שוין איצט מער נישט אַרבעטן?

— ניין, ניין, הער געפּי.

— גוט, איך וועל זיך נאָך איין מאָל פּרובירן. אָבער געדיינקט, איך שווער אײַך בײַגאָט, טאָמער וועט איר זיך נאָך איין מאָל דערוועגן בלויז אַ קוק צו טון אויף אַ מיידל, האַק איך אײַך אויס אַלע ציין פֿון מויל.

פּעטער איז אַ לעבעדיקער געוואָרן.

— איך דאַנק אײַך, איך דאַנק אײַך, הער געפּי.

— באַקומען וועט איר בײַ מיר צוואַנציק דאָלער אַ וואָך, איין סענט נישט מער. דערבײַ זאָג איך אײַך, אַז ווערט זײַט איר אַ סך מער, איך קאָן אײַך אָבער קיין געלט נישט געטרויען. נו, איר זײַט מסכּים, אָדער נישט?

— איך בין גאַנץ צופֿרידן, הער געפּי.

— האָט פּעטער געענטפֿערט.

## 68

דערמיט האָט זיך פֿאַר פּעטער הודוש פֿאַרענדיקט זײַן גוט לעבן. ער האָט שוין איצט נישט קיין אַריינגאַנג אין די אָלימפּישע קרייזן. ער זעט שוין איצט נישט, נישט אַקערמאַנס כינעזישן דינער און נישט פֿרוי געטס פּראָווינציעלע סיבּרעטין. און קיין מאָה וועלן שוין ניט שמייכלען צו אים די פֿיער און צוואַנציק מלאכים פֿון דאָקטער דע סאַטאַ. זײַנע מיטאָגן וועט ער עסן ערגעץ און אַ פֿאַרוואָרפֿענעם שענקל און ער וועט זײַן דער אמתער באַשיידענער פּראָלעטאַריער, דער „דזשימי היגינס". ווײַט פֿון זיך האָט ער פֿאַרייאָגט די זיניקע הלומות, ווען אַ גרויסן פֿאַרמעגן און איז מקבּל באַהבֿה געווען די פּשוטע, טאָג-טעגלעכע אַרבעט, וועלכע ער האָט אויסגעפֿירט בשלמות. האָט געשלאָסן באַקאַנטשאַפֿט מיט נייע טוער, האָט זיך צוגעקוקט צו זיי, געגנבֿעט זייערע בריוו, זייערע נאָטיץ-ביכער די אַדרעסן, וואָס זיי פֿלעגן האָבן בײַ זיך און אַלץ געשלעפּט אין צימער 427 אין „אַמעריקען הויז".

עס איז דאַמאָלסט געווען זייער אַ סך אַרבעט. הײַנט האָט געשלאָגן, געלינטשט און אין תּפֿיסות געזעצט — און אפֿשר טאַקע דערפֿאַר — האָט די ראַדיקאַלע באַוועגונג אויפֿגעלעבט מיט אַ נייעם כּח. די י. וו. וו. האָבן זיך אויף אַן אומלעגאַלן אופֿן דאַסניי אָרגאַניזירט און געקליבן געלט אויף אַ פֿאַרטיידיקונגס-פֿאָנד פֿאַר זייערע אַרעסטירטע. און די סאָציאַליסטן פֿון אַנדערע שטאַטן זענען אויך נישט אַרומגעגאַנגען מיט פֿאַרלייגטע הענט. זיי האָבן נאָך אַלײן נישט אויפֿגעהערט אויסצונוצן דעם דיבער-פּראָצעס און איצט האָבן זיי גראָד געאַרבעט נאָך ענערגישער ווי פֿריער, ווײַל אין גיכן האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען דער פּראָצעס פֿון הובערס פֿרוי.

און אונטער דער צײַט, האָט זיך אין רוסלאַנד אויך די לאַגע געביטן, די עקסטרעמיסטן האָט דאָרטן אָנגעהויבן זייער גוט צו גיין. סוף חורבנסט האָבן זיי אַראָפּגעוואָרפֿן די פֿריערדיקע רעגירונג. האָבן איבערגענומען די אָנפֿירונג מיטן לאַנד,

האָבן מיט דייטשלאַנד שלום געשלאָסן, וואָס די פאַרבינדעטע האָט שטאַרק פאַרדראָסן און האָבן איינגעפירט אין אים גאַנג אַ נײַ וואָרט: דאָס שרעקלעך וואָרט „באָלשעוויק". פון דאַמאָלסט אָן איז געווען גענוג, אַז עמיצער זאָל זאָגן אויף אַ מענטשן, אַז יענער איז אַ „באָלשעוויק" און מען האָט שוין נישט געוואָלט האָבן מיט אים קיין מגע ומשא.

די ראַדיקאַלסטע האָבן פונדעסטוועגן אָנגענומען דעם האָזיקן נאָמען און האָבן אים געטראָגן, ווי אַ געוויסע אויסצייכענונג. די אַרטיקע סאָציאַליסטישע גרופּע פון אַמעריקען-סיטי, האָט מיט גרויס התלהבות אָנגענומען אַ רעזאָלוציע פון איצט אָן אָנצורופן זיך „די אַרטיקע באָלשעוויסטישע גרופּע". און אַ לייִנגערע צייט נאָכאַנאַנד האָבן האָרטן די לינקע געהאַט די איבערהאַנט. דער פירער פון די לינקע איז געווען הערבערט אַשטאַן, אַ בלאַסער, אויסגעדאַרטער און זייער פאַרביטערטער יונגערמאַן. לויט זיין פאַך איז ער געווען אַ זשורנאַליסט, דער רעדאַקטאָר פון דער אָרטיקער פאַרטיי-צייטונג „דער טראָמפּייט". אַשטאַן האָט אַפּנים זיין גאַנץ לעבן פאַרבראַכט אין שטודירן די אינטריגעס פון אינטערנאַציאָנאַלן קאַפּיטאַל און אויף אַלע פראַגן האָט ער תמיד געהאַט אַ תשובה. די מלחמה איז לויט זיין מיינונג געווען אַ קאַמף צווישן די אַלטע ענגלישע קאָמערסאַנטן און די נײַ-אויפגעקומענע אַגרעסיווע דייטשע קאָמערסאַנטן. [די גאַנצע בריטישע מלוכה איז בײַ אים געווען אין אומגעהייערע האַנדלס-געזעלשאַפט].

אַשטאַן פלעגט מיט זיין שאַרפער קריטיק ממש דערהייִן די יאָרן די אַנדייִנגער פון דער מלחמה; ער פלעגט זיך אײַנעסן אין זייערע לאָזונגען, ווי אַ קאַץ אין אַ מויז. דאָס איז הייסט עס בײַ אײַך אַ מלחמה פאַר דער דעמאָקראַטיע!—פלעגט ער שרייבן. צוואַנציק יאָר נאָכאַנאַנד האָבן די פּאַריזער באַנקירן אונטערגעהאַלטן מיט זייערע הלוואות די רוסישע קיסרים. די זעלביקע קיסרים, וואָס האָבן הונדערטער טויזנטער פאַרשיקט אין סיביר, אודאי מסתמא, כדי צו פאַרפעסטיקן אין דער וועלט די דעמאָקראַטיע. און אויך די בריטישע מלוכה האָט משמעות פאַרפירט אירע מלחמות בלויז צוליב דער דעמאָקראַטיע— אַ פריער אין אירלאַנד, דערנאָך אין אינדיען, אין עגיפּטן און אפילו בײַ זיך אין די לאַנקאַשער אַרבעטער-קוואַרטאַלן!

ניין, האָט געטענהט אַשטאַן, די אַרבעטער וועלן זיך פון אַזעלכע שווינדלעריען נישט לאָזן פאַרפירן. די וואָל-גאַס און בערזע-גאַס האָבן די באַנקירן פון די פאַרבינדעטע עטלעכע מיליאַרד דאָלאַר געליען, און איצט ווילן זיי, אַז דאָס אַמעריקאַנישע פאָלק זאָל גיין זיין בלוט פאַרגיסן, כדי צו פאַרזיכערן זיי די האָזיקע הלוואה.

פעטער האָט אויפמערקזאַם געמאַכט גיווניי-ען, אַז מען וואָלט געדאַרפט אַ סוף מאַכן צו דער האָזיקער אַגיטאַציע. און גיווניי פון זיין זייט, האָט געזאָגט פעטערן, אַז מען גרייט זיך טאַקע עפּעס וואָס צו טון. באַלד דאַרף פאָרקומען אַ גרויסע מאַסן-פאַרזאַמלונג לכבוד דער רוסישער רעוואָלוציע און פון דער פאַרזאַמלונג קלערט מען דאָס טאַקע אָנצוהייבן. זי וועט זיכער אָן אַ סקאַנדאַל נישט אַראָפּגיין.

פעטער האָט אַראָפּגענומען זיין זשעטאָן, זיין רויטע אָפּצייכענונג, וואָס ער

האָט געטראָגן און איז אַוועק אויף דער פֿאַרזאַמלונג. דאָרטן האָט ער זיך גלייך אַרויפֿגעכאַפּט אויף דער גאַלעריע און אַריינגעדרייט זיך צווישן עולם. אונטן אין זאַל האָט פֿעטער דערזען אַ גאַנץ אָנגעזעענע צאָל שפּיאָנעס. דעם פּאָליציי־קאָמיסאַר און דעם פֿירער פֿון דער שטאָטישער געהיים־פּאָליציי. בשעת הערבערט אַשטאָן האָט שוין געהאַט גערעדט אַ לענגערע צייט, האָט זיך אויף דער טריבונע פּלוצלינג באַוויזן דער פֿירער פֿון דער געהיים־פּאָליציי און האָט אים געמאָלדן, אַז ער איז אַרעסטירט. אומגעפֿער אַ צוואַנציק פּאָליציאַנטן האָבן זיך תּיכּף אַוועקגעשטעלט צווישן דעם רעדנער און אויפֿגערעגטן המון.

אַ חוץ אים זענען אויף יענער פֿאַרזאַמלונג אַרעסטירט געוואָרן נאָך עטלעכע מענטשן, בסך־הכּל זיבן פֿון די אָנוועזנדיקע. אָבער דאָס האָט אַרויסגערופֿן אַזאַ באַגייסטערונג ביי די אַלע געגנער, די צייטונגען האָבן אַזוי געלויבט דעם דאָזיקן טריט, אַז מען האָט באַשלאָסן ווייטער צו אַרבעטן אין דער זעלבער ריכטונג. אויף מאָרגן האָבן זיך צונויפֿגענומען אַ צוועלף פֿון געפּיס חברה־לייט און אַ צוועלף דעם פּראָקוראָרס און מען איז צוזאַמען באַפֿאַלן דער רעדאַקציע פֿון „טראָמפּייט". פֿון רעדאַקציע־פּערסאָנאַל האָט מען אַנדערע אַראָפּגעוואָרפֿן פֿון די טרעפּ, אַנדערע אַרויסגעוואָרפֿן דורך די פֿענסטער, די מאַשינעס האָט מען צובראָכן, און אַלע אַבאָנענטן־צעטלען מיט אַ סך שריפֿט האָט מען אַרויסגעשלעפּט אויפֿן הויף, כּדי דאָס צו פֿאַרברענען. מען האָט אויך פֿאַרחתמעט דעם לאָקאַל פֿון דער אָרטיקער גרופּע, אַרעסטירט זיבן מיטגלידער פֿון עקזעקוטיוו־קאָמיטעט און פֿאַר יעדערן באַשטימט נישט ווייניקער ווי פֿופֿציק טויזנט דאָלאַר ערבֿות־געלט. צוויי, דריי מאָל אין דער וואָך פֿלעגט די „טיימס" שיקן אַרײַן אַ מענטשן אין געפּיס אַגענטור און דאָרטן פֿלעגט מען אים איבערגעבן אַ גאַנצן פּאַק מאַטעריאַל, וועלכן פֿעטער פֿלעגט צוזאַמענשטעלן און ווי עס פֿלעגט דערוויזן ווערן באותות ומופֿתים, אַז די סאָציאַליסטישע פּראָגראַם שטיצט זיך אויף מאָרד און טעראָר.

יעדן טאָג כּמעט פֿלעגט פֿעטער עפּעס וואָס טון פֿאַר זיין פֿאָטערלאַנד. ער האָט אַנטדעקט די געהיימע דרוקעריי פֿון דער י.וו.וו.; מען איז גלייך באַפֿאַלן דעם אָרט, רעקווירירט די דרוק־מאַשין און אַרעסטירט זעקס מענטשן. אַלס פּראָטעסט האָבן די אַרעסטירטע ערקלערט אַ הונגער־שטרייק. עטלעכע היסטערישע פֿרויען האָבן זיך צונויפֿגעקליבן ביי אָדאַ רוט, האָבן צונויפֿגעשטעלט אַ פּראָטעסט־רעזאָלוציע און האָבן עס באַשלאָסן פֿאַנאַנדערצושיקן. פֿעטער האָט זיך תּיכּף דערוווּסט דערפֿון, איז דערגאַנגען ווען מען האָט די צירקולירן אַוועקגעשיקט אויף פּאָסט און דאָרטן זענען זיי גלייך קאָנפֿיסקירט געוואָרן. און אַזוי־אַרום האָט פֿעטער ווידער צעשטערט אַ פֿאַרשווערונג קעגן זיין לאַנד. עטלעכע מענטשן פֿון דער געהיים־אַגענטור האָבן איצט געאַרבעט אויף דער פּאָסט. זיי פֿלעגן נאָכשפּירן די קאָרעספּאָנדענץ פֿון די אַגיטאַטאָרן. פֿון צייט צו צייט פֿלעגט זיך באַקומען אַ באַפֿעל, נישט דורכצולאָזן די פּאָסט פֿון דער, אָדער פֿון יענער פֿאַרדעכטיקער פּערזאָן.

חאָטשגלייכן פלעגט אויך נישט דורכגעלאָזן ווערן דורך דער פּאָסט „דער טראָמפּייט". עטלעכע חברים האָבן גענומען אויף זיך צוצושטעלן די צייטונגען אין די שכנותדיקע שטעט אויף אויטאָמאָבילן. מען האָט באַפולמעכטיקט פּעטערן צו דערגיין, ווער עס זענען די דאָזיקע חברים; איינמאָל ביינאַכט, האָבן זיך געפּים חברה אַריינגעגנבעט אין גאַראַזש, האָבן קאַליע געמאַכט די מאַשין און דער פאָרער האָט אויף מאָרגן שיעור דעם האַלז נישט געבראָכן. און ווידער־אַמאָל האָט פּעטער געטון אַ טובה זיין לאַנד.

69.

פּעטער איז געווען גליקלעך. ענדלעך זענען די גרויסע לייט אַ ביסל אויסגערודערט געוואָרן, האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון זייער שלאָף. פּעטער האָט געזען, אַז זיין אַרבעט גייט נישט לאַיבוד, אַז זיינע צוגעשטעלטע ידיעות ווערן אויסגענוצט, אַז עס ווערט עפּעס געטון. אָפיציעל איז אַלץ געגאַנגען אויפן חשבון פון דער פּראָקוראַטור, רעגירונגס־אַגענטן און דער שטאַטישער פּאָליציי. פּעטער האָט אָבער געוווּסט, אַז פּאַקטיש פירן־אָן מיט אַלץ — ער און די איבעריקע געפּים אַגענטן; אַז הינטער די קוליסן האַלטן זיי אַלע פעדעם אין זייערע הענט.

געפּי האָט געהאַט געלט, האָט געאַרבעט פאַר מענטשן, וואָס האָבן געשפּילט אַ ראָליע אין אַמעריקען־סיטי. געפּי איז געווען דער אמתער באַלעבאָס. און אַזוי איז געווען נישט בלויז אין אַמעריקען־סיטי. אין גאַנצן לאַנד האָט זיך אָפּגעשפּילט האָסועלביקע: אומעטום זענען די היימע פאַרפאָלגט געוואָרן מצד די פלערליי געהיים־אַגענטורן, האַנדלס־קאַמערן, סוחרים־ און פאַבריקאַנטן־פאַריינען, און אַ חוץ זיי אַלע — נאָך פון דער „ליגע צו היטן די מאָראַל פון אַמעריקע".

די אַגענטן פון כל המינים האָבן געהאַט פרייע הענט צו טון וואָס זייער האַרץ גלוסט. די מלוכה האָט זיך געפונען אין מלחמה־צושטאַנד. דער קריגשגעוון האָט ווי אַ העליש פייער אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לאַנד. עס איז גענוג געווען, אַז עמיצער זאָל זאָגן אויף אַ מענטשן, אַז יענער איז אַ דייטש־מיטפילנדיקער, אָדער אַ באָלשעוויק — און דער המון איז שוין גרייט געווען צו וואַרפן זיך אויף אים, שלאָגן אים, באַגיסן מיט פעך, לינטשן שוין אויפן אָרט.

אַזוי פיל יאָרן האָבן זיך די גרויסע געשעפטסלייט אַרומגעטראָגן מיט זייער ברענענדיקער שנאה צו די אַגיטאַטאָרן, און איצט איז ענדלעך געקומען די פאַסיקע געלעגנהייט זי אויסצולאָזן; אין יעדער שטאָט, אין יעדן געשעפט, אין יעדער פאַבריק און אין יעדער שאַכטע, האָבן זיי געאַרבעט, די פּעטער הודשעס, די דאָזיקע „דזימי היגינס" פון די ווייסע, און זיי האָבן געהיט און שפּיאָנירט פון די „דזשימי היגענס" פון די רויטע. אומעטום האָבן די געפּים מיט די גיוניים אָנגעפירט מיט דער אַרבעט, און הינטער זיי זענען געשטאַנען די געזונטע יינגן, באַלאָדן מיט רעוואָלווערן און אַנדערע געווער, און האָבן געשטיצט זייער אומבאַגרענעצטע רעכט צו פאַרהיטן דאָס לאַנד פון די אינעווייניקסטע שונאים.

אין די לאַגערן, ווו מען האָט געלערנט די יינגע סאָלדאַטן, זענען גע-

ווען צונויפגעקליבן פון דריי ביז פיר מיליאן יינגע מענטשן, און וואך־איין, וואך־אויס פלעגן פון די מזרח־האפנס אפגיין מוראדיק־גרויסע שיפן מיט סאלדאטן פאר „יענער זייט וועלט“. און צוזאמען מיט זיי פלעגט אוועקגעשיקט ווערן פאר מיליארדן דאלאר אמוניציע, עסנווארג און אלע הייסע, אומגעדולדיקע פאטריאטן פון לאנד. און ווידעראמאל האט פעטער געלייענט רעדעס, מוסר־השכלס, און איז געווען שטאלץ און צופרידן פון דעם געדאנק, אז אויך ער טראגט־אריין זיין באשיידענעם חלק אין דער האזיקער גרויסער אונטערנעמונג.

און ווי האט גאר פעטער געקאנט זיין אומצופרידן מיט זיינע צוואנציק דאלאר א וואך, אין דער צייט, ווען ער האט געלייענט שווארץ אויף ווייס, אז די גרעסטע אינדוסטרי־ און פינאנץ־מאגנאטן גיבן אפ דעם לאנד זייער דינסט פאר איין איינציקן דאלאר א יאר. און טאמער פלעגט ער הערן, ווי די רויטע ריידן אויף די פארזאמלונגען אדער שרייבן אין זייערע בראשורן, אז די אינדוסטרי־ און געלט־מאגנאטן שטייען אן דער שפיץ פון געזעלשאפטן, וועלכע מאכן מוראדיקע געשעפטן מיט דער רעגירונג און פארדינען צען מאל אזויפיל ווי פאר דער מלחמה, האט פעטער געוווסט, אז דאס הערט ער א רעדע פון א געפערלעכן באלשעוויק. ער פלעגט זיך גלייך פארנאטירן דעם נאמען פון רעדנער און ברענגען אים צו גיווינייען. און יענער ווידער פלעגט שוין א ציטון פארן געהיימען שטריקל, און די גערעכטיקייט פלעגט פייערן איר נצחון. פלוצלונג פלעגט יענער אדער פארלירן זיין שטעלע, אדער ער פלעגט פאר עפעס א צוטשעפעניש אנגעקלאגט ווערן מצד דער ארטיקער פאליציי.

נאך א לאנגער, הארטנעקיגער ארבעט האט זיך דאך ענדלעך איינגעגעבן די רויטע צו ווירקן אויפן ריכטער, ער זאל קארמיקן און די איבעריקע, וואס זענען מיט אים צוזאמען ארעסטירט געווארן — ארויסלאזן אויף ערבות־געלט צו 50 טויזענט דאלאר פון א מענטשן. דאס האט פעטערן געוואלטיק אויפגערעגט. עס איז דאך א באוווסטע זאך, אז ווען א רויטער ווערט ארעסטירט און זיצט א געוויסע צייט אין תפיסה, ווערט דערמיט זיין השפעה פארגרעסערט, און דערנאך, ווען ער גייט־ארויס אויף דער פריי, ווירקט זיין אגיטאציע דעם מאל מער ווי פריער. אבער די ריכטער האבן דאס בשום־אופן נישט געוואלט פארשטיין. די קעפ זענען ביי זיי געווען פול אנגעשטאפט מיט כלערליי פאראגראפן פון געזעץ, און האבן זיך געלאזן פירן פארן נאז פון ענדרויסן און אנדערע רויטע אדוואקאטן.

דאסגלייכן זענען אויך באפרייט געווארן אויף ערבות־געלט הערבערט אשטאן און אלע איבעריקע מיטגלידער פון רעדאקציע. „דער טראמפייט“ איז נאך אלץ ארויסגעגאנגען און מען פלעגט אים גאנץ אפן פארקויפן אין די צייטונגס־קיאסקן. אמת, די צייטונג האט שוין איצט נישט געוואגט צו שרייבן אפן קעגן דער מלחמה, זי פלעגט אבער נישט דערלאזן קיין שום זאך, וואס האט נור געקאנט קאמפראמיטירן „די גרויסע האנדלס־געזעלשאפט“, וועלכע האט זיך גלייכצייטיק אויך גערופן בריטישע מלוכה; אדער „די פראנ־

ציוזישע באנקירן" און „די איטאליענישע אימפעריאליסטן". ווייטער האט זי פאר אירלאנד, עגיפטן און אינדיען געפאדערט „די דעמאקראטיע", און אויף אן אומפארשעמטן אופן פארטיידיקט די אנהייגער פון די דייטשן.

פעטער האט נישט אויפגעהערט צו זאמלען באווייזן קעגן דער רעדאקציע פון „טראמפייט" און קעגן די י.וו.וו. און סוף-כל סוף האט ער אין א שיינעם פרימארגן געלייענט די פריילעכע ידיעה, אז די רעגירונג האט אין גאנצן לאנד ארעסטירט א צוויי הונדערט טוער פון די י.וו.וו. און נאך עטלעכע פירער פון די סאציאליסטן, און זיי אלע צוזאמען ווערן באשולדיקט אין ארגאניזירן א פארשווערונג. דערנאך האט זיך אונטערגערוקט דער פראצעס פון קארמיק, גאד, הענדערסאן און די איבעריקע.

פעטער האט נישט דורכגעלאזן קיין איין שורה אין „טיימס" און איין מאל האט ער דארטן דערזען א ידיעה, פון וועלכער עס האט אים ממש דער אטעם פארכאפט. דזשאי ענגעל, איינער פון די פארשווערער, איז געווארן א עדות מצד דער באשולדיקונג. ער האט זיך פארן פראקוראר מודה געווען נישט בלויז אין דעם, וואס פאר א ראלע ער האט געשפילט אין דער פארשווערונג קעגן נעלז אגערמאן. נאר ער האט נאך אפילו דערציילט פון וואנען מען האט גענומען דעם דינאמיט, ווי אזוי עס זענען אויסגעארבעט געווארן די באמבעס און וועמען נאך פון די אנגעזעענע מענטשן פון שטאט מען האט זיך געקליבן אוועקצופטרן. ווען פעטער האט עס איבערגעלייענט האט ער זיך ממש געקייקלט אויפן בעט פון געלעכטער.

און ווי זאל פעטער נישט לאכן? ראב האט ער דאך אריינגעפלאנטערט געפס אן אנגעשטעלטן אין דער דאזיקער שווינדערישער פארשווערונג און איצט קען אים שוין אפילו דער קליגער געפ פון אדר נישט ארויספלאנטערן. געפ קען דאך אבער נישט לאזן זיינעם א מענטשן זיצן אין טורמע. איז קיין אנדער ברירה נישט געווען ווי מאכן אים פאר א עדות מצד דער באשולדיקונג, ווייל ווי אזעלכן וועט מען אים שוין קענען ארויסלאזן.

די געריכטן זענען אלע ממש פארווארפן געווען מיט פראצעסן וועגן „שפיאנאזש" און מיט כלערליי באשולדיקונגען קעגן פאציפיסטישע גלחים, קעגן ארבעטער-טוער, וועלכע האבן געפרווט ארגאניזירן שטרייקן, קעגן מיטגלידער און סימפאטיקער פון דער „ליגע קעגן דינסט-פליכט" קעגן אנארכיסטן, קאמוניסטן, קוואקערן, י. וו. וו., סאציאליסטן און אנדערע.

דאס רוב פלעגן זיך מאכן עטלעכע פראצעסן מיט א מאל און ביי יעדן פראצעס האט פעטער צוגעלייגט זיין האנט. דא האט ער געדארפט אויסזוכן די פאסיקע עדות, דארטן אויסשפירן די פארגאנגענהייט פון די געשווארענע און אן אנדער מאל ווידער, פלעגט ער געבן אויף זיך די הייליקע עבודה אויסצוקלערן עפעס א וועלכע נישט רכילות אויף די עדות מצד דער פארטיידיקונג און אזוי ארום מאכן זיי אומשעדלעך. און יעדעס מאל ווען דאס געריכט פלעגט עמיצן משפטן, האט פעטער געקוקט אויף דעם ווי אויף זיינעם א פערזענלעכן טריומף, אוי-

אַזוי ווי דאָס געריכט פֿלעגט דאַמאָלסט דורכאויס פֿאַרמישפּטן, איז פֿעטער אַרומגעגאַנגען אַן אָנגעפּילטער מיט פּאַטריאָטישער התלהבות. די מעשה מיט נעל דולין און מער גראַמערס איז ביסלעכווייז כמעט אין גאַנצן אויסגעמעקט געוואָרן פֿון זיין זכרון. און בשעת מעק און די איבעריקע, וואָס זענען צוזאַמען מיט אים אַרעסטירט געוואָרן, זענען פֿאַרמישפּט געוואָרן צו צוואַנציק יאָר שווערע תּפֿיסה, האָט פֿעטער געוווּסט, אַז איצט איז ער שוין גענוג אָפּגעקומען פֿאַר אַלע זיינע חטאים. און ער האָט זיך ערלויבט פֿאַרשיידן אָנצומערקן גיוונייען, אַז דאָס לעבן ווערט טאָג-טעגלעך טייערער און אַז ער האַלט ביי זיין הבטחה: שוין זעקס חדשים ווי ער האָט נישט אַקוק געטאָן אויף אַ פֿרוי. גיווני האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ; פֿעטער וועט באַקומען דרייסיק דאָלאַר אַ וואָך.

## 70

נאַטירלעך מוז מען זיך אָנשטויסן, אַז פֿעטערס פֿריערדיקע ערקלערונג בנוגע זיין קוק אויף פֿרויען, איז נישט געווען אין גאַנצן ריכטיק. אונטער דער צייט האָט שוין פֿעטער געקוקט אַ סך מער ווי אויף איין פֿרוי. קיינער פֿון זיי האָט אים אָבער, צום באַדויערן נישט געענטפֿערט מיט אַ בליק. לכתּחילה האָט זיך פֿעטער גענומען דרייען אַרום מרים יאַנקאָוויטש. זי איז געווען גאַנץ שיין און דיק און זי איז פֿעטערן גאָר גוט געפֿעלן געוואָרן. מרימס קאָפּ איז אָבער געווען אינגאַנצן פֿאַרנומען מיטן אַרעסטירטן קאַרמיקן און אַחוץ דעם, האָט זי נאָך דעם צוזאַמענשטויס, וואָס זי האָט געהאַט מיט אַנ-

דענען זיך געמוזט אַריינלייגן אין אַ שפּיטאָל און מיט קראַנקע האָט פֿעטער במילא פֿיינט געהאַט אַז עסק צו האָבן.

פֿעטערן זענען נאָך גאַנץ גוט געפֿעלן געוואָרן אַנדערע „רויטע" מיידלעך און זיי האָבן צו אים אויך גאָרנישט געהאַט, נאָר זיי האָבן זיך באַצויגן צו אים ווי צו אַ גוטן חבר און עס איז עפּעס גאָרנישט קענטיק געווען זיי זאָלן האַלטן פֿון פֿרייע ליבע. פֿעטער האָט דערפֿאַר באַשלאָסן אויסצוזוכן זיך אַ מיידל נישט קיין „רויטע". דאַמאָלסט וואָלט ער געהאַט מיט וועמען צו פֿאַרברענגען און ער וואָלט בכלל געקומען אַביסל צו זיך. מיט די רויטע קען מען במילא נישט פֿאַרברענגען. פֿאַר זיי איז שוין אַ גאַנצע פֿאַרווײַלונג, ווען זיי קענען זיך צוזאַמענקלייבן אין אַ צימער אין שטילערהייט, אַז די פּאָליצײַ זאָל נישט דערהערן, זינגען דעם „אינטערנאַציאָנאַל" און די „רויטע פֿאָן".

אין מאַי אַ שבת נאָכמיטאָג איז פֿעטער אַוועק אין אַ קאָנפֿעקציע-געשעפֿט, וועלכער האָט געהערט צו איינעם אַ סאָציאַליסט און האָט זיך געקויפֿט אויף אויסצוצאָלן אַ נייעם הוט און אַן אַנצוג. ער האָט זיך גלייך אויסגעפּוצט און האָט זיך אַוועקגעלאָזן אַביסל אין גאַס שפּאַצירן. פֿון ווייטן האָט ער באַמערקט ווי אַ קליינע, עלעגאַנטע מיידל גייט אַריין אין קינאָ. ער איז איר נאָכגעגאַנגען. זיי האָבן זיך באַקענט און געגאַנגען צוזאַמען עסן אָוונטברויט. זי איז געווען גאַנץ שיין אָנגעטאָן און זי האָט דערציילט פֿעטערן, אַז זי איז אַ מאַניקורשע. און וואָס איז שייך צום פֿאַרברענגען גוט די צייט, זענען אירע בליקן אין גאַנצן צוזאַמענגעגאַנגע-

מיט פעטערס. אין יענעם שבתדיקן אָוונט האָט פעטער אויסגעגעבן זיין גאַנץ געלט און ער האָט תיכף ביי זיך באַשלאָסן, אַז ווי נאָר ער וועט האָבן עפּעס וואָס וויכטיקעס איבערצוגעבן מכּוח די רויטע, וועט ער גלייך בעטן ביי גיווניען פּערציק דאָלאַר אַ וואָך.

אויף מאָרגן איז געווען דער ערשטער טאָג פּסח. פעטער האָט זיך באַגעגנט מיט זיין מאַניקיורשע און זיי זענען געגאַנגען צוזאַמען שפּאַצירן אין פּאַרק עוועניו, אויף איינער פון די שענסטע גאַסן פון אַמעריקען-סיטי. אויף אַ סך הייזער זענען געהאַנגען פענער און צווישן עולם האָבן זיך געזען אַ סך מענער אנגעטאָן אין מיליטערישע בגדים.

אַלע גלחים האָבן אין די קלויסטערס געדרשנט וועגן דער מלחמה, אַלע דרשות זענען געווען פאַרפולט מיט מלחמה-ענינים. אַזוי אַז ס'האָט זיך געקאָנט חכמען, אַז כריסטוס אַליין איז אויפגעשטאַנען, כדי צו פאַרזיכערן פאַר דער וועלט די דעמאָקראַטיע און איינפירן דאָס זעלבסטבאַשטימונגס-רעכט פון די פעלקער. פעטער און זיין פריילין זענען געווען זונטאָגדיק אָנגעטאָן און זיי האָבן זיך צוגעקוקט צום יום-טובדיקן עולם. די פריילין פריזבי איז געווען פאַרנומען מיט באַטראַכטן די טואַלעטן פון די דאַמען און פון צייט צו צייט, מיטן אונטערכאַפּן שטיקלעך פון די שמועסן, וואָס זיי פלעגן פירן צווישן זיך און גלייך שטילנקערהייט זיי איבערגעגעבן פעטערן. און פעטער האָט געהאַט דעם געפיל ווי ער וואָלט זיך ווידער אַמגעקוקט אויפן אָלימפּ.

זיי זענען אַריין אין איינעם פון די אַריסטאָקראַטישע קלויסטערס, „אין קלויסטער פון גאָטס רחמנות". עס איז געווען איינער פון די גאָר „געהויבענע" קלויסטערס מיט ליכט, און מיט ווייראָך. דעם ווייראָך האָט מען אַפילו קנאַפּ וואָס געהערט, ווייל די ליליען און די פּאַרפומען פון די דאַמען האָבן פאַרשלאָגן זיין ריח, אָבער פונדעסטוועגן האָט מען געוווּסט, אַז ער איז דאָ. פעטער מיט זיין פריילין האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף צוויי שטולן באַצויגענע מיט לעדער און האָבן זיך צוגעהערט צו דער פּאַטריאָטישער דרשה פון בכבודיקן „ווילאָבי סטאַטערדוש". די מאָנטאָגדיקע אויסגאַבע פון „טיימס" פלעגט זיך גאָר קיין מאָל נישט קענען אָפּליבן פון אים.

בשעת פעטער האָט זיך אַוועקגעזעצט, האָט דער באַרימטער בעל-הדרשן געהאַלטן אין ציטירן אַ פּסוק פון חומש, וווּ עס רעדט זיך וועגן אויסראָטן די אַלע, וואָס ווידערשפּעניקן אין גאָט. דערנאָך האָט ער גענומען באַזינגען מיט גרויס התלהבות דעם נצחון פון אַמעריקאַנער געווער און די גרויסע מעלות פון דער אַמעריקאַנער אַמוניציע. גלייכצייטיק אָבער האָט ער געשטורעמט די סאָציאַליסטן און אַלע אַנדערע פאַררעטער, און געפאָדערט, מען זאָל איין מאָל פאַר אַלע מאַכן מיט זיי אַ סוף.

ער האָט אַפילו נישט דערציילט, אַז ער האָט זיך געפונען צווישן די, וואָס האָבן דורכגעפירט די עקזעקוציע איבער די י.וו.וו., אָדער באַפאַלן די רעדאַקציע פון „טראָמפּייט", אָבער פון זיינע רייד איז נישט געווען שווער צו פאַרשטיין, אַז נישט נור וואָס ער האָט גאָרנישט

קענען אַזעלכע אַרויסטרעטונגען, נאָר ער פּאָדערט-אויף זיי איבערצוחזרן און ער גיט אויף דעם זיין הסכמה.

פּעטער האָט אָנגעקוואָלן פון נחת. און וואָס איז דער חידוש? וויסן, אַז מען דינט דעם איגענעם לאַנד, אַז מען היט-אָפּ זיין אַלטע פאָן — דאָס אַליין איז דאָך שוין אַ גרויס פאַרגעניגן, אַ פּשיטא שוין, אַז מען דערוויסט זיך פּלוצלונג, אַז דאָס דינט מען גאָר דעם רבונו של עולם, און אַז דער הימל און זיינע שלוחים גיבן זייער ברכה אויף זיין אַרבעט.

און פּעטער האָט זיך טאַקע מיט דער גרעסטער שמחה צוגעהערט, ווי גאָטס שליח לויבט זיין אַרבעט; און נישט ערגעץ אַבי-ווו, נאָר דאָ, אין די פיר ווענט פון הייליקן טעמפּל, מיט די בונטע שייבן אין די פענסטער, מיט די ברענענדיקע ליכט און שמעקעדיקע ריחות פון ווייר'יך, ליליען און פערפומען פון די רייכע, עלעגאַנט-פאַרפּוצטע דאַמען פון אָלימפּ.

דער כאָר אין ווייסן אָנגעטון, האָט דורכמאַרשירט דעם קלויסטער, די מעלאָדיע פונם ליד „פאָרווערטס, קריסטלעכע סאָלדאַטן", איז אַנטשוויגן געוואָרן. פּעטער מיט זיין פרייליין זענען אַרויס פון קלויסטער און זענען אַוועק אין גאַס. זיי האָבן זיך געקליבן צו גיין אין פּאַרק. יונגע מענטשן, וואָס אינטערעסירן זיך איינע מיט די אַנדערע, האָבן האָרט געקאָנט געפינען שטילע, פאַרבאַהאַלטענע ווינקעלעך. נאָר דער שלימזל, וואָס האָט פּעטערן נאָכגעיאָגט אויף יעדן שריט און טריט, האָט אים אַפילו אויך היינטיקן פרימאָרגן נישט געוואָלט פרייזאָן. ביים אַריינגאַנג פון פּאַרק איז פּעטערן אַנטקעגנגעקומען דער חבר שניצערמאַן, אַ נידעריקער, דיקער קצב, אַ מיטגליד פון דער אָרטיקער באָלשעוויסטישער גרופּע. פּעטער האָט זיך געמאַכט נישט-זעענדיק און האָט זיך געוואָלט ווי נישט איז אַרויסדרייען פון דער באַגעגעניש. חבר שניצלמאַן האָט אים אָבער קענטיק נישט געוואָלט דורכלאָזן. ער איז צוגעגאַנגען צו אים, האָט אים דערלאַנגט זיין דיקע האַנט און אַ פריילעכער שמייכל האָט זיך צעגאָסן אויף זיין קיילעכדיק, טעווטאָניש פּנים.

— אַ, חבר הודוש! וואָס הערט זיך עפּעס נייעס, ווי גייט עס?

— זייער גוט. איך דאַנק אייך — האָט אים פּעטער קאַלט געענטפערט און געוואָלט גיין ווייטער.

דער חבר שניצלמאַן האָט אים אָבער גאַנץ פעסט געהאַלטן פאַרן האַנט.

— זייט איר גאָר געגאַנגען קוקן דעם פּסחדיקן פּאַראַד? וואָס מיינט איר, ווען מיר וואָלטן געקאָנט אַלע לוין-שלאַפן ווייזן דאָ די אַלע חברה-לייט, וואָלטן מיר זיי אויף גיך געמאַכט פאַר באָלשעוויקעס! נישט אמת, חבר הודוש?

— יאָ, אַוודאי! — האָט פּעטער נאָך קעלטער געענטפערט.

— מיר וואָלטן זיי געוויזן, ווו דאָס געלט קומט-אַהין. וואָס זאָגט איר, חבר הודוש?

דער חבר שניצלמאַן האָט זיך בעת-מעשה אונטערגעלאַכט, און פּעטער האָט דערווייל אויף גיך אַ זאָג-געטון: „אַ גוטן טאָג", האָט גענומען זיין מיידל אונטערן

אָרעם און איז מיט איר האַסטיק אַוועקגעגאַנגען.

וואָס האָט עס אָבער געקאָנט העלפֿן, עס איז שוין געווען צו־שפּעט. עטלעכע מינוט זענען זיי בײדע געגאַנגען און געשוויגן, נאָר דאָס איז געווען אַ שטילקייט פֿאַר אַ שטורעם. פּלוצלונג איז די מאַניקירשע געבליבן שטיין און האָט זיך אַ קער־געטאָן צו פּעטערן:

— זאָגט מיר, ה׳ הודוש, ווי זאָל מען דאָס פֿאַרשטיין?

נאַטירלעך, האָט איר פּעטער אויף דעם קיין תּשובֿה נישט געקאָנט געבן. ער האָט מורא־געהאַט צו באַגעגענען זיך מיט אירע פֿינקלדיקע אויגן, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ איז ער געשטאַנען אַ שווײַגנדיקער און געגראָבן מיטן שוך אין זאַמד.

— איך וויל וויסן, וואָס דאָס באַטײַט — האָט דאָס מיידל עקשנותדיק געטענהט, — איר זײַט טאַקע אַ רויטער?

וואָס זאָל איר דער אָרעמער פּעטער ענטפֿערן אויף דעם? מיט וואָס זאָל ער איר דערקלערן אַזאַ באַקאַנטשאַפֿט? זי האָט דאָך געזען, אַז יענער איז אַ דײַטש, האָט אַ דײַטשן אַקצענט.

דאָס מיידל האָט מיט כּעס אַ טופּע־געטאָן מיטן פֿוס:

— זײַט איר, הייסט עס, אַ רויטער? איינער פֿון די פּאַרטעטער? אַ שווינדלער זײַט איר, אַ שפּיאָן!

אַ צעמישטער און אַ פֿאַרלאָרענער איז פּעטער געשטאַנען און האָט נישט געוווּסט, וואָס ער זאָל טאָן. „פֿרײַלין פּריזבי, איך קאָן דאָס אײַך נישט דערקלערן“...

— פֿאַרוואָס קאָנט איר מיר דאָס נישט דערקלערן? פֿאַרוואָס זאָל אַן ערלעכער מאַן נישט קאָנען אויפֿקלערן אַזאַ זאַך?

— אָבער... אָבער... איך בין פּאַרט נישט, וואָס איר מיינט... עס איז נישט אמת. איך... איך...

אויף פּעטערס צונג זענען געלעגן די ווערטער: „איך בין אַ פּאַטריאָט, אַ הונדערט־פּראָצענטיקער אַמעריקאַנער, איך פֿאַרטיידיק מײַן פֿאָטערלאַנד פֿון יענע פּאַרטעטער“. אָבער זײַן אמת־פֿליכט האָט אים פֿאַרשלאָסן זײַן מויל, און די קליינע מאַניקירשע האָט ווידער געטופּעט מיט די פֿיס און מיט כּעס געפֿינקלט מיט אירע אויגן.

— און איר האָט נאָך געהאַט די העזה צו וועלן זײַן באַקאַנט מיט מיר? איר האָט זיך נאָך דערלויבט צו גיין מיט מיר אין קלויסטער! ווען דאָ וואָלט ערגעץ געווען אַ פּאָליציאַנט, וואָלט איך אײַך געהייסן אַרעסטירן! און זי האָט זיך באמת אַרומגעקוקט, צי עס איז נישטאָ אַ פּאָליציאַנט. נאָר דאָס איז דאָך שוין אַן אַלטער כּלל, אַז ס׳איז קיינמאָל נישטאָ קיין פּאָליציאַנט דעמאָלט, ווען מען דאַרף אים האָבן. און די פֿרײַלין פּריזבי האָט זיך געמוזט באַנוגענען דערמיט, וואָס זי האָט ווידער אַ טופּע־געטאָן מיטן פֿוס און האָט אַ זשומע־געטאָן פּעטערן אין פּנים אַרײַן: „זײַט מיר געזונט, חבֿר הודוש!“ פֿון דעם טאָן, מיט וועלכן זי האָט אַרויסגעזאָגט „חבֿר“, האָט געקאָנט די היציקסטע רויטע נשמה פֿאַרגליווערט ווערן.

אָפּגעזאָגט, האָט זי זיך האַסטיק אַ

דער־געמוז, אַ רויש־געמוז מיט איר ספּאָדניצע. און איז אַוועק.

מיט אומעט האָט פּעטער נאָכגעקוקט ווי אירע הויכע אָפּצאַסן זענען געלאָפן איבערן קנאַקעדיקן זאַמד. ווען זי איז פאַרשוווּנדן פון זיינע אויגן, האָט זיך פּעטער אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערשטער באַנק. דאָס פּנים אין די הענט איינגעגראָבן, איז ער געבליבן זיצן אָן באַוועגונג. אַ לעבעדיק בילד פון צער. צי איז געווען אויף דער גאַנצער וועלט נאָך איין מאַנסביל, וואָס זאָל אַזוי קיין מזל נישט האָבן צו פריִען, ווי ער?

71.

עס זענען געקומען די טעג, ווען עס האָט זיך געדוכט, אַז די וועלט גוססט. די מענטשן האָבן געכאַפּט אַלע צייטונגען, וועלכע זענען נור אַרויס, זיך געשפּאַרט אַרום די מלחמה־קאָמוניקאַטן, געפּרוּווט טרעפן, וואָס סוועט זיין: צי וועלן טאַקע די דייטשן אַריין קיין פּאַריז, צי וועט זיך זיי איינגעבן איינצונעמען דעם קאַנאַל, אַ תּל צו מאַכן פון פראַנקרייך? און גראָד דעמאָלט האָבן די אַמעריקאַנער פליִצלונג געמאַכט דעם ערשטן אָנגריף און ביי שאַטאָ טיער, אָפּגעוואָרפן די דייטשן אויף צוריק. דאָס איז געווען אַזאַ מין טריומף, אַז גאַנץ אַמעריקע איז ממש אויפגעטרייסלט געוואָרן.

מען וואָלט געקאָנט מיינען, אַז אין אַזאַ צייט פּאַסט נישט צו פירן קיין פּאַציפיסטישע אַגיטאַציע. די מיטגלידער פון דער „ליגע קעגן דינסט־פּליכט", האָבן אָבער פאַרמאָגט אַזוי ווייניק געפיל פון טאַקט, אַז גראָד איצט האָט זיך זיי פאַרוואָלט אַרויסגעבן אַ בראָשור, ווו עס איז געווען באַשריבן, ווי אין די פאַרשיידענע מיליטערישע לאַגערן און תּפיסות ווערן געפּייניקט מענטשן, וואָס ווילן נישט גיין אויף דער מלחמה. אין דער דאָזיקער אַרבעט האָט זיך פּעטער אויך זייער אַקטיוו באַטייליקט. אים האָט זיך אַפילו איינגעגעבן אַריינצושמוגלען אין דער בראָשור דעם געפערלעכן זאַץ, וועלכן גיוּוני האָט אים דיקטירט. די בראָשור איז קאָנפיסקירט געוואָרן און אַלע מיטגלידער פון דער ליגע זענען אַרעסטירט געוואָרן. צווישן די אַרעסטירטע זענען אויך געווען סידי טאָד, אַדאַ רוט און דאָנאַלד גאָרדאָן. אויף סעדי טאָד האָט פּעטער פאַרדראָסן, הגם זי האָט אים אַמאָל געזידלט. אויף אַדאַ רוט האָט ער קיין רחמנות נישט געהאַט, זי איז געווען אַ פאַנאַטיקערין, האָט בלויז געוואַרט אויף דעם, ווען זי זאָל זיך שוין קאָנען מקריב זיין. נו, און וואָס איז שייך דאָנאַלד גאָרדאָן, איז, אויב די קלעפּ האָבן אים גאָרישט אויסגעלערנט, איז קיינער נישט שולדיק.

פּעטער איז אויך געווען אַ מיטגליד אין דער „ליגע קעגן דינסט־פּליכט". ער האָט צוליב דעם אַלעמען געזאָגט, אַז ער מוז זיך באַהאַלטן און איז אַוועקגעפאָרן אין אַ קליין שטעטל צו אַדאַ רוטס אַ שוועסטערקינד, אַן ענגלענדערין. דאָרטן האָט ער אָפּגעשפּילט אַ שטיקל קאָמעדיע און געבעטן, אַז מען זאָל זיך אים לאָזן באַהאַלטן.

אין אַ קורצע צייט אַרום האָט זיך גאָרדאָנען איינגעגעבן צו באַפרייען אויף ערבות־געלט פון תּפיסה, און דעמאָלט איז פּעטער אויסגעקומען איבערצולעבן

זייער נישט קיין אָנגענעם פּערטל שעה. דער יינגער קוואקער האָט מיט עקשנות געטענהט, אַז דעם זאַץ, וועלכער האָט אָנגעמאַכט דעם גאַנצן אומגליק, האָט ער מיט זיין האַנט אויסגעשטראָכן פון כּתבֿ־יד, נאָך איידער פּעטער האָט אים אַוועקגעטראָגן אין דרוק. פּעטער אָבער פון זיין זייט האָט דערוויזן מיט כּלערליי פּרטים, אַז גאָרדאָן האָט אַ טעות, און סוף כּל סוף האָט זיך אים איינגעגעבן אַלעמען אין דעם צו איבערצייגן. בשעת מען האָט אַלעמען אַרויסגעלאָזן אויף ערבֿות־געלט, איז פּעטער אויך אַרויס פון זיין באַהעלטעניש און האָט אָנגעהויבן גיין אויף די פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען אין די פּריוואַטע הייזער.

און דאָ האָט זיך אים אונטערגערוקט אַ נייע איבערלעבונג, און אפשר די אינטערעסאַנטסטע פון אַלע ביז איצט. ער איז ווידער אַמאָל געווען פאַרבונדן מיט אַ מיידל. אָנגעהויבן האָט זיך עס ביי אַדראַרוט אין שטוב. דאָרטן האָבן זיך צונויפגעקליבן עטלעכע איינגעשפּאַרטע פּאַציפיסטן אויף צו באַטראַכטן די פראַגע, ווי מ'זאָל נעמען געלט. אויף דער האָזיקער פאַרזאַמלונג איז אויך געקומען מרים יאַנקאָוויטש, בלאַס און שוואַך, — אָקאָרשט נאָך אַ ברוסט־אָפּעראַציע, אָבער מיט פּונקט אַזאַ רויטן גייסט און ברענענדיק האַרץ ווי פריער. אַזוי ווי מרים איז געווען זייער שוואַך און האָט זיך קוים געהאַלטן אויף די פיס, האָט זי געבראַכט צופירן איר אַ חבֿרטע, און די דאָזיקע חבֿרטע האָט דאָס פּעטערן געשטויסן צו זיין נייער איבערלעבונג. גערופן האָט מען זי ראָזע שטערן.

זי איז געווען אַ טיפּישע, קליינגעוואַקסיקע יידישע אַרבעטערין מיט אַ פּאָר הייסע, שוואַרצע אויגן, מיט געקרייזלטע גלאַנציקע שוואַרצע האָר און אַ שיינענדיקן שמייכל. אָנגעטון איז זי געווען, ווי די וועלט געטראָגט וועגן איר שיינקייט און פאַרשטאַנען, וואָס עס פּאַסט צו איר. דערפאַר האָט זיך פּעטער גאָרנישט געוווּנדערט, בשעת מרים האָט אים געזאָגט, אַז ראָזע איז נישט קיין רויטע, אַז זי איז אַ קעגנערין פון די רויטע און אַז זי איז זי געקומען בלויז דערפאַר, ווייל זי האָט איר געוואָלט העלפן און ווייל זי איז געווען משעקאַווע צו זען, ווי גייט עס צו אויף אַ פּאַציפיסטישער פאַרזאַמלונג. אפשר וואָלט זיך פּעטער געפּרוווט ווירקן אויף איר, זי זאָל ווערן אַ רויטע. פּעטער האָט זיך זייער דערפרייט. ער האָט נאָך קיינמאָל נישט אַזוי פיינט געהאַט די קוויטשעריי פון די פּאַציפיסטן, ווי איצט, בשעת אונזערע העלדישע יינגלעך שלאָגן די דייטשן ביי מאַרנע, און זייערע נעמען ווערן אַריינגעטראָגן אין אייביקן בוך פון דער געשיכטע.

ראָזע האָט זיך באַוויזן אַזוי אומגעריכט און איז געווען אַזוי ניי, נישט געוויינלעך. פּעטערן האָט גלייך אַ צי־געטון און ער האָט זיך געפּרוווט מאַכן אַ וועג צו איר. מיט גרויס צופרידנקייט האָט ער באַלד באַמערקט, אַז נישט נאָר וואָס זי האָט נישט דערקעגן, נאָר זי אינטערעסירט זיך אויך מיט אים. פּעטער איז אַ לעבעדיקער געוואָרן.

געוויינלעך, איז ער אפילו ביי זיך נישט געווען געפאַלן. פאַרקערט, ער האָט גע־

האַלטן, אַז ער שטייט אַ סך העכער פון די אַלע אָנוועזנדיקע. ער האָט אָבער נישט געפילט, אַז אַנדערע זאָלן אויך האָבן וועגן אים אַזאַ מיינונג. דערפאַר אָבער אַז אַ מיידל פלעגט צו אים אַ שמייכל־טון, פלעגט שוין פעטער גלייך אַרויף אויפן זיבעטן הימל און מיינען, אַז אַלע האַלטן פון אים מי יודע ווי. ראָזע האָט אַפנים געהערט צו יענעם מין מענטשן, וואָס נעמען די וועלט אַזוי ווי זי איז און פאַרשטייען דערביי, ווי הנאה צו האָבן פון איר.

אין דער צייט, ווען דאָרטן ערגעץ האָט מען געהאַלטן פאַציפיסטישע רעדעס, איז זיך פעטער געזעסן מיט זיין מיידל אין אַ ווינקעלע און האָט איר שטילערהייט דערציילט פון זיינע איבערלעבונגען אין טעמפל פון דזשימדזאַמבאַ און בײַ פעריקלעס פריאַם. ראָזע האָט זיך קוים איינגעהאַלטן פון געלעכטער און אירע שוואַרצע אויגן האָבן בשעת־מעשה געלויכטן פון נחת. און נאָך איידער די פאַרזאַמלונג האָט זיך געענדיקט, האָבן זיך שוין זייערע הענט באַוויזן עטלעכע מאָל צו געפינען און האַרציק דריקן איינע די אַנדערע.

נאָך דער פאַרזאַמלונג האָט זיך פעטער אַרויסגערופן צו באַגלייטן זי מיט מרימען אַהיים. און ס'איז איבעריק צו דערמאָנען, אַז פריער האָבן זיי ביידע אָפגעפירט מרימען. זיי זענען געבליבן אַליין. אין יענע שעהן זענען די גאַסן געוויינלעך געווען פוסט, און פאַרן אָוועקגיין האָט זיך געמאַכט אַ געלעגנהייט אויף איין רגעלע זיך אַרומצונעמען.

אַהיים איז שוין דערמאָלט פעטער נישט געגאַנגען, נאָר געפלויגן, ווייל זיינע פיס האָבן קוים באַרירט די ערד.

ראָזע האָט געאַרבעט אין אַ פאַבריק פון פאַפירענע שאַכטלען. אויף מאָרגן האָט זי פעטער אָפגעוואַרט נאָך דער אַרבעט און זיי זענען געגאַנגען צוזאַמען עסן אָוונטברויט. זייער פריינטשאַפט איז גאָר גיך געוואָרן גאַנץ אינטים. אָבער נאָר ביז אַ געוויסן פונקט. אין דער הייסער מינוט, פלעגט זיך ראָזע תמיד קענען צוריקציִען; און בשעת פעטער פלעגט צו איר גוט צושטיין און אָנהויבן זי פרעגן, האָט זי תמיד געהאַט פאַר אים איין תשובה: זי וויל קיין עסקים נישט האָבן מיט „רויטע". די רייד פון די „רויטע" זענען איר שוין דערעסן געוואָרן און קיין רויטן קען זי בכלל נישט ליבן. זאָל ער בלויז אַ קוק טאָן אויף מרים יאַנקאָוויטש; זי איז געווען גענוג שיין און האָט גאַנץ גרינג געקאָנט קריגן אַ פיינעם מענטשן פאַר אַ מאַן און איצט וואָס איז פון איר געוואָרן? זי האָט זיך געדאַרפט לאָזן אויף שטיקער צעשניידן. און סעדי טאַד, וועלכע ווערט פאַרחשכט האָרעוועדיק און אַזאַ הײַט מיט אירע לאַנגווייליקע לידער!

ראָזעס שאַרפער צינגל האָט נישט הרג[illegible] געלאָזן קיין איינע פון די באַקאַנטע מיידלעך, וועגן יעדער איינציקער האָט זי עפעס וואָס געהאַט צו זאָגן און קיינער פון זיי האָט נישט אויסגעמיטן דעם פסק פון איר ווין. פעטער איז נאַטירלעך מסכים געווען מיט אַלע אירע רייד. לפנים האָט ער זיך דאָך אָבער געמוזט שפּאַרן מיט איר, באַווייזן, אַז ער האַלט זיך בײַ אַן אַנדער מיינונג. ראָזען פלעגט דאָס פאַרדריסן, זי פלעגט ווערן אין כעס,

און טײלמאָל פֿלעגט אַפֿילו דערגײן בײ זײ צו סצענעס.

בײ אַזעלכע פֿאַרדינונגען איז פֿעטער נאַטירלעך זײער שװער געװען צו באַהאַלטן זײנע אמתע געפֿילן, נאָר פֿינדעסטװעגן האָט ער זיך מיט גוין אײן װאָרט ניט אַרױסגעגעבן. אָבער צו אַלץ מוז דאָך אַמאָל נעמען אַ סוף. װען פֿעטער האָט געזען, אַז ער גיט אױס זײן גאַנץ געלט אױף פּטרט און אַ שיעור צײט אױף ראָזען און די זאַך רירט זיך ניט פֿון אָרט, האָט ער באַשלאָסן צו גײן אױף קלײנע הנחות.

פֿון הײנט אָן זאָגט ער איז צו אױפֿצוהערן אײנצורעדן, זי זאָל װערן אַ רױטע. אַ איראָניש תנועה׳לע האָט פֿאַרקרימט ראָזעס חנעװדיק פּנימל. „זײער שײן פֿון אײך, דער הידוש, װי װאָלט אָבער זײן װען איך װאָלט געװאָלט אײך מאַכן פֿאַר אַ „װײסן". װאָס װאָלט איר דאַמאָלסט געזאָגט"? און דערנאָך האָט זי אים מודה געװען דעם גאַנצן אמת, זי זוכט אַ מענטשן, װאָס זאָל זאָגן פֿאַר איר און קענען פֿאַרדינען אַ סך געלט. אױף דעם האָט איר פֿעטער געענטפֿערט, אַז ער פֿאַרדינט גאַנץ פֿײן. ראָזע האָט געװאָלט װיסן, װאָס איז זײן פֿאַך. דאָס קען ער איר גראָד ניט זאָגן, נאָר ער פֿאַרדינט גאַנץ גענוג. איז טאָמער װיל זי זיך איבערצײַגן, קען ער זי שױן הײנט נעמען אין טעאַטער.

אַזױ האָט זיך דער דאָזיקער קלײנער העל איבערגעחזרט אָװנט אין אװנט. פֿעטער האָט זיך װאָס װײטער אַלץ הײסער פֿאַרליבט אין דער שײנער מײדל מיט די שװאַרצע אױגן און זי װידער האָט װאָס אַ מאָל אַלץ מער קאָקעטירט און אַלץ װײניקער געװאָלט הערן פֿון זײן סאָציאַליזם. זי איז אַפֿילו געבױרן געװאָרן אין קישינעװ. איר פֿאָטער האָט זי אָבער אַהער געבראַכט, בשעת זי איז נאָך געװען גאָר אַ קלײן קינד און זי האָט זיך פֿאַר אַן אמתע הונדערט־פּראָצענטיקע אַמעריקאַנערין.

אײגנטלעך געפֿעלן איר בלױז די בחורים, װאָס שלאָגן זיך איצט מיט די דײטשן, דאָס זענען מענער לױט איר געשמאַק! און װײטער װיל זי בכלל ניט האָבן צו טאָן מיט אַ מענטשן, װאָס טראָגט זיך אַרום מיט סודות. און פֿאַר װאָס איז ער טאַקע ניט געגאַנגען אױף מלחמה? אָדער אפֿשר האָט ער גאָר פּליטה געמאַכט? מיט אַזעלכע מענטשן װיל ראָזע ניט האָבן קײן שום מגע ומשא. הײנט איז איר גראָד אױסגעקומען צו לײענען, װאָס פֿאַר אַ שרעקלעכע זאַכן עס טוען אָפּ די דײטשן, און זי פֿאַרשטײט באַי אופֿן ניט װי קען אַ מענטש, בײ װעמען עס פֿליסט נאָר אַ ביסל רױט בלוט אין די אָדערן, סימפּאַטיזירן מיט פֿאַרעטער און פּאַציפֿיסטן?

און װען פֿעטער האָט דאָט דאַרב פֿאַרשעמט געפּרוּװט ברענגען עטלעכע אַרגומענטן פֿון די פּאַציפֿיסטן, איז זי אים אַרײנגעפֿאַלן אין די רײד: „ניטאָ װאָס צו הערן! איר זײט צו קלוג, כּדי איר זאָלט װעלן מיר אײנרעדן אַזעלכע נאַרישקײטן". װאָס זאָל איר פֿעטער ענטפֿערן אױף דעם? ער װײס דאָך בײ זיך, אַז ער איז טאַקע צו קלוג; און עס איז אים זײער שװער געװען, איר דאָס ניט מודה צו זײן.

וואָס זאָל ער טאָן, צוליב זײַן רויטקייט, וואָס ער שוין איין מיידל פֿאַרלוירן, זאָל ער זיך איצט פֿון דער צווייטער אויך כּולו אָפּזאָגן?

ענלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד האָבן זיי דעבאַטירט און געקעמפֿט צווישן זיך. ראָזע האָט פּעטערן נישט געוואָלט נאָנט צולאָזן צו זיך, האָט זיך נישט געראָטן אַ קוש טאָן און פּעטער איז דערפֿון שיִער פֿון זינען נישט אַראָפּ. זי איז אין זײַנע אויגן געווען די שענסטע מיידל פֿון די אַלע, וועלכע ער האָט ווען נישט איז געקאַנט, אַפֿילו נער חולין האָט זיך מיט איר נישט געקאָנט פֿאַרגלייכן. און ענדלעך האָט זיך פּעטער איינגעגעבן. ער האָט זיך מודה געווען, אַז ראָזע האָט אויף אים געווירקט. ער האָט פֿאַרלוירן אַלע זײַנע סימפּאַטיעס צו די רויטע. ער קען די מענטשן מער נישט אָנקוקן. דאָס מיידל איז געווען געוואַלדיק צופֿרידן און זי האָט באַגערט תּיכּף לויפֿן צו מרים יאַנקאָוויטש און דערציילן איר דאָס. אפֿשר וועט זי זיך אויך ענדערן. פּעטערן איז געווען זייער נישט היימלעך אויפֿן האַרצן. ער האָט געבאָדערט נישט אַנדערש, אַז ראָזע זאָל וועגן דעם, קיינעם נישט דערציילן. זי זאָל דאָס האַלטן בסוד. ראָזע איז אויסגעשפּרונגען אַ צעקאָכטע, מיט צונויפֿגעקוועטשטע ליפּן האָט זי געטענהט, אַז אַזאַ מין פֿאַרבאָרגענע ענדערונג איז גאָרנישט ווערט, אַז דאָס איז קיין ענדערונג נישט, נאָר אַ מיאוסער שווינדל. פּעטער איז אַ פּחדן און מער וויל זי מיט אים קיין עסק נישט האָבן. זאָל ער גיין. אומגליקלעך און צעבראָכן, איז פּעטער דאָס מאָל אַוועקגעגאַנגען אַהיים.

איצט איז פֿאַר פּעטערן פֿאַרבליבן בלויז איין זאַך, איין איינציקער אויסוועג: אויסזאָגן ראָזען דעם אמת. און פֿאַר וואָס טאַקע נישט? ער איז איר אַזוי געוואַלדיק פֿאַרליבט און ער ווייסט, אַז זי האָט אים אויך ליב. מער נישט דאָס איינציקע — זײַן גרויסער סוד — שטייט צווישן זיי און צווישן זייער ביידנס גליק. און ווידער, אַז ער וועט איר אויסזאָגן דעם סוד, וועט זי דאָך איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל וויסן ווער ער איז; און אפֿשר וועט ער גאָר דערמאָלסט אין אירע אויגן זײַן אַ סך מער העלד, ווי די בחורים, וואָס שלאָגן זיך מיט די דײַטשן.

איין מאָל אָוונט איז פּעטער אַזוי געזעסן בײַ איר אין צימער, האָט זי געהאַלטן אין זײַנע אָרעמס און געשמועסט מיט איר מכּח זײַן ענין. זי האָט שוין כּמעט, אָבער נאָך נישט אין גאַנצן, נאָכגעגעבן. „נו, פּעטער, זײַ אַזוי גוט, האָט זי זיך געבעטן, הער שוין אויף אַמאָל צו זײַן אַ רויטער". דאָ האָט שוין פּעטער מער נישט אויסגעהאַלטן: ער האָט איר מודה געווען, אַז ער איז גאָרנישט קיין רויטער, נאָר אַ געהיים־אַגענט; אַז אָנגעשטעלטער בײַ די גרעסטע געשעפֿטסלײַט פֿון שטאָט, כּדי אויסצושפּיאָנירן וואָס עס טוט זיך בײַ די רויטע און צושטערן זייערע פּלענער. דאָס מיידל האָט אַ קוק געטאָן אויף אים מיט אַ פּאָר צושראָקענע אויגן און האָט אים נישט געוואָלט גלויבן. זי איז אַפֿילו אין כּעס געוואָרן. וואָס מיינט ער, אַז מיט אַזעלכע נאַרישע מעשׂיות וועט ער איר פֿאַרדרייען אַ קאָפּ?

דאָס האָט פּעטערן פֿאַרדראָסן און ער

האָט זיך גענומען איר איבערצייגן, אַז דאָס וואָס ער זאָגט איז אמת. ער האָט איר דערציילט וועגן געפינען, וועגן דער אַגראַר־באַנק־געזעלשאַפט און האָט איר אַפילו איבערגעגעבן, וועגן זײַנע זעונגען מיט גיווניי אין צימער 427 פון „אַמעריקען־הויז". דערנאָך האָט ער איר דערציילט וועגן די דרייסיק דאָלאַר אַ וואָך, וועלכע וועלן אין גיכן געהעכערט ווערן אויף פערציק. אַז האָט איר צוגעזאָגט אויסצוגעבן אויף איר דאָס גאַנצע געלט. אפשר וואָלט זי זיך געקאָנט מאַכן ווי ער וואָלט געווירקט אויף איר אַז זי איז אויך געוואָרן אַ רויטע און דאַמאָלסט וועט זי גיווניי אויך אָנדינגען און דאָס וועט איר אַ סך מער לוינען ווי דאָס אַרבעטן צען מיט אַ האַלבע שעה אין דער פאַבריק.

ענדלעך האָט זיך פּעטערן אײַנגעגעבן אַפּנים דאָס מיידל צו איבערצייגן. זי איז געוואָרן שטיל און צעטראָגן און האָט אים געזאָגט, אַז אויף אַזאַ מין זאַך, האָט זי זיך נישט גערעכנט, אַז זי דאַרף האָבן צייט זיך מישב צו זײַן. איצט איז פּעטער אויך אַ ביסל אומרויִק געוואָרן. ער האָט איר געזאָגט, אַז ער האָפט, אַז זי וועט זיך פון אים נישט אָפּקערן. און האָט איר אָנגעהויבן אויפצוקלערן ווי וויכטיק זײַן אַרבעט איז, ווי אַלע גרויסע מענטשן פון שטאָט האַלטן זי אונטער. און נישט בלויז די געשעפטס־מענטשן, נאָר אַפילו דער בירגערמײַסטער, די שטאָט־באַאַמטע, די רעדאַקטאָרן, רעקטאָרן פון די הויך־שולן און די שענסטע בכבודיקסטע גלחים.

אויף דעם האָט אים ראָזע געענטפערט אַז ס'איז אפשר אַלץ גאַנץ שיין, נאָר זי איז אַ ביסל צעשראָקן און זי קען אַ טראַכט טאָן. דערווייל האָט זי אים געבעטן אַוועקגיין און פּעטער איז אַ צעקלעמטער אַוועק אַהיים.

אומגעפער אין אַ שעה אַרום האָט ער דערהערט שטאַרקע קלעפּ אין טיר פון זײַן צימער. פאַר אים זענען געשטאַנען: דער אַדוואָקאַט ענדריוס, דאָנאַלד גאַרען, און דער ריזיקער דזשאָו דאַראַנד, דער פירער פון מאַטראָזן־פאַריין. זיי האָבן אים צומאָל קיין „גוט־מאָרגן" נישט געזאָגט. זיי זענען אַרײַן אין צימער, דזשאָו האָט פאַרשלאָסן הינטער זיך די טיר, האָט זיך נאָענטער געטראָטן צו פּעטערן און גענומען קוקן אויף אים מיט אַ פּאָר בייזע, שטייענדיקע אויגן... ער האָט גאָרנישט גערעדט. נאָר איידער עס איז איין וואָרט געזאָגט געוואָרן, האָט שוין פּעטער געוווּסט, וואָס עס איז געשען און ער האָט אויך געוווּסט, אַז איצט איז שוין געקומען דער אמתער סוף. און ווידער אַ מאָל צוליב אַ פרוי, ווידער צוליב דעם, ווײַל ער האָט נישט געפאָלגט געפּס עצה זיך מער נישט אומצוקוקן אויף אַ פרוי.

— די געוואַלדיקע אימה, וואָס אים האָט אַרומגעכאַפּט, האָט פאַריאָגט אַלע איבעריקע געדאַנקען פון זײַן מוח. עס האָט אים גענומען האַקן אַ צאָן אָן אַ צאָן, די פיס האָבן אים שוין מער נישט געהאַלטן, ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן אויפן ראַנד פון בעט און געקוקט אויף די דרײַ געקומענע.

— איר, הורוש, הייסט עס, זייט דאָס דער שפּיאָן, וועלכן מיר האָבן אַזוי לאַנג געזוכט? האָט ענדריוס זיך ענדלעך אָפּגערופן.

— וואָס זאָגט איר, דער ענדריוס?

— הערט אויף, הודוש, צו מאַכן אייערע שטיק, האָט זיך ענדריוס ווידער אָפּגערופֿן. מיר האָבן אַכאָרשט גערעדט מיט ראָזען. ראָזע איז אונזערע אַ שפּיאָנין.

— זי האָט געזאָגט אַ ליגן! האָט זיך פּעטער אָפּגערופֿן.

ענדריוס האָט אָבער ווייטער געענטפֿערט:

— נאַרישקייט, הודוש, עס וועט אייך גאָרנישט העלפֿן, אַזוי גרינג נאַרט מען אונדז נישט אָפּ. מרים יאַנקאָוויטש איז געשטאַנען הינטער דער טיר, און געהערט יעדעם וואָרט.

פּעטער האָט געזען, אַז ס'איז שוין מער נישטאָ קיין שום האָפֿנונג. איצט האָט ער נאָר געוואָלט וויסן, וואָס פֿאַר אַ שטראָף עס וואַרט אויף אים. צי וועלן זיי אים בלויז זידלען און אַפּעלירן צו זיין געוויסן, אָדער זיי וועלן אים אַוועקשלעפּן פֿון דאַנען. און מאַכן אַ טויט. פּייניקן, דערווערגן? דאָס איז געווען די פֿראַגע, וואָס האָט פּעטערן געמאַטערט פֿון ערשטן טאָג אָן, ווען ער איז געוואָרן אַ שפּיאָן. ביסלעכווייז איז פֿאַר אים קלאָר געוואָרן, אַז די דריי אַסקעטן האָבן אַ וועלכן נישט איז געוואַלד-אַקט. זיי האָבן בלויז געוואָלט וויסן, וואָס ער האָט זייערע אָנפֿירער דערציילט. וויפֿיל ער האָט אַרויסגעגעבן. ביי זיך אין האַרצן האָט פּעטער געלאַכט. אויף זיינע אויגן אָבער האָבן זיך באַוויזן טרערן. ער האָט זיך פֿאַנאַנדערגעכליפּעט. אַלץ איז געקומען דערפֿון, וואָס קאַרמיקס האָט אויסגעקלערט דעם ליגן, וועגן אים מיט דושענין. אַ יאָר נאָכאַנאַנד איז ער בייגעשטאַנען דעם נסיון. דערנאָך איז ער אַ לאַנגע צייט געווען אַרבעטסלאָז, דער הונגער-קאַמיטעט האָט אים מער נישט געוואָלט האַלטן, ער האָט געהונגערט און סוף כל סוף איז ער איינגעגאַנגען אויף גיוניס פֿאָרשלאָג, צו ווערן אַ שפּיאָן. ער האָט אָבער קיין איין מענטשן נישט אַרויסגעגעבן, וועלכער האָט באמת געהאַנדלט קעגן געזעצן און אַפֿילו גיוניען האָט ער אויך תּמיד דעם אמת נישט געזאָגט.

ענדריוס האָט אים אָנגעהויבן אויסצופֿרעגן. פּעטער האָט עקשנותדיק אָפּגעלייקנט, אַז ער זאָל האָבן, וואָס נישט איז אַרויסגעגעבן בשעתן הונגער-פּראָצעס דאָסגלייכן האָט ער אויך קיין שום שייכות נישט צו דער מעשה מיט דער באָמבע. און אַז ער האָט געזען, אַז זיי האָבן זיך גענומען ווי ס'באַדאַרף צו זיין און ווילן נישט אַנדערש אַרויסכאַפּן פֿון אים דעם אמת, האָט ער זיך פּלוצלינג אַ שטעל געטאָן אַזוי געמאָלדן, אַז זיי דאַרפֿן קיין רעכט נישט אַזוי אויסצופֿרעגן אַלץ ביי אים. ער איז אַ כשרער, הונדערט-פּראָצענטיקער אַמעריקאַנער פּאַטריאָט און ער האָט פֿאַרהיט זיין לאַנד און זיין גאָט פֿון די דייטשע אַגענטן און פֿאַררעטערישע באָלשעוויקעס.

דאָס האָט שוין דאָנאַלד גאָרדאָן אַפּנים נישט אויסגעהאַלטן. — איר האָט אין אונדזערע בראָשורן אַריינגעשמוגלט זאַכן, צוליב וועלכע מיר זענען אַלע אַרעסטירט געוואָרן!

— דאָס איז אַ ליגן, איך האָב דאָס קיין מאָל נישט געטאָן.

— איר האָט אויסגעקראַצט די שטריכן וואָס איך האָב געמאַכט מיט בלייפֿעדער,

בשעת איך האָב אויסגעמעקט דעם באַרימטן זאַץ.

— דאָס האָב איך נישט געטאָן! האָט פּעטער איבערגעחזרט נאָך אַ מאָל. איך האָב דאָס נישט געטאָן!

פּלוצלינג האָט דער ריזיקער מאַטראָז צענויפֿגעבײַלט זײַנע פֿויסטן, פֿון אײַנגעהאַלטענעם כּעס איז זײַן פּנים ממש שרעקלעך געוואָרן.

— איר בהדיקער, שרעקעדיקער דונט איינער! האָט ער געשריען: מיר וואָלטן אײַך געדאַרפֿט אַרויסרײַסן אײַער ליגנערישע צונג. אין בשעת מעשה, האָט ער געמאַכט אַ טריט פֿאָרויס ווי ער וואָלט דאָס טאַקע וועלן טאָן.

דאַוויד ענדריוס האָט אַ שפּרונג געטאָן צווישן זיי ביידן. ער איז געווען אַן אַדוואָקאַט און ער האָט געוווּסט, וואָס עס מעגן טאָן געפּים חברה, און וואָס עס קענען זיך ערלויבן צו טאָן די רויטע, און דאָס איז, ווייסט נישט אַלץ איינס געווען.

— ניין, ניין, דזשאָן, האָט ער געזאָגט: דאָס נישט. מיר ווייסן שוין איצט אַלץ, וואָס מיר דאַרפֿן. מיר קענען איבערלאָזן דעם חברה־מאַן מיט זײַן אייגענעם געוויסן און מיט זײַן דזשינגאָ־גאָט, זאָל ער זיך מיט זיי האַלטן. קום דאָנאַלד. ער האָט גענומען דעם אויסגעבלייכטן יונגען בוואָקער און דעם ריזיקן מאַטראָז פֿאַר די הענט און האָט זיי ביידן אַרויסגעשטופּט פֿון צימער.

פּעטער האָט געהערט ווי זיי זענען געגאַנגען פֿון די טרעפּ. ער האָט זײַן פּנים באַגראָבן אין קישן, ער האָט זיך געפֿילט העכסט אומגליקלעך און נישט גע־וואָגט דעם קאָפּ אויפֿצוהייבן. ווידער אַ מאָל זיך אויפֿגעפֿירט ווי אַ אידיאָט איז ווי תּמיד, האָט אים אַ פֿרוי דערצו געבראַכט.

83

נאָכדעם ווי פּעטער האָט בײַ זיך אַליין גוט דורכגעטראַכט דעם ענין, האָט ער ערשט פֿאַרשטאַנען, וואָס פֿאַר אַ מין משוגענער אידיאָט ער איז געווען. ווו איז זײַן קאָפּ געווען? ער האָט דאָך געדאַרפֿט פֿאַרשטיין, אַז מען מוז זײַן פֿאָרזיכטיק, איבערהויפּט נאָך איצט, נאָכדעם ווי עס איז געפֿאַלן אויף אים אַ חשד, אַז ער האָט אויסגעקראַצט דעם שטריך מיטן בלײַפֿעדער, וואָס דאָנאַלד גאָרדאָן האָט געמאַכט אויפֿן מאַנוסקריפּט. ווי גרינג זיי איז דאָס אָנגעקומען, די רויטע; זיי האָבן זיך אויסגעזוכט אַ מיידל, וואָס פּעטער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען, זי האָט זיך אַרויסגעגעבן פֿאַר מרימס אַ חברטע און האָט זיך גאַנץ רויִק און אויסגערעכנט געפֿירט פּעטערן פֿאַרן נאָז און אָבגערינט אַרײַן און האָט אים טאַקע אַהין אַרײַנגעשליידערט. איצט וועט זי פֿון אים חוזק מאַכן, אָפּלאַכן, דערציילן אירע פֿרײַנט פֿון איר נצחון און פּעטער וועט שוין קיין מאָל מער אין זײַנע אויגן נישט זען די דרײַסיק דאָלאַר אַ וואָך.

ביז שפּעט אין דער נאַכט איז פּעטער געווען פֿאַרנומען מיטן אויסטראַכטן די מעשה, וואָס ער וועט מאָרגן דערציילן גיווניען. זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז ראָזע שטערנס נאָמען וועט ער אַפֿילו נישט דערמאָנען. ער וועט זאָגן, אַז די רויטע זענען אים נאָכגעגאַנגען ביז צימער 427, אַז זיי האָבן אין געפּים אַגענטור זייער

אַ שפּיאָן. אויף מאָרגן האָט ער מיט אַן ערנסטער מינע דערציילט זיין אויסגעטראַכטע געשיכטע און נאָך אַ מאָל האָט ער דערזען צו שפּעט אַז ער האָט אָפּגעטאָן גאָר אַ שפּאָגל נייע נאַרישקייט. און משך פון פיר און צוואַנציק שעה איז נישט געווען קיין איין רויטער אין אַמעריקען-סיטי, וואָס זאָל נישט וויסן די מעשה ווי אַזוי מען איז דערגאַנגען, אַז פּעטער דודוש איז אַ שפּיאָן ביים טרעסט. די געשיכטע האָט פאַרנומען אין „טראָמפּיט" עטלעכע זייטן. די צייטונג האָט געגעבן פּעטערס בילד און אַ גענויע באַשרייבונג פון דער ראָלע, וועלכע פּעטער האָט געשפּילט ביי פאַרשידענע פּראָוואָקאַטאָרישע אַטענטאַטן און פאַרשווערונגען: די גרעסטע טייל דערפון איז געווען אמת און דאָס, וואָס דאָנאַלד גאָרדאָן האָט דאָס אַליין צוגעטראַכט און קאָמבינירט, איז פאַר פּעטערן געווען אַ קנאַפּע טרייסט. און עס איז גאַנץ נאַטירלעך, אַז ג'ווני מיט זיינע חברה-לייט האָבן שוין פּונקט אַזוי ווי פּעטער, געוווּסט וואָס פאַר אַן אידיאָט ער איז.

— זינט איך אַרבעט מיט אַ לאָפּעטע און גראָבאייזן, האָט געזאָגט ג'ווני און פּעטער איז אַוועק פון אים מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ.

זיין גאַנצער אייגנס איז באַשטאַנען פון עטלעכע דאָלאַר. גאָר גיך איז פון זיי קיין סימן נישט פאַרבליבן און פון דאָסניי איז אַנטקעגן פּעטערן געשטאַנען דער הונגער-וואָלף און געקוקט אויף אים מיט זיינע בייזע אויגן. נאָר דאָ האָט זיך אין אַ שיינעם פרימאָרגן ווידער באַוויזן ג'ווני און געמאַכט פּעטערן אַ נייעם פאָרשלאָג.

עס איז דאָ פאַר פּעטערן נאָך איין אַרבעט, אויב נאָר ער וועט געפינען ביי זיך גענוג כחות דערצו.

עס האָט זיך געהאַנדלט אין דעם, אַז פּעטער זאָל ווערן אַן עדות מצד דער באַשולדיקונג. פּעטער קען גוט די באַוועגונג. איז באַקאַנט מיט די סאָציאַליסטן, פאַציפיסטן, מיטגלידער פון י. וו. וו., וועלכע זיצן אין תפיסה. קענען אַנדערע פון זיי פעלן אויס באַווייזן; פּעטער קען ווידער באַרימען זיין שכרות אויב ער איז נאָר מסכים צו זאָגן זיך אויפן עדות-באַנק און זאָגן דאָס, וואָס מען וועט אים הייסן. ביי דעם באַדינג נאַטירלעך, אויב ער פירט זיך בכח, נישט צו פאַרליבן זיך אין קיינע פון די געשווירענע און שפּיאָנינס פון דער קעגנער-פּאַרטיי.

פּעטער האָט אַפילו נישט געפילט דעם שטאָך, וואָס ג'ווני האָט אים געגעבן, אַזוי ווייט האָט אים איבערגעשראָקן זיין פאָרשלאָג. אַרויסגיין אין אָפענעם פעלד, דעם בלענדיקן האָס פון די רויטע. אַריינקוקן אין די אויגן אַריין! זיך, די נישטיקע מוראַשקע, אַ וואָרף טאָן צווישן די מוראדיקע קלעפּ פון די ריזן-פויסטן!

אָ, מען קען נישט זאָגן, אַז עס איז נישט געפערלעך, האָט מסכים געווען ג'ווני. און פאַר אַזאַ מין פּחדן איז דאָס אַוודאי נישט אַזאַ גרינגע אַרבעט, אָבער פונדעסטוועגן, האָט שוין נישט איינער געפּרוווט דאָס טאָן און דערווייל איז נאָך פון דעם קיינער נישט געשטאָרבן. נאָר ווי דאָס זאָל נישט זיין, האָט ג'ווני געזאָגט, אים אינטערעסירט דאָס גאַנץ ווייניק, צי פּעטער איז מסכים, צי נישט, ער האָט בלויז אויסגעפירט דאָס, וואָס

געבן האָט אים געהייסן. פֿאַר דער אַרבעט וועט געצאָלט פֿערציק דאָלאַר אַ וואָך און זאָל זיך פּעטער מיישב זיין.

פּעטער איז געזעסן און געטראַכט. אין קעשענע האָט ער געהאַט בלויז עטלעכע סענט און ער איז שוין שולדיק געווען פֿאַר צוויי וואָכן דירה־געלט און זיין באַלעבאָסטע האָט אים אַלע טאָג אָפּגעהיט אין פֿאָדער־שטוב. פֿונדעסטוועגן האָט ער געפּרווט זוכן תירוצים. ער האָט אנגעוויזן אויף זיין טונקעלע פֿאַרגאַנגענהייט, צוליב וועלכער ער האָט דאַמאָלסט נישט געקאָנט זיין קיין עדות מצד דער פּאַרטיי־דיקונג אין היבער־פּראָצעס. דערמיט זאָל ער זיך דעם קאָפּ נישט פֿאַרדרייען, האָט אויף דעם געענטפֿערט גיווני, איצט דאַרף ער דאָך שפּילן אַ ראָלע פֿון אַ מענטשן, וואָס איז אַוועקגעגאַנגען פֿון די י. וו. וו. און וואָס מער פֿאַרברעכנס ער איז באַגאַנגען אין זיין פֿריערדיקן לעבן, וועלן אַלע מער גלויבן די געשווירענע, אַז ער איז געווען אַן אמתער י. וו. וו.

פּעטער האָט געפֿרעגט ווען עס וועט אים אויסקומען אַרויסצוטרעטן פֿאַר אַן עדות. די צווייטע וואָך האָט געענטפֿערט גיווני. זיבעצן מיטגלידער פֿון י. וו. וו, דאַרפֿן פֿאַרמשפּט ווערן פֿאַר פֿאַרשווערונגען. זיין אַרבעט וועט זיין זיצן אויפֿן עדות־באַנק און דערציילן וואָס מען וועט דאַרפֿן אים וועט אויסקומען אָנצווייזן ווי אָפֿט ער האָט געהערט ווי די דאָזיקע לייט האָבן אויפֿגעפֿאָדערט צו נעמען זיך פֿאַר געוואַלט־מיטלען. דערנאָך ווי זיי האָבן זיך באַריימט, אַז זיי האָבן אונטערגעצונדן שפּייכלערס און ווייץ־פֿעלדער, אַז אין קאָפּעס היי, האָבן זיי אַריינגעשפּאַרט פֿאָספֿאָר־באָמבעס, אַז אין פֿרוכט־בוימער האָבן זיי געהאַקט טשוועקעס. נו, און אַ חוץ דעם ווי זיי האָבן חרוב געמאַכט זעג־מילן און לאָקאָמאָבילן. און אפֿשר וועט אויסקומען נאָך אַנדערע זאַכן צו זאָגן, אָבער פּעטער דאַרף זיך שוין אויף דעם, דעם קאָפּ נישט ברעכן. גיווני וועט אים אַלץ זאָגן אַפֿריער. ער וועט בלויז דאַרפֿן איבערחזרן זיינע ווערטער. נו, און אַ חוץ אַלץ דאַרף פּעטער נישט פֿאַרגעסן, אַז אין די צייטונגען וועט מען אים שילדערן ווי אַ גרויסן העלד, ווי אַ מענטשן, וועלכן זיינע איידעלסטע געפֿילן פֿון הונדערט־פּראָצענטיקן פּאַטריאָטיזם, האָבן געטריבן צו שטעלן זיך אין דער דינסט פֿון דער מלוכה. אַז קיין שום סאָלדאַט אויפֿן שלאַכט־פֿעלד האָט זיין לאַנד נישט געבראַכט קיין גרעסערע נוצן.

אויף דעם האָט פּעטער געענטפֿערט, אַז דאָס קאָנען טאַקע די צייטונגען שרייבן מיט אַ רויִקן געוויסן, אַז דאָס גראָד וועט זיכער קיין ליגן נישט זיין. דערנאָך האָט גיווני נאָך מער באַרויִקט פּעטערן. ער דאַרף וויסן, אַז ס'איז נישט אין געפֿינס אינטערעסן, אַז די רויטע זאָלן אים אָפּרוימען פֿון וועג זיין בעסטן עדות. מען וועט פּעטערן באַהאַלטן אין אַ זיכערן אָרט און ער וועט תמיד זיין באַשיצט דורך אַ וואַך. אַזוי לאַנג ווי אים וועט אויסקומען צו זיין אין סיטי וועט ער וווינען אין האָטעל דע סאָטאָ.

דערמיט איז די זאַך נאַטירלעך פֿאַרענדיקט געוואָרן. פֿון איין זייט איז דאָך דאָ געשטאַנען דער אָרימער פּעטער מיט זיינע פּאָר סענט אין קעשענע, פֿון אַנדערן זייט אַ פֿייערדיקער געשפּאַן מיט אַ פּאַר־

כּישופֿטע פּאָר פֿערד. ער האָט בלויז געדאַרפֿט אַריינשטעלן אַ פֿוס און פֿיל פֿון בויגן, וועלן אים די פֿערד ברענגען אויפֿן אָליםפּ. פּעטער האָט זיין פֿיס אַריינגעשטעלט.

.74

גיווני איז אַוועק מיט פּעטערן צו געפֿין אין ביוראָ. געפֿי האָט אַ פּנים פֿיינט געהאַט צו מאַכן לאַנגע מחזקות. ווי פּעטער איז אַריין, איז ער צוגעגאַנגען צו זיין פּולט און אַרויסגענומען פֿון דאָרטן אַ לאַנגן בויגן פּאַפּיר געשריבן אויפֿן מאַשין. דאָס איז געווען דער דאָקומענט, אויף וועלכן עס זענען גענוי פֿיקסירט געווען אַלע באַווייזן, וואָס די פּראָקוראַטור האָט געדאַרפֿט האָבן קעגן די אַרעסטירטע י.וו.וו. איצט האָט זיך געפֿי אַוועקגעזעצט און געהייסן פּעטערן ער זאָל דערציילן, וואָס ער אַליין האָט געהערט, אָדער געזען. נישט קיין סך האָט פּעטער געהאַט צו דערציילן. נאָר פֿונדעסטוועגן האָט עס געקלעקט, כּדי צו מאַכן דערפֿון אַ טשוואָק, אויף וועלכן מען האָט שוין שפּעטער געקאָנט אָנהייגען אַ גאַנצע געשיכטע.

דער קלוב און די זאַלן פֿון י.וו.וו. זענען תּמיד געווען דער עיר־מקלט פֿאַר אַלע צופֿעליקע אַרבעטער פֿון לאַנד, וואָס האָבן זיך אַרומגעבלאָנקעט און אַ דאַך איבערן קאָפּ. דאָס זענען דאָס רוב געווען מענטשן, וואָס האָבן פֿון דער וועלט די גרעסטע קלעפּ באַקומען; עס איז נישט געווען אויף דער וועלט קיין שום אומגערעכטיקייט, קיין שום עוולה, וועלכע די דאָזיקע מענטשן זאָל נישט אויסקומען איבערצוטראָגן. און עס פֿלעגט זיך מאַכן, אַז די געדולד פֿלעגט ביי די מענטשן פּלאַצן און זיי פֿלעגן געבן צוריק — אויף אַ קלאַפּ ענטפֿערן מיט אַ קלאַפּ. פֿאַרשיידענע זענען צווישן זיי געווען. עס פֿלעגן טרעפֿן ברויזנדיקע נאַטורן, וועלכע פֿלעגן שטילן זייער צאָרן מיט דראָונגען קעגן זייערע שונאים. און טיילמאָל פֿלעגן זיך אויך אַריינדרייען צווישן זיי אמתע פֿאַרברעכער, אָדער אונטערגעשיקטע שפּיאָנעס, ווי, למשל, פּעטער הודוש און דזשאָנגעל. פּעטער האָט דערציילט דאָס ערגסטע, וואָס אים איז אויסגעקומען צו הערן פֿון די אַרעסטירטע, אָדער וועגן זיי. געפֿי האָט זיך אויפֿמערקזאַם צוגעהערט און געבויט זיין ווערק. עלף גינעס, למשל, האָט זיך אַמאָל צוקריגט מיט אַ פֿערמער, און אַ קורצער צייט אַרום האָט אָפּגעברענט אַ שכנותדיקער שפּייכלער. געפֿי וועט אַוועקשיקן פּעטערן מיט נאָך צוויי דעטעקטיוון אין אויטאָמאָביל אַהין אין דאָרף, זאָלן זיי זיך גענוי באַקענען מיטן אָרט און מיט דער געגנט אַרום, דערנאָך וועט פּעטער דאַרפֿן זאָגן, אַז ער האָט אַליין געזען, ווי גינעס און נאָך אַנדערע זעקס פֿון די אָנגעקלאָגטע האָבן אונטערגעצונדן דעם שפּייכלער.

פּעטערן איז די מעשה זייער נישט געפֿעלן געוואָרן. ער האָט זיך גאָרנישט בדעה געהאַט אַריינצולאָזן אין אַזעלכע ערנסטע אונטערנעמונגען, וואָס האָט ער אָבער געקאָנט טון. געפֿי האָט גערעדט וועגן אַלץ אין אַזאַ געשעפֿטלעכן טאָן, פֿאַר אים איז דאָס אַלץ געווען אַזוי נאַטירלעך און זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, אַז פּעטער האָט פּשוט קיין העזה נישט געהאַט אַרויסצוווייזן זיין פּחדנות. און סוף

כל סוף איז דאָך עפּעס פּאַרט געווען אַ מלחמה, הונדערטער מענטשן האָבן טאָג־טעגלעך געפּטרט זייער לעבן אין די אַרמייען — פֿאַרוואָס זאָל פּעטער אויך נישט ריזיקירן אַ ביסל, דאַמאָלסט ווען עס האַנדלט זיך וועגן פּטור צו ווערן פֿון די געפֿערלעכסטע שונאים פֿון לאַנד?

פּעטער מיט די אַנדערע צוויי דעטעקטיוון זענען געפֿאָרן אין דאָרף, האָבן אַלץ אַרומגעקוקט לויט געפּיס באַפֿעל און זענען געקומען צוריק. פּעטער האָט זיך מיט הרחבה אויפֿגעהויבן אויפֿן צוועלפֿטן שטאָק אין האָטעל דע סאַטאָ און איז אַריין אין זיין צימער. דאָרטן פֿלעגט ער זיצן גאַנצע טעג און שטודירן די מאַטעריאַלן, וואָס גיווני פֿלעגט אים צושטעלן. ער האָט געלערנט אויף אויסווייניק אַלץ, וואָס ער האָט געהאַט צו דערציילן. און אויפֿן קאָרידאָר לעבן פּעטערס צימער איז טאָג און נאַכט אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איינער פֿון געפּיס אַגענטן מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט. דריי מאָל אַ טאָג פֿלעגט מען פּעטערן ברענגען עסן און דערצו אַ קעסטל פּאַפּיראָסן מיט אַ פֿלאַש ביר. צוויי מאָל אַ טאָג האָט פּעטער געלייענט אין די צייטונגען באַריכטן, וועגן די העלדישע מעשׂים פֿון אונדזערע יינגלעך וואָס שלאָגן זיך דאָרטן אויף יענעם זייט וועלט. זייער אַ סך אָרט פֿלעגן אויך די צייטונגען אָפּגעבן פֿאַר די פֿאַרשיידענע פֿאַרשווערונגען, וואָס פֿלעגן אָן אויפֿהער אַנטדעקט ווערן אין לאַנד גופֿא און פֿאַר די כּלערליי שפּיאָנאַזש־פּראָצעסן, וואָס פֿלעגן זיך תּמיד איבערחזרן פֿון דאָסניי.

ענדלעך האָט פּעטער דערלעבט די גרויסע נרדמה צו זען זיין נאָמען אין „אמעריקער" צייטונג. ביז איצט האָט וועגן אים געשריבן בלויז דער „טרעמפּייט", אָדער אַנדערע סאָציאַליסטישע צייטונגען. איצט אָבער האָט זיך באַוויזן אין „טיימס" אַ לאַנגע באַשרייבונג, וועגן דעם ווי אַזוי די פּראָקוראַטור האָט זיך איינגעגעבן אַריינצושמוגלען אַ געהיים־אַגענט צו די י.וו.וו. און ווי אַזוי דער־דאָזיקער מענטש, וועלכער הייסט פּעטער הודיס האָט אין משך פֿון צוויי יאָר געאַרבעט פֿאַר דער אַגענטור, און ווי איצט וועט ער אַרויסטרעטן אַלס עדות און וועט אויפֿדעקן אַלע חטאים פֿון די י.וו.וו.

מיט צוויי טעג פֿריער איידער דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן האָט גיווני מיט נאָך אַ דעטעקטיוו אַוועקגעפֿירט פּעטערן צום פּראָקוראָר אין ביוראָ. דאָ האָט ער אַ האַלבן טאָג נאָכאַנאַנד פֿאַרבראַכט צוזאַמען מיט מיסטער באָרכאַרד און מיסטער שטאַנאַרד, וואָס האָבן געדאַרפֿט פֿירן דעם פּראָצעס. גיווני האָט מתרה געווען פּעטערן, אַז דער דיסט־פּראָקוראָר ווייסט נישט פֿון דער גאַנצער מעשׂה, אַז ער האָט פּעטערס באַוויזן פֿאַר ריכטיקע. פּעטער האָט אָבער געוווּסט, אַז דאָס איז אַ ליגן, אַז דאָס זאָגט מען אים בלויז צוליב דעם, ווייל מען וויל פֿאַרשפּאָרן באָרכאַרדן די אומבאַקוועמע מלאָכה צו דאַרפֿן דעקן די פּראָקוראַטור, טאָמער וועט פּעטער שלעכט שפּילן זיין ראָלע. און פּעטער האָט טאַקע באַמערקט, אַז מיסטער באָרכאַרד און זיין געהילף הערן זיך אויפֿמערקזאַם צו צו זיינע באַוויזן און ווי זיי כאַפּן דאָרטן עפּעס נישט קיין גלאַטן אָרט, ווייזן זיי אים גלייך אָן אויף דעם.

אין העלפן אים דאָס פאַריכטן. אמת, מיט פעטערן דאַרף מען קיין סך נישט רעדן, ער כאַפּט גלייך מכח וואָס עס גייט.

הענרי גלזי באָרכאַרד האָט געשטאַמט פון דרום. ער האָט געהאַט געדיכטע שוואַרצע האָר, וועלכע ער פלעגט לאָזן וואַקסן לענגער ווי געוויינלעך און זיינע רעדעס פלעגט ער האַלטן אויף אַן אַלטמאָדישן שטייגער. ווען ער פלעגט אַרויפגיין אויף דער טריבונע פלעגט ער אויסציען זיינע צוויי הענט פאָרויס און אָנהויבן רעדן מיט אַ ציטערדיקער, ווייכער שטים: „די דאַמען געבענטשט זאָלן זיי זיין פון גאָט". אדער: „איך בין אַ פריינט פון פּשוטע, פון אָרעמע מענטשן, מיין האַרץ איז פול מיט סימפּאַטיע צו די יעניקע, וואָס זענען דער רוקן-ביין פון אַמעריקע: די אַרבעטער אין געשעפט און אין דער פערמע". גלייך נאָכדעם פלעגן די מיטגלידער פון דער האַנדלס-קאַמער, פון סוחרים און פאַבריקאַנטן-פאַריין אַפּלאָדירן און שיקן דעם דאָזיקן פריינט פון פּשוטע מענטשן גראָבע טשעקן צו דער וואַל-קאַמפּאַניע. מיסטער באָרכאַרדס געהילף, מר. שטאַנאַרד איז געווען, וואָס מען רופט אַ „יוריסטישער מוח", וועלכער פלעגט לערנען זיין עלטסטן ווי און וואָס ער האָט צו טאָן. אַן אויסגעטריקנט קליין מענטשעלע, וועלכער פלעגט פונקט ווי אַ ביכער-וואָרעם, אייך דורכבויערן מיט זיינע שאַרפע אייגלעך און דורכשטעכן מיט זיינע יורידישע שפּיצלעך. און טאָן פלעגט ער דאָס מיט אַ זיסער מינע, פריינטלעך, און דער מיטאָג-הפסקה פלעגט ער וויצלען און בכלל מאַכן אַן אָנשטעל ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט וועגן אַ פּשוטער געשעפט-אָנגעלעגנהייט און ווי קיינעם וואָלט דערפון נישט אַרויסגעקומען קיין שום בייז.

75

די צוויי הערן האָבן אויפמערקזאַם אויסגעהערט אַלץ, וואָס פעטער האָט געהאַט צו דערציילן. האָבן ערטערווייז קאָרעגירט זיינע באַווייזן, געמאַכט זייערע באַמערקונגען און דערנאָך נאָך אַמאָל איבערגעפרעגט פעטערן און דערמיט האָט זיך דער עקזאַמען געענדיקט. פעטער איז צוריק אַוועק צו זיך אין האָטעל און מיט האַרץ-קלאַפּן געוואַרט אויף דער שעה ווען אים וועט אויסקומען אַרויסצוטרעטן אויף דער אַרענע.

בשעת מען האָט אים אַריינגעפירט אין געריכטס-זאַל האָבן די קני ביי אים געציטערט. אָבער אין דער זעלביקער צייט איז ער געווען אַרומגענומען מיט אַ געפיל פון אַ מאָדנער גדלות: האָט ער דאָך עפּעס פאָרט געהאַט אַרום זיך אַ לייבגוואַרדיע פון פיר געזונטע יונגען און דערצו נאָך האָט ער נישט איין שפּאָן געזען אין די קאָרידאָרן און אַפילו צווישן עולם. דער גאַנצער זאַל איז געווען געפּאַקט פון מענטשן, אַלץ אַזעלכע, וואָס סימפּאַטיזירן מיט די „רויטע". מען האָט זיי אָבער אַלעמען פאַרן אַריינגיין באַזוכט און איצט געקוקט אויף זיי מיט טויזנט אויגן.

בשעת פעטער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער עדות-באַנק, האָט ער אַפּנים געהאַט דעם זעלבן געפיל, וואָס טאָג דאָגן אין דאָנאַלד גאָרדאָן, ווען ס'האָט זיי

דאַמאָלסט אין יענער נאַכט, אַ קלאַפּ געטאָן אין די אויגן די שאַרפע ליכט פון די דרייסיק, אָדער פערציק אויטאָמאָבילן. פעטער האָט דערפילט אויף זיך דעם איינגעהאַלטענעם, קאָנצענטרירטן האַס פון עטלעכע הונדערט רוטיש מיט אַ מאָל. נאָר עס האָט נישט לאַנג געדויערט און דער האַס האָט אויפגעהערט צו זיין אַן איינגעהאַלטענער. ביסלעכווייז האָט דער עולם אָנגעהויבן פּראָטעסטירן, ווי נישט ווי האָט זיך דערהערט אַן איראָנישער געלעכטער. אָבער דאָס האָט געדויערט איין רגע, באַלד האָט דער געריכטס־דינער אָנגעהויבן קלאַפּן מיט זיין הילצערנעם האַמער, דער ריכטער האָט זיך אונטערגעהויבן פון זיין שטול און מתרה געווען, אַז אויב דאָס וועט זיך איבערחזרן נאָך איין מאָל וועט ער הייסן אויסליידיקן דעם זאַל.

נישט ווייט פון פעטערן זענען ביי אַ לאַנגן טיש געזעסן די זיבצן אָנגעקלאַגטע. זיי האָבן אויסגעזען ווי מייז, וואָס זענען אַריינגעפאַלן אין אַ פּאַסטקע, און אַלע זייערע פיר און דרייסיק מייזעשע אויגן זענען געווען געווענדעט אויף פעטערס פּנים און האָבן זיך אויף איין סעקונדע פון אים נישט אָפּגעקערט. איין מאָל בלויז האָט פעטער אַ קוק געטאָן אויף זיי; ער האָט זיך אָבער האַסטיק אַ קער געטאָן אויף צוריק.

און נאָך איין פּנים האָט פעטער דערזען אין זאַל, וואָס האָט אים קיין פאַרגעניגן נישט פאַרשאַפט. איינגעוויקלט אין שמעקעדיקן, ווייסן שפּאָן איז פון ווייטן געזעסן פרוי געט און אירע גרויסע בלויע אויגן האָבן מיט זאָרג און פאַרוואָרף געקוקט אויף פעטערן. און עס האָט זיך געדוכט, אַז די דאָזיקע בלויע אויגן זאָגן: „אוי, הער הורוש, ווי קענט איר דאָס טאָן? הער הורוש, דאָס איז דאָך שלום... גערעכטיקייט, אמת... געוויסן?" מיט גרויס ווייטאָג האָט פעטער געפילט, אַז ער האָט זיך שוין אויף אייביק אָפּגעשניטן פון אַלעמען, פון דער וועראַנדע, פון ווייכן שטול מיט די זיידענע קישנס. ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן באַנק פון די געשוואָרענע, דאָרטן זענען געזעסן אַלץ געשוואָרענע, מענער און פרויען. אַן עלטערע דאַמע האָט צו אים אַ פריינטלעכן שמייכל געטאָן, אַ יונגער פערמער האָט אים צוגעוואָרפן אַ ביטערן קוק. פעטער האָט דערפילט, אַז דאָ האָט ער גוטע פריינט — אין סוף כל סוף ווענדט זיך דאָך אַלץ אין די געשוואָרענע. אַנטקעגן זייער גערעכטן פּסק־דין איז פרוי געט געווען אַזוי הילפלאָז, ווי יעדער איינציקער פון די י. וו. וו.

פעטער האָט געגעבן זיינע באַווייזן, דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן דער פאַרהער. און ווער האָט אים פאַרהערט? דער אַדוואָקאַט ענדריוס. און נישט סתּם אַזוי פאַרהערט, נאָר גרינדלעך, נישט הירכלאָנדיק די קלענסטע זאַך און גלייכצייטיק מיט חוזק, ווי אַן אמתער רוצח. מער ווי אַלץ האָט פעטער דערפאַר מורא געהאַט; ער האָט געמיינט, אַז ער וועט דאָס נישט אויסהאַלטן. קיינער האָט אים נישט געזאָגט, אַז אים שטייט פאַר אַזאַ מין זאַך. קיינער האָט אים נישט מתרה געווען, אַז ענדריוס וועט אים אויספרעגן וועגן אַלע פּרטים פון פאַרברעכן, וועלכע ער אַליין האָט כלומרשט מיטגעמאַכט.

בלויז צוויי זאַכן האָבן פּעטערן געראַטעוועט: ערשטנס די קונציקע צווישנרופֿן, וועלכע שטאַנאַרט פֿלעגט מאַכן און דאָס פֿלעגט פּעטערן געבן צייט אַטראַכטן צו טאָן, און צווייטנס זיין גוטע עצה: „איר האָט תמיד רעכט אַ זאַך אין גאַנצן נישט צו געדענקען". אַט האָט פּעטער, למשל, איבערגעחזרט אַ שמועס, וועלכן ער האָט געהאַט מיט איינעם פֿון די אָנגעקלאָגטע וועגן אונטערצינדן אַ שפּייכלער און האָט לגמרי פֿאַרגעסן ווער נאָך עס איז בשעת מעשה געווען דערביי און ווען די גאַנצע מעשה איז פֿאָרגעקומען.

ענדלעך איז געקומען די באַשטימטע מיטאָג־הפסקה. איצט האָט זיך פּעטער געקאָנט אַביסל אונטערהאַלטן, ביז וואַנען עס וועט זיך ווידער אָנהייבן דער משפּט. שטאַנאַרד האָט אים ווידער גענומען צום עסן. האָט אים געהאַלטן פֿאַרלאַזן אַלע לעבער און זיינע פֿריערדיקע באַווייזן, כדי ער זאָל שוין ווימען אויף ווייטער און האָט אים פֿון דאַסניי אַרויסגעלאָזן אויף דער ליכטיקער וועלט. און איצט האָט שוין פּעטער נאָך בעסער ווי פֿריער פֿאַרשטאַנען ווי צו פֿאַרגעסן געוויסע זאַכן צו דער ריכטיקער צייט און האָט אַזוי אַרום קונציק אויסגעמיטן דעם נעץ, וועלכן ענדריוס פֿלעגט פֿאַר אים יעדעס מאָל אויסשפּרייטן.

און ענדלעך האָט זיך אַלץ געענדיקט. מען האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט זיך „זייער גוט געהאַלטן" און מען האָט אים מיט טריומף צוריק אַוועקגעפֿירט אין דער טורמע. דאָרטן האָט ער פֿאַרבראַכט אַ וואָך צייט. דער פּראָצעס האָט זיך נאַטירלעך ווייטער געפֿירט און די פֿאַרטיידיקונג האָט זיך באַמיט צו טאָן אַלץ וואָס אין איר קרעפֿטן, כדי צו נישט צו מאַכן אַלע זיינע באַווייזן. פּעטער האָט געליינט אין צייטונג די לאַנגע רעדעס פֿון הויפּט־פּראָקוראָר און זיין געהילף, אין וועלכע פּעטער איז באַזונגען געוואָרן ווי אַ גרויסער פּאַטריאָט, וואָס פֿאַרטיידיקט זיין לאַנד פֿון „אינעווייניקסטן שונא". ער האָט איבערגעליינט דעם קורצן באַריכט פֿון אַדוואָקאַט ענדריוס רעדע, אין וועלכער ער האָט געזאָגט, אַז פּעטער איז אַ „שטשור" אַ פֿאַרקויפֿטער, אַ פֿאַררעטער. נאָר דאָס האָט פּעטערן ווייניק וואָס געקימערט. ערשטנס האָט ער געהאַלטן, אַז ס'דאַרף אַזוי זיין און צווייטנס האָט ער געוווּסט, אַז זידלען זיך איז אַ סימן פֿון הילפֿלאָזיקייט.

אַ סך טיפֿער האָט פּעטערן אַנגערירט אַ בריוו פֿון פֿרוי גערט, וועלכן אים איז צופֿעליק אויסגעקומען צו לייענען נאָך דעם זעלבן טאָג. דער בריוו איז נישט געווען אַדרעסירט צו אים און ער וואָלט זיך מסתמא וועגן אים קיין מאָל נישט דערוווּסט, ווען ער באַמערקט נישט ווי דעמעט מיטן צווייטן שפּאַן לאַכן עפּעס צווישן זיך. ער האָט געפֿרעגט וואָס דאָס איז און זיי האָבן אים דערציילט אַזאַ מין מעשה: מען ווייסט נישט ווי אַזוי, נאָר פֿרוי גערט האָט זיך פֿון עמיצן אַלץ דערוווּסט וועגן אים און זי האָט אים אָנגעשריבן אַ בריוו, פֿון וועלכן גענוי גייט אַרויס אַ צעקאָכטער. און אַט האָבן זיי טאַקע דעם בריוו און דערפֿון לאַכן זיי. פּעטער האָט געבעטן זיי זאָלן אים ווייזן דעם בריוו. אויף אַ טייערן, הערבאָרן פּאַפּיר, האָט די אַלטמאָדישע מוטער מיט איר

איינער מיידלשער דאַנקשרייבט אַרויסגע־האַט אירע געדאַנקען, וועגן געהיים־אַגענטן און זייערע געדיכטן. זי האָט געשריבן:

— איר זיצט דאָרט אויף אײַער פּיר ווי אַ גרויסער שפּין און וועבט נעצן, כדי מענטשן צו פֿאַנגען און זיי צו פֿאַרניכטן. איר מאַכט אַ תּכלית פֿון אייערע קרבנות פּונקט אַזוי ווי פֿון אייערע אייגענע ווערק־צייג. דער אָרעמער יונגער פּאָעט דוידוש, וועלכן איר האָט צו מיר אונטערגעשיקט — דאָס האַרץ באַגיסט בײַ מיר מיט בלוט ווען איך דערמאָן וועגן אים און וועגן דעם, וואָס איר האָט געמאַכט פֿון אים. ער איז נעבעך אַן אומגליקלעכער קרבן פֿון געלט־גיריקייט. וועמעס אָרט אייגנטלעך עס דאַרף זיין אין אַ שפּיטאָל פֿון פֿאַר־קריפּלטע נשמות. איר האָט אים אַריינ־געכאַפּט צו זיך און אויסגעלערנט אים זיינע געמיינע באַווייזן, כדי איר זאָלט קענען אַרײַנוואַרפֿן אין תּפֿיסה ערלעכע אידעאַליסטן.

אָבער מער האָט פּעטער נישט געליי־ענט. ער האָט אַוועקגעלייגט דעם בריוו אין אַ זייט; ס'איז צופֿיל כּבֿוד פֿאַר אַזעלכע נאַרישקייטן ער זאָל דאָס לייענען. אָבער

פֿרוי געט איז אים שוין פֿון זינען נישט אַרויס. אַזאַ מין שטאַרקע, איינפֿלוסרייכע פֿרוי איז אַ סך געפֿערלעכער פֿאַר די אַלע זיבצן מיטגלידער פֿון די י. וו. וו., וואָס זיצן איצט אויפֿן באַשולדיקונגס־באַנק. שפּעטער האָט זיך פּעטער דער־וווּסט, אַז געט איז וועגן דעם יענץ געוועזן בײַ נעלז אַקערמאַן, און יענער האָט אַרויס־געפּאָרט צו זיך דעם הערן געט און אַז געט ווידער פֿון זיין זייט האָט געהאַט אַ פֿאַרטרוילעכן שמועס מיט זיין פֿרוי. ווײַ־

טער האָט זיך וועגן דער מעשׂה אָפּגע־רופֿן אַפֿילו דער „טיימס". פֿרוי געטס אָלימפּישער פּאַלאַץ איז דאָרט באַצייכנט געוואָרן ווי אַ „נעסט פֿון באָלשעוויזם" און פֿרוי געטס באַקאַנטע האָבן אָנגעהויבן בויקאָטירן אירע איינלאַדונגען — פֿרוי געט, הייסט עס, איז פֿאַר דער הגנה, וואָס זי האָט זיך ערלויבט אַרויסצוטרעטן קעגן פּעטערן האַרב באַשטראָפֿט געוואָרן.

„אין אַ שפּיטאָל פֿאַר פֿאַרקריפּלטע נשמות"! פּעטער איז אויף אַזוי ווייט צערודערט געווען, אַז ער האָט ממש נישט געקענט צו זיך קומען. און אַפֿילו די ידיעה, אַז די אָנגעקלאָגטע זענען אין דער ערשטער אינסטאַנץ אָנערקענט געוואָרן פֿאַר שולדיק, איז נישט מסוגל געווען אומצוקערן אים זיין גלייכגעוויכט. ער האָט געזאָגט גיוונייען, אַז דער פּראָצעס האָט זייער געווירקט אויף זיינע נער־וון, אַז איצט דאַרפֿן זיי עפּעס טאָן פֿאַר אים. מען האָט געבראַכט אַן אויטאָמאָ־ביל און אַוועקגעפֿירט פּעטערן אויף דער פֿרישער לופֿט זיך אַ ביסל צו ערהאָלן.

הערמיט, וועלכער האָט געשמט פֿאַר אַ וועלטטענעם היטער איז געפֿאָרן צוזאַמען מיט פּעטערן. און איז נישט אָפּגעטראָטן פֿון אים אויף איין מינוט. אָבער מען קען נישט זאָגן, אַז פּעטער האָט זיך אויפֿן נייעם אָרט גלייך באַרויִקט. ער פֿלעגט אָפּוויצן גאַנצע נעכט און אויפֿן צווייטן שטאָק פֿון זייער פּויערשער הויז מיט אַן אייג נישט צו טאָן און אַלץ טראַכטן אַז אָט־אָט רוקט זיך אונטער עמיצער פֿון די י. וו. וו. און טוט טאַקע אַזוי ווי פּעטער האָט געזאָגט אין זיינע באַ־ווייזן — דאָס הייסט ער דערשיסט זי

שונא אין דער שטיל. פּעטער האָט גאַנץ גוט פֿאַרשטאַנען, וואָס פֿאַר אַ שנאה זיי מוזן אַלע טראָגן אויף אים. ער האָט געלייענט אין די צייטונגען ווי דער ריכטער האָט שפּעטער פֿאַרופֿן צו זיך די באַשולדיקטע און געהאַלטן פֿאַר זיי אַ פֿײַערדיקע רעדע, וועלכע די צייטונג האָט איבערגעגעבן וואָרט בײַ וואָרט. דער געזעץ האָט פֿאָראויסגעזען פֿון איין ביז פֿערצן יאָר תּפֿיסה. זעכצן פֿון די אָנגעקלאָגטע זענען פֿאַרמשפּט געוואָרן צו פֿערצן יאָר תּפֿיסה, איינער צו צען יאָר און דאָס האָט עס געדאַרפֿט ווײַזן אַז דער געריכט האָט געהאַנדלט לגבי די אָנגעקלאָגטע מיט חסד.

אײן מאָל אין אַ פֿרימאָרגן האָט זיך ציוניים אויטאָמאָביל אָפּגעשטעלט נעבן פּעטערס הייזל. פּעטער האָט באַקומען אַן אײַנלאַדונג צו געפֿינען אין ביוראָ. ווען ער איז געקומען צופֿאָרן אַהין האָט מען אים געמאַכט אַ נײַעם פֿאָרשלאָג. אין דער שכנותדיקער שטאָט עלדעראַדאָ זענען פֿאָרגעקומען נײַע אַרעסטן צווישן די מיטגלידער פֿון דער י. וו. וו. עס וועט ווידער פֿאָרקומען אַ פּראָצעס און דער נײַער פֿאָרשלאָג איז באַשטאַנען אין דעם, אַז פּעטער זאָל פֿאָרן אַהין איבערחזרן זײַנע באַווײַזן. פּעטער האָט גראָד געקאָנט איינעם פֿון די אַרעסטירטע און דאָס איז שוין געווען אַ גענוגנדיקער גרונט פֿאַרן געריכט אויף אַרויסצופֿאָדערן אים פֿאַר אַן עדות. פּעטער וועט דאָרטן דאַרפֿן דערציילן די אַלטע מעשה מיטן אונטערצינדן און מיט דער באָמבע־פֿאַרשווערונג. אין עלדאָראַדאָ וועט מען אים פּונקט אַזוי גוט היטן ווי דאָ און אפֿשר נאָך בעסער; געפֿי וועט אים איבערשיקן צו זײַן פֿערזענלעכן פֿרײַנט סטעוו עלמאַן, וועלכער אַרבעט אַלס דעטעקטיוו בײַ דער שטאַטישער האַנדלס־אָרגאַניזאַציע און אים וועט קיין זאַך נישט פֿעלן.

פּעטער האָט זיך געקווענקלט. דאָס איז אַ צו שווערע און געפֿערלעכע אַרבעט, וועלכע ווירקט זייער שלעכט אויף זײַנע נערוון. עס איז נישט אַזאַ געשמאַקע זאַך אָפּצוזיצן גאַנצע טעג אין אַ האָטעל־צימער, רויכערן פּאַפּיראָסן און וואַרטן ביז עמיצן פֿון די י. וו. וו. וועט זיך געפֿעלן וועלן צו וואַרפֿן אַ באָמבע. אַחוץ דעם איז דאָך דאָס גאָך אַ צײַטווײַליקע אַרבעט אויך און וואָלט לכל הפּחות בעסער געדאַרפֿט באַצאָלט ווערן. אויף דעם האָט אים געפֿי געענטפֿערט, אַז וואָס איז שייך דעם געהאַלט דאַרף פּעטער גראָד נישט רעדן, ווײַל ער איז נאָר מסכּים צוצושטעלן זיך פֿאַר אַן עדות, וועט ער אומזיסט קענען אַרומפֿאָרן אין אַ אויטאָמאָביל פֿון איין עק לאַנד צום צווייטן און אומעטום לעבן אין רחבֿות. נישט זאָרגנדיק וועגן קיין שום זאַך און אַלע צײַטונגען וועלן אים נאָך באַשרײַבן מי יודע וואָס פֿאַר אַ העלד.

אָבער פּעטער האָט זיך פֿונדעסטוועגן נאָך אַלץ געקווענקלט. פֿון „טיימס“ האָט ער שוין איצט געוווסט, וואָס פֿאַר אַ טײַערער עדות ער איז און דאָס האָט אים געגעבן מוט און ער האָט זיך נישט אָפּגעשראָקן פֿאַר שטרענגע געפֿי און געשטעלט זײַנע פֿאָדערונגען. עס האָט געדויערט, נאָר סוף כּל סוף האָט געפֿי מסכּים געווען. פּעטער וועט באַקומען פֿינף און זיבעציק דאָלאַר אַ וואָך און באַצאָלט אַלע הוצאות. אַ חוץ דעם האָט אים גע־

פֿיגוראַנטירט, צי ער וועט האָבן אַרבעט נישט ווייניקער ווי אַ האַלב יאָר צייט.

76

אַזוי איז זיך פּעטער געפֿאָרן קיין ערדראַדאַ און געהאָלפֿן עלף מענטשן פֿאַרשפּאַרן אין תּפֿיסה פֿון דריי ביז פֿערצן יאָר. נאָכדעם איז ער זיך געפֿאָרן קיין פֿלעגלענד און האָרטן געטאָן די זעלביקע מלאכה. און איצט האָט שוין פּעטער געוווּסט, אַז די רויטע קענען זיך אפֿשר קריכן אַנטקעגן אים, ווייזן אים זייערע מייזישע ציין, אָבער טאָן קענען זיי אים גאָרנישט. ער האָט זיך שוין צוגעוווינט צו זיין נייער ראָלע און האָט אָנגעהויבן צו קוקן אויף דער זאַך אַ סך גרינגער ווי פֿריִער.

פֿון צייט צו צייט פֿרעגט ער זיך אפֿילו דערלויבן צו פֿאַרברענגען ערגעץ אַן אָוונט אין זיין לייב־גוואַרדיע. ווער רעדט, אַז ער פֿרעגט זיך געפֿונען הינטערן שטאָט פֿרעגט ער זיך גאַנץ רויִק מאַכן איינער אַליין לאַנגע אויספֿלוגן און גאָרנישט טראַכטן וועגן דעם, אַז טויזנטער בלוטדורשטיקע רויטע לויערן אויף זיינע טריט.

בשעת פּעטערן איז אויסגעקומען צו זיין אין פֿלעגלענד, האָט זיך אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן דערטראָגן אַהער פֿון אייראָפּע אַ צוויבער־וואָרט. און די גאַנצע שטאָט איז שיִער נישט משוגע געוואָרן פֿאַר פֿרייד. אַלט און יונג האָבן זיך אַלע אַרויסגעשאָטן אין גאַס, געפּאַכט מיט פֿענער, געפּויקט אין בלעכענע פּויקן און געשריִען אויף וואָס די וועלט שטייט, וועגן שלום. און הגם עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די ציטונגען האָבן אָפּגענאַרט דעם עולם, האָט זיך פֿונדעסטוועגן אין דריי טעג אַרום איבערגעחזרט די זעלביקע קאָמעדיע. לכתחילה האָט עס פּעטערן אפֿילו אַ ביסל באַאומרויִקט. עס קען אַמאָל זיין, אַז נאָכן שלום זאָל מען שוין גאָרנישט דאַרפֿן ראַטעווען דאָס לאַנד און וואָס וואָלט ער דאַמאָלסט געטאָן? ער האָט אָבער באַלד פֿאַרשטאַנען, אַז עס איז נישטאָ וואָס צו דאגהן, מען וועט נאָכדעם אויך וועלן פּטור ווערן פֿון די רויטע און מען וועט זיי זיכער נישט אויפֿהערן צו רודפֿן.

אין דער צייט ווען פּעטער איז געווען אין פֿלעגלענד זענען אויך גראָד עטלעכע מאָל אָרגאַניזירט געוואָרן אָנפֿאַלן אויף די סאָציאַליסטן. די דעטעקטיוון האָבן גערופֿן פּעטערן אָנטייל צו נעמען אין דער „פֿאַרווײלונג". פּעטער האָט גענומען אַ רעוואָלווער און איז געגאַנגען העלפֿן באַפֿאַלן די סאָציאַליסטישע הויפּט־ביוראָ. די מלחמה איז שוין אפֿילו געווען געענדיקט, אָבער פּעטער איז נאָך פּונקט אַזוי ווי פֿריִער געווען מיליטעריש געשטימט. הויפּטזעכלעך האָבן זיך דערוועקט ביי אים די מיליטערישע געפֿילן דאַמאָלסט, ווען אים האָט זיך איינגעגעבן צו פֿאַרשפּאַרן אין אַ ווינקל הינטערן פֿולט דעם יידישן אָרגאַניזאַטאָר פֿון דער אָרטיקער גרופּע און האַקן אים איבערן קאָפּ. אין דעם דאָזיקן מאָמענט האָט פּעטער פֿאַרשטאַנען, וואָס אונזערע יונגליך האָבן איבערגעלעבט אין די אַטאַקן און וואָס זיי האָבן דאַמאָלסט געפֿילט. און שפּעטער ווען אים איז באַשערט געווען צו באַקענען זיך מיט דעם גרויסן פֿאַרגעניגן צו טאַנצן אויף אַ שרייב־מאַשין, האָט פּעטער אפֿילו די הונען פֿאַרשטאַנען.

אַ גאַנצע רייע סטודענטן האָבן זיך מיט התלהבות באַטייליקט אין אַזעלכע אונטערנעמונגען און געהאָלפן די דעטעקטיוון אין זייער אַרבעט. און איין מאָל ווען זייער בלוט איז זיי גוט צעקאָכט געוואָרן האָבן זיי באַשלאָסן אָפּצווישן פון דער ערד די סאָציאַליסטישע באַוועגונג, אַז ס'זאָל פון איר קיין סימן נישט בלייבן און זיי זענען אַוועקגעגאַנגען שטורמען די „אינטערנאַציאָנאַלע בוכהאַנדלונג", מיט וועלכער עס האָט אָנגעפירט איינער אַ האַוואַיאַנער. דער באַלעבאָס איז אַנטלאָפן אין אַ קיך פון אַ שכנותדיקן כינעזישן רעסטאָראַן און האָט אויף גיך אַרויפגעכאַפּט אויף זיך אַ ווייסן קוך-שירץ. ווו איז אָבער געהערט געוואָרן, אַז אַ כינעזער זאָל טראָגן שוואַרצע וואָנסן? און די חברה איז אים גלייך באַפאַלן און אָנגעהויבן צו האַקן מיט די שיסלען איבערן קאָפּ. דערנאָך האָבן זיי אַרויסגעשלעפּט די ביכער הינטן אויפן הויף האָבן געמאַכט דערפון אַ שייטער און האָבן עס אונטערגעצונדן. דערנאָך האָבן זיך די סטודענטן מיט די דעטעקטיוון גענומען פאַר די הענט און געטאַנצט אַרום די ברענענדיקע ביכער אַ מין האַוואַיאַנישן קאַראַהאָד.

אַזוי האָט זיך פּעטערן פריילעך געלעבט עטלעכע חדשים נאָכאַנאַנד. עטלעכע נסיעות, איז אים אויסגעקומען צו מאַכן אַן ערפּלאַן. עס האָט זיך עפּעס גראָד געמאַכט אַן איינגעשפּאַרטער ריכטער, וועלכער האָט בשום אופן נישט געוואָלט מסכים זיין, אַז אַלץ וואָס עס ווערט איבערגעחזרט אין אַ משך פון צען יאָר, בכלל ווען אַלע פון די י. וו. וו. האָט אַ שייכות גראָד צו „זיינע" אָנגעקלאָגטע

אָבער דאָס פּרעגט זיך מאַכן זעלטן דאָס רוב ריכטער פּלעגן גערן אַרויסווייזן זייער גרייטקייט מיטצואַרבעטן מיט די גרויסע געשעפטס-לייט און העלפן זיי באַפרייען דאָס לאַנד פון דער רויטער געפאַר. און אַזוי האָט שוין פּעטער כמעט געהאַלטן ביי הונדערט, נאָר דאַמאָלסט האָט אים געפּו אַרויסגערופן, אַרויסגעגעבן אים זיין לעצטן טשעק און באַפרייט פון דער שטעלע.

דאָס איז געשען אין ריכפּאַרט און פּעטער האָט דאַמאָלסט געהאַט ביי זיך אין קעשענע הונדערט טויזנט דאָלאַר. איצט האָט פּעטער געפילט, אַז ער האָט באמת פאַרדינט אַ ביסל אַ לעב צו טאָן. ער איז זיך געגאַנגען אַזוי איבער די „ווייסע גאַס" און נעבן אַ קינאָ האָט צו אים אַ שמייכל געטאָן אַ מיידל מיט גאָלדענע האָר. דאָס איז נאָך געווען אין די צייטן, ווען מען פּלעגט פאַרקויפן די דריי און פיר-פּראָצענטיקע ביר און פּעטער האָט דאָס מיידל איינגעלאַדן אויסצוטרינקן אַ גלעזל. ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט איז געווען פינסטער און זיין קאָפּ האָט אים שרעקלעך וויי געטאָן. ער האָט גענומען טאַפּן אַרום זיך, האָט ער געכער פאַרשטאַנען ווי דערווען, אַז ער ליגט אויף דער ערד אין אַ פינסטערער אַלייע. פּעטער איז אַ צוטומלטער געוואָרן. עס האָט אים פאַרקוועטשט אין האַרצן פון אימה, און ער האָט זיך גלייך אַ כאַפּ געטאָן צו דער קעשענע און מער ווי אַ לאַך האָט ער דאָרטן נישט געפונען. און ווידער אַמאָל איז פּעטער רואינירט געוואָרן, און ווייטער דורך אַ פרוי.

פּעטער האָט זיך געווענדעט צו דער

פּאָליציי. די פּעולה איז אָבער דערפון געווען אַ גאַנץ קליינע. מען האָט דאָס מיידל נישט געפונען — אָדער מען האָט זי יאָ געפונען, אָבער פון זיין געלט האָט שוין פּעטער קיין מאָל נישט געזען קיין גראָשן אין די אויגן. פּעטער איז אַוועק צום פּאָליציי-סערזשאַנט, האָט אַפּעלירט צו זיין באַרמהאַרציקייט, דערוויזן, אַז ער, פּעטער, איז אויך איינע פון די שרייפלעך אין דער מאַשין, וואָס אַרבעט אויף צו פאַרדינען דאָס פאָטערלאַנד און אַז די פּאָליציי מוז אים קומען צו הילף. און סוף כל סוף האָבן אַ פּנים פּעטערס טענות געהאָלפן, דער סערזשאַנט האָט מסכים געווען צו באַצאָלן פאַר אַ דעפּעש צו געפין, זי האָט אָבער געדאַרפט באַשטיין מער נישט ווי פון צען ווערטער. ס'איז פּעטערן זייער שווער געווען צו באַלויכטן זיין שרעקלעכע לאַגע בלויז אין צען ווערטער, ער האָט זיך לאַנג געמאַטערט ביז עס האָט זיך אים איינגעגעבן דאָס ווי נישט איז צו מאַכן. ער האָט געשריבן: „ווידער פרוי, לגמרי רואינירט, כ'בעט זייער אַרבעט, געלט-הוצאות — טעלעגראַפיש". און אַ פּנים, אַז געפי האָט זיך אויך געוואָלט האַלטן ביי די צען ווערטער: ער האָט געשיקט אַזאַ מין תשובה: „אידיאָט, כ'האָב טעלעגראַפירט סעקרעטאַר האַנדלס-קאַמער, ער וועט אייך בילעט געבן".

פּעטער איז תיכף אַוועק אין דער גרויס-אַרטיקער געביידע פון האַנדלס-קאַמער. דער יונגער סעקרעטאַר, וועלכער האָט אויסגעזען זייער פאַרטאָן איז געשעפט, קלוג און טיכטיק, האָט גלייך ווי ער איז געקומען צוגערופן איינעם פון די אָנגעשטעלטע און געהייסן אַוועקפירן פּעטערן צום באַן, קויפן אים אַ בילעט און אַריינזעצן אין וואַגאָן. אין דעם מאָמענט האָט פּעטער געפילט, וואָס דאָס דויכט האָבן הינטער זיך אַזאַ גרויסע און מעכטיקע אָרגאַניזאַציע מיט אַזעלכע שיינע, גרויסע ביוראָען און געלט צו יעדער צייט, וואָס עס זאָל זיך נישט מאַכן. און ער האָט פון דאַסניי פאַר זיך אַליין געשוווירן שוין אויף ווייטער צו זיין גוט און פרום, כדי ער זאָל תמיד קענען פילן הינטער זיך די מעכטיקע קרעפטן פון געזעץ און אָרדנונג.

77

מען האָט פּעטערן גוט אויסגעזידלט און גענומען אים אויף אַ שטעלע אין ביוראָ פאַר צוואַנציק דאָלאַר אַ וואָך. שפּילן אַ ראָלע פון אַ רויטן, האָט ער שוין איצט נאַטירלעך נישט געקאָנט; זיין אַרבעט איז באַשטאַנען אין צוזאַמענקומען זיך מיט די גרויסע צאָל געפּיס אַגענטן און איבערגעבן זיי די ידיעות, וואָס ער האָט געהאַט וועגן די אָרגאַניזאַציעס פון די רויטע און זייערע איינצלנע טוער. אַחוץ דעם זענען נאָך געווען פאַלן, ווו ער האָט אָן ריזיקע געקאָנט אויספירן דעטעקטיוו-אַרבעט; דאַמאָלסט למשל, ווען מען האָט געדאַרפט אויספאָרשן דעם פריערדיקן אַרט לעבן פון וועמען עס איז פון די געשוואָרענע.

די י. וו. וו. פון אַמעריקען-סיטי זענען געצוווּנגען געווען אָפּצושטעלן זייער טעטיקייט, די סאָציאַליסטן אָבער האָבן נישט געקוקט אויף אַלע רדיפות און ווייטער געפירט זייער אַרבעט. און נאָך אַ געפאַר האָט זיך אָנגעהויבן אָנצייכענען אויפן האָ-

דיזאָנט: די סאָלדאַטן האָבן זיך אָנגעהויבן אומצוקערן אַהיים. אַסך פון זיי זענען געווען שטאַרק אומצופרידן, האָבן זיך באַקלאָגט אויף דער באַהאַנדלונג, וואָס זיי האָבן געהאַט אין דער אַרמיי און די אַרבעטסלאָזיקייט אין דער היים איז זיי אויך נישט געווען שטאַרק צום האַרצן. גאָרנישט דאָס אַליין איז זיי נישט געפעלן געוואָרן; זיי האָבן זיך אויך נישט געשעמט צו קריטיקירן דעם שלום־אָפּמאַך, וואָס דער פרעזידענט האָט ערשט איצט געשלאָסן אין פּאַריז. זיי האָבן געטענהט, אַז זיי זענען געגאַנגען קעמפן, כדי צו פאַרזיכערן דער וועלט די דעמאָקראַטיע און איצט לאָזט זיך אויס, אַז זיי האָבן גאָר פאַרזאָרגט די וועלט מיט פּראָפיטן. דאָס איז דאָך געווען דער אמתער באָלשעוויזם אין זיין געפערלעכסטער פאָרם. און די יונגע לייט האָבן זיך נאָך געלערנט ווי צו באַגיין מיט געווער און עס איז שווער געווען צו האָפן, אַז זיי וואָלן באַלד ווערן פּאַציפיסטן.

פאַר דער צייט פון דער מלחמה האָבן אין לאַנד אויסגעפעלט אַרבעטער. די שטאַרקע פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס האָבן דאָס אויסגענוצט און די אַרבעטער האָבן זיך אומעטום דערשלאָגן צו העכערע שכירות. מען קען זיך פאָרשטעלן, אַז דאָס האָט שטאַרק אויפגערעגט די הערן פון האַנדלס־קאַמער און פון סוחרים און פאַבריקאַנטן־פאַריין; זיי האָבן די גאַנצע צייט געהאָפט אויף די סאָלדאַטן, וואָס וועלן זיך אומקערן פון דער מלחמה. מיט זייער הילף האָבן זיי גערעכנט צו ברעכן די שטרייקן און בכלל אַ סוף צו מאַכן פון די סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציעס

די שטימונג פון די צוריקגעקומענע סאָלדאַטן, האָט געקאָנט צושטערן אַלע זייערע פּלענער, זיי זענען אָבער בײַ זיך נישט אַראָפּגעפאַלן. מען האָט באַשלאָסן נישט קוקן אויף קיין שום זאַך און פּרוּוון אָרגאַניזירן צו דעם צוועק די סאָלדאַטן.

די האַנדלס־קאַמער האָט תיכף אַסיגנירט פינף און צוואַנציק טויזנט דאָלאַר אויף איינצואָרדנען אַ סאָלדאַטן־קלוב און די אַרבעט האָט זיך אָנגעהויבן. און עס האָט גאָר לאַנג נישט געדויערט, ווי עס האָבן פאַרשטרייקט די אַרבעטער פון דער שטאָטישער באַן און סאָלדאַטן אין אוניפאָרם האָבן זיך אויף זייער אָרט געשטעלט צו דער אַרבעט.

עס איז געווען איינער אַ וועטעראַן סידני, וועלכער האָט זיך שטאַרק אַנטקעגן געשטעלט דער דאָזיקער באַוועגונג. ער האָט אַרויסגעגעבן אַ צייטונג „דער פרײַנט פון די וועטעראַנען". אין דער דאָזיקער צייטונג האָט ער פּראָטעסטירט קעגן דעם, וואָס די סאָלדאַטן האָבן גענומען אויף זיך די ראָל פון די „געלע". דער סעקרעטאַר פון סוחרים און פאַבריקאַנטן־פאַריין, האָט פאַרופן סידנייען צו זיך און האָט אים מתרה געווען, אַז ער זאָל אויפהערן זיין אַגיטאַציע. סידני האָט אָבער ווייטער געטון זיינס, דאַמאָלסט זיך דער ענין איבערגעטראָגן אין געהיים ביוראָ; זי האָט דאָס אים געדאַרפט פאַרשטאָפּן דאָס מויל. אין דער אַרבעט האָט זיך אויך באַטייליקט פּעטער. אָפן האָט ער נאַטירלעך נישט געקאָנט אַרויסטרעטן, נאָר הינטער די קוליסן האָט ער געאַרבעט.

קודם כל האָט מען זיך גענומען פאַקן שפּיאָנעס צו סידניין און רעדאַקציע; און

גאָר אַ קורצע צייט זענען זיי דאָרטן געווען אין אַזאַ צאָל, אַז זיי פלעגן צווישן זיך אַליין לאַכן, אַז זיי טרעטן איינע די אַנדערע אויף די פיס. סידניי איז געווען אַ גרויסער אָרימאַן. זיינע פאָר גראָשן האָבן אים קוים געקלעקט ווי נישט איז אַרויסצוגעבן די צייטונג. און זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ביי אַזאַ לאַגע פלעגט ער יעדע פרייע מיטאַרבעט אָננעמען מיט דער גרעסטער דאַנקבאַרקייט. און געפּים האָט אים אַזעלכע מיטאַרבעטער נישט געקאַרגט. גאַנצע זיבן שטיק האָט ער אים אַריינגעשיקט. איינער האָט געפירט סידניס ביכער, אַ צווייטער פלעגט גיין ערלעדיקן אַלץ אויף פּאָסט, צוויי פלעגן זאַמלען געלט פאַר דער צייטונג און די פאַריינען און אַנדערע פלעגן סתם קומען אַלע טאָג אין רעדאַקציע געבן גוטע עצות. און גלייכצייטיק האָט סידניי נישט אויפגעהערט צו קריטיקירן דעם סוחרים- און פאַבריקאַנטן-פאַריין און אָנצופאַלן אויף דער רעגירונג, וואָס זי טוט גאָרנישט, כדי צו פאַרזאָרגן מיט אַרבעט די צוריקגעקומענע סאָלדאַטן.

צווישן דער ספּעציעלער קאַטעגאָריע פון געפּים מיטאַרבעטער, צווישן וועלכע עס האָבן געהערט פּעטער הורדוש און דזשאַי ענגעלס, איז אויך געווען איינער יאָנאַס. יאָנאַס האָט זיך אַליין אַטעסטירט אַלס אַ „אַנאַרכיסט-פילאָזאָף" און האָט געשפּילט אַ ראָליע פון דעם רויטסטן אין אַמעריקען-סיטי. אויף די פאַרזאַמלונגען ביי די ראַדיקאַלן פלעגט יאָנאַס האַלטן רעדעס און שטעלן פראַגן אַנדערע רעדנער. און דער עיקר זענען טאַקע געווען זיינע פראַגן; זיי זענען תמיד געווען אַזוי קונציק אַוועקגעשטעלט, אַז דער רעדנער פלעגט זיין געצוווּנגען אַרויסצוזאָגן זיין הסכמה מיט מאַסן-אַקציעס, געוואַלט-מיטלען און אויפשטאַנדן, און טאָמער פלעגט זיך מאַכן אַ רעדנער, וואָס פלעגט זיך נישט לאָזן אַראָפפירן פון וועג, פלעגט יאָנאַס ערשט דעמאָלט פאַנאַנדערלאָזן זיין צונג, און אויפן רעדנער פלעגן זיך אַ שאָט-טון כלערליי עפּיטעטן, אַז ער איז אַ שוואַכער מענטש, אַז ער נאַרט-אָפּ דעם פּראָלעטאַריאַט און נאָך און נאָך אַנדערע. דעמאָלט פלעגן זיך תמיד געפינען עטלעכע מענטשן, וואָס פלעגן אים אַפּלאָדירן, און געפּים חברה פלעגט אַזוי-אַרום זיך דערוויסן, ווער עס זענען די אמתע רויטע.

פּעטער האָט שוין פון לאַנג געהאַט אַ חשד אויף יאָנאַסן, אַז ער געהערט צו זיין חברה. און ענדלעך האָבן זיי בזיך ביידע צוזאַמענגעטראָפן אין צימער 427, און האָבן ביידע צוזאַמען אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן, ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון סידנייען. יאָנאַס האָט אָנגעשריבן אַ בריוו, כּלומרשט אין נאָמען פון איינעם אַ דייטשן חבר, אין וועלכן ס'זענען אָנגעוויזן געווען עטלעכע נעמען פון אייראָפּעישע צייטונגען, צו וועלכע סידניי האָט געדאַרפט צושיקן זיין בלאַט. דער בריוו איז אַוועקגעשיקט געוואָרן. אויף מאָרגן, ווען יאָנאַס איז געקומען אין רעדאַקציע, האָט אים סידניי געוויזן דעם בריוו. יאָנאַס האָט געלייענט און זיך כּלומרשט זייער דערפרייט, האָט געזאָגט, אַז דאָס זענען אַלץ סאָציאַליסטישע אָרגאַנען, און עס וואָלט זיין אַ יושר צו שרייבן זיי וועגן דער שטימונג פון די אַמעריקאַנער סאָל-

דאַטן נאָך דער מלחמה; זיי וועט דאָס זיכער אינטערעסירן. גערעדט — געטון! סידניי האָט זיך אַוועקגעזעצט ביים שרייבטיש און יאָנאַס האָט דיקטירט: „מיין אַמאָליקן וואָפן־שונא שיק איך מיין ברידערלעכן גרוס. זייט באַגריסט ווי ברידער פון דער צוקינפטיקער גרויסער געמיינשאַפט". און נאָך אַ גאַנצע רייע אַזעלכע אויסגעדראָשענע, אינטערנאַציאָנאַלע פראַזן, וועלכע פלעגן טאָג־טעגלעך איבערגעחזרט ווערן פון אַלערליי אַגיטאַטאָרן מיטן מויל און פעדער.

סידניי האָט אַוועקגעשיקט דעם בריוו צוזאַמען מיט אַ פּעקל ציטונגען. געפּיס חברה האָט אָבער אונטערגעקויפט די באַאַמטע און אָפּגעהיט, אַז דער בריוו זאָל נישט אַוועקגיין. סידניס בוכהאַלטער, — אויך געפּיס אַ מענטש — איז אַוועק אין דער פּראָקוראַטור און געגעבן אַ שבועה, אַז סידניי האָט בעת דער מלחמה געהאַט באַציִונגען מיט די שונאים. די פּאָליציי האָט באַקומען אַ באַפעל צו אַרעסטירן סידניען. מען איז תיכּף באַפאַלן די רעדאַקציע, אַלץ דורכגעזוכט, צעשליידערט און צעוואָרפן, צוגענומען די אַבאָנענטן־צעטלען און אַרעסטירט סידניין.

אויפגעגעבן דעם גאַנצן פּלאַן האָט פּעטער. דאָס איז געווען זיין אידייע. איצט האָט אָבער יאָנאַס דער שווינדלער געטענהט, אַז דאָס האָט ער אַליין אויסגעקלערט און האָט געוואָלט אָפּנעמען ביי פּעטערן דעם כּבֿוד. דערפאַר האָט פּעטערן שטאַרק הנאה געטון, ווען ער האָט זיך דערוווּסט, אַז די פּראָקוראַטור האָט געזאָגט, אַז דער ענין איז שלעכט געמאַכט געוואָרן, און אַז זי קען זיך מיט אים נישט פאַרנעמען. דער פּראָקוראָר באָרכאַרד איז אָבער אַפּנים נישט געווען אַזאַ „פיינשמעקער"; ער האָט דעם ענין יאָ אָנגענומען. זיינע אַגענטן זענען תיכּף באַפאַלן די רעדאַקציע, האָבן געמאַכט אַ תל פון אַלץ, וואָס ס'איז נאָך דאָרטן פאַרבליבן, און דעם אַלטן סאָלדאַט אויפסניי אַריינגעפאַקט אין תּפֿיסה.

אין „טיימס" איז דער ענין געווען באַשריבן מיט גרויסע, פעטע אותיות. עס זענען דאָרט אָנדערציילט געוואָרן הרים־וגבעות וועגן די באַציִונגען, וואָס דער רעדאַקטאָר פון „פריינט פון די וועטעראַנען" האָט געהאַט מיט די שונאים און אַלס אַ באַשטעטיקונג דערפון זענען געבראַכט געוואָרן פאָטאָגראַפיעס פון זיין פאַרעטערישן בריוו און פון בריוו פון דייטשן פאַרשווערער. דעם רעדאַקטאָרס פּראָצעס האָט זיך געצויגן אַ גאַנץ יאָר, און הגם עס זענען אַריינגעטראָגן געוואָרן די געפאָדערטע פופציק טויזנט דאָלאַר ערבֿות־געלט און ער איז געווען אויף דער פריי, איז זיין לאַגע געווען זייער אַ טרויעריקע, ווייל געפּי האָט אָנגענומען אַלע מיטלען, אַז ער זאָל אין אַמעריקען־סיטי קיין שום אַרבעט נישט קריגן, און אַזוי ווי זיין ציטונג איז אויך געווען רויִנירט, איז ער מיט זיין פאַמיליע אויסגעשטעלט געווען אויף אַ הונגער־טויט.

79

שוין אַכט חדשים צייט, ווי פּעטער האָט געאַרבעט טריי און ערלעך און אָפּגעהיט די הבטחה, וואָס ער האָט געגעבן געפּין, נישט אָנגעקוקט קיין ברוי־

דאָס איז דאָך אָבער ניט קיין נאָרמאַל לעבן פֿאַר אַ יונגן מענטשן, און פּעטער האָט זיך טאַקע געפֿילט זייער איינזאַם, און ביינאַכט פֿלעגן אים ניט איין מאָל קומען צו חלום די מיידלעך, וואָס ער האָט אַמאָל געקענט. ער פֿלעגט זיך דערמאָנען אָן נעל דולין, ראָזע שטיין, און טיילמאָל פֿלעגט אים אַפֿילו די קליינע דזשעני אַרײַנקומען אויפֿן זינען. און איינמאָל האָט אויסגעטויכט אין זיין זכרון גאָר אַ נײַע געשטאַלט; ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער פֿריילין פּריזבי, די קליינע מאַניקירשע, וועלכע האָט אים אַוועקגעוואָרפֿן דערפֿאַר, וואָס ער איז געווען אַ רויטער. איצט איז ער דאָך שוין אָבער ניט קיין רויטער, פֿאַרקערט, ער איז אַ העלד, זיין בילד איז געווען פֿאַרעפֿנטלעכט אין „טיימס", און פֿריילין פּריזבי האָט אים מסתמא זיכער געזען. פּריזבי איז אַן ערלעך אויפֿריכטיק מיידל — מיט איר קען ער זיך פֿאַרבינדן, ניט זורא-האָבנדיק פֿאַר קיין שום זאַך.

פּעטער האָט לאַנג ניט געקלערט, ער איז אַוועק אין מאַניקיור-סאַלאָן און האָט דאָרטן טאַקע געפֿונען זיין בלאָנדע דאַמע. עס האָט זיך אויסגעלאָזן, אַז פּעטער האָט זיך ניט אָפּגענאַרט, זי האָט טאַקע געלייענט וועגן אים אין צייטונג און האָט שוין לאַנג געחלומט וועגן דעם טאָג, ווען איר וועט אויסקומען זיך מיט אים פֿון דאָסניי צו באַגעגענען. פּעטער האָט זי גלייך איינגעלאַדן אין קינאָ און נאָך דעם זעלבן אָוונט זענען זיי שוין ביידע געוואָרן גאַנץ גוטע פֿריינט און אַ וואָך אַרום האָט זיך זיי ביידן געדוכט, אַז זיי קענען זיך שוין פֿון לאַנגע יאָרן. און ווען פּעטער האָט איינמאָל געפֿרעגט ביי פּרל. פּריזבי, צי ער מעג איר אַ קוש טון, האָט זי אים מיט אַ כיטרער מינע געענטפֿערט אויף יאָ. נאָך פֿונדעסטוועגן, אַז זי האָט געזען, אַז ער קושט זי ניט איין מאָל, האָט זי אים געזאָגט, אַז זי האַלט זיך אויס פֿון איר אייגענעם פֿאַרדינסט, אַז זי איז איינע אַליין, אַז זי האָט אויף דער וועלט קיינעם ניט, אַז זי איז תמיד געווען אַן ערלעך מיידל און איידער זי וועט אים ערלויבן, ער זאָל איר ווייטער אויך מעגן קושן מוז זי זיך מיט אים נענטער באַקענען. פּעטער האָט דעם ענין דורכגעטראַכט און איז געקומען צום אויספֿיר, אַז ער האָט שוין גענוג נאַרישקייטן אָפּגעטון אין דער יוגנט און אַז ס'איז שוין צייט אַ ביסל קליגער צו ווערן. אויף מאָרגן אין אָוונט האָט ער זיך מכח דעם דורכגערעדט מיט פֿריילין פּריזבי און איידער דער אָוונט האָט זיך געענדיקט זענען זיי שוין ביידע געווען חתן-כּלה.

אויף מאָרגן איז פּעטער אַוועק צו געפֿין, ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן סאַמע ברעג שטול, ניט ווייט פֿון געפֿיס פּולט, און, דרייענדיק פֿאַרשעמט זיין קאַפּעלוש צווישן די פֿינגער, האָט ער אַ פֿאַררויטלטער זיך שטילערהייט מודה-געווען אין זיין נייער זינד. פּעטער האָט זיך געריכט אויף אַן אמתן שטורעם פֿון חווק, און ס'איז אים ממש אַראָפּ אַ שטיין פֿון האַרצן, ווען ער האָט דערהערט ווי געפֿי זאָגט, אַז אויב פּעטער האָט באמת געפֿונען אַן ערלעך מיידל און וויל מיט איר חתונה-האָבן, איז וואָס קען דאָס אים אַרן? עס קען ניט

זיין קיין בעסערע זאך, ווי די השפעה פון אן אנשטענדיקער פרוי, און געפי וויל אלעמאל גערנער האבן חתונה־געהאטע אנגעשטעלטע, וועלכע פירן אן אנשטענדיק באלעבאטיש לעבן. אויף אזעלכע קאן מען זיך בעסער פארלאזן, און אחוץ דעם קומט עס זייער צונויץ, בעת מען דארף אמאל האבן א דעטעקטיוו א פרוי. ווען פעטער וואלט חתונה־געהאט מיט א פאר יאר צוריק, וואלט ער שוין איצט זיכער געהאט א שיינע מטבע אין באנק.

ווייבאלד די זאך האלט אזוי, האט שוין פעטער געפועלט ביי זיך אנצונעמען, אז ביים היינטיקן יקרות איז 20 דאלאר א וואך נישט קיין שכירות פאר א פאמיליען־מענטשן. געפי האט דערמיט מסכים־געווען און האט צוגעזאגט צו העכערן פעטערן ביז דרייסיק דאלאר א וואך. ער וויל אבער פריער זיך אדורכריידן מיט זיין כלה און זען, אויב זי איז באמת אזא ווי פעטער זאגט. פעטער האט זיך זייער דערפרייט, און אויף מארגן האט פריילין פריזבי געהאט א פארטרוילעכן שמועס מיט פעטערס עלטסטן. נאך דעם דאזיקן שמועס האט זיך שוין פעטער א סך ווייניקער געפרייט, ווייל געפי האט דערציילט פעטערס כלה וועגן אלע שוואכע זייטן פון איר צוקונפטיקן מאן, און האט איר געהייסן האלטן אים פעסט אין האנט.

אין א וואך־ארום נאך פעטערס שנעלער חתונה, איז אים שוין אויסגעקומען צו האבן א סכסוך מיט זיין ווייב, און פעטער האט באלד פארשטאנען, ווער עס וועט זיין דער דעה־זאגער אין שטוב.

מען האט אים געוויזן זיין ארט, און ער האט זיך צוריקגעצויגן מיט דער נאכגעגיביקייט פון יענעם מאן, וואס האט אמאל געזאגט, אז ער און זיין פרוי קומען זייער גוט אויס צווישן זיך: ביי אלע קלייניקייטן גיט ער איר נאך, און זי ווידער האט אים צוגעזאגט נאכצוגעבן ביי אלע גרויסע זאכן, אבער ביז איצט האבן זיך אליין נישט געמאכט קיין גרויסע זאכן...

בכלל גענומען איז אבער אלץ געגאנגען זייער גוט. גלעדיס פריזבי איז געווען אן אויסגעצייכנטע באלעבאסטע און זי האט זייער פלייסיק געבויט איר נעסט. דערביי האט זי נישט אוועקגעווארפן איר פאך, האט געארבעט ווי פריער, ווייל, לויט איר מיינונג, האבן אלע רויטע גאר אינגיכן געדארפט אויסגעראטן ווערן און פעטער וועט בלייבן אן ארבעט. אין די אוונטן האט זי זיך געזוכט א דירה. ענדלעך האט זי זיך געפונען א דירה לויט איר געשמאק און זי האט אפילו מיט פעטערן זיך קיין עצה נישט געהאלטן. דערנאך איז זי אוועק, האט זיך איינגעקויפט מעבל, טאפעטן, האט שיער א גאנץ געשעפט נישט אויסגעליידיקט, כדי אנצופילן איר נעסט.

גלעדיס פריזבי־הודזש איז געווען אן אייבערגעגעבענע לייענערין פון אלע מאדע־זשורנאלן און האט תמיד געוווסט, וואס ס'איז די נייסטע מאדע; אחוץ דעם האט זי ערגעץ געקראגן א בוך וועגן עטיקעט און האט אים אליין אויסגעלערנט אויס אויסנווייניק און האט אויך פעטערן געלערנט. פארוואס זאל ער עפעס אייביק זיין א „דזשימי היגענס" ביי די ווייסע? פארוואס טאקע נישט אנהייבן אויפצו-

פירן זיך ווי אַ רייכער מענטש און נישט ריידן מיט דער שפּראַך פון די געבילדעטע? יעדן זונטיק פלעגט פעטער מוזן אָנטאָן זיין נייעם האַרטן הוט מיט זיינע ברוינע הענטשקעס און גיין מיט איר אין קלויסטער „פון גאָטס רחמנות" הערן דעם באַרימטן פּרעדיקער. בשעת דער תפילה פלעגט גלעדיס אַראָפּבויגן פרום איר קאָפּ און בשעת־מעשה באַטראַכטן פון אונטער די אַראָפּגעלאָזטע ברעמען דאָס קלייד פון דער דאַמע, וואָס איז געזעסן אויף דער אַנטקעגנאיבערדיקער באַנק.

דערנאָך פלעגן זיי זיך ביידע אַרומשפּאַצירן צווישן עולם און גלעדיס פלעגט אָנווייזן פעטערן, ווער זי האַלט פאַר באמת־פיינע מענטשן. אין די אָוונטן פלעגן זיי ביידע גיין שפּאַצירן, קוקן אין פענסטער פון די גרויסע געשעפטן, אָדער אַרומדרייען זיך אין די האָטעל־זאַלן, וווּ מען האָט אומזיסט געקאָנט באַטראַכטן די רייכע. ווען פעטער פלעגט ווערן הונגעריק, פלעגט ער פאַרלייגן, זיי זאָלן גיין ערגעץ אין אַ ביליקן רעסטאָראַן צובייסן. גלעדיס פלעגט אָבער אויף דעם בשום־אופן נישט איינגיין; זי האָט געהאַט אַן אַפּעטיט פון אַ פויגעלע, און פלעגט נישט אַנדערש וועלן, אַז מען זאָל גיין אין רעסטאָראַן פון האָטעל דע סאַטאַ און עסן דאָרט אַ טעלער זופּ מיט אַ שטיקל ברויט — אַבי צו געניסן פון דער עלעגאַנטער סביבה און צו זען, ווי פיינע מענטשן האַלטן זיך ביים עסן.

## 80

גלעדיס פּריזבי הודוש האָט פונקט אַזוי פיינט געהאַט די אָרעמע לייט, ווי זי האָט ליב געהאַט די גבירים. און פיינט האָט זי זיי געהאַט נישט דערפאַר וואָס זיי זענען דאָ אויף דער וועלט; זי האָט אפילו געהאַלטן, אַז אָרעמע־לייט דאַרפן זיין, אַז אַז פיינע, רייכע מענטשן קאָנען בלויז דאַמאָלסט עקזיסטירן, ווען עס זענען דאָ נישט קיין רייכע. און ווען די אָרעמע לייט ווייסן נאָר זייער אָרט וואָלט גאָרנישט געשאַט, וואָס זיי זענען דאָ. און גלעדיס האָט זיי בלויז נישט געקאָנט מוחל זיין דאָס, וואָס זיי האָבן די העזה צו וועלן זיך רוקן אויף אַן אַנדער אָרט און דאָס, וואָס זיי ערלויבן זיך צו קריטיקירן די, וואָס שטייען העכער פון זיי.

גלעדיס האָט געהאַט אַ טבע אַלײן וואָס איז איר אויף דער וועלט נישט געפעלן געוואָרן צו באַצייכנען מיטן וואָרט: געמיין. און! אַזוי פלעגט זי זאָגן אויף מענטשן מיט וועלכע זי האָט זיך נישט געוואָלט באַקענען, אַז זיי זענען געמיין. מיט דעם זעלבן וואָרט פלעגט זי אויך אַרויסזאָגן איר מיינונג וועגן פעטערס האַלטונג און וועגן זיין געשמאַק, וואָס האָט געהאַט אַ שייכות צו קאַפּעלושן. און האָט שוין גלעדיס עפּעס געהאַלטן פאַר געמיין האָט זי עס פיינט געהאַט פון גאַנצן האַרצן, און קיים זענען דאָס, וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר געמיין, געווען מענטשען, האָט זי זיי אַזוי פיינט געהאַט, אַז זי האָט פשוט געוואָלט פון זיי נקמה נעמען. זי האָט געקוקט אויף זיי ערגער ווי אויף אירע פערזענלעכע שונאים, ווייל זיי זענען געווען שונאים פון אַ סך אַ העכערער זאַך ווי איר אייגענע פּערזאָן — פון איר אידעאַל.

גאָר אַמאָל האָט אפשר פעטער אויך

געהאַט אַזעלכע געפֿילן, אָבער איצט, אַז ס'איז אים געווען אַזוי גוט איז ער געוואָרן אַ סך גוטמוטיקער און ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע נייגונג אָפּצולאָזן זיך. ס'איז דערפֿאַר געווען זייער גוט פֿאַר אים, וואָס גלעדיס איז געווען אַזאַ דזיציקע; זי פֿלעגט אים אויפֿמונטערן און טרייבן צו דער אַרבעט. לכתחילה האָט גלעדיס קיינעם פֿון די רויטע נישט געקענט, זי פֿלעגט זיך נאָר אָנהערן, וואָס פּעטער פֿלעגט איר דערציילן. און יעדע נייע גרופּע רויטע, וועגן וועלכע פּעטער פֿלעגט איר דערציילן, פֿלעגט אין אירע אויגן אויסזען ווי אַ נייע מחנה לעבעדיקע טייוואָלים. און בשעת זי פֿלעגט פֿאַרלירן די נערוון פֿון די דיקע דאַמען, וועלכע פֿלעגן זיין צו פֿויל, כדי צו רעדן מיט איר, פֿלעגט זי זיך דערווייל טראַכטן, ווי אַזוי מען וואָלט געקאָנט אויסראָטן די דאָזיקע טייוואָלים.

טיילמאָל זענען אירע אידייען געווען ממש גלענצנד; זי האָט פֿאַרמאָגט אַ געוואַלטיקע אינטואיציע און איז געווען אַ גרויסער מבֿין אויף מענטשלעכע שוואַכקייטן. ס'איז גענוג געווען, אַז פּעטער זאָל איר בלויז דערציילן וועגן עפּעס־וואָס, און ביי איר איז שוין געווען פֿאַרטיק אַ פּלאַן, ווי אַזוי אומגליקלעך צו מאַכן דעם אָדער יענעם פֿון די יינגע ראַדיקאַלן, און דאָס רובֿ איז דער פּלאַן געווען אַזוי טרעפֿלעך, אַזוי קונציק צוגעטראַכט, אַז ווען זי וואָלט יענעם געקענט איר גאַנץ לעבן, וואָלט זי דאָס בעסער נישט געדאַרפֿט מאַכן. פּעטער פֿלעגט זיין פֿרויס פּלענער איבערגעבן גיוונייען, אָדער געפֿינען, ביז איר טאַלענט איז סוף־כל־סוף איינשטימיק אָנגערעקנט געוואָרן און זי האָט באַקומען אַן איינלאַדונג מיטצואַרבעטן מיט אַ געהאַלט, אַז ס'האָט איר געלוינט אַוועקצוּוואַרפֿן דעם מאַניקיר־סאַלאָן.

די ערשטע אַרבעט, וואָס פּעטער האָט איר איבערגעגעבן, איז געווען אַזאַ מין: עס איז געווען איינער אַ רייכער מענטש, וואָס פֿלעגט אונטערשטיצן האַלבּ־רויטע אָרגאַניזאַציעס. פֿאַר געפּיס אַגענטור איז ער געווען אַ דאָרן אין אויג; מען האָט געדאַרפֿט עפּעס טון קעגן אים. דער איינציקער חטא זיינער איז געווען, וואָס וועגן זיין פֿאַמיליען־לעבן האָבן זיך געטראָגן נישט קיין גאָר שיינע קלאַנגען, און וועגן דעם טאַקע האָט געפּי געוואָלט האָבן מער קאָנקרעטע ידיעות. גלעדיס האָט זיך געדאַרפֿט פֿאַרבינדן מיט יענעמס דינערשאַפֿט און אַרויסבאַקומען פֿון איר דאָס, וואָס געפּי האָט געדאַרפֿט האָבן. און גלעדיס האָט אַזוי גלענצנד דורכגעפֿירט איר אויפֿגאַבע, אַז געפּי האָט איר תּיכּף אָנגעטרויט נאָך אַ מער פֿאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט: זי האָט זיך געדאַרפֿט באַקענען מיט רייכע דאַמען, אויספֿקלערן זיי, אויף ווי ווייט גרויס ס'איז די רויטע געפֿאַר, און ווירקן, אַז זיי זאָלן געבן געלט אויף געפּיס אַגענטור.

אין יענער צייט איז דער קאַמף מיט די רויטע געווען אין פֿולן ברען. פֿאַר די לעצטע צוויי יאָר צייט נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש אין רוסלאַנד, זענען אין דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי פֿאָרגעקומען פֿאַרביסענע קאַמפֿן, און עס האָבן זיך אָנגעהויבן באַמערקן שפּאַלטונגס־טענדענצן. געפּיס געהיים־אַגענטור, די פּראָקוראַטור, די רעגירונג,

האָבן זיך אַלע צוזאַמען אָנגעכאַפּט אָן דעם, און געטאָן אַלץ, וואָס ס'איז נאָר געווען אין זייערע קרעפטן, כדי די דאָזיקע טענדענצן צו פאַרשטאַרקן.

אין דער פּאַרטיי זענען געווען אַזעלכע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט צו גלויבן אין דער פּאָליטישער טעטיקייט, און זענען גרייט געווען זייער גאַנץ לעבן צו פאַרנעמען זיך מיט דער לאַנגווייליקער אויפגאַבע אויפצובויען אַ פּאַרטיי. אַנדערע אָבער, וואָס האָבן געהאַט ווייניקער געדולד, האָבן געזוכט אַ קירצערן וועג; לויט זייער מיינונג, האָט דער גענעראַל-שטרייק און דער מאַסן-אויפשטאַנד פון פּראָלעטאַריאַט געדאַרפט מאַכן אַ סוף צו דער שקלאַפן-הערשאַפט פון קאַפּיטאַל. זיי האָבן געטענהט, אַז פּאָליטיק איז אַ דורכגעפוילטע זאַך, אַז אַ פּאָליטיקער קאָן אין איין מינוט מער אָפּנאַרן דעם פּראָלעטאַריאַט, ווי דער בעסטער פירער וועט באַווייזן אים צו פאַרהיטן אין משך פון אַ גאַנץ יאָר. זיי פלעגן אָנווייזן אויף די דייטשע מערהייטס-סאָציאַליסטן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעוויזן אַלס פאַררעטער פון אינטערנאַציאָנאַליזם.

דער דאָזיקער קאַמף פלעגט זיך נישט באַגנוגענען מיט אַבסטראַקטע דיסקוסיעס. די ביידע פליגלען פלעגן זייער שאַרף אָנגרייפן איינער דעם אַנדערן. די „פּאָליטיקער" פלעגן אויסלאַכן די, וואָס גלויבן אין זאַכן, וואָס קאָנען קיינמאָל נישט פאַרווירקלעכט ווערן און פלעגן זיי רופן „אַנאַרכיסטן"; דער צווייטער צד ווידער פלעגט טענהן, אַז יענע שטייען אין דינסט בײַ דער רעגירונג.

פעטערס אַרבעט איז איצט געווען צו באַריכטן גיוונייען וועגן אַלע סקאַנדאַלן, וואָס די אַריינגעשיקטע שפּיאָנען פלעגן מאַכן אין דער פּאַרטיי און דעם אינהאַלט פון די לאַנגע דיסקוסיאָנס-רעדעס, וואָס פלעגן דאָרט געהאַלטן ווערן. לעצטנס פלעגט נאָך פעטערן אויך אָפטמאָל אויסקומען צו ריידן וועגן איינעם אַ שאַרל גאַנטאָן.

גאַנטאָן איז געווען אַ זעצער — אַ וואַנדער-אַגיטאַטאָר. ער פלעגט אַרומפאָרן פון איין אָרט אויפן אַנדערן און אַגיטירן פאַר דער דירעקטער אַקציע. אין זיין אַגיטאַציע איז ער געווען זייער דרייסט און פלעגט זיך קיינמאָל נישט רעכענען דערמיט, ווער עס הערט אים.

— גוואַלד — פלעגט ער געוויינלעך זאָגן — וויפיל נאָך טויזנטער יאָרן וועלן מיר זיך אונטערוואַרפן דעם יאָך פון די קאַפּיטאַליסטישע רעגירונגען און וועלן נישט האָבן קיין רעכט זיך אַנטקעגנצושטעלן? גוואַלט-מיטלען? נאַטירלעך מוזן מיר זיך אָפּהאַלטן פון גוואַלט-מיטלען, ביז מיר וועלן נישט זיין גענוג שטאַרק דערצו.

אַחוץ דעם פלעגט זיך נאָך גאַנטאָן אויסצייכענען מיט זיין אויסלאַכן די קאָמפּראָמיסלער און די פּאָליטישע קרעמער. פעטער פלעגט זיך צוהערן צו זיינע ריידן אויף די פּאָליטישע מיטינגען און ער האָט אים געהאַלטן פאַרן געפערלעכסטן מענטשן אין אַמעריקען-סיטי. נאָר זייענדיק שוין אָנגעלערנט מיט דזשואי ענגעל, איז פעטערן איינגעפאַלן, צי איז ער אַמאָל נישט אַ געהיים-אַגענט?

פעטערן האָט זיך קיינמאָל נישט איינגעגעבן צו דערווייזן וועגן דעם אָפּיציעל. ער האָט אָבער געקליבן ידיעות, און אין אַ קורצע צייט אַרום איז ער שוין געווען זיכער, אַז דאָס איז אַזוי. דער לינקער פליגל האָט זיך פון דער פּאַרטיי אָפּגעשפּאָלטן און האָט געבילדעט אַ באַזונדער אָרגאַניזאַציע, און דאָרטן איז ווידער פאָרגעקומען אַ שפּאַלטונג. עס האָבן זיך אויסגעבילדעט: אַ קאָמוניסטישע פּאַרטיי און אַ קאָמוניסטישע אַרבעטער-פּאַרטיי. בעת די ביידע פּאַרטייען האָבן זיך נאָך געהאַלטן אין גרינדן, האָט גיוואַני איבערגעגעבן פעטערן, אַז אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט די רעגירונג אַריינגעשיקט אירען אַן אַגענט. עס גייט אום דעם, אַז מען זאָל אַריינפירן אין פּראָגראַם עטלעכע פּונקטן, וועלכע זאָלן מאַכן די פּאַרטיי פאַר אַן אומגעזעצלעכע; אַז בלויז דאָס געהערן צו איר זאָל שוין קאָנען באַטראַכט ווערן פאַר אַ פאַרברעכן און מ'זאָל קאָנען יעדן מיטגליד אומגעשטערט אַריינזעצן אין תפיסה. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די פּונקטן דאַרפן זיין גוט צוגעפּאַסט צו דער גאַנצער קאָמוניסטישער פּלאַפּלעריי, און אפשר וואָלט עס פעטער געפּרוווט מאַכן?

פעטער האָט די פּונקטן אָנגעשריבן; אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען געקאָנט לייענען אין די צייטונגען אַ באַריכט וועגן דער גרינדונג פון דער פּאַרטיי. דער גרינדונגס-קאָמיטעט האָט פאָרגעלייגט אַ רעזאָלוציע, שאַרטי גאַנטאָן האָט אַריינגעטראָגן אַ צווייטע רעזאָלוציע, האָט דערביי געהאַלטן אַ פייערדיקע רעדע און האָט זי דורכגעפירט.

אין עטלעכע חדשים אַרום, ווען די רעגירונג האָט אָנגעהויבן אירע רעפּרעסיעס קעגן די קאָמוניסטן, איז גאַנטאָן אויך אַרעסטירט געוואָרן. ער איז אָבער אין עטלעכע טעג אַרום, אויף אַ מאָדנעם דראַמאַטישן אופן אַנטלאָפן פון טורמע: ער האָט דורכגעבויערט אַ לאָך אין דאַך פון זיין קאַמער.

80.

אין אַמעריקען-סיטי האָבן זיך ווידער גענומען באַווייזן די י. וו. וו., זיי האָבן זיך אַפילו ערלויבט צו עפענען אַ נייע הויפּט קוואַרטיר. פעטער אַליין האָט אַהין זעלבסט פאַרשטענדלעך נישט געקאָנט גיין, האָט אים גיוואַני צוגעשיקט עטלעכע יונגע בחורים און ער האָט מיט זיי אַריינגעקנעלט די „מלאכה“ ווי אַזוי אַריינצומאַכן זיך צווישן די רויטע, האָט זיי געלערנט ווי זיך צו באַגיין, וואָס צו רעדן און מען האָט זיי אַהין אַוועקגעשיקט. אין אַ קורצע צייט אַרום איז איינער פון דער חברה געוואָרן דער סעקרעטאַר פון דער אָרטיקער גרופּע און ער פלעגט קומען צוויי מאָל אַ וואָך אָפּגעבן פעטערן באַריכטן.

גלייכצייטיק האָט פעטער צוזאַמען מיט זיין פרוי געאַרבעט איבער אַ נייעם פּלאַן פון אַ באָמבע-אַטענטאַט. עס איז אומבאַדינגט נויטיק געווען צוצוציען די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט אויף די דאָזיקע געפערלעכע עלעמענטן. נאָר דאָ האָט זיך פעטער אין אַ שיינעם פרימאָרגן דערוווּסט פון די צייטונגען, אַז אַ נישט פאָרויסגעזעענער צופאַל גיט אים במילא איבער דעם שונא אין דאַנט אַריין.

ערגעץ אין אַ וויטן שטאַט אין צפון-מערב-קאַנט, אין דעם קליין שטעטל צענ-

טראַליאַ איז מען באַפֿאַלן און געמאַכט אַ תל פֿון דער הויפּט־קוואַרטיר פֿון די י. וו. פּונקט אַזוי ווי דאָס איז געווען אין אַמעריקען־סיטי. די י. וו. האָבן זיך דאַמאָלסט אויסגעזוכט אַן אַנדער אָרט; אָבער זיי פֿאַרשטייער פֿון סוחרים־ און פֿאַבריקאַנטן־פֿאַריין, האָבן אויף אַ געהיימער זיצונג ווידער באַשלאָסן זיי צו באַפֿאַלן. די י. וו. האָבן זיך געווענדעט צו דער רעגירונג נאָך הילף און דאַמאָלסט ווען זיי האָבן באַקומען אַן אָפּזאָג, האָבן זיי אַרויסגעלאָזן וועגן דעם אַן אויפֿרוף צו דער באַפֿעלקערונג און האָבן אַפּעלירט צו דער געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג.

נישט געקוקט אויף דעם אַלעם האָבן זיך די געשעפֿט־מענטשן פֿון זייער פּלאַן נישט אָפּגעזאָגט. און אין אַ קורצע צייט אַרום האָבן זיי אים טאַקע דורכגעפֿירט אין לעבן. צום יאָר־צייט פֿון וואָפֿנשטילשטאַנד איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ מיליטערישער פּאַראַד, דער מאַרשרוט איז געווען אַזוי אויסגערעכנט, אַז די סאָלדאַטן האָבן געדאַרפֿט פֿאַרביי גיין די הויפּט־קוואַרטיר פֿון די י. וו. די שטימונג פֿון דער מאַניפֿעסטאַציע איז געווען זייער אַ פּאַטריאָטישע, אַנדערע פֿון די מאַניפֿעסטאַנטן האָבן אַפֿילו געטראָגן אין דער הויך שטריק, ווי אַ סימבאָל פֿון זייערע פֿאַרלאַנגען. ווי מען איז געקומען צו דער געביידע פֿון דער הויפּט־קוואַרטיר האָט מען זיך אָפּגעשטעלט און גענומען זיך גרייטן צום שטורם. מען האָט אויפֿגעבראָכן די טיר און מען איז שוין כמעט געווען אינעווייניק, ווען עס האָט זיך פּלוצלינג דערהערט אַ שיסעריי און עטלעכע פֿון די אָנפֿאַלער זענען געפֿאַלן טויט אויפֿן אָרט. דאָס האָבן פֿון אינעווייניק געשאָסן די י. וו. וו. —

ס׳איז איבעריק צו זאָגן, אַז דאָס האָט אויפֿגעבראַכט דעם המון ביזן העכסטן גראַד, און אַז ער איז דערפֿון שיִער נישט משוגע געוואָרן. די מענטשן, וועלכע מען האָט געפֿונען אינעווייניק, האָט מען געשלאָגן כמעט ביז צום טויט און דערנאָך אַוועקגעשלעפּט אין תּפֿיסה און דאָרטן ווידער געפּייניקט. איינעם האָט מען אַוועקגעשלעפּט אין אַן אויטאָמאָביל, קאַסטרירט און דערנאָך אויפֿגעהאַנגען. און נאָכדעם ווי דאָס שטיקל אַרבעט איז געווען אָפּגעטון, האָט מען זיך ערשט גענומען פֿאַנאַנדערשיקן איבערן לאַנד די געהעריקע באַריכטן. אויף מאָרגן אין דער פֿרי זענען אַלע אַמעריקאַנער צייטונגען געווען פֿול מיט דער באַשרייבונג, ווי אַ גרופּע י. וו. וו. האָט זיך באַוואָפֿנט מיט ביקסן און געשאָסן אויף אַ פֿרידלעכן פּאַראַד פֿון אומבאַוואָפֿנטע וועטעראַנען.

און איצט איז שוין גאַנץ אַמעריקע שיִער נישט משוגע געוואָרן פֿון כעס. די געפּים, גיזוניים און הודושים פֿון אַלע שטאַטן האָבן דערפֿילט, אַז זייער צייט איז געקומען. פּעטער האָט פֿאַררופֿן צו זיך דעם סעקרעטאַר פֿון דער אָרטיקער גרופּע און האָט אים אָנגעזאָגט, אַז שוין היינט אָוונט זאָל צוזאַמענגערופֿן ווערן אַ פֿאַרזאַמלונג, כלומרשט, כדי אָנצונעמען אַ רעזאָלוציע, אַז די באַריכטן, וואָס די צייטונגען האָבן פֿאַרעפֿנטלעכט וועגן צענטראַלע זענען נישט קיין ריכטיקע. און אין דערזעלביקער צייט איז צוזאַמענגערופֿן געוואָרן אַ פֿאַרזאַמלונג פֿון „אַמעריקאַנער לעגיאָן", און איינער פֿון גע־

פּים חברה־לייט, אַ געוועזענער אָפיציר, וואָס איז נאָך איצט אויך געגאַנגען אָנגעטון אין מיליטערישע קליידער, האָט אונטערגעהעצט די יונגע בחורים קעגן די י. וו. וו.

זיין אַגיטאַציע האָט אָפּנים געהאַט די געהעריקע ווירקונג, ווייל ניין אַזייגער אין אָוונט האָבן עטלעכע־און־פערציק יונגען, באַוואָפנט מיט אייזערנע שטאַנגען, זיך אַלאָז־געטון שטורעמוען די פאַרזאַמלונג פון די י.וו.וו. זיי זענען באַפאַלן די פאַרזאַמלטע און גענומען זיי שלאָגן מיט די אייזערנע שטאַנגען איבער די קעפּ. דער אָנפאַל איז געווען אינגאַנצן אומגעריכט און האָט אָנגעמאַכט אַ שרעקלעכע מהומה צווישן עולם, עטלעכע פערזאָן האָבן זיך צעבראָכן די פיס, שפּרינגענדיק דורך די פענסטער. און אויף צומאָרגנס האָט זיך דער „טיימס" גאָרנישט געקאָנט אָפּלויבן פון דער דאָזיקער פּאַטריאָטישער טאַט, און דער פּראָקוראָר באָרכאַרד האָט אָפיציעל געמאָלדן, אַז די העלדישע סאָלדאַטן וועלן נישט באַשטראָפט ווערן; די י.וו.וו. האָבן דאָך אַליין די גאַנצע צייט גערופן צו דירעקטער אַקציע, זאָלן זיי איצט קיין טענות נישט האָבן.

אויפגעמונטערטע דורך דעם אַלגעמיינעם לויב־געזאַנג און אונטערגעהעצט דורך געפּים אָפיציר, האָבן זיך ערשט איצט די מיטגלידער פון „אַמעריקאַנער לעגיאָן" גענומען ווי עס באַדאַרף צו זיין צו דער אַרבעט. איינע נאָך די אַנדערע איז מען באַפאַלן אַלע זאַמלפונקטן פון די ראַדיקאַלן אין שטאָט. מען איז געווען אין רעדאַקציע פון „טראָמפּייט", אין צענטראַל־קאָמיטעט פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, געמאַכט אַ תל פון אַלץ, וואָס דאָרט האָט זיך געפונען און צוגענומען אַ סך ביכער און מאַנוסקריפּטן, מען איז אויך נישט איין בוך־געשעפט באַפאַלן, געלאָפן איבער די צייטונגס־קיאָסקן, דורכגענישטערט יעדעס ווינקעלע, און ווו נאָר מען האָט געפונען אַ עקזעמפּלאַר פון אַ סאָציאַליסטישער צייטונג, האָט מען עס גלייך אויף שטיקלעך צעריסן און דעם פאַרקויפער געדראָט מיט אַרעסט.

איינמאָל האָט זיך די חברה אַריינגעריסן אין קלוב פון דער ליטעראַרישער געזעלשאַפט. אַהין פלעגן זיך דאָס רוב צוזאַמענקומען עלטערע דאַמען; זיי האָבן זיך אַזוי דערשראָקן, אַז אַ סך פון זיי האָבן ספּאַזמירט און זענען געפאַלן אין חלשות, און ענדלעך האָבן זיי זיך דערקליבן צום „רוסישן קלוב".

דאָס איז אייגנטלעך געווען נישט קיין קלוב, נאָר אַ פּעדאַגאָגישער אינסטיטוט. אָבער ווי דאָס זאָל נישט זיין — אַהין פלעגן קומען רוסן, און ווער האָט אין יענער צייט געקאָנט געטרויען די רוסן — זיי זענען אָדער שוין געווען באָלשעוויקעס, אָדער זיי האָבן זיך געקליבן צו ווערן באָלשעוויקעס, און געפּי האָט אָרגאַניזירט דעם אָנפאַל אויף זייער קלוב. די צוויי הונדערט מענטשן, וואָס מען האָט דאָרטן געפונען, האָט מען געשלאָגן כמעט ביז צום טויט. אַנדערע האָט מען געשליידערט דורך די פענסטער, געוואָרפן פון די טרעפּ; איינעם אַן עלטערן לערער פון מאַטעמאַטיק, האָט מען אַזוי־אַרום דעם שאַרבן צעשפּאָלטן, איינעם אַ לערער פון מוזיק האָט מען אויסגעהאַקט די ציי־

עטלעכע מיליאָן זענען זיי געווען יינגע אַמעריקאַנער, אָנגעטון אין מיליטערישע בגדים מיט געווער ביי דער זייט, אויסגעלערנטע, גרייטע, וועלכע האָבן נאָך אָבער נישט באַוויזן איבערצולעבן קיין שום שלאַכט. זיי האָבן זיך אַלע געריסן אין קאַמף און זענען געווען צופרידן, וואָס עס האָט זיך זיי געמאַכט אַ געלעגנהייט צו קעמפן. דער דאָזיקער קאַמף האָט נישט ווייניקער געצויגן צו זיך, ווי דער פריערדיקער אויף דער מלחמה, ער האָט אָבער לגבי יענעם געהאַט די מעלה, וואָס ער איז געווען אַ סך ווייניקער געפערלעך. ווען די דאָזיקע קעמפער פלעגן זיך נאָך די שלאַכטן אומקערן אַהיים, האָט זיי נישט געפעלט קיין שום גליד, און אומגליקלעכע משפחות האָבן קיינמאָל נישט געדאַרפט באַקלאָגן קיין אומגעקומענע זין.

אַחוץ אַלעם זענען נאָך די קאַמפן געווען נישט קיין שווערע. אָט האָבן זיך, למשל, עטלעכע נאַרישע פרויען צוזאַמענגערעדט און זענען אַרויס אין גאַס פּראָטעסטירן קעגן דער בלאָקאַדע אויף רוסלאַנד. האָט מען דען געדאַרפט אַ גרינגערע אַרבעט, ווי זיי צו באַפאַלן, צעשלאָגן זיי, צערייסן זייערע פענער און העלפן דער פּאָליציי זיי אַוועקשלעפּן אין טורמע. די קעמפער האָבן דאָס גלענצענד דורכגעפירט. איינמאָל איז געקומען צופאָרן אַ באַרימטער ספּאָרטסמען, האָט ער געטראָגן אַ רויטן קראַוואַט. דאָס איז געווען גענוג. מען האָט אים אָנגענומען פאַר אַ באָלשעוויק, מען איז אים באַפאַלן און דערהרגעט אויפן אָרט. נאָך אַזאַ מין פאָרפאַל האָבן זיך גענומען הערן פּראָטעסטן. ס'האָבן זיך געפונען מענטשן, וואָס האָבן געזאָגט, אַז עס פּאַסט נישט, דאָס ביים פאַרטיידיקן דעם געזעץ און די אָרדענונג, זאָל מען עובר־זיין אויף אַזויפיל געזעצן. דעמאָלט האָט די פּראָקוראַטור געפונען אַזאַ מין אויסוועג פון דער לאַגע: מען האָט די יונגע סאָלדאַטן געמאַכט פאַר געהילפן ביים ריכטער. פון איצט־אָן האָבן זיי שוין געטראָגן צייכנס אַזוי אַז איצט, ווען זיי פלעגן באַפאַלן לאָקאַלן, אָדער שלאָגן מענטשן, האָט זיך שוין קיינער נישט געוווּנדערט, און די זאַך איז געווען אין אָרדענונג.

81.

פּעטער הודוש פלעגט זיך אויך גאַנץ אָפט באַטייליקן אין די שטיפעריען פון די יונגע סאָלדאַטן. פינף יאָר נאָכאַנאַנד האָט פּעטער געלייענט מלחמה־באַריכטן און האָט נישט איבערגעלעבט קיין איין שלאַכט. איצט האָט ער פּלוצלונג דערפילט, אַז ער וואָלט זיך גערן געשלאָגן. ווייטער איז דאָך עפּעס פריער געווען וואָס מורא צו האָבן, מען האָט דאָך געקאָנט געהרגעט ווערן אויך, אָבער איצט, אַז ס'איז נישטאָ קיין שום געפאַר, איז פּעטערן דאָס שלאָגן־זיך זייער געפעלן געוואָרן. אין די פריערדיקע צייטן פלעגט אים זייער אָפט אויסקומען צו הערן, אַז ער איז אַ פּחדן, און ער האָט שוין אַליין אויך אָנגעהויבן צו גלייבן אין דעם. איצט האָט ער זיך אַרומגעזען, אַז ס'איז גאָרנישט ריכטיק, אַז ער איז פּונקט אַזוי דרייסט, ווי יעדער איינציקער פון המון.

פּעטער האָט געהאַט אַ צרהדיקע יוגנט; ער האָט זיך קיינמאָל נישט געשפּילט, קיינמאָל זיך נישט פאַרנומען מיט גימנאַסטיק, ווי די קינדער פון די סוחרים און

פאַבריקאַנטן. און איצט איז ער געווען ווי אַ מענטש, וועלכער כאַפט זיך אויף די עלטערע יאָרן, אַז ער האָט יינגלווייז ווייניק גענאָסן פון לעבן, און ער האָט ערשט אָנגעהויבן צו פאַרנעמען זיך מיט ספאָרט.

פאַר פעטערן איז געווען אַ ספאָרט אַריינצושטעקן אין דער הינטערשטער קעשענע אַ רעוואָלווער, נעמען אין האַנט אַן אייזערנעם שטאַנג און גיין שלאָגן מענטשן און חרוב־מאַכן לאָקאַלן. אַט לויפט פעטער אַריין אין אַ צימער, וווּ עס זיצן אַ פערציק בערדיקע ייִדן אָדער רוסן און מאַטערן זיך איבער דער ענגלישער אָרטאָגראַפיע, גיט זיך אַלאָז אויף זיי און אַ ברום ווי אַ ווילדע חיה; ער זעט ווי מענטשן דערשרעקן זיך, הויבן־אָן לויפן פון איין אָרט אויפן אַנדערן. פעטער גיט זיך אַלאָז נאָך זיי, און זיין אייזערנער שטאַנג לויפט פון איין קאָפ אויפן צווייטן, פון איין מענטשן אויפן אַנדערן, און וווּ עמיצער זאָל זיך נישט באַהאַלטן, — דערגרייכט ער אומעטום.

און טאָמער האָבן זיך עטלעכע פערזאָן צוזאַמענגעקליבן אין איין ווינקל און באַמיען זיך ווי נישט איז זייערע שאַרבנס צו פאַרהיטן, שלאָגט פעטער פון אַלע זייטן, ביז זיי לויפן זיך פאַנאַנדער. און וואָס פאַר אַ הנאה ער האָט צוצוקוקן זיך, ווי זיי קייקלען זיך פון די טרעפ! נאָר נאָך מער פאַרגעניגן פאַרשאַפט אים צו זען, ווי מענטשן שפרינגען דורך די פענסטער. פעטער איז זייער אַ פעיִקער, ער האָט זיך אויף גיך באַוויזן אויסצולערנען עטלעכע פרעמדע ווערטער, און ער זידלט זיי אויף זייער אייגענער שפראַך.

פעטער פאַרמאָגט אויך זייער גוטע פעיִקייטן נאָכצומאַכן; ער לערנט זיך גאָר גיך אויס נאָכצומאַכן אַלע זייערע צעשראָקענע באַוועגונגען. און גאַנץ אָפט, ווען ער קערט זיך אום נאָך דער אַרבעט אין אַגענטור, קלייבן זיך צונויף אַ פולע שטוב שפיאָנען און ער מאַכט־נאָך פאַר זיי אַלע תנועות, וואָס ס'איז אים אויסגעקומען צו זען, און די פלאַצן אַלע פון געלעכטער. פעטער הויבט־אָן צו ווערן באַליבט.

שפעטער־צו, ווען די רעגירונג האָט אָנגעהויבן די רדיפות אויף די קאָמוניסטישע פאַרטייען, איז פעטערס אָנזען נאָך מער געוואַקסן און ער איז נאָך מער באַליבט געוואָרן. די רויטע פלעגן איצט אַרעסטירט ווערן הונדערטערווייז און זיי האָבן אַלע געדאַרפט אויסגעפאָרשט ווערן.

און וואָס איז שייך רויטע, איז דאָך עפעס פעטער געווען אַ גאַנצער ספעציאַליסט, האָט מען זיך איצט אויף יעדן שריט און טריט גענויטיקט אין אים, ביז מען האָט שוין אָן אים אינגאַנצן נישט געקאָנט אויסקומען, און ער איז געוואָרן דער אָנפירער פון דער גאַנצער אונטערנעמונג.

שאָרטי גאָנטאַן און אַנדערע פראָוואָקאַטאָרן האָבן דורכגעפירט אויף די פאַרטיי־קאָמיטעטן, אַז איין מאָל אין וואָך זאָלן אינגאַנצן לאַנד, אין איין און דערזעלבער צייט אָפגעהאַלטן ווערן אַלגעמיינע פאַרטיי־פאַרזאַמלונגען. דאָס איז דורכגעפירט געוואָרן, און אויף מאָרגן אין דער פרי איז ווי אַן עלעקטרישער שטראָם דורך דער גאַנצער וועלט דורכגעפלויגן

די ידיעה, אַז אַלע מיטינגען זענען אין איין און דערזעלבער שעה באַפאַלן געוואָרן און אַז עס זענען אַרעסטירט געוואָרן טויזנטער רויטע.

אין אַמעריקען־סיטי האָט די רעגירונג נישט ווייט פון געפּים ביוראָ, אָנגעדונגען ביי אַ טויץ צימערן, און די גאַנצע נאַכט, ביז אויף מאָרגן פרי, האָט מען אַהין געשלעפּט מענטשן. פיר הונדערט מאַן האָט מען זיי צונויפגעשפּאַרט אין אַזאַ איינגשאַפּט, אַז זיי האָבן זיך אַפילו נישט געהאַט ווו אַוועקצוזעצן. עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן, וואָס דאָרט האָט זיך אינעווייניק אָפּגעטון. מענטשן האָבן געשריען, געיאָמערט, די פאַרווונדעטע האָבן געקרעכצט, און די לופט איז דאָרט געווען ערגער ווי אין אַ שטייג מיט מאַלפּעס.

און אין די דאָזיקע באַדינגונגען האָט מען די אַרעסטירטע געהאַלטן עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד. אונטער דער צייט פלעגט מען ברענגען אַלץ נייע און נייע אַרעסטירטע. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז די פרויען האָט מען צונויפגעשפּאַרט אין די קלאָזעטן. פיל פון די אַרעסטירטע האָבן אָנגעהויבן סימולירן קרענק, אַנדערע ווידער זענען אויף דער אמת קראַנק געוואָרן; עטלעכע זענען משוגע געוואָרן, עטלעכע געשטאָרבן. אין שטאָט האָט זיך אָנגעהויבן אַ טומל. די סאָלאָן־רויטע און זייערע מיטפילנדע האָבן אָנגעהויבן פּראָטעסטירן. וואָס פאַר אַ ווערט האָבן אָבער איצט געקאָנט האָבן זייערע פּראָטעסטן. קיין צייטונגען האָבן זיי נישט געהאַט, קיין פאַרזאַמלונגען האָבן זיי נישט געטאָרט אָפּהאַלטן, און אַלע זייערע אויפרופן פלעגן אויף דער פּאָסט קאָנפיסקירט ווערן.

די אומצופרידענע פלעגן אָבער דורך אַלערליי וועגן זיך באַמיען, אַז זייער פּראָטעסט זאָל דערגיין צו דער עפנטלעכקייט. דעמאָלט פלעגן פּעטערס שפּיאָנען גלייך דערגיין, ווער ס'האָט דאָס דורכגעפירט, און פּעטער פלעגט אָרגאַניזירן נייע אָנפאַלן און דורכפירן נייע אַרעסטן.

מען האָט אין אַ שטאָט אַנטדעקט אַ „באָמבע־פאַרשווערונג", דאָס הייסט, מען האָט געפונען אַ סך רויטע פּאַפּיר. אויף וואָס דאָס פּאַפּיר איז באַשטימט געווען, האָט מען אייגנטלעך נישט געוווּסט, נאָר מען האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָס דאַרף זיין אָדער אויף פּראָקלאַמאַציעס, אָדער אויף איינצופּאַקן דעם אויפרייס־מאַטעריאַל. נאָר ווי דאָס זאָל נישט זיין — די געהיים־אַגענטור פון יענער שטאָט, וועלכע האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט די אַגענטורן פון גאַנצן לאַנד, בתוכם אויך מיט געפּיס, האָט אומעטום פאַנאַנדערגעשיקט די רויטע בלעטלעך. און איצט, אַז מען האָט געדאַרפט אַ וועלכן נישט איז אומגליקלעכן נפש אַפּרוימען פון וועג, — האָט מען שוין ביי אים געפונען די „שרעקלעכע רויטע פּאַפּיר". אויף מאָרגן פלעגן שוין די צייטונגען צעפּויקן, אַז מען האָט געכאַפּט אַ פאַרשווערער, וועלכער פלעגט פאַנאַנדערשיקן דורך פּאָסט טייוול־מאַשינען.

82.

פּעטער האָט אין יענע צייטן אַזוי פיל געאַרבעט, אַז ער פלעגט אָפט גאַנצע נעכט נישט שלאָפן און קוים צייט גע-

האָט אָפּצוועסן. ער האָט שוין איצט געהאַט זיין אייגענע ביוראָ און מען פֿלעגט פֿירן צו אים אויפֿן פֿאַרהער די אַרעסטירטע. ער האָט אויך געהאַט אונטער זיך העכער אַ האַלב טוץ יינגען, וואָס פֿלעגן אויספֿירן ביי אים די „אַרבעט פֿון שטאַרקער האַנט".

פּעטערס נייע עובדא איז געווען, אַרויסצופּרעסן ביי די אַרעסטירטע אַזעלכע באַווייזן, וועלכע זאָלן געבן אַ מעגלעכקייט — אויב זיי זענען אַמעריקאַנער — אַריינזעצן זיי אין טורמע, און אויב זיי זענען אויסלענדער — אַרויסצושיקן זיי פֿון לאַנד. אַוודאי איז צייטנווייז שווער געווען פֿעסטצושטעלן, ווער ס'איז אַן אַמעריקאַנער בירגער, און ווער — נישט. האָט מען טאַקע געמוזט אַרבעטן אויף טראַף אַרויסגייענדיק פֿון דער השערה, אַז ביידע זענען גלייך געפֿערלעך.

אַמאָל, מיט אַ סך יאָרן צוריק, בשעת פּעטער האָט געאַרבעט ביי פּעריקלעס פּריאַם, האָבן זיי עטלעכע חדשים געוווינט אין אַ פּענסיאָנאַט. דאָרטן האָט מען תּמיד געוווּסט פֿאָרויס, ווען צו מיטאָג וועט זיין אַ ביפֿשטעקס, ווייל די קעכין פֿלעגט אים פֿריער לאַנגע שעהן קלאַפּן, כּדי „ווייך" צו מאַכן. דאָס האָט פּעטער אַפּנים גוט געדענקט, און ביים אויספֿאָרשן אויסלענדישע רויטע, פֿלעגט זיך פּעטער זייער ברייט באַנוצן מיט דעם דאָזיקן מיטל; ווי נאָר זיי פֿלעגן אַריינגיין צו אים אין ביוראָ, פֿלעגן גלייך אַרויספֿאַלן אויף זיי פּעטערס יינגען מיט זייערע פֿויסטן. און טאָמער פֿלעגן זיי זיין איינגעשפּאַרט און פֿלעגן זיך „נישט לאָזן ריידן", האָט זיך שוין דעמאָלט מטריח געווען פּעטער, בכבודו ובעצמו. ער האָט נאָך נישט פֿאַרגעסן, מיט וואָס פֿאַר אַ דערפֿאָלג געפֿי האָט אויף אים דורכגעפֿירט דעם מיטל פֿון אויסדרייען די הענט און די פֿינגער.

עס איז פּשוט געווען צו באַוווּנדערן, ווי קלוג און דורכגעטריבן עס זענען געווען אַנדערע פֿון די רויטע. און געווען זענען דאָך דאָס בלויז פֿאַרלייזיקטע אויסלענדישע אַרבעטער. אָבער זיי האָבן יעדע פֿרייע שעה פֿון זייער לעבן אויסגענוצט אויף צו אַנטוויקלען זיך — אין זייערע צימערן פֿלעגט מען דאָס רוב געפֿינען אַ גרויסע צאָל ביכער — און זיי האָבן גוט געוווּסט, וואָס זיי ווילן און פֿאַרשטאַנען, ווי אויף אַ פֿראַגע צו ענטפֿערן.

פּעטער פֿרעגט, למשל: „איר זייט אַן אַנאַרכיסט, אמת?" די תּשובה איז אַזאַ: „איך בין נישט קיין אַנאַרכיסט אין דעם זין, ווי איר מיינט עס", — פּונקט ווי דאָס וואָרט „אַנאַרכיסט" וואָלט געקאָנט האָבן צוויי פֿאַרשיידענע אויסטייטשונגען!

פּעטער פֿרעגט ווייטער: „איר האַלט פֿון געוואַלט־מיטלען?" דעמאָלט פֿלעגט דער אַרעסטירטער פֿלוצלונג ווערן חוצפּהדיק און ענטפֿערן: „דאָס האַלט איר פֿון געוואַלט־מיטלען, זעט, וואָס איר האָט פֿון מיר געמאַכט". אָדער פּעטער פֿרעגט: „די איצטיקע רעגירונג געפֿעלט אייך נישט, וואָס?" און די תּשובה איז: „זי איז מיר גאַנץ גוט געפֿעלן געווען, ביז זי איז זיך מיט מיר אַזוי שלעכט נישט באַגאַנגען".

אַזוי אַזעלכע דריידלעך פֿלעגן די חברה־לייט תּמיד געפֿינען און דער סטענאָגראַף פֿלעגט זיי אַלע מוזן פֿאַרנאָטירן. דאָס

האָט דאָך אָבער נישט געטויגט. ווייל, קוים פֿלעגט זיך פֿעטער נישט איינגעבן אַרויסצוקריגן פֿון אַרעסטירטן, אַז ער איז זיך מודה אין די געהעריקע פֿאַרברעכנס, האָט מען אים דאָך נישט געקאָנט אַרויסשיקן פֿון לאַנד. דעריבער פֿלעגט אין אַזעלכע פֿאַלן זיך פֿעטער וואַרפֿן אויפֿן אַרעסטירטן און פּרוּוון אים „ווייך" מאַכן. ביז יענער פֿלעגט סוף כל סוף ענטפֿערן דאָס, וואָס ער האָט באַדאַרפֿט ענטפֿערן. און טאָמער פֿלעגט דאָס נישט העלפֿן, פֿלעגט דאַן פֿעטער אַליין אָנשרייבן די נויטיקע באַווייזן און זיינע יונגע פֿלעגן יענעם צווינגען זיך אונטערצושרייבן. און אַ מאָל פֿלעגט זיך פֿעטער אַליין אונטערשרייבן אויך.

דאָס זענען אפֿשר געווען אַכזריותדיקע מיטלען פֿון קאַמף, מען האָט עס אָבער נישט געקאָנט אויסמיידן, ווייל די רויטע זענען שוין געווען צו ביטער. זיי פֿלעגן אין דער שטיל אונטערגראָבן די רעגירונג; האָט אפֿשר די רעגירונג געדאַרפֿט שווייגן. און מודה זיין זיך, אַז זי איז שוואַך, אַז זי קען זיך נישט אַנטקעגנשטעלן? האָט עס אפֿשר געדאַרפֿט אַזוי זיין? פֿון בערג און טאָלן, פֿון פֿעלדער און וועלדער, און אויך פֿון די רעדאַקציעס האָט זיך ווי אַ דונער געטראָגן די תשובה פֿון הונדערט־פּראָצענטיקן אַמעריקאַנער: „ניין"! דער הונדערט־פּראָצענטיקער אַמעריקאַניזם וועט געפֿינען וועגן און מיטלען ווי אַזוי צו פֿאַרהיטן זיך פֿון די סאָפֿיזמען פֿון אייראָפּעאישן באָלשעוויזם.

און דער הונדערט־פּראָצענטיקער אַמעריקאַניזם האָט אויסגעקריצט זיין פּסוק: געפֿעלט דאָ נישט די מענטשן, זאָלן זיי פֿאָרן צוריק אַהין פֿון וואַנען זיי זענען געקומען". אַ, וואָס יענע האָבן געהאַלטן אַז אַמעריקע איז פֿאָרט דאָס בעסטע לאַנד אין דער וועלט און זיי האָבן נישט געוואָלט אַוועקפֿאָרן, האָט מען זיי געמוזט צווינגען דערצו.

דאָס איז ערשט געווען דער ציל פֿון פֿעטערס לעבן. אַז זיין טרייע פֿרוי איז אים געשטאַנען ביים זייט און האָט אים מיט איר עכט ווייבערישער איינגעשפּאַרטקייט, געטריבן צו דער אַרבעט. גלעדים האָט פֿון אייביק אָן די דאָזיקע מענטשן געהאַלטן פֿאַר „חיות" און איצט, אַז איר איז אויסגעקומען צו הערן, וואָס פֿאַר אַ ריחות עס הערט זיך פֿון זיי ווען זיי זיצן צוזאַמען עטלעכע וואָכן, האָט זי שוין געזען אויף ווי ווייט גערעכט זי איז געווען פֿריער.

מיט פֿעטערס הילף האָט זיך זיין פֿרוי איינגעגעבן צו אַנטדעקן אַ באָמבע־פֿאַרשווערונג, וועלכע האָט געזאָלט זיין געווענדעט קעגן פּראָקוראָר, וואָס פֿלעגט אָנפֿירן מיט די אָנפֿאַלן. עס זענען אַרעסטירט געוואָרן פֿיר איטאַליענער אַנאַרכיסטן. צוויי חדשים צייט האָט מען זיי אָפּגעהאַלטן אין איינצל־קאַמערן און די גאַנצע צייט האָט זיך פֿעטער נישט אויפֿגעהערט צו „אינטערעסירן" מיט זיי. און דאַמאָלסט ווען ער האָט געהאַלטן, אַז ער האָט שוין באַלד דערגרייכט זיין ציל, איז מיט אַ מאָל אַלץ צושטערט געוואָרן, ווייל איינער פֿון די פֿיר איז אַרויסגעשפּרונגען דורך אַ פֿענצטער. און אַזוי ווי זיין קאַמער איז געווען אויפֿן פֿערצנטן שטאָק, האָט ער שוין קיין עדות קעגן זיך אַליין בשום אופֿן נישט געקענט זיין.

דער דאָזיקער פּאַרפּאַל, דאָס געוואַלדיק אויפגעבראַכט אַלע אַזוי גערופענע סאַלאָן־רויטע; זיי האָבן אויפגעהויבן אַ שרעקלעכן טומל, דער אַדוואָקאַט ווענדרוס האָט זיך אַפילו דערשלאָגן, אַז מען זאָל מאַכן אַ געריכטלעכע אויספאָרשונג. און אַ לענגערע צייט איז געפּים אַגענטור אויסגעקומען צו האָבן צו טאָן מיט נישט קיין גאָר אַנגענעמע באַשולדיקונגען קעגן זיך.

די אַרבעט האָט זיך פונדעסטוועגן ווייטער געפירט אין דער זעלבער ריכטונג. די רויטע פלעגן ביסלעכווייז „סאָרטירט" און פאַנאַנדערגעטיילט ווערן — אויף האַלב און אמתע־רויטע. די האַלב־רויטע פלעגט מען אין ספּעציעלע צוגן אַוועקשיקן אין אַ דאַמפּן־שטאָט. אַ טייל פון די פאַרמשפּטע צום אַרויסשיקן, פלעגן זיך באַציען צו זייער גורל מיט אַ שווייגעדיקער פאַרביטערונג, אַ טייל פלעגט אויפנעמען די ידיעה מיט קולות און זלזולים. אַנדערע אָבער פלעגן קלאָגן און וויינען, ווייל זיי האָבן געהאַט אין אַמעריקע זייערע משפּחות און האָבן נישט געוואַגט צו בעטן ביי דער רעגירונג, אַז מען זאָל יענע מיט זיי מיטשיקן, אָדער זאָגן פאַר זיי. די רעגירונג אַליין האָט נאַטירלעך נישט געהאַלטן פאַר איר פליכט דאָס צו טאָן. די רויטע האָבן גענוג געלט אויף אַרויסצולאָזן העצע־ליטעראַטור, זאָלן זיי בעסער פאַרווענדן דאָס געלט אויף צו פאַרזאָרגן זייערע אייגענע מענטשן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז ביי דער דאָזיקער אַרבעט, איז פּעטערן טיילמאָל אויסגעקומען צו טרעפן זיך מיט מענטשן, וועלכע זענען אַמאָל געווען זיינע פריינט. פּעטער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז אַזוי וועט דאָס זיין; און לכתחילה פלעגט אים ממש אַריבערגיין אַ ציטער איבערן לייב ווען ער פלעגט זיך אָן דעם דערמאָנען. דערנאָך האָט ער זיך אָבער אַרומגעזען, אַז דער ענין פאַרשאַפט אים גאָר פאַרגעניגן. די מורא פאַר די רויטע, וועלכע פלעגט ביי אים אין די פריערדיקע צייטן, אָפּנעמען זיין אַפּעטיט און שטערן זיין שלאָף, איז איצט לגמרי פאַרשוווּנדן. האָט ער דאָך עפּעס איצט געזען מיט זיינע אייגענע אויגן, אַז די רויטע זענען בלויז אומגליקלעכע נפשות, וועלכע ענטפערן נישט אויף די קלעפּ, וואָס מען גיט זיי. און נישט נאָר, וואָס זיי האָבן נישט קיין געווער, נאָר אַ סך פון זיי האָבן אַפילו נישט קיין מוסקולן. דער גאַנצער כוח זייערער איז באַשטאַנען אין זייערע ווערטער. הינטער פּעטערן איז דאָך אָבער געשטאַנען די גאַנצע מאַכט פון דער אָרגאַניזירטער געזעלשאַפט, די פּאָליציי, די געריכט, די טורמעס.

און פּעטער האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז אויב מען זאָל נאָר דאַרפן וועט אים קומען צו הילף די אַרמיי מיט אירע קוילנוואַרפערס, אַעראָפּלאַנען און גאַז־באָמבעס. גאַנץ פריי, אָן שום געפאַר, האָט מען געקאָנט שלאָגן, רודפן און פייניקן די רויטע; און אומגעשטערט אויסטראַכטן פאַרשידענע באָמבע־פאַרשווערונגען אויף זייערע קעפּ. די צייטונגען זענען תמיד געשטאַנען אויף פּעטערס זייט; און דער עולם האָט אַלע מאָל געגלויבט, וואָס די צייטונגען האָבן געשריבן.

נײן, איצט האט שוין פעטער קײן מורא נישט פאר די רויטע. אפילו פאר מעקן, פארן געפערלעכסטן פון אלע רויטע שרעקט ער זיך שוין איצט נישט. מעק איז אויף זיכערע צוואנציק יאר פארפאקט אין טורמע; הגם זײנע פארטײדיקער האבן אנגעגעבן אן אפעלאציע, האט זיך דאס געריכט פונדעסטוועגן אפגעזאגט ארויסצולאזן אים אויף ערבות־געלט.

צופעליק האט זיך פעטערן אײנגעגעבן צו דערוויסן זיך, ווי אזוי מעק פילט זיך אין תפיסה; ער האט פון דארטן ארויסגעשיקט א בריוו צו זײנע חברים אין אמעריקען־סיטי. די פאסט האט איבערגעשיקט דעם בריוו צו געפין אין אגענטור און געפין האט אים געגעבן פעטערן איבערצולײענען. און איצט האט שוין פעטער געוווסט, אז אפילו דער דאזיקער בײזער און שטאלצער גײסט איז אײנגעבראכן געווארן. „שרײבט אונז", האט זיך מעק געבעטן אין בריוו. „שרײבט ווי גאט איז אײך ליב. די ערגסטע פּײן אין טורמע איז דאס געפיל, אז מען איז אין גאנצן פארגעסן געווארן. לאזט אונז, לכל־הפחות, פילן, אז עמיצער טראכט וועגן אונז".

יא, דער דאזיקער בריוו האט פעטערן געוויזן, אז ער איז דער זיגער. און ווען ער פלעגט איצט צוזאמענקומען מיט רויטע, פאר וועלכע ער האט פריער אזוי מורא געהאט, האט אים זײער הנאה געטאן, וואס ער קען זײ געבן צו פילן דעם כח פון זײן אויטאריטעט און טײלמאל אויך די וואג פון זײן פויסט. זײער א סך נחת האט אויך פעטערן פארשאפט די האלטונג פון די רויטע לגבי אים.

עס פלעגן זיך מאכן אזעלכע, וואס פלעגן זיך בעטן בײ אים, דערמאנען אן די אלטע צײטן, ערנידעריקן זיך פאר אים; אנדערע פלעגן אפילו אפעלירן צו זײן געוויסן. דאס רוב אבער פלעגט זיך האלטן האפערדיק בײ זיך, קוקן אויף אים מיט גרויס שנאה, אדער גאר מיט חוזק און פאראכטונג. אין אזעלכע פאלן פלעגט שוין פעטער מיט דער הילף פון זײנע יונגען ווײזן דעם געפאנגענעם זײן ארגן. דער מיטל פון אויסדרײען די הענט, אדער די פינגער פלעגט תמיד זײער גוט ווירקן.

83.

צווישן די ערשטע ארעסטירטע, וואס מען האט געבראכט צו פעטערן אין ביורא, איז געווען אויך מרים יאנקאוויטש. מרים איז געווען א מיטגליד פון דער קאמוניסטישער פארטײ און דערצו נאך פון הימלאנד געבוירן. אזוי אז וועגן איר האט קײן שום פראגע נישט געקאנט זײן; איר גורל איז געווען א געחתמעטער. פעטער האט נאך נישט פארגעסן, אז דאס האט אים מרים אונטערגעשיקט ראזע שטערן און ער איז אויף איר אין כעס געווען. נאר פונדעסטוועגן האט אים אנגעכאפט פארן הארצן, ווען ער האט זי דערזען. זי האט אויסגעזען אלט, אויסגעדארט, דער הוסט האט איר געשטיקט און די אויגן האבן געקוקט ווילד, אזוי ווי משוגע. פעטער האט זי געדענקט פאר אזא היציקע, א שטאלצע. און איצט וואו איז דאס אלץ אהינגעקומען? — דער שטאלץ איז, אפנים, פון איר אין גאנצן אראפ — זי האט זיך א ווארף געטאן פאר פעטערן אויף די קני, האט זיך אײנגעקלאמערט מיט די פינגער אין זײ

דעקל און געכליפּעט היסטעריש. זי האָט געזאָגט אַ מאַמען און פינף יונגערע ברידער, וועלכע זי פלעגט אויסהאַלטן פון איר פאַרדינסט. און טאָמער האָט זי נאָך געהאַט פון אַמאָל אָפּגעשפּאַרטע עטלעכע גראָשנס, האָט דאָס ביי איר די קראַנקהייט צוגענומען. איצט שיקט מען זי צוריק נאָך רוסלאַנד, וואָס וועט ווערן פון זיי אַלעמען?

עד קען גאָרנישט טאָן, האָט פּעטער אויף דעם געענטפערט. זי האָט עובר געווען אויפן געזעץ; מען האָט געפונען ביי איר די מיטגלידס־קאַרטע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און אַחוץ דעם האָט זי זיך אַליין מודה געווען, אַז זי איז געבוירן געוואָרן אין רוסלאַנד. ער האָט זיך געפּרוּווט אָפּשעפּן פון איר, אָבער זי איז נאָך אַלץ געלעגן נעבן אים אויף דער ערד, געוויינט און געבעטן רחמים. זאָל מען איר, לכל הפּחות דערלויבן צו זען זיך מיט איר אַלטער מאַמען, וועט זי זיך צוזאַמען מישבֿ זיין, באַטראַכטן, וואָס זיי זאָלן טאָן, צו וועמען זיך ווענדן. מען שיקט זי אַרויס און מען לאָזט איר אַפילו נישט געזעגענען זיך מיט אירע נאָענטע; מען לאָזט איר נישט מיטנעמען קיין קלייד, קיין העמד אויפן לייב.

ווי מיר ווייסן איז פּעטער געווען אַ רך־לבֿ בנוגע פרויען. אויך איצט האָט ער נישט געקענט ביישטיין. ער פלעגט דאָך בלויז אויספירן בנוגע די דאָזיקע בהמות די באַפעלן פון זיין „נאַטשאַלסטוואָ" און ער קען דאָך נישט מאַכן קיין שום אויסנאַמען. דאָס האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט מרימן. אָבער זי האָט אים נישט געוואָלט הערן. „איך בעט אייך, פּעטער, איך בעט אייך אום גאָטעס ווילן, איר ווייסט דאָך, איר פּעטער זייט אַמאָל געווען אין מיר אַביסל פאַרליבט, מען האָט עס מיר געזאָגט"....

דאָס איז אַפילו אמת געווען, אָבער וואָס ספאַר אַ פּעולה האָט פּעטער געהאַט דערפון, מרים איז דאָך געווען פאַרליבט אין מעקן, אין דעם דאָזיקן געפערלעכן טייוול, צוליב וועלכן פּעטער איז אויסגעקומען איבערצולעבן אַזוי פיל שווערע שעהן. דאַמאָלסט האָט זי דאָך פּעטערן געטריבן פון זיך, האָט מיט אים אַפילו נישט געוואָלט רעדן. און איצט וויל זי אויסנוצן די ליבע, וועלכע זי האָט אַמאָל אָפּגעוואָרפן מיט אַזוי פיל פאַראַכטונג.

זי האָט אָנגענומען זיין האַנט, פּעטער האָט נישט געהאַט קיין האַרץ איר אָפּצושטויסן. „אויב איר האָט נאָר ווען נישט איז אין אייער לעבן, כאָטש איין פונק ליבע געשפּירט צו מיר", האָט זי געטענהט, „וועט איר מיר נישט אָפּזאָגן, נישט אָפּוואַרפן מיין קליינע בקשה". „פּעטער איך בעט אייך. אין נאָמען פון די אַמאָליקע צייטן".

פּרוצלונג האָט זיך פּעטער אַ צושראָקענער אַ הויב־געטאָן פון אָרט און מרים איז אויך אויפגעציטערט געוואָרן. ביים טיר האָט עמיצער אַ געשריי געטאָן: „דאָס דוכט עס איז איינע פון דיינע פריינדינען?" אויבן שוועל איז געשטאַנען גליצדיס. אָנגעצויגן, שטייף פון כעס, די אויגן אויסגעגלאָצט, די קליינע הענטלעך צענויפגעפּאַלט אין פויסטן. „דאָס הייסט עס איז איינע פון דיינע רויטע געליבטע. איינע פון די נאַציאָנאַליזירטע פרויען"

זי האָט אַ טופּע געטאָן מיטן פֿוס, „שטיי אויף, צעלאָזענע מויד, ד...... איינע"! און בשעת מרים איז אַ פֿאַרטויבטע אַ צעטומלטע, נאָך אַלץ געשטאַנען אויף די קני, איז זי צו איר צוגעלאָפֿן, האָט איר אָנגעכאַפּט פֿאַר די שוואַרצע האָר און אַזאַ שלעפּ געטאָן, אַז מרים איז אַנידערגעפֿאַלן. „איך וועל אייך ווייזן ווי צו זײַן פֿרייליבנדיקע, ווי צו האָבן געשעפֿטן מיט מײַן מאַן". האָט זי געשריִען און געריסן מרימען פֿאַר די האָר, געגראַבלט, געבריקעט מיט די פֿיס און זי וואָלט איר אפֿשר אויפֿן אָרט אַוועקגעלייגט, ווען עס מישן זיך נישט אַרײַן עטלעכע שכנים און ראַטעווען נישט אַרויס דאָס מיידל פֿון איר הענט.

געפּי האָט נאָך אַמאָל פֿאַר דער חתונה דערציילט גלעדיס פֿון איר מאַנס פֿאַרגאַנגענהייט. זי האָט דאָס נישט באַהאַלטן פֿון פּעטערן און פֿון דעמאָלט אָן האָט זי אים נישט איינמאָל דערמאָנט וועגן דעם. און איצט, אַז זי האָט דערזען איינע פֿון די „נאַציאָנאַליזירטע" פֿרויען איז זי שיעור נישט משוגע געוואָרן און אַ גאַנצע וואָך צײַט האָט געדויערט ביז אין דער משפּחה הורוש איז צוריק אײַנגעשטעלט געוואָרן דער שלום.

די וואָך איז בכלל געווען אַ שווערע פֿאַר פּעטערן. מען האָט צוזאַמענגעשטעלט דעם ערשטן רויטן צוג אויף אַרויסצושיקן, און עס איז כמעט נישט געווען קיין אייצער פֿון די פֿאַרשיקטע, וואָס האָט געקאַנט פּעטערן פֿון אַמאָל און וואָס זאָל אים איצט נישט באַפֿאַלן, נישט פּרוּוון זיך ווירקן אויף זײַנע געפֿילן, אויף זײַן געוויסן. און אַזעלכע, וואָס האָבן גע־קאַנט פּעטערן זענען געוועזן גאַנץ גענוג.

מיטן ערשטן שיף קיין ענגלאַנד איז אַרויסגעשיקט געוואָרן סעדי טאַדס שוועסטער קינד, איינער אַ פֿינישער האָלץ־הויער, וועלכן פּעטער האָט געקאַנט פֿון די י. וו. וו.. איינער אַ פּאַפּיראָסן־מאַכער פֿון בעמיען, בײַ וועמען פּעטער האָט נישט איין מאָל געגעסן און ענדלעך מיכאַל דאַבין, דער יידישער בחור מיט וועלכן פּעטער איז צוזאַמען געזעסן פֿופֿצן טעג אין טורמע. אַ קרבן פֿון דער „באַרימטער" אַכט.

מיכאַל האָט שרעקלעך געוויינט; ער האָט געהאַט אַ פֿרוי מיט דרײַ קינדער און אַ הויז אַלץ, ווי ער האָט געטענהט, האָבן נאָך די שפּיאָנעס, וואָס האָבן געמאַכט בײַ אים די רעוויזיע, צוגעגנבֿעט זײַנע לעצטע, אָפּגעשפּאָרטע דרײַ הונדערט דאָלאַר. אויף דעם אַלעם האָט פּעטער געהאַט בלויז איין תּשובֿה: אַז ער קען גאָרנישט העלפֿן. דאַבין איז אַ רויטער און אַן אויסלענדער און ער מוז אַרויסגעשיקט ווערן.

בשעת מען האָט די רויטע אַרײַנגעזעצט אין די וואַגאָנעס, זענען אויפֿן באַן געווען ביז אַ פֿופֿציק פֿרויען. צווישן זיי אויך מיכאלס פֿרוי; אַלע האָבן זיי געוויינט, געבראָכן מיט די הענט, זיך געוואָלט דורכרײַסן דורך דער וואַך, זײַן נענטער צו זייערע פֿרײַנט. די פּאָליציי האָט זיי געטריבן, געשלאָגן מיט די קאָלבעס. אָבער נישט געקוקט אויף דעם אַלעם, האָט זיך מיכאלס פֿרוי פֿונדעסטוועגן דורכגעריסן דורך דער פּאָליציי, איז אַרויסגעלאָפֿן פֿון יענעם זײַט, און זיך אַ וואָרף געטאָן אונטער די רעדער. מיט

גרויס מי האבן זי די פאליציאנטן ארויסגעראטעוועט. אזעלכע סצענעס וואלטן נאטירלעך געמאכט א שלעכטן איינדרוק אויפן עולם, האט געפי תיכף טעלעפאנירט אין אלע רעדאקציעס פון די שטאטישע צייטונגען און געצוואונגען זיי צוצוזאגן אים, אז די צייטונגען וועלן וועגן דעם יענעם נישט ברענגען קיין שום פרטים.

.84

דורכן גאנצן לאנד זענען געלאפן די רויטע צוגן אנגעפאקטע מיט י.וו.וו., קאמוניסטן, פאציפיסטן, אנארכיסטן און הונדערטערליי מינים „באלשעוויקעס". און זיי אלעמען האט מען ארויסגעזעצט אויף א שיף און אפגעשיקט קיין רוסלאנד. די שיף האט מען א נאמען געגעבן די „רויטע תיבה". און די רויטע רעדנער האבן אויפגעהויבן ארום איר א מוראדיקן טומל. איין גלח האט אפילו געהאט די העזה דאס צו פארגלייכן מיט דער שיף, וועלכע האט די ערשטע פוריטאנער געבראכט פון ענגלאנד קיין אמעריקע. אין וואשינגטאן האבן זיך אפילו געפונען עטלעכע רויטע באאמטע, וועלכע האבן געטון, וואס זיי האבן געקאנט, כדי צו שטערן דער אקציע; א סך באפעלן וועגן ארויסשיקן האבן זיי גאר ערקלערט פאר נישט קיין געזעצלעכע און האבן זיי געפסלט. צווישן זיי זענען אויך געווען עטלעכע פון פעטערס באפעלן.

דאס האט נאטירלעך זייער אויפגערעגט פעטערן און זיין פרוי. אבער אין א קורצער צייט ארום האט אבער פעטערן געטראפן א נאך מער אומאנגענעמע זאך. די „ראזע" אין אמעריקען-סיטי האבן צוזאמענגערופן א פראטעסט-מיטינג קעגן די ארויסשיקונגען. געפי האט געזאגט, אז ס'קאן גריילעך זיין, אז דער מיטינג זאל אויך באפאלן ווערן. און ער האט געהייסן פעטערן גיין אהין, כדי טאמער וואס ווען, זאל ער קאנען די דעטעקטיוון אנווייזן די רויטע, וואס וועלן זיין אויף דעם מיטינג. די אנפירונג מיט דער גאנצער זאך איז איבערגעגעבן געווארן איינעם א פאליציי-דעטעקטיוו דזשעריטי — יענער האט אבער גארנישט געוווסט און ער פלעגט זיך וועגן אלץ מישב זיין מיט פעטערן. ער האט געבעטן פעטערן, אז ער זאל ארויפגיין מיט אים אויף דער רעדנער-טריבונע. פעטער האט מסכים געווען.

עס האט זיך אנגעקליבן א מוראדיקער גרויסער עולם. דער מיטינג איז געווען זייער א שטורעמדיקער, דער צארן, וועלכער איז אין משך פון לאנגע חדשים דערשטיקט געווען, האט זיך איצט פאנאנדערגעפלאקערט. די רעדנער זענען דאס רוב געווען פיין-געקליידעטע, אנשטענדיקע מענטשן, וועלכע האבן זיך מיט קיין זאך נישט אונטערגעשיידט פון די הערשנדיקע קלאסן פון לאנד, אבער רעדעס האבן זיי אלע געהאלטן ווי די גרעסטע פארעטער. זיי זענען אנגעפאלן אויף דער רעגירונג, האבן פראטעסטירט קעגן דער בלאקאדע פון רוסלאנד, שטארק געלויבט די באלשעוויסטישע רעגירונג און איינער אפילו געזאגט, אז די, וואס האבן פארלאזן דאס לאנד, אין דער „סאוויעטישער תיבה" זענען גליקלעכע מענטשן, ווייל זיי זענען אוועק פון א לאנד פון טיראניי אין א לאנד פון פרייהייט.

אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן פלעגט איבעררייסן יעדן צווייטן, דריטן זאַץ פון די רעדנער.

וואָס זאָל אין אַזאַ פאַל טאָן, אַ נעבעכדיקער, אירלענדישער דעטעקטיוו, ווו זאָל ער זיך אַן עצה געבן? אָט, למשל זאָגט גאָר אַ רעדנער אַזאַ מין זאַך: „קוים באַדראָט אַ געוויסע רעגירונגס־פאָרם די דאָזיקע ציל, האָט דאָס פאלק רעכט זי צו ענדערן, אָדער אין גאַנצן צו צעשטערן און אַוועקזעצן אַ נייע רעגירונג, וועלכע זאָל זיך באַזירן אויף אַזעלכע יסודות, וואָס זאָלן קענען פאַרזיכערן דאָס גליק און דעם וווילשטאַנד פון פאָלק". דזשעריטי פרעגט ביי פעטערן, „נו, וואָס זאָגט איר דערצו, ווי איז אייער מיינונג? און אויף זיין גוטמוטיק אירישן פנים האָט מען בשעת־מעשה געזען, אַז ער ווייסט נישט אויף וואָסער וועלט ער איז.

פעטער ווידער האָט געהאַלטן, אַז דאָס שטייגט שוין איבער יעדע מאָס. ער האָט געוווּסט, אַז טויזנטער מענטשן, וואָס האָבן געהערט אַ סך אומשולדיקערע זאַכן זיצן אין טורמע. ווייטער האָט פעטער געוווּסט פון די אינסטרוקציעס, וואָס די גענעראַל־פּראָקוראַטור פון די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אַרויסגעלאָזן, אַז דאָס זענען זאַכן, וועלכע טאָרן ביי קיינע שום באַדינגונגען נישט געזאָגט נישט געשריבן ווערן; און וועגן וועלכע מען טאָר אַפילו נישט טראַכטן. און ער האָט געענטפערט דזשעריטין: „יאָ, דאָס, וואָס דער חברה־מאַן האָט געזאָגט, איז שוין עד־בלי־די, מען מוז אים אַרעסטירן". דזשעריטי האָט אַ שמועס געטאָן מיט זיינע מענטשן, יענע האָבן זיך לאַנג נישט געלאָזט בעטן, זענען גלייך אַרויף אויף דער טריבונע און האָבן אַרעסטירט דעם און אַלע איבעריקע רעדנער. און דערנאָך אויך אָפּגעליידיקט דעם זאַל.

דזשעריטי האָט געהאַט מיט זיך אַרום הונדערט פּאָליציאַנטן. לויט זיין באַפעל האָבן זיי מיט נאַגייקעס פאַנאַנדערגעטריבן דעם עולם און די אַרעסטירטע אַריינגעשפּאַרט אין די פּאָליציייִשע קאַרעטקעס. פעטער איז אַוועק צו געפּין אָפּגעבן אַ באַריכט ווי אַזוי די זאַך איז פאָרגעקומען. און עס איז אים אויסגעקומען איבערצולעבן אומגעפער דאָס זעלביקע, וואָס אין יענעם טאָג בשעת געפּי האָט אים געוויזן נעלס בריוו. „איר ווייסט וועמען איר האָט אַרעסטירט"? האָט געפּי געשריגן. „נישט מער, נישט ווייניקער, ווי אַ סענאַטאָרס „ברודער"! און איר ווייסט, וואָס ער האָט געזאָגט? ער האָט ציטירט אַן אָרט פונם „אומאָפּהענגיקייטס־מאַניפעסט"!

איצט האָט שוין פעטער לגמרי נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט אים. ער האָט שוין גאָרנישט פאַרשטאַנען. דייטש עס, אַז אַ מענטש מעג עובר זיין אויפן געזעץ, בלויז דערפאַר, ווייל ער איז אַ סענאַטאָרס אַ ברודער? און וואָס איז די נפקא מינה צי דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט שטייט אין „אומאָפּהענגיקייטס־מאַניפעסט", אָדער נישט? קוים איז דאָס קעגן דער רעגירונג און דאָס רעצט אויף, דאַרף דאָס נישט אַרויסגעזאָגט ווערן.

דער צופאַל האָט אַזוי לעכערליך געמאַכט געפּין און די פּאָליציי־אָנפירער פון שטאָט, אַז געפּי האָט געמוזט צוזאַמענרופן אַלע זיינע מענטשן און אויפ־

קלערן זיי, אַז דער קאַמף קעגן די רוי־טע מוז אויך האָבן זיינע באַשטימטע גרעניצן. מע דאַרף, למשל, נישט אַרעס־טירן אַ מענטשן דערפאַר, וואָס ער ציטירט אַ פּסוק פון תנך.

— אָבער געפּי, גאָט איז מיט אייך! דאָט איינער אַ געשריי געטאָן. זענען מיר דייטשן אַלע מחויב צו קענען אויף אויס־ווייניק דעם תנך?

אַלע האָבן זיך פאַנאַנדערגעלאַכט.

— ניין, דאָס נישט. דאָט זיך געפּי אָפּגערופן. אָבער זייט פאָרזיכטיק. אַרעס־טירט קיין מאָל נישט אַ מענטשן, וועל־כער זאָגט אַזעלכע זאַכן, וואָס עס דוכט זיך, ווי זיי וואָלטן געווען אַרויסגענומען פון תנך.

— צו אַלדע רוחות, דאָט זיך אָפּגערופן נאָך איינער, אַ געוועזענער בעל דרשן. ווי באַלד אַזוי, וועט מען זיך דאָך גאָר נישט קענען אַ ריר טאָן. הערט זיך אייַן אויף אַ טשיקאַוועס, וואָס עס שטייט אין תנך.

און ער האָט אָנגעהויבן צו ציטירן. פּעטער איז נשתומם געוואָרן; ער האָט נאָך פון קיין איין באָלשעוויק נישט גע־הערט קיין ערגערע זאַכן.

— דאָס באַשטעטיקט אַן איבעריקן מאָל אויף ווי ווייט קאָמפּליצירט דאָס רויטע פּראָבלעם איז, האָט געפּי געזאָגט. און ער האָט נאָך אַמאָל איבערגעחזרט, אַז פּאַר ציטאַטן פון תנך טאָר מען נישט אַרעסטירן. אָט איז למשל, נישט לאַנג געווען אין אָרט אַ מעשה, מען האָט אַרעסטירט אַ גלח דערפאַר, וואָס ער האָט ציטירט צוויי פּסוקים פון ישעיה. דאָס מען איז טאַקע באַלד געמוזט אַרויס־

לאָזן. און דאָסגלייכן איז אויך מיטן „אומ־אָפּהענגיקייטס־מאַניפעסט“. אַלע מעגן אים פאָרלייענען, דהם דאָרטן זענען דאָ זייער געפערלעכע געדאַנקען. און דאָס זעלבי־קע דאָט אויך אַ שייכות צו דער קאָנ־סטיטוציע. דאָרטן איז דאָ אַ גאַנצער טייל וו עס רעדט זיך, אַז ס'זענען דערלויבט זאַכן, פאַר וועלכע מען זעצט פּאַקטיש אין טורמע, אָבער פונדעסטוועגן מעג זיך יעדערער אין זיינע רעדעס שטיצן אויף איר.

ביי אַלעמען האָט דאָס אויסגעזען פּשוט ווי אַ משוגעת, אָבער געפּי האָט ער־קלערט, אַז דאָס איז פּאָליטיש. ווען מען זאָל אַריבער כאַפּן די מאָס, וועט מען פאַרלירן שטימען. און אַמאָל טאַקע נישט בלויז שטימען, מען קאָן די גאַנצע רעגירונג פאַרשפּילן. און וואָס וועט דאַ־מאָלט זיין?

פּעטער דאָט זיך ביז איצט קיין מאָל נישט אינטערעסירט מיט פּאָליטיק. איצט אָבער האָבן ביידע ער און זיין ווייב גע־זען, אַז ווייטער קען אַזוי נישט זיין, אַז זיי מוזן אַביסל פאַרברייטערן זייער האָרי־זאָנט. עס איז ווייניק, וואָס מען קען אַריינזעצן די רויטע אין טורמע און צו־דאַקן זיי די שאַרבנס; מען דאַרף נאָך זען צו געווינען דאָס מיטגעפיל פון פאָלק, זען, אַז דאָס פאָלק זאָל פאַרשטיין, אַז מען איז געצוווּנגען אַזוי צו טאָן. מען דאַרף פירן פּראָפּאַגאַנדע, אויפווייזן אויף ווי ווייט אומגעזעצלעך עס זענען די פלע־נער פון די רויטע און די רויטע אַליין ווי נידערטרעכטיק זיי זענען. אָט אַזוי ווי דער גענעראַל־פּראָקוראָר טוט....

אין דער רעדע, וואָס געפּי האָט געהאַל־

טען פאַר זיינע באַאַמטע, האָט ער זיי אויפמערקזאַם געמאַכט אויף די טעטיקייט פון דעם האָזיקן מלוכה־מאַן. ער האָט נישט בלויז חרוב געמאַכט די קאָמוניסטישע פּאַרטייען, נאָר ער האָט נאָך אויסגענוצט זיין אַפּאַראַט און די געלט־מיטלען, וואָס ער האָט געהאַט אין זיין רשות, אוי פאונטערצוהאַלטן ביים עולם די געהעריקע מורא פאַר די רויטע און פאַר זייערע מעשים. ער האָט פאַרפילט דאָס לאַנד מיט זיין פּראָפּאַגאַנדע. אין אַמעריקען־סיטי זיצן זיינע באַאַמטע און באַאַרבעטן די מאַטעריאַלן, וואָס געפּי האָט צונויפגעזאַמלט. ער אַליין האַלט אַלע פערצן טעג ערגעץ־וווּ אַ רעדע, אָדער ער שטעלט צונויף און שיקט פאַנאַנדער אַ באַריכט אין אַלע צייטונגען, וועגן נייע באָמבע־אַטענטאַטן, אָדער וועגן צוגעגרייטע פאַרשווערונגען קעגן דער רעגירונג. און וואָס פאַר אַ קלוגע איינפאַלן דער מענטש האָט. ער איז געגאַנגען איבער די טורמעס און ספּעציעל אויסגעזוכט די פאָטאָגראַפיעס פון די מיאוסטע רויטע, פון אַזעלכע, וואָס האָבן זיך וואָכן לאַנג אין טורמע נישט געראַזירט, אָדער אַזעלכע, וואָס זענען געווען זייער פאַרביטערט, צוליב דער צו נאָנטער באַקאַנטשאַפט זייערע מיטן פאַרהער פון „דריטן גראַד" און האָט זיי פאַנאַנדערגעשיקט אויף אָפּצודרוקן אין אַלע צייטונגען מיט אַן אונטערשריפט: „דאָס זענען די מענטשן, וואָס ווילן הערשן איבער אייך"! ניין און צוואַנציק הונדערטער צייטונגען האָבן געבראַכט די דאָזיקע רעפּראָדוקציעס און ניין און ניינציק מיליאָן אַמעריקאַנער זענען אין יענעם טאָג, ווען די צייטונגען זענען אַרויסגעגאַנגען, שיעור נישט גרייט געווען אויסצודערגענען אַלע רויטע.

דער האָזיקער איינפאַל איז אַזוי ווייט געפעלן געוואָרן, אַזוי נושא־חן געווען ביי אַלעמען זאָגן די אויגן אַז דער גענעראַל־פּראָקוראָר האָפט, אַז דאָס וועט אים מיטהעלפן אויסגעקליבן צו ווערן פאַר אַ פּרעזידענט; און איצט אַרבעטן שוין אין דער ריכטונג אַלע זיינע אַגענטורן.

איצט האָט זיך בכלל די גאַנצע אַרבעט געפירט אַרום די פּרעזידענטן־וואַלן. אַלע געהיים־אַגענטורן פון די גרויסע געשעפטמענטשן זענען געווען פאַרנומען מיט דער האָזיקער אַרבעט. מען האָט זיך פאַרנומען מיטן קלייבן ידיעות וועגן לעבן און כאַראַקטער פון אַלע קאַנדידאַטן אויף פּרעזידענטן. און קוים פלעגט מען נאָר דערשמעקן אויף אים אַ חשש פון אַ וועלכער נישט איז „ראָזקייט", פלעגן זיך גלייך געפּי מיט זיינע חברה־לייט באַמיען אויסגראָבן פון אונטער דער ערד, כלערליי פּגימות אויף אים, די געשעפט־מענטשן פלעגן קיין געלט נישט קאַרגן, געפּי האָט געהאַט אין זיין רשות מוראדיקע קאַפּיטאַלן און מען פלעגט זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיין שום מיטלען.. ביז מען פלעגט סוף כל סוף אוממעגלעך מאַכן פאַר יענעם אַרויסצושטעלן זיין קאַנדידאַטור.

געפּי האָט איצט פעסט געהאַלטן זיינע חברה־לייט אין האַנט. זיי האָבן אויף איין מינוט נישט געטאָרט אַרויסלאָזן פון אויג די וויכטיקייט פון זייער אַרבעט. ער האָט אָפּגעהיט, זיי זאָלן חלילה נישט מאַכן קיין שום פאַלשן טריט, וועלכער זאָל שטערן דער פּאָליטישער קאַמפּאַני־

פאַר געזעץ און אָרדנונג.

## 85

הײנטיקס מאָל, ווען פּעטער איז גיגאַנגען אַהײם, איז ער געווען זײער ערנסט געשטימט. דעם ערשטן מאָל אין זײן לעבן האָט ער זיך פאַרטראַכט וועגן דער גרויסער אחריות, וואָס פאַלט אויף אים אַלס הײלער און אַלס פאַסטוך פון אַנדערע װײלער. ער האָט שוין מיט גלעדיס גערעדט וועגן דעם און זײ זענען בײדע געקומען צום באַשלוס, אַז זײערע בליקן זענען ביז איצט געווען אַביסל באַגרענעצטע. די פליכטן פון אַ געהײם־אַגענט האָט פּעטער געמאָסטן מיטן פאַרן־מלחמה מאַסשטאַב. מען דאַרף זיך אָפּגעבן אַ דין־וחשבון, אַז די וועלט איז איצט אַנדעריש געוואָרן. און אין דער נײער וועלט, אין וועלכער די דעמאָקראַטיע איז געזיכערט, איז דער געהײם־אַגענט דער אמתער וואָרט־פירער פון דער געזעלשאַפט דער דעה־זאָגער אין אַלע אירע ענינים און גלײכצײטיק דער אַפּוטרופּס פון דער ציוויליזאַציע.

אָט, וואָס פאַר אַ וויכטיקע ראָליע עס װעט אויסקומען צו שפּילן פּעטערן מיט זײן פרוי: זײ מוזן טון אַלץ, וואָס נור מעגלעך, כדי ווי אַמבעסטן זיך צופּאַסן צו דער דאָזיקער ראָליע. נאַטירלעך, האַנדלט זיך דאָ נישט וועגן זײערע פּריוועגלעכע אינטערעסן — וועגן דעם טאָר מען אַפילו נישט טראַכטן. מען קאָן אָבער פונדעסטוועגן נישט פאַרמאַכן די אויגן, אויף די געוויסע באַקוועמלעכקײטן, מיט וועלכע די דאָזיקע בכבודיקע ראָלע איז פאַרבונדן: זײ וועלן זיך שוין מוזן אַביסל אַרויסרוקן אין דער וועלט, צוזאַמענקומען זיך מיט „פײנערע" מענטשן, און דאָס אַלײן איז שוין זײער אַ סך ווערט.

גאַנצע זעקס יאָר פון איר יונגן לעבן האָט גלעדיס געפּוצט און פּאָלירט די נעגל פון די „פײנע מענטשן", און די גאַנצע צײט האָט אין איר האַרצן געברענט דער פאַרלאַנג צו דערלעבן דעם טאָג, ווען זי אַלײן וועט אויך געהערן צו דער וועלט פון די „פײנע", ווען זי וועט שטײן אַנטקעגן זײ, נישט ווי אַ נידעריקערע, נאָר ווי אַ גלײכע קעגן גלײכע; ווען זי וועט שוין נישט האַלטן יענעמס הענט, נאָר קאָנען פאָדערן, אַז אַנדערע זאָלן האַלטן אירע, גלעדיס הענט.

און ענדלעך מאַכט זיך איצט דערצו אַ געלעגנהײט. גלעדיס האָט אַ פּלאַן און זי גײט אים פאָרלײגן געפּין. דער פּלאַן געפעלט אים; ער איז אינגאַנצן מסכּים מיט איר. עס בלײבט ער זאָל זיך דורכרײדן מיט בילי נאַש, דעם סעקרעטאַר פון דער „ליגע אויפצוהויבן די מאָראַל אין אַמעריקע". געפּי האָט אַפּנים זײן הבטחה געהאַלטן. אין אַ וואָך־אַרום האָט זיך באַוויזן אין „טײמס" אַ מודעה, אַז דעם צווײטן זונטאָג וועט אין בית־לחם־קלויסטער פאָרקומען אַן אינטערעסאַנטע פאַרזאַמלונג: אַ געהײם־אַגענט פון דער רעגירונג, אַ געוועזענער רויטער, וועלכער איז לאַנגע יאָרן נאָכאַנאַנד געווען אַ געפערלעכער אַגיטאַטאָר, האָט אָבער אײנגעזען זײן טעות און האָט זיך געשטעלט אין דינסט פון דער רעגירונג — וועט האַלטן אַ פאָרטראַג.

דער בית־לחם־קלויסטער איז נישט געווען אַזאַ גרויסער יחוס. גלעדיס איז אָבער קײן נאַר נישט געווען, זי האָט

געוווּסט, אַז מיט איין טראָט דערגרייכט מען נישט דעם שפּיץ־באַרג. זאָל זיך אָקאָרשט פּעטער פּרובירן. טאָמער וועט לכתחילה נישט אַזוי גוט גיין, איז אויך קיין אומגליק נישט.

פּונדעסטוועגן האָט זיך גלעדים גע־גרייט צו פּעטערס אַרויסטרעטונג, פּונקט ווי עס וואָלט געדאַרפט פּאָרקומען פאַר דער „אמתער געזעלשאַפט", עטליכע טעג נאָכאַנאַנד האָט זי געמאַכט פּלענער וועגן דעם, וואָס ס'פּאַסט אָנצוטון אין אַזאַ טאָג. און ענדלעך, ווען דער טאָג איז גע־קומען, האָט נאָך לאַנג געדויערט, ביז זי האָט אָנגענומען איר לעצטן באַשלוס. זי האָט אויפמערקזאַם געקוקט אויף פּע־טערן פון אַלע זייטן, און איז אַליין אַ שעה נאָכאַנאַנד אָפּגעשטאַנען ביים שפּי־געל. גלעדים איז געווען צופרידן מיט זיך; אָבער די אמתע שמחה האָט זי דער־פילט ערשט דעמאָלט, ווען זיי זענען אַריין אין קלויסטער און ה' נאַש האָט איר פּערזענלעך באַקאַנט געמאַכט מיטן חשובן מידזשינס, און ער ווידער האָט פאָרגעשטעלט איר מאַן פאַרן צוהערער־עולם. דעמאָלט איז איר האַרץ שיר נישט אַרויסגעשפּרונגען פון פרייד.

מען קאָן נישט זאָגן, אַז פּעטער זאָל זיך האָבן אויפגעפירט זייער גוט. ער פלעגט זיך אַלע רגע אָפּשטעלן אַ צע־טומלטער, שטאַמלען, סתם פלאָנטערן זיך, ער פלעגט זיך אָבער תיכף כאַפּן, דער־מאָנען זיך אָן גלעדים עצה, אַ שמייכל־טון און זאָגן בתמימות, אַז ער האָט נאָך קיינמאָל פאַר אַן עולם נישט גערעדט, אַז דאָס איז זיין ערשטער אַרויסטריט, און דערפאַר בעט ער מען זאָל אויף

אים קיין פאַראיבל נישט האָבן.. דער עולם פלעגט זייער גוט אויפנעמען זיין דערקלערונג און בעטן אים ווייטער ריידן. אַזוי האָט זיך עס געצויגן, ביז ס'האָט זיך ענדלעך פאַרענדיקט. דער פאָרטראַג האָט געמאַכט אויפן עולם אַ שטאַרקן איינדרוק, די צוהערער פון ברית־לחם־קלויסטער זענען געווען גאָר אויסער־זיך פון די סודות, וואָס עס האָט אַנט־פּלעקט פאַר זיי דער געוועזענער רוי־טער, דער היינטיקער געהיים־אַגענט.

אויף דער צווייטער וואָך איז פּעטער ווי־דער איינגעלאַדן געוואָרן צו האַלטן אַ פאָרטראַג. נאָר דאָס מאָל שוין אין דער „ליגע פון די יונגע הייליקע". און דער־מיט האָט זיך עס נישט פאַרענדיקט. עטלעכע וואָכן נאָכאַנאַנד האָט ער גע־מוזט איבערחזרן זיין פאָרטראַג פאַר די מיטגלידער פון פאַרשיידענע געזעלשאַפטן און פאַריינען. אונטער דער צייט האָט זיך ביי אים אויסגעאַרבעט אַ געוויסע גע־ניטקייט, ער איז געוואָרן פּאָפּולער, און ענדלעך איז געקומען פאַר אים די גע־בענטשטע שעה: ער איז איינגעלאַדן גע־וואָרן אין פּאַרק עוועניו אויף צו לייענען אַ פאָרטראַג פאַר די מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט „בני־ברית" אין קלויסטער „פון גאָטס רחמנות"..

דאָס איז געווען דער ציל, נאָך וועלכן גלעדימס אויגן האָבן שוין אויסגעקוקט פון אַ לאַנגע צייט, און ענדלעך איז ער דערגרייכט געוואָרן. דאָס מאָל איז שוין דער פאָרטראַג באמת געווען אַ וויכטיקע זאַך. און גלעדים האָט זיך שוין נישט פאַרלאָזן אויף איר מאַן. זי האָט אים אַליין פאַרהערט און גוט איינגעחזרט מיט

אים עטלעכע מאָל נאָכאַנאַנד. אויף דעם פּאָרטראַג זענען זיי אויך נישט געגאַנגען צופֿוס, הגם זיי האָבן געוווינט זייער נאָענט פֿון דער עוועניו. גלעדים האָט דורכויס געוואָלט פֿאָרן. ווען זיי זענען אַריינגעגאַנגען אין קלויסטער, איז זיי אַנטקעגנגעקומען נישט מער און נישט־ווייניקער, ווי דער גרויסער פּרעדיקער שטאַטערבּרידזש. דער דאָזיקער ענגלישער דזשענטעלמאַן האָט זיי פּערזענלעך באַגריסט און געדריקט די הענט. איצט האָט גלעדים געוווּסט, אַז ענדלעך האָט זי זיך צו עפּעס־וואָס דערשלאָגן.

דאָס מאָל האָט זיך שוין פּעטער נישט געפּלאָנטערט אין מיטן. זיין פּאָרטראַג האָט ער געקענט אויף אויסווייניק, און שוין פֿריער געוווּסט, ווען ער וועט אַרויסרופֿן געלעכטער, ווען טרערן אויף די אויגן, און ווען פּאַטריאָטישע התפּעלות. און פּעטער האָט געהאַט אַ גרויסן ערפֿאָלג. נאָכן פּאָרטראַג האָט ער פֿאַרענטפֿערט פֿראַגן. צוויי אָנגעשטעלטע ביי בילי נאַש האָבן אַרומגעטראָגן צווישן עולם מיטגלידס־קאַרטן פֿון דער „ליגע אויפֿצוהייבן די מאָראַל אין אַמעריקע". — זייער פּרייז איז געווען פֿינף דאָלאַר אַ יאָר. דערנאָך זענען נאָך געווען ערן־קאַרטן צו פֿינף־און־צוואַנציק דאָלאַר, און קאַרטן אויפֿן גאַנצן לעבן צו פֿינף־און־צוואַנציק דאָלאַר. פֿאַרן אַוועקגיין האָבן די „שענסטע" מענטשן פֿון אַמעריקען־סיטי געדריקט פּעטערן די האַנט און געבעטן אים, ער זאָל ווייטער אויך לייענען זיינע פּאָרטראַגן — דאָס פֿאָטערלאַנד נויטיקט זיך אין אַזעלכע ווי ער.

אויף מאָרגן האָט דער „טיימס" איבערגעדרוקט זיין פּאָרטראַג, און אויף איבערמאָרגן איז וועגן אים געווען אַ ספּעציעל אַרטיקל, וועלכער האָט זיך פֿאַרענדיקט מיטן רוף אָנצושליסן זיך אָן דער „ליגע אויפֿצוהייבן די מאָראַל אין אַמעריקע".

86.

ווען פּעטער איז אין יענעם טאָג געקומען אין ביוראָ, האָט ער געפֿונען ביי זיך אויפֿן טיש אַ בריוו. דער אַדרעס איז געווען געשריבן מיט אַ שפּיציקער פֿרויען־האַנטשריפֿט, און ווען פּעטער האָט אים געעפֿנט, איז ער געבליבן שטיין אַ צעטומלטער. דער בריוו איז געווען געשריבן אויף אַ מאָדנע־טייערן פּאַפּיר, פֿון אויבן מיט אַ הערב — עפּעס אָנגעשריבן אויף לאַטיין, און דערנאָך אַ נאָמען פֿון אַ געזעלשאַפֿט „טעכטער פֿון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע"

געשריבן איז דער בריוו געווען פֿון אַ סעקרעטאַרין, וועלכע איז אים מודיע, אַז אַ פֿרוי סאָמיי בעט דעם הערן הודזש, ער זאָל זיך מטריח־זיין צו איר דריי אַזייגער נאָכמיטאָג.

פּעטער האָט באַטראַכט דעם בריוו פֿון אַלע זייטן און געבראָכן דעם קאָפּ איבער דעם, וואָס פֿאַר אַ מין אַרט רויטע עס קאָן זיין די דאָזיקע פֿרוי. דאָס פּאַפּיר, דער אָנשטענדיקער טאָן פֿון בריוו האָבן פּעטערן זייער אימפּאָנירט; דערפֿאַר איז אָבער „רעוואָלוציע" געווען אַ מריף וואָרט. די דאַמע מוז, אַזוי ווי פֿרוי געט, זיין איינע פֿון די סאַלאָן־רויטע.

פּעטער האָט געוויזן דעם בריוו ניזשניען און געפֿרעגט מיט אַ ירגזון: וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מין רויטע פֿאַרשווערונג?

ג׳וני האָט איבערגעלייענט דעם בריוו,

— וואָס הייסט אַ רויטע פאַרשווערונג;
וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן?

ג׳וני האָט אויף אים אַ קוק געטון; ער האָט געמיינט, אַז פעטער וויצלט זיך; ווען ער האָט אָבער געזען, אַז ער רעדט ערנסט, האָט ער זיך פאַנאַנדערגעלאַכט אים אין פּנים אַריין:

— סאָראַ „פרייער" איר זייט! — האָט ער זיך אָפּגערופן, — איר האָט קיינמאָל נישט געהערט פון דער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע? איר ווייסט נישט, וואָס דער פערטער יולי איז?

אין דער רגע האָט גראָד אַ קלונג געטון דער טעלעפאָן. ג׳וני האָט אַ לייג געטון דעם בריוו אָן אַ זייט און האָט זיך אָפּגערופן: „פרעגט ביי אייער ווייב, זי וועט אייך שוין זאָגן.

ווען פעטער איז געקומען אַהיים, האָט ער תיכף געוויזן גלעדיס דעם בריוו. זי האָט אים שוין גאָר אַנדערש אויפגענומען. פון איר האָט ער זיך דערוווסט, אַז די פרוי סאַמיי איז די „פיינסטע" דאַמע פון דער געזעלשאַפט אין אַמעריקען־סיטי און אַז די אַמעריקאַנער רעוואָלוציע, פאַר וועמענס אַ טאָכטער זי האַלט זיך, איז געווען זייער אַן „אָנשטענדיקע רעוואָלוציע" און איז פאָרגעקומען מיט אַ לאַנגער צייט צוריק. די שענסטע מענטשן געהערן צו דער דאָזיקער געזעלשאַפט. און עס איז נישט נאָר געזעלעך, נאָר זייער פיין צו האָבן די דאָזיקע פירמע ביי זיך אויף אַ פּאַפּיר. פעטער מוז שוין, תיכף־ומיד, אָנטון זיינע שענסטע בגדים און טעלעפאָנירן דער סעקרעטאַרין, אַז ער קומט שוין צוגיין. איצט אָבער זעט זי, אַז פעטער מוז זיך נאָך אַ ביסל צולערנען. קודם־כל דאַרף ער זיך באַקענען מיט די נעמען פון די אָנגעהעריקע צו דער העכערער געזעלשאַפט: „ער מוז וויסן, ווער זענען די בעלי־מיוחסים אין אַמעריקען־סיטי, אַחוץ דעם דאַרף ער אויך אַ ביסל אַריינקוקן אין דער געשיכטע פון אַמעריקע. דאַרף לייענען דעם „אומאָפּהענגיקייטס־מאַניפעסט", און דאַרף זיך אויסלערנען צו פאַרשטיין די נפקא־מינה צווישן אַ רעוואָלוציע, וואָס איז געווען אַמאָל און וואָס קומט איצט פאָר.

ווען די צייט איז געקומען, איז פעטער אַוועק זיך באַגעגענען מיט דער גרויסער דאַמע אין איר גרויסן שטיינערנעם פּאַלאַץ. זי איז אין זיינע אויגן געווען פונקט אַזוי גרויסאַרטיק שיין, ווי די פרוי געט. דער חילוק צווישן זיי ביידע איז בלויז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט אויף איין מינוט נישט פאַרגעסן, ווער זי איז. זי האָט נישט געמאַכט דעם טעות, וואָס יענע, זי האָט נישט באַהאַנדלט פעטערן, ווי איינעם פון אירע גלייכע, און פעטער האָט אויך נישט געטראַכט וועגן דעם, ער זאָל אויף אייביק קאָנען ביי איר פאַרבלייבן.

זי האָט געמאָלדן פעטערן, אַז זי האָט געהערט זיין פאָרטראַג, און זי פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל אים אויך לייענען ביי דער „פאַראייניקונג פון די מלחמה־אינוואַלידן". זי איז די פּאַטראָנעסע פון דעם דאָזיקן אַנשטאַלט.

פעטער האָט אויף דעם גלייך געענטפערט, אַזוי ווי גלעדיס האָט מיט אים אין שטוב איינגעלערנט: „ער וועט דאָס גערן טון אַלס זיין פּאַטריאָטישן חוב".

פרוי סאמי האט אים באדאנקט אין נאמען פון גאנצן לאנד און האט אים צוגעזאגט צוווישן-געבן דעם טאג, ווען דער פארטראג וועט פארקומען.

ווען גלעדיס האט זיך דערוווסט, אז פעטער דארף האלטן זיין פארטראג פאר פשוטע סאלדאטן ערגעץ ווו אין א זאל, האט זי זיך זייער פארקרימט. זי האט געהאפט, אז „די טעכטער פון דער רעוואלוציע" ווילן הערן פעטערן, און אז דער פארטראג וועט פארקומען ביי פרוי סאמי אין פאלאץ. אבער דאגהנען פונדעסטוועגן דארף מען נישט. דאס, וואס פעטער האט דערוועקט דעם אינטערעס ביי אזא פרוי סאמי, דאס אליין איז שוין אויך א גרויסער טריומף, האט גלעדיס זיך אליין געטרייסט און אנגעהויבן צו דערציילן די פארשיידענע אנעקדאטן, וואס עס טראגן זיך ארום וועגן פרוי סאמיס לעבען; אין מאניקיור-סאלאן דערוויסט מען זיך אפט זייער טשיקאווע זאכן.

גלעדיס איז געווען אין א גוטער שטימונג און האט זיך אוועקגעזעצט א שמועס טון מיט פעטערן, טאקע וועגן אים אליין. זיי האבן איצט דערגרייכט צו אזא מין רויִקייט, פון וועלכער עס לאזט זיך שוין א קוק טון אויף דער פארגאנגענהייט ווי אויף א גאנצער פארענדיקטער זאך. א דאנק זייער פראקטישן חתונה-פארבאנד, א דאנק דער נאענטקייט און פריינטלעכקייט פון זייערע געמיינזאמע באציונגען, האט זיך זיי איינגעגעבן ארויסצוציען נוצן אפילו פון די פעלערן, וואס זיי האבן געמאכט. און זיי קאן אויך געלינגען קלוג איינצוארדענען זייער צוקונפט. פעטער האט א סך טעותים געמאכט. ער מוז דאס אליין מודה זיין. פעטער האט א שאקל געטאן מיטן קאפ. ער האט עס מודה געווען. זי האט אבער, האט גלעדיס ווייטער גערעדט, מוטיק געקעמפט און עס איז איר געלונגען צו דערשלאגן זיך צו דער שענסטער מתנה אין לעבן: צו דער מיטהילף פון א גוטער און קלוגער פרוי. דאס האט גלעדיס שטארק אונטערגעשטראכן און פעטער איז מיט איר מסכים געווען. ער האט אויך מסכים געווען מיט איר, ווען זי האט אים געזאגט, אז דער חוב פון א גוטער און קלוגער פרוי איז אפצוהיטן איר מאנס לעבן און אכטונג צו געבן, ער זאל נישט אריינפאלן אין די נעצן, וואס עס שפרייטן אויס פאר אים כלערליי פארבאהאלטענע שונאים.

איצט, נאכדעם ווי פעטער האט שוין אזא ביטערע דערפארונג, וועט ער שוין נישט נאכלויפן נאך א שיין פנימל און נאכדעם אויסכאפן זיך מיט ליידיקע קעשענעס. פעטער איז אויך דערמיט מסכים. בכלל פאר דער צייט, וואס זי האט גערעדט, האט זיך פעטער ביסלעכווייז ארומגעזען, אז אלץ צו וואס ער האט זיך דערשלאגן אין לעבן, האט ער בלויז זיין פרוי צו פארדאנקען, דאס הייסט אייגנטלעך, ער האט זיך ארומגעזען, אז זי איז זיכער אין דעם און, אז פון דער דאזיקער זיכערקייט וועט זי זיך בשום אופן נישט אפזאגן. א שווייגנדיקער איז ער אויך איינגעגאנגען אויף די פלענער, וואס זי האט געמאכט אויף דער צוקונפט: זיינע גאנצע שכירות, אלץ וואס ער וועט פארדינען וועט ער יעדע וואך ברענגען אהיים. און ער מיט זיין פרוי וועלן דאס פארנוצן אויף דעם, כדי צוצוגרייטן זיך אין צו-

צופאַסן זיך צו דער נייער געזעלשאַפטלעכער שטעלונג, וואָס זיי וועט אויסקומען צו פאַרנעמען.

פון איצט אָן האָט זיך שוין פעטער געלאָזט פירן פון זיין פרוי אזוי ער האָט געטון אַלץ, וואָס זי האָט אים געהייסן. ער איז וואָס אַמאָל געוואָרן אַלץ מיושבדיקער, אַלץ ערנסטער הן אין זיין רעדן, הן אין זיין האַלטונג. לויט איר מיינונג איז די גאַנצע צוקונפט פון דער געזעלשאַפט אָפּהענגיק געווען פון פעטערס חכמה און געשיקטקייט, און ער האָט עס איר געגלייבט.

און בכלל וועט שוין איצט פעטער זיין נאָר אַן אַנדער מענטש; ער ווייסט שוין, וואָס מען מעג און וואָס מען טאָר נישט. ער וועט שוין איצט נישט מאַכן קיין נסיעות סתם אין דער וועלט אַריין, אָדער לאָזן וועמען עס איז אויסנאַרן ביי זיך געלט ער וועט שוין איצט אויך נישט טראַכטן וועגן „פרייער" אַרבעט אונטער דער אָנפירונג פון אַזעלכע געמיינע נפשות ווי נעל דולין. ער וועט דינען טריי דער „מאַשין" און וועט אויף איין מינוט נישט פאַרגעסן, אַז ערלעכקייט שטייט העכער פון אַלץ. און אַזוי אַרום וועט פעטער, וואָס ווייטער שטייגן אַלץ העכער און העכער ער וועט זיך קאָנען באַגריסן מיט די שענסטע מענטשן פון לאַנד, דריקן זייערע הענט און רעדן מיט זיי שוין נישט ווי פריער מיטן הוט אין האַנט, מיט נאָכגיביקייט און הכנעה, נאָר ווי איינער פון זייער גלייכן, מיט אַ רואיקער זיכערקייט אין זיך אַליין.

זיין אַרבעט וועט ערשט זיין, זיך פאַרבינדן מיט די אַגענטן פון גענעראַל-פראָקוראָר, וועלכער וויל ווערן פרעזידענט און איבערנעמען אין די אייגענע הענט דאָס צושטעלן זיי מאַטעריאַל אויף אַרויסצוגעבן זייערע רויטע שרעק-געשפּענסטער. ער וועט זיך אויך זען צו באַקענען מיט די, וואָס גרייטן זיך שוין איצט צו פאַרטרייבן די אויסגעוויילטע סאָציאַליסטן; מיט גובערנאַטאָרן, וואָס ווילן אַרעסטירן די פירער פון די „נישט געזעצלעכע" שטרייקן; מיט זשורנאַליסטן, וואָס זוכן מאַטעריאַל פאַר זייערע אַרטיקלען; מיט שרייבער, וועלכע זוכן רויטע פאַרבן פאַר זייער שאַפן.

דעם גרעסטן ערפאָלג וועט זיך אָבער פעטער דערשלאָגן מיט זיינע פאָרטרעטן. ער וועט פאָרן איבערן גאַנצן לאַנד פון שטאָט צו שטאָט און אומעטום וועט זיך טון מעשׂים מיט אים. פאַרוואָס? פעטער האָט אַליין נישט געוווּסט, אָבער גלעדיס האָט אויך דאָס אים געגעבן צו פאַרשטיין: ווייל ער איז „ראָמאַנטיש". פעטער האָט אַפילו נישט געוווּסט, וואָס דאָס וואָרט באַדייט, אָבער ס'האָט עפּעס געקלונגען אַזוי חנופהדיק, אַז ס'איז אים געפעלן געוואָרן און ער האָט נאַריש אויסגעשטשירעט זיינע קרומע ציין און געפרעגט ביי גלעדיס, ווי אַזוי איז זי דאָס דערגאַנגען, אַז ער איז ראָמאַנטיש? אַנשטאָט אַ תשובה האָט זי זיך אים געדויסן אַוועקשטעלן און דרייען זיך פאַמעלעך אַרום און אַרום.

פעטער האָט אַפילו קוים וואָס חשק געהאַט אויפצוהייבן זיך פון זיין באַקוועמען פאָטער-שטול. פונדעסטוועגן האָט ער געפאָלגט זיין ווייב און האָט זיך אַוועקגעשטעלט. זי האָט אים אַרומגעקוקט פון אַלע זייטן און פלוצלינג האָט פעטער

דערהערט הינטער זיך איר שטימע: „פעטער, דו מוזט זיך אָנהויבן צו האַלטן ביי אַ דיעטע, דו ווערסט דיק". און געזאָגט האָט זי דאָס מיט אַזאַ מין טאָן, אַז פעטער איז אַ צעמיטערטער געוואָרן. און דערנאָך האָט זי נאָך צוגעגעבן: „קאָנסט בשום אופן נישט מאַכן קיין ראָמאַנטישן איינדרוק פון דער טריבונע בשעת דו זעסט אויס ווי אַ פאַס".

אַזוי ווי פעטער האָט נאָך אָבער אַלץ פונדעסטוועגן נישט געהאַט קיין תשובה אויף זיין פראַגע און עס איז אים בכלל זייער אָנגענעם געווען צו רעדן וועגן זיך אַליין, האָט ער גלאַט אַזוי געפרעגט ביי גלעדיס פאַרוואָס האַלט זי, אַז ער איז ראָמאַנטיש. צוליב פאַרשידענע טעמים, האָט זי אים געענטפערט. קודם כל דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ געפערלעכער פאַרברעכער און האָט זיך דערנאָך אומגעקערט אויף אַן ערלעכן וועג. און פאַר פרומע מענטשן איז דאָס איינע פון די גרעסטע זאַכן. און אַחוץ דעם האָט ער סוף כל סוף געטון אַ גליקלעכן שידוך און דאָס איז ווידער אַמאָל אַן ענין, וואָס ציט זייער צו די ראָמאַנען־לייענער. נאָר דאָס איז נאָך נישט אַלץ.

— נישט אַלץ, וואָסזשע, אַזוי גאָר? — האָט פעטער איבערגעפרעגט, — נו, און צוליב וואָס נאָך בין איך ראָמאַנטיש?

אויף דעם האָט זי געענטפערט, אַז הויפּטזעכלעך צוליב דעם, וואָס ער האָט פערזענלעך געקענט די געפערלעכסטע, די שרעקלעכסטע מענטשן פון דער היינטיקער צייט—די באָלשעוויקעס, וועגן וועלכע הונדערטער מענטשן האָבן בלויז געלייענט אין די צייטונגען. נו, אַ חוץ דעם דערציילט ער דאָך עפּעס נישט סתם מעשיות, זיינע פאָרטראַגן האָבן דאָך נאָך געוויסע מאָראַלישע און פּראַקטישע צוועקן. מען זאָל נעמען, למשל, אַזעלכע ערטער אין די פאָרטראַגן, ווו ער שרייט אויס: „שליסט זיך אָן אָן דער „ליגע אויפצוהויבן די מאָראַל אין אַמעריקע!" אָדער: „שיקט נדבות פאַר די „היימען־געזעלשאַפט"; די זיכערקייט פון לאַנד איז אָפּהענגיק דערפון, צי איר וועט אונטערהאַלטן מיט אייער שטיצע דעם „פאַרטיידיקונגס־לעגיאָן פון די פּאַטריאָטן!" — דאָס זענען אַלץ אַזעלכע זאַכן, וואָס מוזן צוציען די אויפמערקזאַמקייט פון דער געזעלשאַפט. פעטערס פאָרטראַגן וועלן סוף כל סוף באַקומען אַ שם, מען וועט ריידן וועגן זיי אין גאַנצן לאַנד. די פאָרשטייער פון די פאַרשיידענע אַגענטורן, די געפּיס, די בילי נאַשס פון אַלע שטעט און שטעטלעך וועלן אים אָנהויבן אַרויספאָדערן, די צייטונגען וועלן דרוקן זיין בילד, און ס'וועט קומען אַ צייט, ווען ער און זיין פרוי וועלן אויפגענומען אין באַגריסט ווערן אין דער בעסטער געזעלשאַפט און וועלן אויך סוף כל סוף ווערן געשעצט, געאַכטעט און רייך.

אַזוי האָט גלעדיס מיט טריומף געענדיקט איר רעדע, און איז אַוועק מיט איר מאַן אין שלאָפצימער. דאָרטן האָט זי אים ווידעראַמאָל באַטראַכט. יאָ, בלי ספק, ער ווערט דיק. ער וועט מוזן אָנהויבן מאַכן גימנאַסטיק. אויפן קייטל פון זייגער האָט זי באַמערקט ביי אים אַ קליין אַמעריקאַנער פענדל, און גלעדיס האָט אַ טראַכט געטון, צי איז עס אַמאָל נישט אַ ביסל צו איינפאַך. וועגן זיך האָט ז

נישט געהאַט וואָס צו דאגהן. אויף איר פינגער האָט געגלאַנצט אַן עכטער דיימענט־רינג, און געוויסע ווערטער האָט זי שוין אַרויסגערעדט, פונקט ווי דאָס איז אָנגענומען אין דער בעסטער געזעלשאַפט. זי האָט גראַציעז אַ גענעץ־געטון, אויסגעטאָן איר נייע ברוינע קלייד, און בשערת־מעשה געטראַכט, אַז פעטלייביקייט און דימענטענע רינגען קומען צוזאַמען מיט זיכערקייט און מיט אַ גוטער מאַטעריעלער לאַגע.

און ביידע זאַכן האָט זי און פעטער געהאַט אין דער פולער מאָס. די מורא צו ווערן אַמאָל אַרבעטסלאָז, האָבן זיי שוין לאַנג פאַרלאָרן. איצט ווייסן זיי שוין גאַנץ גענוי, אַז די געפאַר איז נישט אַזוי גרינג אויסצוראָטן, אַז דאָס איז אַ מגפה, וואָס ליגט אין בלוט פון דער געזעלשאַפט, און וויפל מען זאָל עס נישט היילן, וועט עס תמיד פון דאָס ניי אויסשיטן, ווי קרעץ. אין איין פרט איז גלעדיס אינגאַנצן מסכים געווען מיט די רויטע: כּל־זמן ס׳וועט עקזיסטירן אַ קלאַס פון רייכע, אַזוי לאַנג וועט אויך עקזיסטירן די סאָציאַלע אומצופרידנקייט, און אַזוי לאַנג וועלן אויך זיין מענטשן, וואָס וועלן פאַרדינען זייער ברויט דערמיט, וואָס זיי וועלן אַגיטירן, באַשולדיקן און פאָדערן, אַז ס׳זאָל איבערגעאַנדערשט ווערן. —

די געזעלשאַפט איז געגליכן צו אַ גאָרטן; צוזאַמען מיטן גרינס, וואָס מען פאַרזייט אין אים, וואַקסן אויך אַרויס ווילדע גראָזן, וועלכע מוזן אויסגעשניטן ווערן. גלעדיס מאַן איז אַ פעיקער גערטנער, ער קאָן גוט שניידן, און די געזעלשאַפט וועט זיך אָן זיין אַרבעט נישט באַגיין, און כּל־זמן דער גאָרטן וועט זיך האַלטן, וועט פעטער זיין נישט בלויז סתם אַ גערטנער, נאָר דער הויפּט־גערטנער, דער לערער פון אַ גאַנצן קלאַס יונגע גערטנער.

עס איז אַ פראַכט אַזאַ מאַן צו האָבן. דאָס איז אַ מתנה פאַר אַ גוטער פרוי, וועלכע האָט געזאָרגט פאַר איר מאַן, געמאַכט פון אים אַ פּאַטריאָט, אַ היטער פון געזעץ און אָרדענונג. ווייל די באַלעבאַטים פון גאָרטן וועלן תמיד זאָרגן פאַר זייער גערטנער, וועלן זען, אַז ער זאָל אויך זיין טייל באַקומען. און זיין טייל דאַרף זיין נישט קיין קלענער, ער און זיין פרוי האָבן רעכט צו באַקומען די שענסטע בלומען און די בעסטע פרוכטן. און אַזוי וועט דאָס זיין.

— אונז גייט גוט, פעטער, זייער גוט. מיר וועלן האָבן געלט און אַלץ אין דער וועלט, וואָס מען קאָן פאַר געלט באַקומען. צי ווייסטו גאָר, פעטער, צו וואָס פאַר אַ גרויסן ערפאָלג דו האָסט זיך דערשלאָגן?

פעטער האָט געקוקט אין איר צופרידענעם פנים און האָט זיך אַ ביסל געשראָקן. ס׳איז אים עפּעס אַזוי ווי נישט היימלעך געווען. ער איז נישט געווינט געווען, אַז די ווייב זיינע זאָל אָנערקענען, אַז ער האָט אויך אַ שטיקל חלק אין זייערע גליקן. און גלעדיס האָט פּלוצלונג דערפילט צו איר מאַן אַ סימפּאַטיע מיט רחמנות געמישט. זי האָט געעפנט פאַר אים אירע אָרעמס.

— אָרעמער, ליבער פעטער! דו האָסט געהאַט אַזאַ שווער לעבן. אַך, פעטער!

ווי שרעקלעך דאָס איז, וואָס דיר איז אויסגעקומען אַזוי פיל צו קעמפן, אַזוי פיל טעותים צו מאַכן. ווי שלעכט דאָס איז, וואָס דו האָסט מיך פריער נישט געהאַט; וואָס איך האָב דיר פריער נישט געקאָנט העלפן. אָבער איצט, פעטער, איז שוין אַלץ גוט. דו וועסט פאַרגעסן אָן דיינע אַלטע צרות — אַחוץ יענע טעג, ווען דו עסט האַלטן ווען זיי דיינע פאַרטראַגן.

גלעדיס האָט זיך אויף אַ רגע פאַרטראַכט און איז אַנטשוויגן געוואָרן. נאָר פּלוצלונג האָט זי זיך פון דאָס ניי אַ כאַפּ-געטון: „גיב נאָר אַ טראַכט, פעטער, וואָס פאַר אַ נחת דאָס איז אַן אַמעריקאַנער צו זיין. אין אַמעריקע קאָן זיך יעדער מענטש דערהויבן צו דער העכסטער מדרגה. ער דאַרף בלויז דערפילן זיין פליכט. אַמעריקע איז דאָס לאַנד פון די פרייע! דעם ביישפיל, וועלכן דו האָסט געגעבן, צו וואָס אַן אָרעמער יינגל קאָן זיך דערשלאָגן, דאַרף אַפילו די נאַרישע רויטע איבערצייגן — יעדער, וואָס אַרבעט נור שווער, קאָן דערגרייכן צום העכסטן שפּיץ. אין אַמעריקע קאָן אַן אָרעמער בחור ווערן אַפילו אַ פּרעזידענט! וואָלסט וועלן זיין אַ פּרעזידענט, פעטער?"

פעטער האָט זיך געוואַקלט; ער האָט זיך נאָך נישט געפילט גענוג צוגעגרייט צו דער דאָזיקער ראָלע. ער האָט אָבער געוווסט, אַז ווען ער זאָגט דאָס אַרויס, וועט דאָס גלעדיסן פאַרדריסן, האָט ער אַ מורמל-געטון: „אפשר... אַמאָל, ווען עס איז"...

— ווי דאָס זאָל נישט זיין — האָט זיין פרוי ווייטער גערעדט, — איך האַלט מיט מיין פאָטערלאַנד. בין אַן עכטע אַמעריקאַנערין. —

דאָס מאָל האָט זיך שוין פעטער נישט געוואַקלט. „אין דעם קאָנסטו זיך אַפילו וועטן" — האָט פעטער געענטפערט, און צוגעגעבן זיין ליבלינגס-ווערטל:

— „הונדערט פּראָצענט!"